STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06639

DRAY MENSHEN

Maksim Gorky

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאקסים גאָרקי

דריי מענשען

ראָמאן אין 2 בענד.

איבערזעצט פון

א. פרומקין

צווייטער באנד.

ארויסגעגעבען פון

מאלערמאן'ס ליטעראַרישע פּאָבלישינג קאָמפּ.

ניו־יאָרק — פילאדעלפיא

.1918

Copyright 1918
by S. Malerman, Philadelphia.

1.

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט זיך לונעוו דערוואוסט, אַז מען זוכט אַרום אַ הויף־געוואַקסענעם מענשען אין אַ שאַפּפּענפּעלען היטעל, וועמען מען נעהמט אָן אַלס פּאַליועקטאָוו'ס מערדער. ביי די נאָכפאָרשונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען ביי דעם ערמאָרדעטען אין געשעפט, האָט מען געפונען צוויי זילבערנע פּלאַטען פון הייליגע בילדער, און עס האָט זיך אַרויסגעציינגט, אַז זיי זיינען געווען גע־גנב'עטע. דאָס אינגעל, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט אין וועקסעל־געשעפט, האָט אָנגעגעבען, אַז פּאַליועקטאָוו האָט די דאָזיגע פּלאַטען געקויפט אַ דריי טעג פאר'ן מאָרד ביי אַ הויכען מאַן מיט'ן נאָמען אנדריי, וועלכער איז געגאַנגען אָנגעטהאָן אין אַ קורצען פּעלץ, אַז דער דאָזיגער אנדריי האָט עטליכע מאָל פּערקויפט פּאַליועקטאָוו'ן זילבערנע גילדערנע זאכען און אַז פּאַליועקטאָוו פלעגט איהם אָפּטמאָל געבען געלד אין פאָראויס. אַ חוץ דעם איז בעקאַנט געוואָרען, אַז די נאכט פאר'ן מאָרד און דעם טאָג פון דער טהאט האָט זיך אַזאַ מין מענש, ווי דאָס אינגעל האָט אויסגעמאָלט, אַרומגעשלייעט אין די עפענטליכע הייזער און דאָרט פערשווענדעט אַ סך געלד.

יעדען טאָג האָט איליא געהערט עפּעס נייעס אין דיזער אַנגעלעגענהייט: די גאַנצע שטאָדט האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט אין דעם פערברעכען, וועלכער איז אויסגעפיהרט געוואָרען אויף אַזאַ קונציגען אופן, און איבעראַל, אין די שענקען אַזוי ווי אויף די גאַסען, האָט מען דערפון גערעדט. אָבער איליאַ'ן האָבען די אַלע געשפּרעכען איצט ווייניג וואָס אינטערעסירט. די מורא פאר געפאַהר איז אוועק פון איהם און אַנשטאָט איהר האָט ער איצט געהאט עפּעס

א מין געפיהל פון אונבעהאָלפענקייט: ער האָט ניט געוואוסט וואָס אָנהויבען טהאָן. בשעת ער האָט זיך צוגעהערט צו דעם אַלעמען, וואָס איז גערעדט געוואָרען וועגען דעם פערברעכען, האָט ער נור פון איין זאַך געטראַכט: וואָס וועט פון איהם ווערן? ווי אַזוי וועט זיך אַצונד זיין לעבען איינשטעלען? וואָס ערוואַרטעט איהם אין דער צוקונפט? און די זיכערהייט, אַז מען וועט דעם מערדער ניט געפי־נען, האָט זיך אין איהם בעפעסטיגט פון טאָג צו טאָג.

ער האָט זיך געפיהלט, אַזוי ווי אַ רעקרוט איידער ער דאַרף גענומען ווערן אין דיענסט, אָדער אַזוי ווי אַ מענש, וואָס קלייבט זיך אין וועג אַריין מיט אַ ווייטען, אונבעקאַנטען ציעל. ער האָט איצט מעהר ווי פריהער געפיהלט אַ נויטווענדיגקייט צו לעבען איינ־זאַם פאַר זיך און צו טראַכטען נור וועגען זיך אַליין. אָבער אַרום איהם האָט דאָס לעבען געקאָכט און געזאָטען, ווי דאָס וואַסער אין אַ קעס־סעל, און כמעט יעדען טאָג האָט זיך געמאַכט עפּעס, וואָס האָט איהם אָבגעריסען פון זיינע געדאַנקען וועגען זיך, וועגען זיין אייגענעם לעבען. ער איז געוואָרען בלייך און שטאַרק אָבגעמאָגערט...

אין דער לעצטער צייט האָט זיך יאַקאָוו ווידער דערנעהנטערט צו איהם. אָבגעריסען און אָבגעשליסען פלעגט ער זיך אַרומדרעהן אין שענק און אין הויף אָהן אַ שום צוועק. האָט אויף אַלצדינג געקוקט עפּעס מיט משונה ווילדע אויגען, אַזוי ווי ער וואָלט אַליין ניט גע־וואוסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז. ווען ער האָט בעגעגענט איל־ליאַ'ן האָט ער איהם גאַנץ שטיל, עפּעס אַזוי ווי בסוד אַ פרעג גע־טהאָן:

„האָסט גאָר קיין צייט ניט, מיט מיר אַביסעל צו פּלוידערן?“

„האָב גערולד! איצט קען איך ניט...“

„אַך דו, ס'איז זעהר אַ וויכטיגע זאַך...“

„וואָס אַ שטייגער?“ האָט איליאַ געפרעגט.

„אַ בוך! הערסט דו, ברודער, וואָס דאָרט שטעהט — אָה אָה!“ האָט יאַקאָוו געענטפערט מיט אַ צושראָקענער מיענע.

„לאָז מיך צורוה מיט דיינע ביכער! זאָג מיר בעסער — פאַר־וואָס קוקט מיך עפּעס דיין פאָטער איצט כסדר אָן מיט ביסטרע אויגען?“

אבער דאָס, וואָס פלעגטווירקליך געשעהן — דערפון האָט יאַקאָוו קיין בעגריף ניט געהאַט. אויף איליא'ס פראַגע האָט ער אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגען, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט ניט פערשטאַנען וואָס מען רעדט צו איהם, און דערנאָך האָט ער געזאָגט:

„וואָס? איך ווייס גאָרנישט. ס'הייסט... איינמאָל האָב איך געהערט. ווי ער האָט וועגען דעם גערעדט מיט דיין פעטער... עפּעס, אַז דו, הייסט עס, ברייננגסט אוים פאַלשע געלד... אבער דאָס האָט ער נור אַזוי געפּלאַפּעלט אין דער וועלט אריין..."

„פון וואַנען ווייסט דו דען, אַז ער האָט דאָס נור אַזוי געפּלאַפּעלט אין דער וועלט אריין?" האָט איליא געפרעגט מיט אַ שמייכעל.

„נאַ, וואָס הייסט דאָס אַזוינס? פאַלש געלד! נאַרישע, פּוסטע רייד!" און מיט אַ מאַך מיט דער האַנד האָט ער איליא'ן אַבגעשניטען דאָס וואָרט. „און פלוידערן אביסעל מיט מיר, הייסט עס, ווילסט דו ניט? האָסט קיין צייט ניט?" האָט ער אין אַ ווייַלע אַרום אַ פּרעג געטהאָן, אַנקוקענדיג זיין חבר מיט זיינע אויסגעגלאָצטע אויגען.

„וועגען דיין בוך?"

„יאָ—אָ... נאַ, איז דאָרט פאַראַן אַ קאַפּיטעל, וואָס איך האָב דאָ ניט לאַנג געלייענט... איי, איי, איי, מיין ליעבער!"

און דער פילאָזאָף האָט געמאַכט אַ קרומען פּנים, פּונקט אַזוי ווי ער וואָלט זיך מיט עפּעס אַבגעבריהט. לונעוו האָט אויף זיין חבר געקוקט אַזוי ווי אויף אַ טשודאַק, אַ האַלבען אידיאָט. צייטענווייז האָט איהם יאַקאָוו אויסגעוויזען ווי אַ בלינדער. ער האָט איהם געהאַלטען פאַר אַן אונגליקליכען מענשען, וועלכער וועט זיך קיינמאָל ניט קענען צופּאַסען צום לעבען. אין הויז האָט מען גערעדט דערפון — און די גאַנצע גאַס האָט דערמיט געקלונגען — אַז פּעטרוכאַ פילימאָנאָוו וויל חתונה האָבען מיט זיין ליובאָוויצע, וועלכע האָט געהאַלטען אַן אויסגעלאַסען הויז אין דער שטאָדט. אבער יאַקאָוו האָט זיך ווייניג וואָס אינטערעסירט מיט דיזען קלאַנג; ס'איז איהם גאָרנישט אַנגעגאַנגען. אַז לונעוו האָט זיך ביי איהם נאָכגעפרעגט, ווען די חתונה וועט זיין, האָט יאַקאָוו תמ'עוואַטע איבערגעפרעגט:

„וועמעס חתונה?"

„נאַ, דיין טאַטענס..."

„אך—ווער קען׳ס וויסן... דער אונפערשעהמטער! א שעהנע מכשפה האט ער זיך אויסגעזוכט!“

„דו ווייסט, אז זי האט א זוהן — א גרויסען יונג, וועלכער געהט אין גימנאזיע?“

„ניין, כ׳האב עס ניט געוואוסט... וואס איז דען?

„ער וועט נאך אמאל ירש׳ענען דעם טאטען דיינעם...“

„אהא!“ האט זיך יאקאוו אבגערופען גלייכגילטיג. פלוצלונג אבער איז ער געווארען א לעבעדיגער:

„א זוהן, זאגסט דו?“

„נו, יא...“

„א זוהן... דאס איז פאר מיר גאנץ גוט, ניט אזוי? מיין פאטער וועט האבען ווענען אוועקצושטעלען הינטערן בופעט — און איך וועל מיר דאן קענען טהאן וואס איך וויל! דאס וואלט געווען ווי געוואונשען פאר מיר...“

און עפעס אזוי ווי ער וואלט שוין געפיהלט דעם טעם פון דער ערוואַרטעטער פרייהייט, האט ער געקנאקט מיט די ליפען און זיך פאַסמאַקעוועט דערמיט. לונעוו האט איהם אנגעקוקט מיט א בליק פון רחמנות און מיט א שפאטישען טאָן געזאגט:

„ווי ריכטיג איז דאך דאָס גלייכווערטעל: גיב דעם נארישען קינד א קליין מעהרעל, און ס׳וויל שוין מעהר קיין ברויט ניט! אך דו! כ׳קען מיר ווירקליך ניט פאַרשטעלען, ווי אזוי דו וועסט פאַרט קענען מאכען דיין לעבען אויף דער וועלט!“

יאקאוו האט אנגעקוקט איליא׳ן מיט זיינע גרויסע, אויסגעגלאָצטע אויגען און דערנאך האט ער מיט א האסטיגען טאָן געזאגט:

„נישקשה, איך וועל שוין, ווי אזוי איך וועל לעבען! כ׳האב שוי מכח דעם נאכגעדענקט! פריהער פון אלצדינג מוז מען מאכען א טאלק, אן אָרדנונג אין דער נשמה... מען מוז בעגרייפען, וואס גאט פערלאנגט פון׳ם מענשען! איצט זעה איך נור איין זאך: די מענשען׳ס וועגען האבען זיך צודרעהט און פערפלאָנטערט, אזוי ווי פעדים, און זיי ווערן געצויגען אין פערשיעדענע זייטען, און קיינער פון זיי ווייסט ניט, אז וואס ער זאל זיך האלטען, אין וועלכער זייט ער זאל זיך לאזען ציהען. אט א שטייגער ווערט דער מענש געבאָרען — קיינער

ווייסט ניט פארוואס, און לעבט — איך ווייס ניט צו וואס, און דער טויט קומט — און בלאזט אלעמען אוים דאס ליכט פון לעבן... פאר אלעמען מוז איך דאך וויסען, צו וואס איך בין דא אויף דער וועלט — ניט אמת?"

„אך דו! האסט זיך ארייגעלאזט מיט לייב און לעבן אין דיינע משוגע'נע געדאנקען!" האט איליא געזאגט מיט א געצוואונגענעם טאן. „כ'וואלט וועלען וויסען, וואס פאר א זינן זיי האבען!"

ער האט געפיהלט, אז יאקאוו'ס פינסטערע רייד האבען איהם אצונד מעהר אנגענומען ביים הארצען ווי פריהער, און אז זיינע ווערטער האבען דערוועקט אין איהם עפּעס גאנץ מאדנע געדאנקען. ס'האט זיך איהם געדוכט, אז עפּעס א פערבארגענעס וועזען ביי איהם אינעווייניג — דאסזעלבע וועזען, וואס האט זיך איהם שטענדיג אנטקעגען געשטעלט, ווען ער האט נור אנגעהויבען טראכטען און טרוימען פון א זויבערן, בעקוועמען לעבען — הערט זיך צו מיט א מאדנעם חשק צו יאקאוו'ס רייד און קאטשעט און דרעהט זיך בשעת מעשה ארום אין זיין נשמה, אזוי ווי דאס קינד ביי דער מוטער אין בויך. דאס איז איליא'ן געווען זעהר אונאנגענעהם, עס האט איהם צוטומעלט און ער האט דעריבער געזוכט אויסצומיידען אזעלכע גע־שפרעכען מיט יאקאוו'ן. אבער קוים האט ער זיך נור מיט איהם ארייגעלאזט אין א שמועס, איז איהם שוין ניט געווען אזוי לייכט, זיך פון איהם אבצוטשעפּען.

„וואס פאר א זין זיי האבען? גאר פּשוט! אזוי דו ווייסט ניט אויף קלאהר, וואוהין דו געהסט, איז פונקט אזוי ווי דו וואלסט גע־וואלט ברענען אהן פייער, ניט וואהר? מען מוז שטענדיג וויסען, וואוהין מען געהט, און פארוואס מען געהט דוקא אהין, און צי איז עס דער ריכטיגער וועג..."

„דו ביסט אזוי ווי אן אלטער מאן, יאקאוו... לאנגווייליג ביסט דו. מיין מיינונג איז אט וואס: „עס זוכט זיין גליק זאגאר דער שוויין, ווי זשע קען עס ביים מענשען אנדערש זיין?" — ווי דאס גלייכווערטעל זאגט... נא, זיי מיר געזונד!"

נאך אזעלכע געשפרעכען איז איהם געווען אויפ'ן הארצען, אזוי ווי ער וואלט געגעסען אסך געזאלצענעם; ער פלעגט ווערן מורא'דיג

דורסטיג, און ער האָט עפּעס לוסט געהאַט צו קריגען עטוואָס גאַנץ בעזאָנדערעס. דער געדאַנק מכח דער שטראָף, וואָס גאָט וועט איהם סוף כל סוף אָבגעבען פאַר זיינע זינד, איז איהם אַלץ קלעהרער געוואָרען און האָט איהם פּעראַומערט דאָס לעבען; ער האָט געזוכט די איינזאַמקייט און האָט זי ניט געפונען, איז ער אַוועק צו אָלימפּיאַדאַ'ן און אין איהרע אָרעמס האָט ער געזוכט צו פערגעסען אויף אַ ווײַלע באָטש אָן זיינע מאַטערנדע געדאַנקען.

צייטענווייז פלעגט ער אויך אַריינגעהן צו וויעראַ'ן. דאָס לוסטיגע לעבען, וואָס זי האָט געפיהרט, האָט זי וואָס ווייטער אַלץ מעהר און מעהר אַריינגעצויגען אין דעם טיעפען, שמוציגען שטראָם. מיט פולער בעגייסטערונג פלעגט זי דערצעהלען איליאַ'ן, ווי אַזוי זי פערברייננגט מיט רייכע יונגע געשעפטס־לייט, מיט טשינאָווניקעס און אָפיצירען אין די רעסטאָראַנען און ווי אַזוי זי פאָהרט אַרום מיט זיי אין אַ טראָקיא. זי האָט איהם געוויזען נייע קליידער און יאַקלעך, אַלץ מתנות פון איהרע ליעבהאָבער. שעהן, געזונד און חן'עווריג ווי זי איז געוועזן, האָט זי זיך פאַר איהם מיט שטאָלץ בעריהמט, ווי אַזוי איהרע ליובאָווניקעס האָבען זיך אַרומגעריסען צוליעב איהר. לונעוו האָט זיך געפרעהט צו זעהן, ווי געזונד, שעהן און מונטער זי איז, דאָך האָט ער איהר מעהר ווי איינמאָל געוואָרנט און צו איהר געזאָגט:

„זעהט נור איהר זאָלט זיך ניט צופיעל פערדרעהען דעם קאָפּ ביי דיזען שפּיעל, וויעראַטשקאַ...“

„וואָס זשע מאַכט עס? דאָס איז דאָך מיין וועג... ווענינגסטענס לעבט מען מיט גלאַנץ... איך נעהם פון'ם לעבען דאָס, וואָס איך קען... און באַסטאַ!“

„נו, און פּאַוועל?...“

„אַזוי גיך ווי זי פלעגט נור דערהערען איהר געליעבטען'ס נאָמען, פלעגען זיך איהרע ברעמען צוזאַמענדריקען און פערשווינדען פלעגט דאַן איהר מונטערקייט.

„ווען ער וואָלט מיך געלאָזט לויפען!“ האָט זי געזאָגט. „דאָס פערשאַפט איהם אַזוי פיעל עגמת נפש... און ער ערגערט זיך אַזוי. וואָלט ער כאָטש צופריעדען געווען דערמיט, וואָס איך קען איהם געבען... וויל ער מיך אָבער האָבען אין גאַנצען... און איך קען זיך

שוין ניט צוריקהאלטען... כ'זיץ ווי די פליעג אין האָניג..."

„איהר האָט איהם ניט ליעב, וואָס?" האָט איליא געפרעגט.

„איהם מוז מען דאָך ליעבען," האָט זי געענטפערט גאנץ ערנסט.

„ער איז אזא וואוילער יונג..."

„נאָ אלזאָ, לעבט מען מיט איהם צוזאמען!"

„מיט איהם? כ'זאָל זיך איהם ארויפזעצען אויפ'ן האלז? ער האָט דאָך קוים, קוים א שטיקעל ברויט פאר זיך, ווי אזוי זאָל ער מיך אויסהאלטען? ניין — א רחמנות אויף איהם..."

„גיט נור אקאָרשט אכטונג, עס זאָל ניט געשעהן עטוואָס בייזעס... ער איז א היצקאָפּ," האָט איהר לונעוו אמאָל געוואָרנט, אבער זי האָט זיך אויסגעלאכט דערפון.

„ער? ער איז גאנץ ווייך!... כ'קען איהם בויגען, ווי איך וויל..."

„איהר וועט איהם צוברעכען..."

„אך גאָט מיינער!" האָט זיך וויערא אָבגערופען מיט פעדדרוס. „ווי זשע דען זאָל איך טהאָן? צי בין איך דען פאר איין מענשען געבוירען? יעדער איינער וויל דאָך לעבען לוסטיג... און יעטוועדער לעבט נור פאר זיך... ווי איהם געפעלט... ער פונקט אזוי ווי איהר, און ווי איך."

„נ—ניין, ס'איז ניט אזוי," האָט איליא געזאָגט און האָט זיך דערביי פערטראכט. „מיר לעבען אלע... אבער נור ניט פאר אונז..."

„פאר וועמען זשע דען?"

„אָט לאָמיר, למשל, נעהמען איך: איהר לעבט פאר די געשעפטסלייט, פאר אלערליי לוסטיגע און לייכטלעביגע מענשען..."

„איך בין דאָך אליין לייכטלעביג," האָט וויערא געזאָגט און האָט זיך צולאכט פון גאנצען הארצען.

לונעוו האָט זי איבערגעלאָזען א דערשלאָגענע. פאוועל'ן האָט ער אין דער גאנצער צייט ניט מעהר געזעהן ווי צוויי מאָל, אי דאָס אויך נאָר אזוי, אויף א וויילע. אז ער איז איינמאָל אריינגעקומען צו וויערא'ן, האָט ער דעם פריינד זיינעם געטראָפען זיצענדיג אומעטיג און געערגערט... שטיל, ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט, די צייהן צוזאמענגעפרעסט איינע אויף די אנדערע, מיט רויטע פלעקען אויף די מאָגערע באקען. איליא האָט פערשטאנען אז פאוועל איז אייפער־

זיכטיג אויף איהם, און ער איז געווען שטאָלץ דערויף. ער האָט אבער געזעהן גאנץ דייטליך, אז גראטשעוו האָט זיך דאָ פערפלאָנטערט אין א נעץ, פון וועלכען ער וועט זיך ניט אזוי לייכט, און יעדענפאלס ניט אָהן שאָדען, קענען ארויסדרעהען. ער האָט בערויערט פאוועל'ן, נאָך מעהר אבער וויערא'ן, און ער האָט אויפגעהערט אריינצוגעהן צו איהר. מיט אָלימפיאדא'ן האָט ער פערבראכט א נייעם מאָנאט אין פערגני־גען. אבער אויך דאָ האָט זיך אריינגעכאפט א קאלטער שאָטען, וואָס האָט אוועקגערויבט ביי איליא'ן זיין רוה. צייטענווייז, אין רעכטען מיטען פון זייער אונטערהאלטונג, פלעגט ער פלוצלונג אריינפאלען אין א מרה שחורה, און פלעגט זיך נעהמען גריבלען אין זיינע פינסטערע מחשבות. דאַן פלעגט אָלימפיאדא, פול מיט צערטליכקייט און ליעבע, זיך בעטען ביי איהם:

„טו טראכט ניט דערפון, מיין ליעבעניקער... עס זיינען פאראַן אזוי וויניג מענשען אויף דער וועלט, וועמעס הענד זיינען ריין!...“

„הער אויס,“ האָט ער דערויף געענטפערט טרוקען און ערנסט, „איך בעט דיך, ניט רייד מיט מיר וועגען דעם. ניט פון די הענד טראכט איך, נאָר פון דער נשמה. דו ביסט א קלוגע מיידעל, אבער דאָס וואָס טהוט זיך אין מיר, קענסט דו ניט בעגרייפען... זאָג מיר פאָרט, כ'בעט דיך, ווי אזוי פאנגט מען אָן, וואָס טהוט מען, אום צו לעבען עהרליך און ריין, רוהיג און גערעכט געגען אנדערע? אָט דאָס וואָלט איך וועלען וויסען... פון דעם אלטען וויל איך מעהר קיין וואָרט ניט הערען...“

אָבער זי האָט זיך בשום אופן ניט געקענט איינהאלטען וועגען דעם אלטען ניט צו ריידען, און זי האָט אלץ בעשוואָרען איליא'ן, זיך צו פערגעסען אָן איהם. לונעוו פלעגט דאַן ווערען אין כעס און אוועק־געהן פון איהר. און אז ער איז צוריקגעקומען, האָט זי זיך צושריגען אזוי ווי א משוגע'נע, אז ער ליעבט זי נור מחמת מורא, אָדער מחמת ער האָט אויף איהר רחמנות, אז זי קען דאָס ניט ליידען און וועט בעסער זיך צושיידען מיט איהם, ליעבערשט אין גאנצען ארויספאָה־רען פון שטאָדט און איהם לאָזען אליין. און זי האָט דערביי געוויינט, איליא'ן געקניפען, איהם געביסען אין די פלייצעס, איהם געקושט די פיס, און איינמאָל האָט זי ווי א ראזענדע אראָבגעריסען די קליידער

פון זיך, איז געבליבען שטעהן פאר איהם נאקעט, אזוי ווי די מאמע האט איהר געהאט, און געשריגען:

„צי בין איך ניט שעהן? איז מיין קערפער ניט פול מיט רייץ? און מיט יעדען אדער, מיט יעטוועדען טראפען בלוט ליעב איך דיך... צושנייד מיך אויף שטיקער — איך וועל דערביי לאכען!...“

איהרע בלויע אויגען זיינען טונקעלער געווארען, די ליפען איהרע האבען געציטערט אין הייסער ליידענשאפט, און איהר בוזים האט זיך געהויבען, אזוי ווי ער וואלט זיך געוואלט ארויפווארפען אויף אי־ליא'ן. ער האט איהר ארומגענומען און געקושט מיט אלע כחות, און אז ער איז דערנאך אוועק אהיים, האט ער זיך געטראכט ביי זיך: ווי אזוי האט זי געקענט פערטראגען דאס עקעלהאפטע האלזען און קושען פון דעם אלטען? און אלימפיאדא איז איהם אין דער מינוט געווען אזוי פער'נמאס'ט, אזוי פערהאסט, אז ער האט מיט עקעל געמוזט אויסשפייען, זיך דערמאנענדיג אן איהרע קושען.

איינמאל נאך אזא אויסברוך פון ליידענשאפט, ווען ער איז מיעד געווארען פון איהרע לאסטשערייען, רופט ער זיך אב צו איהר:

„זינט איך האב דעם אלטען דערווארגען, ליעבסט דו מיך מיט אסך מעהר ליידענשאפט!“

„נו יא... און וואס ווייטער?“

„גארנישט ווייטער. איך מוז נור לאכען, ווען איך טראכט דער־פון... פאראן מענשען, וואס א פערפוילטע איי שמעקט זיי בעסער ווי א פרישע, און וועלכע עסען דעם עפעל נור דאן, ווען ער אייז צוגע־פוילט... מערקווירדיג!“

אלימפיאדא האט איהם אנגעקוקט מיט א פינסטערען בליק און האט מיט א מיעדער שטימע געזאגט:

„יעדע חיה'לע האט זיך איהר עויה'לע, ווי דאס גלייכווערטעל זאגט... איינער האט ליעב די פלעדערמייז, דער אנדערער די נאכטי־גאלען...“

און זיי זיינען ביידע פערזונקען אין א ים פון פינסטערע, טרויערי־גע מחשבות.

איינמאל, ווען איליא איז צוריקגעקומען פון גאס אהיים און האט זיך נור וואס געהאט איבערגעטהאן, איז פעטער טערענטי גאנץ

שטיל אַריינגעקומען אין צימער. ער האָט פּעסט צוגעמאַכט די טהיר הינטער זיך, איז געבליבען שטעהן אַ ווײלע פאַר איהם, אַזוי ווי ער וואָלט זיך וועלען צוהערען צו עפּעס. דערנאָך האָט ער פערריקט דעם ריגעל, צושאָקלענדיג דערביי מיט זיין הויקער.

איליא האָט דאָס אַלעס בעמערקט און האָט מיט אַ שפּאָטישער מיענע געקוקט דעם פעטער גלייך אין געזיכט אַריין.

„איליושא," האָט טערענטי אָנגעהויבען אין דער שטיל, זיך אָני־דערזעצענדיג בשעת מעשה אויף אַ שטוהל.

„נו, וואָס איז?"

„עס געהן דאָ אַרום פערשיעדענע סלוכען וועגען דיר... מען רעדט שלעכטס פון דיר!"

דער הויקער האָט אַ שווערען זיפץ געטהאָן און האָט אַראָבגעלאָזען די אויגען צו דער ערד.

„וואָס פאַרט צום ביישפּיעל?" האָט איליא געפרעגט, זיך אויס־טהאָנדיג בעת מעשה די שטיוועל זיינע.

„די איינע ריידען דאָס, די אַנדערע יענעס... דיזע זאָגען, אַז דו ביסט פערמישט אין דער געשיכטע דאָ... וואו מען האָט דערוואָרגען דעם רייכען סוחר... און יענע ווידער ווילען האָבען, אַז דו פער־שפּרייטסט פאַלשע געלד..."

„אָט אפנים זיי זיינען מיך מקנא, וואָס?" האָט איליא געפרעגט.

„עס זיינען דאָ געוועזען פערשיעדענע לייט... געהיים־פּאָליציסטען האָבען זיי אויסגעזעהן... אַקוראַט אַזוי ווי גנבים־כאַפּער... זיי האָ־בען זיך אַלע נאָכגעפרעגט ביי פּעטרוכאַ'ן אויף דיר..."

„טו וואָס זשע אַרט עס דיך? זאָלען זיי נור קומען!" האָט אי־ליא געזאָגט גלייכגילטיג.

„נו פערשטעהט זיך, וואָס געהען זיי אונז אָן? אַבי מיר פיהלען ביי זיך, אַז מיר האָבען ניט געזינדיגט!"

איליא האָט אַ לאַך געטהאָן און זיך אויסגעשטרעקט אויף זיין בעט.

„איצט קומען זיי שוין ניט מעהר אהער... אָבער פּעטרוכאַ אַליין הויבט שטענדיג אָן דערפון צו ריידען." האָט טערענטי געזאָגט פער־טראַכט, מיט אַ צושראָקענער שטימע. „ער האַלט אַלץ אין איין שטע־

כען און יאדען, אט דער פעטרוכא טאקי... דו וואלסט זיך אפשר גע־נומען א קליין שטיבעלע, איליושא... אן אייגען צימערל, דארט צו וואוינען. יא!... „קיין דונקעלע לייט קען איך אין מיין הויז ניט פער־טראגען," זאגט פעטרוכא, „איך בין א שטארט בעל הבית, אין די אופראוועס," זאגט ער...

איליא האט אומגעדרעהט זיין געזיכט, רויט פון צארן, צום פע־טער, און הויך, אויפ'ן קול, האט ער געזאגט:

„העך אקארשט — אויב זיין לאקירטע צורה איז איהם ליעב, טו זאל ער בעסער שווייגען! זאג עס איהם! לאמיך נור הערען פון איהם איין איינציג ווארט ניט ווי ס'בעדארף צו זיין וועגען מיר — דאן פלעט איך איהם דעם מוח... ווער איך זאל ניט זיין — על כל פנים ער, דער גנב, האט קיין רעכט ניט מיך צו משפט'ן... און פון דאנען וועל איך ארויסציהען — ווען ס'וועט מיר געפעלען. לעת עתה בלייב איך דא... כ'וויל נאך דערוויייל לעבען און לאכען צווישען פרעה־ליכע און עהרליכע לייט..."

דער הויקער האט זיך דערשראקען, דערזעהענדיג איליא'ן אין אזא מין כעס. א קורצע ווייל איז ער געזעסען שטיל אויפ'ן שטוהל און האט זיך געקראצט אין רוקען, קוקענדיג בשעת מעשה מיט גרויסע, דערשראקענע אויגען אויף זיין פלימעניק. איליא האט פעסט צוזא־מענגעפרעסט זיינע ליפען און מיט אפענע אויגען געקוקט אויף דער סטעליע. טערענטי האט מיט אויפמערקזאמקייט בעטראכט זיין קאפ מיט די געגרייזעלטע האר, זיין שעהן, ערנסט געזיכט, מיט די קליינע וואנציעס און די שפיציגע מארדע. דערנאך האבען זיך זיינע אויגען אבגעשטעלט אויף איליא'ס ברייטע ברוסט און אויף זיין פעסטען, פיין־געבויטען קערפער, און מיט א זיפץ האט ער דערנאך שטילערהייט געזאגט:

„וואס פאר א פיינער יונג דו ביסט עס געווארען!... אין דארף וואלטען דיר די מיידלאך נאכגעלאפען מחנות־וויין... מיר וואלטען זיך בעדארפט אריבערקלייבען אין דארף!"

איליא האט געשוויגען.

„המ—יא... דארט וואלסט דו געפיהרט א לעבען! איך וואלט דיר געגעבען געלד, דיר געמאכט א געשעפט — און דאן וואלסט דו

חתונה געהאט מיט א רייכע מיידעל, הע, הע! דאן וואָלט דיין לעבען געגאנגען געשמירט ווי א שליטען, וואס פאָהרט בארג אראב..."

„אבער פיליכט וויל איך גאר בארג ארויף?" האט זיך איליא אבגערופען מיט א ברוגז'דיגען טאָן.

„פערשטעהסט זיך בארג־ארויף," האט טערענטי אויף גיך צוריק־געכאפט זיין וואָרט. „דאָס האב איך דאך טאקי געמיינט... א לייכט לעבען וואָלט עס געווען, האב איך געמיינט. נא—איז נאטירליך וואָלט עס געגאנגען בארג־ארויף, צום שפיץ!"

„און אז איך וועל שוין זיין אויבען — וואס דאן?" האט איליא געפרעגט.

דער הויקער האט איהם אנגעקוקט און האט געלאכט אין זיך. דערנאך האט ער פון דאס ניי אנגעהויבען ריידען פון עפעס, אבער איליא האט זיך שוין מעהר ניט צוגעהערט צו איהם. ער האט געטראכט וועגען דעם אלעמען, וואס ער האט אין דער לעצטער צייט איבערגע־לעבט, און ווי געפלאכטען און געבונדען אלצדינג געהט אין לעבען, פונקט ווי די פעדים אין א נעץ. אט נעהמען די אומשטענדען ארום דעם מענשען און פיהרען איהם וואוהין זיי ווילען, פונקט ווי די פאָ־ליציי דעם גנב! שוין אזוי לאנג, אז ער האט געטראכט דערפון, צו פערלאזען דאס דאזיגע הויז און לעבען ערגעץ פאר זיך — און אט קומט איהם גאר פון זיך אליין אזא צופאל צו הילף!

ער האט נאכגעדיינקט וועגען דעם, ווי אזוי ער וואָלט זיך אין דער צוקונפט איינגעאָרדענט זיין איינזאמעס לעבען. מיט אמאל האט אימיצער אנגעקלאפט אין טהיר.

„טו עפען זשע!" האט ער זיך אנגערופען מיט פערדרוס צום פעטער, וועלכער האט זיך אויפגעכאפט פון בייבקעל א דערשראָקע־נער.

דער הויקער האט אויפגערוקט דעם ריגעל און אויף דער שוועל האט זיך בעוויזען יאקאוו, מיט א גרויסען ברוין־רויטע בוך אין די הענד.

„איליא, הער אקאָרשט... קום, לאָמיר אראבגעהן צו מאשוטקא'ן." האט ער געזאגט מיט א לעבעדיגען טאָן, צוגעהענדיג נאהענט אויף גיך.

„מיט איהר? דאס ווייס איך ניט... זי איז ניטאָ אין דערהיים..."

„וואו טרייבט זי זיך דאָס איצט כסדר ארום אזוי שפּעט ביי נאכט?" האָט דער הויקער געפרעגט מיט א בייזליכען טאָן.

„זי געהט תמיד ארום מיט מאַטיצאַ'ן," האָט איליא געזאָגט.

„נאָ, קיין פיעל גוטס וועט זי דאָ ניט לערנען!" האָט טערענטי געענטפערט, אויסציהענדיג דערביי זיינע ווערטער.

„ס'שאַדט ניט!... קום שוין, איליא!"

יאַקאָוו האָט אָנגעכאַפּט איליא'ן ביים ארבעל און האָט איהם געצויגען מיט זיך.

„ווארט זשע, וואָס האָסט דו קיין צייט ניט?" האָט זיך לונעוו אבגערופען. „זאָג נור — דו האָסט זיך פון קייט אָבגעריסען, וואָס?"

„שטעל זיך פאָר — ס'איז דאָ! די „שווארצע קונץ" איז דאָ!" האָט יאַקאָוו געשעפּטשעט מיט א פרייליכער מיענע.

„ווער?" האָט איליא געפרעגט, זיך אָנטהאָנדיג בשעת מעשה זיינע שטיוועל.

„נאָ, דאָס בוך, ווייסט דאָך... ביי גאָט! וועסט דאָך זעהן... קום! וואונדערליכע זאכען, קען איך דיר זאָגען!" האָט יאַקאָוו גערעדט מיט התפּעלות, פיהרענדיג זיין פריינד דורכ'ן פינסטערען הויף. „ס'איז שרעקליך צו לייענען... עפּעס אזוי ווי אין אן אָבגרונד ציהט עס איינעם אריין..."

איליא האָט געזעהן זיין פריינד'ס אויפרעגונג און האָט געהערט, ווי זיין שטימע האָט געציטערט. אז זיי זיינען אריינגעקומען צום שוסטער אין שטיבעל און האָבען אָנגעצונדען א ליכט, האָט ער דערזעהן, אז יאַקאָוו'ס געזיכט איז געווען בלאַס, און אז זיינע אויגען זיינען געווען פערלאָפען און האָבען געשמייכעלט פון גליק אזוי ווי ביי א פער'שכור'טען.

„דו האָסט געטרונקען בראָנפען, וואָס?" האָט איליא א פרעג געטהאָן, אָנקוקענדיג יאַקאָוו'ן מיט מיסטרויען.

„איך? ניין — היינט אפילו קיין טראָפּען ניט!... איך טרינק איצט איבערהויפּט ניט... העכסטענס אמאָל, אז דער טאַטע איז אין דערהיים — כדי זיך צו מאכען קוראַזש... אזוי א צוויי, דריי גלעז־לאַך, ניט מעהר! כ'האָב מורא פאר'ן טאַטען... און טרינקען טרינק איך שטענדיג נור עפּעס, וואָס שמעקט ניט אזוי שטאַרק... אבער לאָז

זיין געגוג דערפון... הער זיך צו!"

ער האָט זיך מיט אמאָל אנידערגעזעצט אויף זיין ביינקעל, אז עס איז שיער ניט צופאַלען געוואָרען אונטער איהם. דערנאָך האָט ער געעפענט דאָס בוך, האָט זיך אָנגעבויגען איבער דעם. און אריבער־פיהרענדיג מיט די פינגער איבער די דיקע, אָבגעבליאַקעוועטע, געלע בלעטער, האָט ער מיט א ציטערנדען קול געלייענט:

„דאָס דריטע קאַפּיטעל. מכח דעם אורשפּרונג, דעם סאַמע אָנפאַנג פון מענשען"... טו הער זשע זיך צו!"

ער האָט א זיפץ געטהאָן פון גאַנצען הארצען, האָט ארויסגע־נומען די לינקע האנד, טייטלענדיג מיט'ן קליינעם פינגערל פון דער רעכטער האנד אין אַלטען בוך:

„מען דערצעהלט, אז נאָך דער מיינונג פון דיאָדאָר האָבען פיע־לע מאַראַלישע מענער אויפגעפּאַסט די ערשטע עקזיסטענץ פון די מענשען אויף אזא'ן אופן: די וועלט איז ניט בעשאַפען געוואָרען, נאָר זי איז פון שטענדיג אָן אזוי געוועזן, און די מענשען האָבען עקזיס־טירט אָהן אָן אָנפאַנג פון שנים קדמוניות, פון די עלטעסטע צייטען ביז אויף היינטיגען טאָג..."

יאַקאָוו האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ פון בוך, און א מאַך גע־טהאָנדיג מיט דער האנד אין דער לופט האָט ער געזאָגט:

„דו הערסט? אָהן אָן אָנפאַנג!..."

„לייען ווייטער," האָט איליא געזאָגט, בעטראַכטענדיג מיט חשד דאָס אַלטע בוך מיט די לעדערנע טאָוולען. און ווידער האָט זיך גע־לאָזט הערען יאַקאָוו'ס שטילע אָבער וואַרעמע שטימע:

„אין דער מיינונג זיינען געוועזן — ווי ציצעראָ דערצעהלט — פּיטהאַגאָראַס פון סאַמאָס, אַרכיטאַס פון טאַרענט, פּלאַטאָ פון אַט־הען, קסענאָקראַטעס, אַריסטאָטעלעס פון סטאַגירא און פיעל אַנדע־רע, וועלכע האָבען געדיינקט, אז אַלץ וואָס איז פאַראַן אויף דער וועלט, עקזיסטירט פון אייביג אָן און האָט קיין אָנפאַנג ניט—" דו זעהסט? ווידער „קיין אָנפאַנג"! — דאָך איז פאַראַן א געוויסער קרייז פון וועזענס..."

איליא האָט אויסגעשטרעקט די האנד, האָט צוגעמאַכט דאָס בוך און מיט א שפּאָטישען טאָן געזאָגט:

„ווארף עס אוועק! צום טייוועל דערמיט!... עפּעס א חכם א דייטש האָט זיך דאָ צוליגט מיט זיין ביטראַסט! מען הויבט גאָר נישט אָן צו פערשטעהן וואָס דאָ טהוט זיך...“

„כאַפּ נור ניט, כ׳בעט דיך!“ האָט זיך יאַקאָוו אָבגערופען, זיך אומקוקענדיג מיט שרעק. דערנאָך האָט ער אָנגעקוקט זיין פריינד מיט גרויסע, אָפענע אויגען און שטילערהייט געפרעגט:

„ווייסט דו אפשר דיין אָנפאַנג?“

„וואָס פאר אַן אָנפאַנג?“ האָט איליא א געשריי געטהאָן מיט כעס.

„שריי ניט אזוי!... לאָמיר אקאַרשט נעהמען די נשמה... מיט דער נשמה ווערט דער מענש געבאָרען, ניט אמת?“

„נו—איז וואָס?“

„אלזאָ, האָט ער דאָך געדאַרפט וויסען, פון וואַנען ער קומט און אויף וואָס פאַר אַן אופן?! די נשמה, הייסט עס, איז אונשטערבליך... זי איז שטענדיג געווען.. ניט אמת? וואָרט, אקאַרשט! ס׳האַנדעלט זיך ניט וועגען דעם, צו וויסען, ווי אזוי דו ביסט געבאָרען געוואָרען, נאָר ווי אזוי דו האָסט געלעבט!... ווען האָסט דו בעגריפען, אַז דו לעבסט? דו ביסט געבאָרען געוואָרען לעבעדיגערהייט— און ווען ביסט דו פאַרט לעבעדיג געוואָרען? ביי דער מאַמע׳ן אין בויך? זעהר שעהן! און פאַרוואָס געדיינקסט דו גאָרניט דאָס, וואָס איז געווען, איידער דו ביסט געבוירען געוואָרען, און ניט אמאָל דאָס, וואָס איז געווען, איידער דו ביסט אַלט געוואָרען פינף יאָהר? האַ? און אַז דו האָסט א נשמה — טו ווי אזוי האָט זי זיך ארייגע׳גנב׳עט אין דיר? נאַ, זאָג עס אקאַרשט!“

יאַקאָוו׳ס אויגען האָבען געשטראַהלט פון זיעג. אויף זיין געזיכט האָט זיך אויסגעצויגען א צופריעדענער שמייכעל, און מיט א שמחה וואָס איז איליאַ׳ן פאַרגעקומען עפּעס זעהר קאָמיש האָט ער אויסגערופען:

„דו זעהסט — אַט האָסט דו דיר די נשמה!“

„דומקאָפּ!“ האָט איליא געזאָגט און האָט איהם צוגעוואָרפען א שטרענגען בליק. „וואָס איז מיט דיר אזוי די שמחה?“

„ס'איז גאָר קיין שמחה ניט מיט מיר... איך זאָג נור גלאַט אַזוי..."

„איך זאָג נור גלאַט אַזוי! און איך זאָג דיר: וואַרף אַוועק דאָס בוך! דו זעהסט דאָך — ס'איז געשריבען אַנטקעגען גאָט. ניט אין דעם געהט עס, ווי אַזוי איך בין לעבעדיג געוואָרען, נאָר ווי אַזוי איך זאָל לעבען! ווי אַזוי איך זאָל לעבען, אַז אַלץ זאָל זיין ריין און אָנגענעהם, אַז קיינער זאָל מיר און איך זאָל קיינעם קיין יסורים ניט אָנטהאָן! זוך מיר אויף אַ בוך, וואָס זאָל מיך ו ו ע ג ע ן ד ע ם קלאָהר מאַכען!..."

פערטראַכט און שטיל איז יאַקאָוו געבליבען זיצען—דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזען איבער דער ברוסט. זיין פרעהליכקייט איז פערשוואונדען, מחמת זי האָט קיין אָבקלאַנג ניט געפונען. און אין אַ ווייל'ע אַרום האָט ער זיך אָבגערופען צו איליאַ'ן:

„אַז איך קוק דיך אַזוי אָן... געפעלסט דו מיר עפּעס ניט... כ'קען דיינע געדאַנקען ניט בעגרייפען... דאָך זעה איך: זייט אַ שטיקעל צייט ביסט דו אַזוי שטאָלץ מיט עפּעס... מאַכסט דעם אָנשטעל, פּונקט ווי דו אַליין נור וואָלסט געווען דער גערעכטער, דער צדיק.."

איליאַ האָט זיך צולאַכט אויפ'ן קול.

„וואָס האָסט דו זיך אַזוי צולאַכט? ס'איז דאָך ריכטיג! דו אורטהיילסט וועגען אַלצדינג מיט אַזא שטרענגקייט... האָסט ניט ליעב קיין מענשען...

„זעהסט דו, דאָס איז אמת!" איז איליאַ איהם אַריינגעפאַלען אין די רייד. „וועמען זאָל איך ליעב האָבען? און פאַר וואָס? וואָס פאַר אַ גוטס האָבען מיר די מענשען געטהאָן? יעדער איינער וויל קריגען זיין שטיק ברויט אָהן מיה, דורך פרעמדער אַרבייט; יעטוועדער שרייט: האָב מיך ליעב! האָב דרך ארץ פאַר מיר! גיב מיר אַ טהייל פון דיין אייגענס... איך זאָל דיך אפשר דערפאַר איינשליסען ביי מיר אין האַרצען! אַלע האָבען נור איין זאַך אין זינען: דאָס פרעסען..."

„נאַ, איך מיין, אַז די מענשען זוכען ניט נור זייער פרעסען," האָט יאַקאָוו געענטפערט אונפריינדליך און אונצופריעדען.

„איך ווייס גאַנץ גוט — יעדער איינער זוכט זיך אויסצופייגען מיט וואָס פאַר עס איז שעהנע מדות, אבער דאָס איז ניט מעהר ווי

א מאסקע. איך זעה ווי דער פעטער מיינער מאכט הינטישע שטיק מיט גאָט, פונקט ווי דער פריקאשטשיק, וואָס רעכענט זיך אָב מיט זיין בעל הבית. דער פאפא זיינער האָט געשיינקט אביסעל געלד צורשטייער אויף א פאָר צערקוועס — כ'נעהם ארוים דערפון, אז ענטוועדער ער האָט שוין אימיצען בעשווינדעלט אָדער ער וועט עס נאָך טהאָן... און אזוי מאכען אלע, אלע, וואוהין איך קוק זיך נור אום... נאַ דיר א גראָשען — אבער גיב מיר דערפאר פינף!... כ'האָב דאָ ניט לאנג געלייענט אין א צייטונג — וועגען דעם רייכען סוחר מיגורנאָוו, וועלכער האָט געגעבען דריי הונדערט רובעל צושטייער אויף א שפיטאָל און דערנאָך האָט ער ביי דער שטאָדט געבעטען, מען זאָל איהם נאָכלאָזען טויזענד רובעל פון די שטייערן, וואָס ער דאַרף צאָהלען... און אזוי זוכען אלע זיך איינע די אנדערע צו שיטען זאמד אין די אויגען און זיך רעכטפערטיגען איינער פאר'ן צווייטען. מיין מיינונג אבער איז אָט וואָס: האָסט דו געזינדיגט, צי פרייוויליג צי ניט פרייוויליג — נעהם צו דיין שטראָף!...“

„אין דעם ביסט דו גערעכט,“ האָט יאקאָוו געזאָגט פערטראַכט.

„דאָס וואָס דו האָסט געזאָגט וועגען טאָטען און וועגען הויקער —ביידע זאכען זיינען ריכטיג... אך, מיר זיינען ביידע געבאָרען געוואָרען אונטער א שלעכטען שטערן! דו האָסט וועניגסטענס דיין כעס... טרייסט זיך כאָטש דערמיט, וואָס דו פעראורטהיילסט אלעמען!... איך אבער האָב אפילו דאָס אויך ניט... אך, וואָלט איך כאָטש געקענט אוועק פון דאַנען, ערגעץ וואו!“ האָט ער געענדיגט זיין רעדע מיט א שמערצליכען אויסגעשריי.

„אוועק פון דאַנען... וואוהין ווילסט דו דען געהן?“ האָט איליאַ געפרעגט מיט א שמייכעל.

„אָט דאָס איז דאָך דאָס טאקי... איך ווייס ניט!...“

און מיט פינסטערע געזיכטער זיינען ביידע געבליבען זיצען ביים טיש, איינער געגען אנדערן, ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט. אויפ'ן טיש אבער איז געלעגען דאָס גרויסע, רויט־ברוינע בוך מיט די לעדערנע טאָוולען און מיט'ן שטאָלענעם שלאָס...“

אין קאָרידאָר פון קעלער האָט זיך מיט אמאָל געמאכט א גערויש. עס האָבען זיך געלאָזט הערען שטילע שטימען, און א האנד האָט זיך

א היבשע ווײלע געפּאַרעט ביי דער טהיר און געזוכט דעם קלאַפּער. די ביידע פריינד האָבען געוואַרט שטיל, ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט. די טהיר האָט זיך לאַנגזאַם געעפענט און אין קעלער איז אריינגעפאַלען פערפּישקא. ער האָט זיך פערטשעפּעט אַן שוועל, איז געפאַלען און געבליבען ליגען אויף די קניע, דעם רעכטען אָרם מיט דער הארמאָניקא אויסגעשטרעקט אין דער הויך.

„פררר!" האָט ער אויסגעשריען און האָט ארויסגעלאָזען א טרוקענעם געלעכטער. גלייך הינטער איהם איז מאַטיצא אריינגעקראָכען אין צימער. זי האָט זיך אָנגעבויגען איבער'ן שוסטער, האָט איהם אָנגענומען אונטער די אָרימס און איהם געזוכט אויפצוהויבען, שילטענדיג בשעת מעשה מיט איהר קוויטשיגער שטימע:

„אַט—ווי ער האָט זיך דאָס אביסעל אָנגעזשלאָקעט.. אַך, דו פּיאַניצע!"

„קוואַטערקע! ריהר מיך ניט אַן... כ'שטעה אליין אויף... גאַנץ אליין!"

ער האָט זיך ארומגעשאָקעלט אהין און אהער; ענדליך האָט ער זיך מיט מיה געשטעלט אויף די פיס און איז גלייך צוגעגאַנגען צו די ביידע פריינד. און זיי אויסשטרעקענדיג זיין לינקע האנד, האָט ער זיך אָבגערופען:

„זייט געגריסט! איהר זייט ווילקאָמען אין מיין הויז!"

מאַטיצא האָט ארויסגעשאָסען מיט א מיאוס'ען, נארישען געלעכטער:

„פון וואַנען קומט איהר דאָס?" האָט איליא געפרעגט.

יאקאָוו האָט מיט א שמייכעל געקוקט אויף די פער'שכור'טע פּאָר און האָט געשוויגען.

„פון וואַנען? פון ווייטען ים!... הא! הא! איהר ליעבע, גוטע יונגען... אַך יא!"

פערפּישקא האָט גענומען קלאַפּען מיט די פיס אויף דער ערד און האָט דערצו אונטערגעזונגען:

„ביינדעלאַך, איהר פּייניקע,
גוט איז אייך נור קליינינקע.

קוים וועט איהר אויסוואקסען,
מוזט איהר ביים רייכען קנאקסען!..."

„קוואטערקע! זינג מיט!" האט ער געשריגען צו מאטיצא'ן. „אדער לאמיר גאר זינגען דאס ליעד, וואס דו האסט מיר אויסגע־לערנט... נא, היידא!"

ער האט זיך אנגעשפארט מיט'ן רוקען אן אויוועז, וואו מאטיצא איז שוין געשטאנען אנגעשפארט. ער האט מיט'ן עלענבויגען געגעבען א שטויס אן א זייט, ארומזוכענדיג בעת מעשה מיט די פינגער אויף די קנעפלאך פון דער הארמאניקא.

„וואו איז מאשוטקא?" האט איליא פלוצלונג א פרעג געטהאן מיט א פינסטערן טאן.

„יא, זאגט אקארשט", האט אויך יאקאוו א געשריי געטהאן און איז אויפגעשפרונגען פון שטוהל — „וואו איז מאריא ערגעץ? זאגט פארט!"

אבער דאס שכור'ע פאר'ל האט זיך גאר ניט אבגערופען אויף די פראגען. מאטיצא האט אנגעבויגען דעם קאפ אן א זייט און גע־זונגען:

„איי, הערר קוואטער, ווי איז דער בראנפען גוט!..."

און פערפישקא איז מיט זיין הויכען טענאר אריינגעפאלען:

„טרינקט הערר קוואטער, דאס ווארמט אונז דאס בלוט!"

איליא איז צוגעגאנגען צום שוסטער, האט איהם א פאק געטהאן ביים אקסעל און איהם צוטרייסעלט, אז ער איז פערפלויגען ביז'ן אויוועז.

„וואו איז דיין טאכטער?" האט ער אויף איהם געברומט.

„און אך! זיין טעכטערל האט פלטה געמאכט... פונקט ארום האלבע נאכט," האט פערפישקא געפלאפעלט, זיך אנכאפענדיג מיט דער האנד פאר'ן קאפ.

יאקאוו האט זיך געפרואווט דערגעהן פון מאטיצא'ן דעם אמת, אבער זי האט מיט א פערקרימטער מיענע געענטפערט:

„כ'זאג עס ניט! כ'זאג עס און זאג עס ניט!"

„זיי האבען זיך אודאי פערקויפט, די טייוואלים!" האט איליא

מיט א פינסטערן שמייכעל געזאָגט צו זיין פריינד. יאקאָוו האָט איהם אנגעקוקט דערשראָקען און מיט א קלאָגעדיגער שטימע האָט ער דעם שוסטער געפרעגט:

„פערפיל! טו הער פּאָרט — וואו איז מאשוטקא?"

— מאַ—שוטקא?" האָט מאטיצא ווידערהאָלט מיט שפּאָט.—

„אהא—זעהסט דו! אצונד האָסט דו זיך אריינגעפּאַקט!.."

„איליא, וואָס דענקסט דו? וואָס זאָלען מיר איצט טהאָן?" האָט יאקאָוו געפרעגט.

„מען מוז עס מעלדען דער פּאָליציי," האָט איליא געזאָגט און האָט מיט פערלאכטונג א קוק געטהאָן אויף די בעזויפענע.

„קווא—אַטערקע!" האָט פערפישקא א געשריי געטהאָן און דאָס גאנצע געזיכט האָט איהם פּלוצלונג אנגעהויבען שטראַהלען — „דו הערסט? דער פּאָליציי... ווילען זיי עס מעלדען! הא הא הא!"

„דער פּאָ—לי—ציי?" האָט מאטיצא אויסגעצויגען דאָס וואָרט, ווארפענדיג איהרע אונאנגענעהמע גרויסע אויגען פון איליא'ן צו יאַ־קאָוו'ן און פון איהם ווידער צו איליא'ן. און אויסשטרעקענדיג די הענד צו זיי, האָט זי געשריגען מיט אלע כחות:

„איהר ווילט אפשר אליין צו דער פּאָליציי געהן? ווילט איהר? ארויס פון מיין שטוב! דען דאָס איז מיין שטוב דאָ... מיר וועלען אויך חתונה האָבען... מיר ביידע..."

„הא הא הא!" האָט דער שוסטער געלאכט און זיך געהאַלטען פאר'ן בויך.

„קום, יאקאָוו", — האָט איליא געזאָגט. „טייוואָלים זיינען דאָס, ניט קיין מענשען!... קום!"

„וואָרט אקאָרשט!" האָט זיך יאקאָוו אנגערופען מיט א מורא־דיגער אויפרעגונג. „האָבען זיי זי ווירקליך חתונה געמאכט? דאָס דאָזיגע צאַרטע קינד? איז דאָס דען מעגליך? פערפישקא... זאָג פּאָרט — האָט איהר זי ווירקליך... נו, רעד שוין—וואו איז מאשא?"

„מאטיצא, מיין ווייב — וואָס שטעהסט דו? גיב זיי א פּאַק! כאַפּ זיי אָן... ביל אויף זיי, ביים זיי! הא הא!... וואו מאשא איז?"

פערפישקא האָט פערשפּיצט די ליפּען, אזוי ווי ער וואָלט וועלען

פייפען, ער האָט אבער קיין טאָן פון מויל ניט געקענט ארויסקריגען. און אנשטאָט צו פייפען, האָט ער יאקאוו'ן געצייגט די צונג און האָט זיך ווידער צולאכט.

מאטיצא האָט זיך ארויפגעלאָזט מיט איהר מעכטיגער ברוסט אויף איליא'ן און האָט געשריגען הויך אויפ'ן קול:

„ווער ביסט דו דען, עה? מיינסט, מען וויים ניט?"

איליא האָט איהר דערלאנגט א ווארף און איז ארוים פון קע־לער. אין קאָרידאָר האָט איהם יאקאוו אנגעיאָגט, ער האָט איהם אָנ־גענומען פאר'ן אקסעל, איהם צוגעהאלטען פעסט און געזאָגט:

„מעג עס דען זיין? צי איז אזוינס ערלויבט? זי איז דאָך נאָך אזוי קליין, איליא! האבען זיי זי טאקי אין דער אמת'ן חתונה גע־מאכט?"

„נא, וואָס האסט דו זיך אזוי צואוויינט?" האָט זיך איליא אויף איהם געבייזערט. „עס וועט דאָך דיר איצט גאָר ניט העלפען. האסט דו געזאָלט פריהער האלטען די אויגען אָפען... דו האסט געזוכט דעם אנפאנג, און זיי האבען — האסט דאָך געזעהן — זייער זאָך געענ־דיגט..."

יאקאוו איז אנשוויגען געווארען, אָבער אין א ווײלע ארום, גע־הענדיג הינטער איליא'ן איבער'ן הויף, האָט ער פון דאָס ניי אָנגע־הויבען:

„איך בין ניט שולדיג... כ'האָב נור געוואוסט, אז זי דיענט ערגעץ־וואו..."

„וואָס איז מיין עסק, צי דו האָסט יא געוואוסט, צי ניט?" האָט זיך איליא אָבגערופען מיט א בייזען טאָן, בלייבענדיג שטעהן אין מיטען הויף. „אנטלויפען וויל איך ענדליך פון דיזען הויז... אנצינדען האָט מען עס געמעגט!"

„אה גאָט... גאָט!" האָט יאקאוו שטילערהייט געזיפצט. איליא האָט זיך אומגעדרעהט צו איהם — ער איז געשטאנען ווי א דער־שלאָגענער, מיט אראָבגעהאנגענע אָרעמס און אז אראָבגעלאָזענעם קאָפ, אזוי ווי ער וואָלט געווארט, מען זאָל איהם דערלאנגען א קלאַפּ.

„נו ווייז, וויין!" האָט איליא געזאָגט מיט שפּאָט און איז זיך אוועק, איבערלאָזענדיג זיין פריינד אין מיטען פינסטערן הויף.

אויף מאָרגען אין דער פריה איז איליא דערגאַנגען פון פער־פישקאַ׳ן, אַז זיי האָבען מאַשוטקאַ׳ן ווירקליך פערקויפט צו דעם קרעמער כריאַנאָוו, אַ פופציג יעהריגער אַלמן, וועלכער האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק געהאַט פערלאָרען זיין פרוי.

„כ׳האָב צוויי קינדער, האָט ער געזאָגט, איינס פינף און דאָס צווייטע דריי יאָהר אַלט.“ האָט פערפישקאַ דערצעהלט. „און איך וואָלט פאַר זיי געדאַרפט האַלטען אַ גאָוווערנאַנטקע... אָבער אַ גאָוו־ווערנאַנטקע, זאָגט ער, איז דאָך נאָך אַלעמען אַ פרעמדע פערזאָן... וועט מיך בע׳גנב׳ענען, און אַזוי ווייטער... רעד אַלזאָ איבער מיט דיין טאָכטער, אויב זי וויל מיט מיר חתונה האָבען... נאָ, האָב איך מיט איהר גערעדט... און אויך מאַטיצאַ האָט איהר צוגערעדט... און מחמת דעם וואָס מאַשאַ איז אַ קלוג קינד, האָט זי טאַקי גלייך אַלצ־דינג פערשטאַנען... וואָס האָט זי דען אַנדערש געקענט מאַכען ?... גוט, איך וועל עס טהאָן, האָט זי געזאָגט — און זי איז אַוועק צו איהם. אין דריי טעג איז אַלצדינג געוועזען אָבגעמאַכט... מיר ביידע — איך און מאַטיצאַ — האָבען בעקומען יעדער איינער צו דריי רובעל... דאָס האָבען מיר נעכטען גלייך פערטרונקען! גאָט מיינער, קען די דאָזיגע מאַטיצאַ טרינקען... קיין פערד קען ניט אַזוי פיעל זויפען ווי זי!...“

איליא האָט זיך צוגעהערט און האָט געשוויגען. ער האָט בעגריי־פען, אַז מאַשאַ האָט נאָך אַלעמען בעסער געטראָפען, ווי מען האָט געקענט ערוואַרטען. אין דערזעלבער צייט אָבער האָט ער דערפיהלט אַ מיטלייד מיט׳ן מיידעל. אין דער לעצטער צייט האָט ער זי כמעט גאָרניט געזעהן און ווייניג וואָס געטראַכט וועגען איהר, און איצט האָט זיך איהם מיט אַמאָל אויסגעדוכט, עפּעס אַזוי ווי דאָס דאָזיגע הויז וועט אָהן איהר נאָך שמוציגער און העסליכער ווערן.

דעם שוסטער׳ס געל, אויפגעבלאָזען געזיכט האָט אָראָבגעקוקט פון אויווען אויף איליא׳ן, און פערפישקאַ׳ס שטימע האָט געקנאַקט ווי אַ צווייג פון אַ בוים, וואָס ווערט איינגעבראָכען פון׳ם הערבסט־ווינד. מיט אַ געפיהל פון עקעל פון עקעל האָט לונעוו געקוקט אויפ׳ן שוסטער.

„איין תנאי האָט דער קרעמער כריאַנאָוו מיט מיר אויסגענומען: כ׳זאָל קיינמאָל ניט קומען צו איהם אין שטוב אריין! אין קלייט, זאָגט ער, קענסט דו ווען ניט ווען אריינקומען, כ׳וועל דיר געבען אַ קליינינ־

קיימ אויף שנאפס... אבער אין הויז קיינמאל ניט! דאס בלייבט פאר דיר פערשלאסען, אזוי ווי דער גן עדן!... ווי וואלט אשטייגער געווען, איליא יאקאוולעוויטש — וואלט ניט א סברא געווען, דו זאלסט זיך ארויסרוקען מיט א פינפער? כ'וואלט וועלען אבנעצען אביסעל דעם גארגעל... גיב, כ'בעט דיך א פינפער!"

„דו וועסט איהם קריגען — ווארט אקארשט!" האט איליא געזאגט. „און וואס וועסט דו איצט טהאן?"

„איצט וועל איך גאר פשוט ווערען א פאלנע שכור... כל זמן מאשא איז נאך ניט געווען פערזארגט, האב איך זיך נאך אמאל אביסעל אנגעטהאן א צוואנג אויף זיך... כ'האב וועו ניט וועו געארבייט... ווי זאגט מען עס, ס'איז איינפאך געווען א רחמנות אויף איהר... נא, אצונד וויים איך, אז זי איז זאט, אז זי האט שיך און קליידער און איז... איינגעשלאסען, ווי זאגט מען עס, אזוי ווי א שרייפעל אין א מאשין. איך קען מיך אלזא איצט פריי און אונגעשטערט נעהמען צו מיין בעשעפטיגונג — צום טרינקען..."

„דו קענסט זיך טאקי ניט אבטשעפען פון'ם בראנפען?"

„קיינמאל ניט!" האט געענטפערט דער שוסטער און דערביי ענערגיש צוגעשאקעלט מיט זיין קאפ מיט צוקודלעטע האר. „נאך וואס זאל איך עס טהאן?"

„האסט ווירקליך קיין שום אנדער וואונש ניט אין לעבען?"

„גיב מיר א פינפער — ווייטער ווינש איך גארנישט."

„דאס קען איך ניט בעגרייפען," האט איליא געזאגט, ציהענדיג בעת מעשה מיט די אקסלען. „כ'קען ניט בעגרייפען, ווי אזוי א מענש קען לעבען אויף דער וועלט, ניט פערלאנגענדיג קיין זאך פון דעם לעבען."

„הערסט דו, איך בין טאקי אנדערש ווי די אנדערע," האט פערפישקא געענטפערט מיט א פילאזאפישער רוהיגקייט. „איך טראכט זיך אזוי: דו זיי נור אקארשט שטיל — דאס שיקזאל גיט דאך סיי ווי סיי וואס עס וויל. און אויב א מענש איז גאנץ פוסט און האט קיין דנא ניט, אזוי אז דאס שיקזאל קען ביי איהם גארניט ארייגלייגען — וואס זשע איז דאס שיקזאל שולדיג? איינמאל פונדעסטוועגען — דעמאלט האב איך אויך עפעס געוואלט... אז מיין פער־

שטאַרבענע פרוי האָט נאָך געלעבט איז עס געווען... אויף זיידע יערע־מעי'ס אוצר האָב איך דעמאָלט ארויסגעקוקט, ס'האָט זיך מיר גע־וואָלט לייגען די האַנד דערויף... וועל איך איהם ניט בע'גנב'ענען — וועט איהם אַן אנדערער בע'גנב'ענען, האָב איך מיר געטראַכט... נאַ. און גאָט צו דאַנקען: אַ פּאָר אַנדערע האָבען מיר ווירקליך פערכאַפּט דעם וועג!... איך בעקלאָג זיך חלילה ניט דערויף... אבער דעמאָלט האָב איך בעגריפען, אַז אפילו ו ו ע ל ע ן מוז מען אויך פערשטעהן ווי אַזוי..."

דער שוסטער האָט זיך צולאַכט, האָט ארונטערגעקלעטערט פון אויוועז און געזאָגט:

„נו, גיב שוין אַמאָל אהער דעם פינפער דיינעם... ס'ברענט מיר אַזוי אין דער לעבער... איך האַלט עס גאַרנישט אויס..."

„נאַ, טרינק אַ גלעזעל!" האָט זיך איליא אבגערופען. און דער־נאָך האָט ער מיט אַ שמייכעל אַ קוק געטהאָן אויף פּערפּישקאַ'ן און געפרעגט:

„ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגען?"

„נאַ—וואָס פּאַרט?"

„דו ביסט אַ שאַרלאַטאַן, און אַ טויגעניכטס, און אַן אונגליק־ליכער פּיאַניצע... דאָס אַלץ שטימט..."

„פערשטעהט זיך, אַז עס שטימט!" האָט בעשטעטיגט דער שוסטער, וועלכער איז געשטאַנען פאַר איליאַ'ן מיט דער פינף קאָ־פּעקענער מטבע אין דער האַנד.

„און אַז אַנדערש מאָל ווייזט זיך מיר ווידער אויס," האָט איליאַ ווייטער געזאָגט מיט אַן ערנסטען טאָן, „אַז איך קען גאַר ניט קיין בעסערן מענשען ווי דו ביסט — ביי גאָט!"

פּערפּישקאַ האָט אַ שמייכעל געטהאָן, אַזוי ווי ער וואָלט ניט געגלויבט דאָס וואָס איליאַ האָט איהם געזאָגט. דערנאָך האָט ער אַ קוק געטהאָן אויף לונעוו'ס ערנסטעס און דאָך פריינדליכעס געזיכט.

„אַט אפנים דו מאַכסט חוזק פון מיר, איליאַ יאַקאָוולעוויטש?" האָט ער זיך אבגערופען.

„גלויב עס אַדער ניט — אַט אַזוי איז עס פּאַרט. איך זאָג עס ניט, דיך צו לויבען... נאָר אַזוי, פאַר מיר... ס'איז מיין אורטהייל..."

„מערקווירדיג!... אפנים, אז מיין מוח איז צו דום, צו צוקלאַפּען דערמיט אזא פּיינעם צוקער... כ'האָבווירקליך ניט פערשטאַנען וואָס דו מיינסט! אבער לאָז מיך אקאָרשט פריהער נעהמען א קאַפּיטשקע... אפשר וועל איך דאן ווערן קליגער..."

„ניט אזוי שנעל!" האָט לונעוו געזאָגט, איהם אָנכאפּענדיג פאר'ן ארבעל פון העמד. „כ'האָב דיר געוואָלט פרעגען נאָך איין זאַך: האָסט מורא פאר גאָט?"

פּערפּישקאַ האָט שטילערהייט א טראָט געטהאָן פון איין פוס אויפ'ן אנדערן און מיט א טאָן, וועלכער האָט כמעט געקלונגען בעליידיגט, האָט ער געזאָגט:

„כ'האָב דאָך ניט קיין שום אורזאכע, פאר וואָס מורא צו האָבען פאר גאָט!... איך טהו די מענשען קיין שלעכטס ניט... קיינמאָל האָב איך זיי קיין שום שלעכטס ניט געטהאָן..."

„און ווי איז—מאָליען מאָליעסט דו זיך?" האָט איליאַ א פרעג געטהאָן שטילעהרייט.

„נאַ.. איך מאָליע זיך, פערשטעהט זיך... ניט אָפט..."

איליאַ האָט געזעהן, אז דער שוסטער האָט קיין שום חשק ניט צו ריידען, אז עס ציהט איהם אזוי ווי מיט צוואַנגען אין שענק אריין.

„נאַ, אָט האָסט דו, פּערפּישקאַ — נאָך א צעהנער!"

„דאָס געפעלט מיר כ'לעבען! דאָס הייסט אביסעל א גליק!" האָט פּערפּישקאַ אויסגעשריגען און זיין געזיכט האָט איינפאַך געשטראַהלט פון פרייד.

„אבער זאָג מיר, ווי אזוי דו מאָליעסט זיך, ווי אזוי דו בעטסט גאָט!" האָט איהם איליאַ פון דאָס ניי געמוטשעט.

„איך? זעהר איינפאַך! קיין געבעט קען איך ניט... די תפלה פון דער „באָזשע מאטיערי" האָב איך אמאָל געקענט, כ'האָב זי שוין אָבער לאַנג פערגעסען... און „האָספּאָדי יעסוס כריסטאָס"... דאָס קען איך אויסוויינינג, ביז'ן סוף. אפשר וועל איך עס אמאָל אויף דער עלטער בענוצען. געוועהנליך מאָליע איך זיך אזוי אויף מיין אייגענעם שטייגער... „גאָט, דערבאַרם זיך!" זאָג איך..."

פּערפּישקאַ האָט א קוק געטהאָן אויף דער סטעליע, האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און ווייטער געזאָגט:

„ער דאַ אויבען וועט עס שוין פערשטעהן... נו, קען איך איצט געהן? כ'האָב אַ שרעקליכען דורשט!

„געה, געה!" האָט איליאַ געענטפערט, אַנקוקענדיג בשעת מעשה פערפישקאַ'ן מיט פערטראַכטע בליקען. „אָבער געדענק: אַז דער טאָג וועט קומען, ווען דו וועסט מוזען שטאַרבען, וועט דיך גאָט דער האַר פרעגען: „ווי אַזוי האָסט דו געלעבט, אַה מענש?"

„וועל איך איהם דאַן ענטפערן: „אַה גאָט! בשעת איך בין געבאָרען געוואָרען, בין איך געוועזען קליין, און אַז איך בין געשטאָרבען, בין איך געוועזען שכור — כ'קען אַלזאָ גאָרנישט וויסען..." נו, וועט ער זיך צולאַכען און מיר מוחל זיין..."

דער שוסטער האָט געשמייכעלט צופריעדען און איז זיך אַוועק. לונעוו איז געבליבען אַליין אין קעלער. עס איז איהם געוואָרען שטאַרק אומעטיג אויפ'ן האַרצען, ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז מאַשאַ'ס צאַרטע געשטאַלט וועט זיך שוין קיינמאָל מעהר ניט ווייזען אין דעם דאָזיגען ענגען, שמוציגען קבר, און אַז מען וועט אויך פערפישקאַ'ן באַלד דורכטרייבען פון דאַנען.

דורכ'ן פענסטער האָט אַריינגעקוקט די אַפריל־זונן און האָט בעשיינט די פאָדלאָגע פון צימער, וועלכע איז שוין לאַנג ניט אויסגעקעהרט געוואָרען. אַלצדינג איז געוועזען אַזוי צוואַוואָרפען, אַזוי העסליך און טרויעריג דאָ אינעווייניג — עפּעס אַזוי ווי מען וואָלט נור וואָס פון דאַנען אַ טויטען אַרויסגעטראָגען...

איליאַ איז געזעסען מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ אויפ'ן שטוהל, האָט בעטראַכט דעם גרויסען אויוון, וואָס איז געוועזען אָבגעריבען ביי די זייטען, און פינסטערע געדאַנקען זיינען איהם דורכגעלאָפען, איינער נאָכ'ן אַנדערן, אין קאָפּ.

„אפשר וואָלט איך דאַך אַריבערגעהן און... זיך מודה זיין אויף מיין פערברעכען?" האָט עס פּלוצלונג אויפגעבליצט ביי איהם אין מוח.

אָבער ער האָט דעם דאָזיגען געדאַנק גלייך פערטריבען פון זיך...

2.

דעם זעלבען טאג, פארנאכט, איז איליא געצוואונגען געוועז, צו פערלאזען פעטרוכא פילימאנאוו׳ס הויז. דאס איז געשעהן אויף אזא אופן. אז ער איז צוריקגעקומען אהיים פון גאס, איז איהם דער פעטער אנטקעגען געקומען אין הויף מיט א פערצאגטען פנים, האט איהם אוועקגעפיהרט אין א ווינקעל, הינטער א הילצערנער וואנד, און האט געזאגט:

„נו, איליושקא, אצונד מוזט דו אוועק פון דאנען... וואס עס האט זיך דא היינט אבגעטהאן ביי אונז! שרעקליך, זאג איך דיר!"

דער הויקער האט פאר אויפרעגונג און מורא צוגעמאכט די אויגען, און מיט די ארעמס האט ער זיך געקלאפט אן די זייטען.

„יאשקא האט זיך אנגע׳שכור׳ט און דעם פאטער אין פנים אריין געזאגט: דו גאב איינער!.. און נאך אנדערע שלעכטע ווערטער: אונפערשעהמטער בעל תאוה׳ניק, רשע מרושע... נא, איינפאך ווי א פערריקטער האט ער געשריגען!... און פעטרוכא האט איהם דערלאנגט אין די צייהנער, איהם געריסען ביי די האר, געטראטען איהם מיט די פיס און אזוי ווייטער... צובלוטיגט און צוקאליעטשעט האט ער איהם אין גאנצען! איצט ליגט יאשקא אין שטוב און קרעכצט און וואויעט אהן אן אויפהער... און דערנאך האט זיך פעטרוכא גענומען טשעפען צו מיר: דו ביסט שולדיג, האט ער געליארעמט. איליא׳ס פוס זאל מיר דא מעהר ניט זיין!... דאס האסט דו עס, זאגט ער, אויפגעהעצט יאשקא׳ן געגען איהם... מורא׳דיג האט ער געשריען... א שרעק געוועזן צו הערען..."

איליא האט ארונטערגענומען דעם רימען פון אקסעל, האט דערלאנגט דעם פעטער זיין קעסטעל מיט סחורה און געזאגט:

„האלט אקארשט..."

„ווארט א ווייל! וואוהין לויפסטו פארט?... ער וועט דאך דיך..."

די הענד האבען איליא׳ן געציטערט פון כעס אויף פעטרוכא׳ן און פון רחמנות אויף יאקאוו׳ן.

„האלט מיר צו דעם קאסטען, זאג איך..." האט ער זיך אונגערול-

דיג געוועגדעט צו טערענטי'ן און האָט זיך געלאָזט אריינגעהן אין שענק. ער האָט אזוי פעסט צוזאַמענגעדריקט די צייהן איינע אויף די אַנדערע, אז די יאַסלעס האָבען איהם אַנגעהויבען וועה טהאָן און אַ גערויש איז איהם דורך אין קאָפּ. אין מיטען פון דאָזיגען גערויש האָט ער געהערט, ווי דער פעטער שרייט איהם עפּעס נאָך, רעדט צו איהם וועגען דער פּאָליציי, וועגען דעם, אז ער וועט זיך אונגליקליך מאַכען, אין טורמע געהן, נאָר ער האָט זיך פונדעסטוועגען ניט אָבגעשטעלט.

אין שענק איז פּעטרוכאַ געשטאַנען הינטער'ן בופעט און האָט זיך שמייכלענדיג אונטערהאַלטען מיט עפּעס אַן אָבגעריסענעם מענשען. אויף זיין פּליכעוואַטען קאָפּ האָט אָבגעשלאָגען דער שיין פון לאַמפּ, און ס'האָט אויסגעוויזען, עפּעס אזוי ווי דער גאַנצער גלאַנציגער שאַרבען זיינער האָט מיטגעשמייכעלט פון צופרידענהייט.

„אַך, הערר געשעפטסמאַן!" האָט ער זיך אָבגערופען מיט אַ שפּאַטישען טאָן, דערזעהענדיג איליא'ן, און בשעת מעשה האָט ער געמאַכט אַ בייזע מינע. „דו קומסט מיר גראַד אין דער רעכטער צייט..."

ער איז געשטאַנען ביי דער טהיר, וואָס פיהרט אריין אין זיין צימער. מוטהיג, מיט אַן איינגעצ'עקשן'טען בליק, איז איליא צוגעגאַנגען נאָהענט צו איהם און האָט איהם געזאָגט אין דער הויך:

„טרעט אָב אָן אַ זייט!"

„וואַ—אָס?" האָט פּעטרוכאַ געפרעגט, אויסציהענדיג דאָס וואָרט.

„לאָז מיך דורך.. איך וויל אריינגעהן צו יאַקאָוו'ן!"

„כ'וועל דיר באַלד געבען אַ יאַקאָוו!"

אָבער אין דעם אויגענבליק, איידער מען האָט נאָך צייט געהאַט זיך אומצוקוקען, האָט איליא מיט אַלע כחות אויסגעצוויגען דעם אָרעם, צונויפגעדריקט דעם פויסט און דערלאַנגט פּעטרוכאַ'ן אַ זעץ אין באַק אריין. דער בופעטשיק האָט דערלאַנגט אַ געשריי אויפ'ן קול און איז אַנידערגעפאַלען אויף דער ערד. פון אַלע ווינקעלאַך זיינען זיך צונויפגעלאָפען די משרתים פון שענק, און איםיצער האָט אַ געשריי געטהאָן:

„האַלט איהם! שלאָגט איהם!..."

די געסט זיינען אויפגעשפרונגען, אזוי ווי מען וואלט זיי מיט אמאל אבגעגאסען מיט הייסע וואסער. אבער איליא איז אריבערגעשפרונגען איבער פעטרוכא'ן, איז אריין אין צימער און האט פערריגעלט די טהיר פון אינעוויינינ. אין'ם קליינעם צימער, וואס איז געווען מיט וויין־קעסטלאך און אלערליי קופערטען, האט געברענט א בלעכענער לאמפ מיט א פעררויכערט, פערשווארצט גלעזעל. אין דער ענגער, דונקעלער שטוב האט לונעוו גלייך אויפ'ן שטעל ניט דערזעהן זיין פריינד. יאקאוו איז געלעגען אויף דער ערד. זיין קאפ איז אויסגעקומען אין שאטען, און זיין געזיכט האט אויסגעזעהן גאנץ שווארץ און מורא'דיג צוקאליעטשעט. איליא האט גענומען דעם לאמפ אין דער האנד אריין, האט זיך אראבגעבויגען אויף דער ערד און האט בעטראכט דעם געשלאגענעם פאר'ן ליכט. בלויע פלעקען און בלייען האבען בעדעקט יאקאוו'ס געזיכט אזוי ווי א שרעקליכע, פינסטערע מאסקע, זיינע אויגען זיינען געווען אין גאנצען פערשוואלען. ער האט געאטהעמט שווער און געקרעכצט און האט אפנים גארנישט געזעהן, מחמת אז איליא איז אריינגעקומען, האט ער געפרעגט:

„ווער איז דא?"

„דאס בין איך," האט לונעוו געענטפערט אין דער שטיל, אויפהויבענדיג דעם קאפ.

„גיב מיר א טרונק!" האט יאקאוו געבעטען.

איליא האט זיך אומגעדרעהט. פון יענער זייט האט מען שטארק געקלאפט אין דער טהיר, און עפעס אימיצער האט געשריען:

„לאמיך פרובירען פון דער הינטערשטער טרעפ..."

„פארוואס לויפט איהר בעסער ניט אין דער פאליציי?... א גאראדאוואי ברענגט!" האט געזאגט אן אנדערער.

פעטרוכא'ס וויינענדיגע שטימע האט זיך געלאזט הערען פון'ם ליארם ארויס:

„אלע האבען עס געזעהן... כ'האב איהם ניט אנגעריהרט אפילו... א—א—אה!"

איליא האט געשמייכעלט פון צופריעדענהייט. ס'האט איהם הנאה געטהאן, וואס פעטרוכא רייסט זיך פון וויטאג. ער איז צוגע־

גאַנגען צו דער טהיר און האָט אָנגעהויבען רוהיג צו פערהאַנדלען מיט די בעלאַגערער.

„העדאַ, איהר דאָ דרויסען, הערט אויף צו מאַכען אַזעלכע קולות! אז ער האָט געקראַגען איינעם אין מויל, איז אויך קיין אונגליק ניט. בישקשה, ער וועט ניט קראַפּירען דערפון, און איך וועל קריגען מיין שטראָף פון געריכט. מישט זיך אַלזאָ ניט אריין... שפּאַרט זיך ניט אַזוי אויף דער טהיר, איך עפען אליין אויף...“

ער האָט געעפענט די טהיר און איז געבליבען שטעהן אויפ׳ן שוועל אזוי ווי אין אַ ראַהם, צונויפדריקענדיג בשעת מעשה די פויס־טען, כדי צו זיין גרייט אויף מלחמה, אין פאַל אז זיי וועלען זיך וועלען שלאָגען מיט איהם. דער עולם האָט אָבגעטראָטען צוריק פאַר זיין קרעפטיגער געשטאַלט און פאַר זיין ענטשלאָסענער מיענע. נאָר פּעטרוכאַ האָט אָבגעשטופּט די אַנדערע אַן אַ זייט און געשריען:

„אהאַ—אַ, דו רויבער!.. וואַרט אקאַרשט, כ׳וועל דיך...“

„רוקט איהם נור אַוועק אַן אַ זייט און קוקט אקאַרשט אהער— כ׳בעט אייך!“ האָט זיך איליאַ אָבגערופען, איינלאַדענדיג די געסט צוצוגעהן נעהנטער. „זעהט כאָטש, וואָס ער האָט געמאַכט פון אַ מענ־שען!“

עטליכע געסט זיינען אריין אין צימער, אַנקוקענדיג איליאַ׳ן פון אַ זייט, און זיי האָבען זיך אָנגעבויגען איבער יאַקאָוו׳ן. איינער פון זיי האָט מיט אַ טרויעריגער, פערציטערטער שטימע געזאָגט:

„דאָס איז דאָך שרעקליך!...“

„צוקריפּעלט איז ער אין גאַנצען,“ האָט צוגעלייגט אַ צווייטער.

„ברייננגט אביסעל וואַסער!“ האָט זיך איליאַ אָבגערופען. „און דערנאָך מוז מען שיקען נאָך דער פּאָליציי...“

די געסט זיינען געוועזען אויף איין זייט, ער האָט עס אויף זייערע פּנים׳ער בעמערקט און ער האָט הויך אויפ׳ן קול געזאָגט:

„איהר אַלע קענט פּעטרוכאַ פילימאָנאָוו׳ן, און איהר ווייסט אַלע גאַנץ גוט, אַז ער איז דער גרעסטער שווינדלער אין דער גאַנצער גאַס... און ווער קען זאָגען אַ שלעכט וואָרט אויף זיין זוהן? נו — און גראָד דער דאָזיגער זוהן ליגט דאָ צובלוטיגט, צו׳הרג׳עט, פּיליכט אַ קאַליקע אויף זיין גאַנצען לעבען! און דעם טאַטען זיינעם וועט מען

דערפאַר גאָרנישט טהאָן. איך האָב פּעטרוכאַ'ן גאָר איין זעץ געגעבען— דערפאַר וועט מען מיך פּעראורטיילען... איז דאָס רעכט אזוי? הייסט דאָס יושר, וואָס? און אזוי געהט עס אין אַלצדינג — איינער מעג טהאָן אַלץ וואָס זיין הארץ גלוסט, און דער אנדערער טאָר ניט א פינ־טעל טהאָן מיט'ן אויג..."

א פּאָר געסט האָבען זיך אָבגעזיפצט פון רחמנות, אנדערע זיי־נען ארוים שטיל, ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט. איליא האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגען, אבער אין דער רגע איז פּעטרוכא אריינגעפאַלען אין צימער און האָט מיט זיין קוויטשער שטימע ארויסגעטריבען אַלע־מען צו דער טהיר צו.

„געהט! געהט אייך! דאָס איז מיין אייגענע זאַך דאָ... ס'איז מיין זוהן, איך בין דער פאָטער! טראָגט זיך אָב... פאַר דער פּאָליציי האָב איך קיין מורא ניט... און אייך דאָס גאָריכט דאַרף איך ניט... כ'דאַרף עס אבסאָלוט ניט! כ'וועל מיט דיר אזוי אויך פאַרטיג ווערן, מיין ליעבער... טראָג זיך אויך אָב פון דאַנען!"

איליא האָט זיך אראָבגעלאָזט אויף די קניע צו דער ערד, האָט דערלאַנגט יאַקאָוו'ן א גלאָז וואַסער און מיט א טיעפען געפיהל פון מיטלייד האָט ער בעטראַכט זיין פריינד'ס צושלאָגענע, פערשוואָלענע ליפּען און זיין צוקאַליעטשעטעס געזיכט. יאַקאָוו האָט אויסגעטרונקען דאָס וואַסער, און שעפּטשענדיג האָט ער געזאָגט:

„די צייהן האָט ער מיר אויסגעשלאָגען... ס'וועט מיר שווער דעם אָטהעם אבצוכאַפּען... נעהם מיך ארוים פון דעם הויז... איליושאַ, מיין ליעבינקער, נעהם מיך אוועק!..."

פון די פערשוואָלענע אויגען האָבען זיך אראָבגעגאָסען טרעהרען איבער זייגע באַקען.

„מען מוז איהם אָבפיהרען אין שפּיטאָל," האָט איליא מיט אן ערנסטען טאָן געזאָגט, זיך ווענדענדיג צו פּעטרוכאַ'ן.

דער בופעטשיק האָט א קוק געטהאָן אויף זיין זוהן און האָט עפּעס א מורמעל געטהאָן פאַר זיך האַסטיג און אונפערשטענדליך. איינס פון זיינע אויגען האָט ער געהאַלטען אָפען אין גאַנצען און דאָס אנדערע איז פון איליא'ס זעץ געוועזען הויך אויפגעשוואָלען, אזוי ווי ביי יאַקאָוו'ן.

„דו האָסט געהערט?“ האָט פּעטרוכאַ געזאָגט מערקווירדיג שטיל און מיט אַ פרידליכען טאָן. „אין שפּיטאָל קען איך איהם ניט שי־קען... ס'וועט ווערען אַ סקאַנדאַל דערפון. האָסט שוין אַזוי אויך אָנ־געמאַכט גענוג ליארם דאָ. איך בין דאָך עפּעס — אַ שטאָדט בעל הבית!... דאָס וועט מיר שאַדען צו מיין נאָמען!...“

„אַלטער זשוליק!“ האָט איליא געזאָגט און האָט מיט אַ פער־אַכטונג אַ שפּיי געטהאָן פאַר פילימאָנאָוו'ן.

„איך זאָג דיר — פיהר איהם אָב אין שפּיטאָל! אַז דו וועסט עס ניט טהאָן — וועסט דו נאָך האָבען אַ גאַנץ אַנדערן סקאַנדאַל...“

„נו, נו, נו! ניט, כ'בעט דיך... ערגער זיך ניט אַזוי! גלויב מיר, ער מאַכט זיך נור...“

איליא האָט אַ שפּרונג געטהאָן ביי די דאָזיגע ווערטער, אָבער פילימאָנאָוו איז שוין געשטאַנען ביי דער טהיר און גערופען צו איי־נעם פון די משרתים:

„איוואַן, אויף גיך אַ דראָשקע — אין שפּיטאָל, אין לעצטען קלאַס!... יאַקאָוו, טהו זיך אָן... גענוג צו מאַכען שטיק... ס'איז ניט געוועזען קיין פרעמדער, וואָס האָט דיך געשלאָגען, נאָר דיין אייגענער פאָטער, יאָ!... מיך האָט מען נאָך גאַנץ אַנדערש געקאַטעוועט, גלויב מיר מיין קינד!“

ער איז אַרומגעלאָפען אין צימער אַהין און אַהער, האָט אַרונטער־גענומען יאַקאָוו'ס קליידער פון דער וואַנד און זיי צוגעוואָרפען צו איליא'ן, אַלץ האַלטענדיג אין איין דערצעהלען, וויפיעל קלעפּ ער האָט אינגעלוויז געקראָגען.

„איך דאַנק דיר,“ האָט יאַקאָוו געזאָגט שטילערהייט צו אי־ליא'ן, און די טרעהרען האָבען זיך ניט אויפגעהערט גיסען פון זיינע פערשוואָלענע אויגען און זיינען געפלאָסען איבער די בלוט־אָנגעלאָ־פענע באַקען זיינע. הינטער'ן בופעט איז געשטאַנען פּעטער טערענטי. אין איליא'ס אויער האָט אָבגעקלונגען זיין צושראָקענע שטימע:

„פאַר וויפיעל זאָל איך אָנגיסען? פאַר דריי אָדער פאַר פינף קאָפּיקעס? אָט, האָט איהר... פאַר פינף... אַביסעל קאַוויאַר? קאַוויאַר איז ליידער אויסגעגאַנגען. איהר וועט אפשר עסען אַ סאַרדינטשיק?..“

נאָכדעם ווי לונעוו האָט אָבגעפיהרט יאַקאָוו'ן אין שפּיטאָל, איז

איהם קלאָהר געוואָרען, אז ער קען זיך שוין ניט אומקעהרען צוריק צו פילימאָנאָוו'ן אין הויז, און ער איז אוועק צו אָלימפּיאַדאַ'ן. ער האָט געפיהלט, עפּעס אזוי ווי אַ נאַס־קאַלטעס וועטער וואָלט זיך איהם איינגעגעסען אין די ביינער, פּונקט ווי עפּעס וואָלט איהם גענאָגט ביים הארצען און ביי איהם אוועקגערויבט די גאַנצע קרעפטען זיינע. אַ ביטער געפיהל האָט געדריקט זיין ברוסט, זיינע געדאַנקען האָבען זיך געפּלאָנטערט, און מיעד און דערשלאָגען איז ער געגאַנגען איבער דער גאַס. נאָר איין זאַך איז איהם געווען קלאָהר: אזוי האָט ער שוין ווייטער ניט געקענט לעבען. דער חלום פון'ם קליינעם, פיינעם קרעמעל, אַ לעבען ווייט פון די אַנדערע, בעקוועם און זויבער פאר זיך, — איז פון דאָס ניי און מיט פרישער קראַפט ארויסגעשוואומען אין זיין מוח...

אויף מאָרגען האָט ער זיך געדונגען אַ קוואַטיר — אַ קליין ציר־מערל לעבען אַ קיך. אַ יונגע דאַמע אין אַ רויט יאַקעל האָט עס איהם פערדונגען. איהר געזיכט איז געווען רויזיג, מיט אַ עזות'דיג נעזעל און אַ פיין קליין מיילכעל. דער שמאָלער שטערן איהרער איז געווען ארומגענומען מיט אַ ראָהם פון שווארצע געקרייזעלטע האָר, וואָס זי האָט אַלע ווייִלע צורעכט געמאַכט מיט איהרע פיינע, קליינע פינגער.

„פינף רובעל פאר אזא שעהן צימערל — דאָס איז ניט טהייער!“ האָט זי מיט אַ לעבעדיגען טאָן געזאָגט און צוגעשמייכעלט, זעהענדיג אז איהרע דונקעלע, מונטערע אויגעלאַך האָבען עפּעס אריינגעבראַכט דעם יונגען מאַנטשיק מיט די ברייטע שולטערן אין אַ פערלעגענהייט. איליא אָבער האָט בעטראַכט די וועגד פון זיין צוקינפטיגער וואוינונג און האָט דערביי זיך געקלעהרט, ווער זי קען דאָס זיין, אָט די יונגע דאַמע...

„איהר זעהט — די טאַפּעטען זיינען גאַנץ ניי... דאָס פענסטער געהט ארויס אין גאָרטען — וואָס זשע ווילט איהר נאָך? אין דער פריה וועל איך אייך שטעלען דעם סאַמאָוואַר — אריינטראָגען צו זיך וועט איהר איהם שוין מוזען אַליין...“

„איהר זייט דאָ דאָס דינסטמיידעל?“ האָט איליא געפרעגט בייגיריג.

די דאַמע האָט אויפגעהערט צו שמייכלען, איהרע ברעמען האָ־

בען זיך פּערצויגען, און אויסשטרעקענדיג איהר קערפּער אין דער הויך האָט זי מיט א טאָן פון א בעל הבית'טע געזאָגט: „איך בין ניט קיין דיענסטמיידעל, נאָר די ווירטהין פון דיזער וואוינונג, און מיין מאַן...“

„וואָס זשע, איהר זייט גאָר פּערהייראטהע?“ האָט זיך איליא אָבגערופען מיט ערשטוינונג און האָט מיט אן אונגלויבליכען בליק געקוקט אויף איהר הויבע, שעהנע געשטאַלט.

דאָס מאָל האָט זי זיך געערגערט, נאָר האָט ארויסגעשאָסען מיט א פרעהליכען געלעכטער.

„ווי קאָמיש איהר זייט דאָס!“ האָט זי געזאָגט. „אט האלט ער מיך פאר א דיענסטמיידעל און אַט וויל ער זיך ניט גלויבען, אז איך בין פּערהייראטה...“

„ווי אזוי זאָל איך גלויבען, אז איהר זעהט אוים פּונקט ווי א יונג מיידעל?“ האָט זיך איליא אָבגערופען אויך מיט א געלעכטער.

„און איך זאָג אייך, אז איך בין שוין דאָס דריטע יאָהר פּערהייראטה, און אז דער מאַן מיינער איז א קווארטאלנע סמאטריטעל... ביי דער פּאָליציי...“

איליא האָט איהר אריינגעקוקט אין געזיכט און האָט א שמייכעל געטהאָן, אליין ניט וויסענדיג פאר וואָס.

„וואָס פאר א מאָדנער מענש!“ האָט זיך די דאמע אָבגערופען, ציהענדיג מיט די אקסלען, און בשעת מעשה האָט זי קיין אויג ניט אראבגענומען פון איליא'ן. „נו, וואָס בלייבט — דינגט איהר דאָס צימער?“

„אָבגעמאכט! זאָל איך אייך געבען אן אדרויף?“

„נאַטירליך! ניט ווייניגסטענס א רובעל...“

„אין א צוויי, דריי שטונדען ציה איך אריין אהער...“

„זעהר גוט... עס פרעהט מיך צו האָבען אזא קווארטיראנט.. איהר זייט, ווי עס ווייזט אוים, זעהר לוסטיג...“

„ניט איבעריגס...“ האָט לונעוו געזאָגט מיט א שמייכעל.

שמייכלענדיג, מיט אן אנגענעהמען געפיהל אין דער ברוסט, איז ער ארויס אין גאַס. איהם איז געפעלען ווי דאָס צימער מיט די בלויע טאפּעטען און אי דאָס קליינע, פלינקע ווייבעל. אבער אנגענעהמער

פון אלצדינג איז איהם עפּעס געווען דאָס, וואָס ער וועט וואוינען ביי א קוואַרטאַלנעם אין הויז. ער האָט אין דעם געזעהן עפּעס לעבערליכעס. א געוויסע איראָניע, און אין דערזעלבער צייט א געפאהר פאַר זיין פערזאָן.

ער האָט זיך געלאָזט געהן אין שפּיטאָל, וואו ער האָט געוואָלט געוואהר ווערען, וואָס יאַקאָוו מאַכט, און כדי צו קומען אהין וואָס גיכער, האָט ער גענומען א דראָשקע. בשעת'ן פאָהרען האָט ער אין זיך געלאַכט און האָט געקלעהרט וואָס צו טהאָן מיט'ן געלד, וואו ער קען עס איצט בעהאַלטען... אז ער איז געקומען אין שפּיטאָל, האָט מען איהם געזאָגט, אז יאַקאָוו האָט נור וואָס גענומען א וואַנע און ער שלאָפט איצט געשמאַק. איליא איז געבליבען שטעהן אין קאָרידאָר ביים פענסטער און האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן — צי זאָל ער אוועקגעהן אָדער אויסוואַרטען ביז וואַנען יאַקאָוו וועט זיך אויפ־כאַפּען. פערביי איהם האָבען דורכשפּאַצירט שטילערהייט די קראַנקע איינע נאָך די אַנדערע, אַנגעטהאָן אין זייערע געלע שלאַפּרעק און מיט פאַנטאָפעל. זיי האָבען איהם אָנגעקוקט מיט פערקרימטע, לייד־דענדע פּנים'ער. זיי האָבען שטילערהייט געפלוידערט איינע מיט די אַנדערע, און פון זייער שושקעריי האָט אָבגעקלונגען עפּעס אזוי ווי א שמערצליכעס קרעכצען, וואָס קומט פון ערגעץ א וויטען אָרט... א דומפּפער ווידערקלאַנג, וואָס האָט נאָך פערשטאַרקט יעדעס וואָרט, וואָס איז זיי ארוים פון מויל, האָט אָבגעקלונגען איבער לאַנגען קאָ־רידאָר... עס האָט זיך עפּעס אויסגעדוכט, אזוי ווי אימיצער שוועבט אַרום אין דער שטיל, קיינער זאָל איהם ניט זעהן, אין דער שפּיטאָל־לופט, און קרעכצט און קלאָגט טרויעריג...

איליא'ן האָט זיך געוואָלט אזוי גיך ווי מעגליך פערלאָזען די דאָזיגע געלע מויערן. אָבער פּלוצלונג איז איינער פון די קראַנקע צוגעגאַנגען צו איהם, האָט איהם אויסגעשטרעקט די האַנד און שטי־לערהייט געזאָגט:

„גוטען טאָג!..."

לונעוו האָט אויפגעהויבען די אויגען און מיט ערשטוינונג האָט ער אָבגעטראָטען א שריט צוריק.

„פּאַוועל? גאָט מיינער! אויך דו ביסט דאָ?"

„ווער נאָך איז דען דאָ?“ האָט פּאַווע̇ל אויף גיך אַ פרעג געטהאָן. זיין געזיכט איז געווען מאָדנע גראָה און זיינע אויגען האָבען געפינטעלט אונרוהיג, אַזוי ווי זיי וואָלטען מורא געהאַט מען זאָל אין זיי ניט דערזעהן עפּעס.

„יאַקאָוו איז דאָ!... דער טאַטע זייגער האָט איהם געשלאָגען מכות רצח... און אַט ביסט דו אויך דאָ. שוין לאַנג?“ און מיט אַ טאָן פול מיט מיטלייד האָט איליא צוגעלייגט: „אַ—אַך, ברודער, ווי דו האָסט זיך געענדערט אויפ׳ן פּנים!...“

פּאַווע̇ל האָט אַ זיפץ געטהאָן; זיינע ליפּען האָבען אַזוי ווי געציטערט און זיינע אויגען האָבען געהאַט אַ מאָדנעם מאַטען בליק. ער האָט אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געפיהלט שולדיג, און מיט אַ הייזעריגער שטימע האָט ער ווידערהאָלט:

„...פערענדערט?... אַך יאָ!“

„וואָס איז דיר אַזוינס?“ האָט איליא געפרעגט מיט גרויס אינטערעסע.

„וואָס מיר איז? קענסט זיך שוין אַליין פאַרשטעלען...“

פּאַווע̇ל האָט אויף גיך אַ קוק געטהאָן איליא׳ן אין פּנים אַריין און דערנאָך ווידער אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ.

„האָסט זיך אַנגעשטעקט?“ האָט לונעוו געפרעגט אין דער שטיל.

„לײדער...“

„יעדענפאַלס ניט פון וויעראַ׳ן?“

„פון וועמען דען אז ניט פון איהר?“ האָט פּאַווע̇ל געענטפערט מיט אַ ביטערן טאָן.

איליא האָט אַ שאָקע̇ל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ, געשוויגען אַ ווײלע און דערנאָך האָט ער מיט אַן אומעטיגער שטימע געזאָגט:

„אַט דאָס איז אונזער מזל... ווער ווייס, ווי ס׳וועט מיר נאָך אַמאָל געהן!“

פּאַווע̇ל האָט אַ ביטערן שמייכע̇ל געטהאָן, דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען נעהנטער צו איליא׳ן, און איהם אַרײנקוקענדיג מיט צוטרויען גלייך אין די אויגען אַריין, האָט ער זיך אָבגערופען:

„כ׳האָב געמיינט, דו וועסט זיך מיאוס׳ען פאַר מיר... כ׳געה דאָ

ארום שפּאַצירען, מיט אמאָל דערזעה איך איליא !... איך האָב זיך געשעהמט און זיך אַבגעקעהרט אַז א זייט, בשעת איך בין דורכגע־גאַנגען פערביי דיר..."

„דאָס איז אביסעל געווען אַ חכמה," האָט איליא געזאָגט מיט א טאָן פון פאָרוואורף.

ווער קען דען גלייך וויסען, ווי אזוי אימיצער דענקט דעריבער ? דעם אמת זאָגענדיג — ס'איז א דערווידערדיגע קראַנקהייט. אך, ברוד־דער, שוין די צווייטע וואָך, אז איך זיץ דאָ אינעווייניג... וואָס פאַר א מוטשעניש, וואָס פאַר א לאַנגווייליגקייט !... מען געהט ארום, מען ליגט אין בעט און מען האַלט אין איין גריבלען... די נעכט איבער־הויפּט זיינען שלעכט—עפּעס אזוי ווי מען וואָלט ליגען אויף גליהענדע קוילען. די צייט ציהט זיך אזוי לאַנג, אזוי לאַנגזאַם, ווי א האָר אין מילך... ס'דוכט זיך אויס, אזוי ווי עפּעס וואָלט דיך געשלעפּט און אראַבגעצויגען אין א זומפּ, און דו ביסט אליין און קענסט קיינעם ניט רופען צו הילף..."

פאַוועל האָט גערעדט אזוי שטיל, אז עס האָט אויסגעזעהן אזוי ווי ער וואָלט געשעפּטשעט. א שוידער איז אריבער איבער זיין גע־זיכט און די הענד האָבען זיך בשעת מעשה אזוי ווי צוגעשמידט צו דעם קאָלנער פון זיין שלאָפראָק. צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ האָט ער פאַר זיך געמורמעלט :

„אז עס דאַרף איינעם געהן שלעכט, דאַן קומט עס מיט אמאָל ווי ס'דאַרף צו זיין... גאַנצע האַרמאַטען־ווייז..."

„און וואו איז ערגעץ וויערא ?" האָט איליא געפרעגט פערטראַכט.

„וויים דער טייוועל וואו זי איז," האָט גראַטשעוו געזאָגט מיט א ביטערן שמייכעל.

„זי קומט גאָר ניט געוואָהר ווערן וואָס דו מאַכסט ?"

„איינמאָל איז זי דאָ געווען — אבער איך האָב זי דורכגעטריבען.. כ'קען זי ניט אָנקוקען, די געמיינע פּראָסטיטוטקע !" האָט זיך פּאַוועל אַבגערופען מיט כעס.

איליא האָט מיט פאָרוואורף א קוק געטהאָן אויף זיין קראַנקען פּנים און האָט געזאָגט : „וואָס רעדסט דו דאָ פאַר נארישקייטען ?... אויב דו פערלאַנגסט גערעכטיגקייט, טו זיי זשע דו אליין אויך גע־

רעכט... אין וואָס בעשטעהט איהר שולד? בארעכען זיך אקאָרשט..."

„וועמען דען זאָל איך בעשולדיגען אז ניט איהר?" האָט פּאווּעל אויסגערופען מיט א פייערדיגער, דאָך מיט א פערדריקטער שטימע.

„וועמען? זאָג דו אליין! כ'ליג אָפּט אָב די גאנצע נאכט און טראכט, דורך וואָס פּאַרט איז מיין לעבען אזוי אוועק אין ניוועץ? נור דורך דעם, וואָס איך האָב ליעב געקראָגען וויערא'ן... זי איז פאר מיר אלעס געווען: מוטער, שוועסטער, ווייב און פריינד... ווי אזוי איך האָב זי געליעבט, דאָס קען מען מיט קיין ווערטער ניט זאָגען... און אפילו מיט קיין שטערן־שריפט אויף'ן הימעל ניט אויפשרייבען..."

פּאווּעל'ס אויגען זיינען רויט געוואָרען, און צוויי טרעהרען האָ־בען זיך דערנאָך פון זיי אראָבגעקאטשעט אויף זיינע באקען. ער האָט זיי אָבגעווישט מיט'ן ארבעל פון זיין שלאָפראָק און שטילערהייט האָט ער ווייטער געזאָגט:

„אזוי ווי א שטיין האָט זי זיך מיר געלייגט אין וועג, און איך האָב זיך אָן איהר פערטשעפּעט און בין געפאַלען..."

„אָט דאָס אלץ איז ניט ריכטיג," האָט זיך אָבגערופען לונעוו, וועלכער האָט גאנץ דייטליך געפיהלט, אז ער האָט אויף וויערא'ן נאָך מעהר רחמנות ווי אויף זיין פריינד פּאווּעל. „וואָס פאר א וועג איז עס דען געווען? דו האָסט דאָך גאר קיין וועג ניט געהאט... אָט דאָס אלץ איז ניט מעהר ווי פּוסטע ווערטער... דו האָסט פערזוכט דעם מעהד און האָסט איהם געריהמט, אז ער איז שטארק! און אצונד, אז דו האָסט זיך מיט איהם אָנגע'שכור'ט, ביסט דו ברוגז און שרייסט, אז ער איז בערוישענדיג... און וואָס איז מיט איהר אליין? זי איז דאָך מן הסתם אויך אָנגעשטעקט?"

„נו, געוויס איז זי עס אויך," האָט פּאווּעל געענטפערט, און מיט א ריהרענדער, ציטערנדיגער שטימע האָט ער דאן געזאָגט:

„אָט אפנים דו מיינסט, אז איך האָב גאָר אויף איהר קיין רחמנות ניט?"

„אלזאָ!... ווי קען עס דען אנדערש זיין?!"

„איך בין בייז אויף איהר... אויף וועמען דען זאָל איך בייז זיין, אז ניט אויף איהר? איך האָב זי דורכגעטריבען... און אז זי איז אוועק פון מיר און האָט אָנגעהויבען וויינען... אזוי שטילינקערהייט,

אזוי ביטער — האָט דאָס מיר פערקוועטשט ביים הארצען... ס'האָט זיך מיר אליין געוואָלט וויינען, אבער אַנשטאָט טרעהרען האָב איך אין יענער שטונדע נור שטיינער געהאט אין מיין זעעלע... און דאָ האָב איך גענומען נאָכדענקען איבער דעם אלעמען... אַך, איליא, דאָס לעבען איז מיר ווירקליך דערווידער..."

„יאָ", האָט לונעוו געזאָגט, אויסציהענדיג דאָס וואָרט און גע־בענדיג דערביי אַ מאָדנעם שמייכעל. „אַט אזוי געהט עס שוין צו... דאָ אין לעבען! ס'האָט אונז אלעמען אַ פּאַק געטהאָן ביים גאָרגעל און ווערגט און ווערגט אונז. דעם גוטען יאקאָוו פערביטערט זיין פּאָ־טער דאָס לעבען, מאשוטקא'ן גיט מען אוועק עפּעס אַן אלטען טייוועל פאר אַ ווייב, דו שטעקסט דאָ אין שפּיטאָל..."

ער האָט פּלוצלונג אָנגעהויבען שטיל צו שמייכלען און מיט אַ פערדריקטען טאָן האָט ער געזאָגט:

„נור איך אליין האָב גליק! בנאמנות! כ'דארף נור עפּעס ווע־לען—אהאָ, ס'שטעהט גרייט פאר מיר!"

„וואָס הייסט?" האָט פּאוועל אַ פרעג געטהאָן מיט נייגיריגקייט, ניט אָנגעהמענדיג איליא'ס רייד פאר ערנסט.

„מעגסט מיר גלויבען, כ'האָב גליק... ס'ציהט און ציהט מיך אלץ ווייטער אריין."

„דאָס וואָס דו זאָגסט געפעלט מיר נישט," האָט פּאוועל געזאָגט און האָט קיין אויג ניט אראָבגענומען פון זיין פריינד. „אַט אפּנים, דו מאכסט זיך לוסטיג איבער זיך אליין, וואָס?"

„ניין — ס'איז אַן אנדערער, וואָס מאכט זיך לוסטיג איבער מיר," האָט זיך איליא מיט אַ טרויעריגער מיענע אָבגערופען. „איבער אונז אלעמען מאכט זיך אימיצער לוסטיג... כ'וואָלט דיר געקענט עט־ליכע פערשיעדענע זאכען דערצעהלען... וואוהין איך זאָל זיך ניט אַ קעהר טהאָן אין לעבען — ניטאָ אין ערגעץ קיין גערעכטיגקייט..."

„כ'זעה דאָס אויך אזוי ווי דו," האָט זיך פּאוועל אָנגערופען אין דער שטיל, אבער דאך פון טיעפען הארצען. „קום לאָמיר אריבערגעהן אהין אין יענעם ווינקעל, דאָ..."

און זיי זיינען דורכגעגאנגען דעם קאָרידאָר, איינער לעבען דעם דעם אנדערן, און האָבען זיך ארייגעקוקט איינער דעם צווייטען אין

די אויגען. אויף פאוועל'ס באקען האבען זיך בעוויזען רויטע פלע־קען, און זיינע אויגען האבען געפונקעלט העל און לעבעדיג, אזוי ווי פריהער, בשעת ער איז נאך געזונד געווען.

„און איך זעה, ווי אזוי זיי שינדען אונז איינעם אב די הויט פאסענוויין," האט ער איליא'ן שטילערהייט אריינגעזאגט אין אויער אריין. „וואס דו זאלסט ניט זעהן פאר די אויגען, קיין זאך איז ניט פאר אונז..."

„אט דאס איז עס טאקי!"

„אלצדינג פאר אנדערע לייט. לאמיר, צום ביישפיעל, נעהמען מיין מיידעל. זי איז געווען אזוי גוט ווי מיין פרוי, כאטש מיר האבען ניט חתונה געהאט... איך דארף זי האבען אין גאנצען, ניט געטהיילט. יעדער מאן וויל האבען זיין פרוי אין גאנצען פאר זיך! איך אבער קען מיינע ניט האבען פאר מיר אליין... און אויך זי קען ניט מיט מיר אליין צוזאמענלעבען אזוי ווי זי וואלט עס געוואלט.. פון וואנען קומט עס? אה—פערשטעהט זיך, דערפון וואס איך בין ארעם? גאנץ שעהן — אבער איך ארבייט דאך, ניט אמת? מיין גאנץ לעבען לאנג, פון מיין צעהנטען יאהר אן, האב איך געמוזט טהאן אלערליי שווערע ארבייט. טו ערלויב זשע מיר וויינינגסטענס דערפאר צו לעבען!..."

„פעטרושקא פילימאנאוו לעבט זיך, ניט טהוענדיג קיין שום ארבייט, אזוי לייכט און גוט און קען אלצדינג האבען, וואס זיין הארץ גלוסט—אלץ טהאן, וואס נור ער וויל... פארוואס קומט עס איהם?" האט איליא געבראכט א הסכמה צו זיין פריינד'ס ווערטער און האט בשעת מעשה ארויסגעשאסען מיט א שפאטישען געלעכטער.

„דער דאקטאר צושרייט זיך אויף מיר אזוי ווי אויף אן ארעם־טאנט... פארוואס?" האט גראטשעוו ווייטער געזאגט. „ער איז א גע־בילדעטער מענש, ער האט געמעגט אביסעל אנשטענדיגער רעדען. איך בין דאך א מענש, ניט אמת?... אדער ניט? און אט דאס איז דאס טאקי.. כ'האב דורכגעטריבען וויערקא'ן... אבער איך ווייס גאנץ גוט, אז זי איז גאר ניט שולדיג...

„ניט דער שטעקען פערשאפט די שמערצען, נאר דער, וואס בע־נוצט זיך מיט איהם..."

זיי זיינען געבליבען שטעהן אין א האלב־דונקעלען ווינקעל פון

קאַרידאַר, לעבען פענסטער מיט די געלע שויבען, און דאַ, צוגעטוליעט איינער צום צווייטען, האָבען זיי פאַרטגעזעצט זייער וואַרעמען געשפּרעך. פון ערגעץ וואו פון דער ווייטען האָט מען ווידער געקענט הערען דאָס שווערע זיפצען און קרעכצען. די דאָזיגע מאָנאָטאָנע זיפצעריי האָט געקלונגען אַזוי ווי דער דומפּפּער טאָן פון אַ באַס־סטרונע, אויף וועלכער אימיצער גיט פון צייט צו צייט אַ קלאַפּ און וועלכע קלינגט דערנאָך אַב אַליין, ציטערנדיג, מיעד און האָפנונגסלאָז, פונקט ווי זי וואָלט וויסען, אַז ס'איז אין ערגעץ ניטאָ אַ לעבעדיג האַרץ, וואָס זאָל קענען בעגרייפען איהר שמערצליכען ציטערן, איהר ביטערן געוויין. פּאַוועל איז געווען צוקאַכט, מוראָ'דיג אויפגערעגט וועגען די צרות, וואָס ער האָט זיך אַזוי שטאַרק אָנגעליטען אין לעבען. אויך ער האָט געציטערט, ווי יענע, פאַר אויפרעגונג, און האַסטיג, אָהן אַ שום צוזאַמענהאַנג האָט ער אויסגעגאָסען זיין ביטער האַרץ פאַר זיין פריינד. און איליאַ האָט געפיהלט, אַזוי ווי פּאַוועל'ס ווערטער וואָלטען ווי פונקען ארויסגעשפּריצט פון זיין האַרצען און וואָלטען אין זיין אייגענער ברוסט אויפגעוועקט יענעם דונקעלען, רעוואָלטירענדען געפיהל, וואָס פלעגט איהם אַלץ שטענדיג בעאונרוהיגען. איהם האָט זיך עפּעס אויסגעדוכט, אַזוי ווי אויף דעם פּלאַץ פון די פינסטערע, בייזע צווייפלען, מיט וועלכע ער האָט ביז אַהער פערבראַכט זיין לעבען, האָט איצט עפּעס אַנדערש אויפגעפלאַמט אין זיין נשמה. וואָס האָט פערטריבען דעם חשק פון איהר און וואָס וועט איהר אויף אימער שאַפען ערלייכטערונג און רוה.

„פאַרוואָס פאַרט ביסט דו הייליג און אָבגעהיט פון שלעכטס, ווען דו ביסט זאַט? פאַרוואָס ביסט דו גערעכט, ווען דו ביסט נור געלערנט?“ האָט פּאַוועל געזאָגט, שטעהענדיג צוגעטוליעט מיט'ן האַרצען צו איליאַ'ן, און ער האָט זיך בשעת מעשה אומגעקוקט, אַזוי ווי ער וואָלט געפיהלט ניט ווייט פון זיך דעם אונבעקאַנטען שונא זיינעם, וואָס האָט געמאַכט אַזאַ תל פון זיין לעבען. „נו גוט,“ האָט ער ווייטער געזאָגט — „זאָל זיין איך בין הונגעריג, זאָל זיין איך בין דום... אַבער אַ נשמה האָב איך דאָך! אָדער האָט דער הונגעריגער מענש אפשר גאָר קיין נשמה ניט? איך זעה, אַז איך האָב ניט קיין ריכטיגעס, ווירקליכעס לעבען — זיי האָבען צוקאַליעטשעט מיין לע־

בען, מיינע ווינשע האָבען זיי אָבגעשניטען און אַלע מיינע וועגען מיט וועגד, מיט גאַנצע מויערן פערשטעלט... פאַרוואָס?"

„קיינער קען ניט זאָגען פאַרוואָס," האָט איליאַ געענטפערט מיט אַ האַרטען טאָן. „און ס'איז גאָר ניטאָ קיינער ביי וועמען צו פרעגען. ווער וועט דען פערשטעהן אונזערע ווערטער? מיר זיינען אַלעמען פרעמד..."

„אַזוי איז עס... מיט וועמען זאָלען מיר רידען?" האָט פּאַוועל געפרעגט, אַ מאַך טהאָנדיג מיט דער האַנד, אַזוי ווי ער וואָלט זיך שוין פון אַלצדינג מיאש געווען.

פערזונקען אין אַ ים מחשבות איז לונעוו געשטאַנען און געקוקט פאַר זיך אין דער לענג פון קאָרידאָר. דאָס דומפּפּע קרעכצען האָט זיך פון דאָס ניי געלאָזט הערען — איצט, ווען זיי האָבען געשוויגען, האָט עס געקלונגען דייטליכער און קלעהרער. ס'האָט אויסגעוויזען, אַזוי ווי עס וואָלט געקומען פון דער ברוסט פון אַ גרויסען, שטאַרקען מאַן, וואָס ליידט אַ מורא'דיגען שמערץ...

„ביסט נאָך אַלץ צוזאַמען מיט אָלימפּיאַדאַ'ן?" האָט פּאַוועל געפרעגט זיין פריינד.

„יאַ—נאָך אַלץ," האָט איליאַ געענטפערט מיט אַ שמייכעל. „און וואָס זאָגסט דו בעסער דערצו?" האָט ער זיך דערנאָך אָבגערופען מיט אַ מאָדנעם שמייכעל — „יאַקאָוו איז אַזוי ווייט פערקראָכען מיט זיי־נע ביכער, אַז ער צווייפעלט שוין אין גאָט..."

„טאַקי?"

„יאַ... ער האָט געפונען אַזאַ מין בוך... און דו — וואָס דענקסט דו מכח דעם?"

„איך, זעהסט דו..." האָט פּאַוועל געענטפערט מיט אַ פערטראַכטע מיענע — „איך האָב וועגען דעם ניט נאָכגעדענקט... אין קירכע געה איך ניט..."

„און איך דענק נאָך וועגען דעם... זעהר פיעל דענק איך דעריבער נאָך... און איך קען גאָר ניט בעגרייפען, ווי אַזוי גאָט קען דאָס אַלעס צוזעהן און שווייגען..."

און זיי האָבען זיך ווידער אַמאָל אַריינגעלאָזט אין אַ געשפּרעך פון אָבגעריסענע, ניט דערענדיגטע פראַזען, וועלכע זיי האָבען אַרויס־

גערעדט גאנץ גיך. און פערטיעפט אין זייער אונטערהאלטונג, זיינען זיי אזוי לאנג געבליבען שטעהן איינער לעבען אנדערן, ביז וואנען א משרת פון שפיטאל איז צוגעגאנגען צו זיי און מיט א שטרענגען טאן האט ער לונעוו'ן געפרעגט:

„וואס בעהאלטסט דו זיך עפעס דא — הא?"

„איך בעהאלט זיך גאר ניט..." האט איליא געזאגט.

„דו זעהסט דען ניט, אז אלע געסט זיינען שוין אוועק?"

„כ'האב עס ניט געזעהן... נו, זיי געזונד, פאוועל! געה אמאל אריין צו יאקאוו'ן, געוואהר ווערען וואס ער מאכט!..."

„נא, גיכער, גיכער, ארויס!"

„קום באלד ווידער.. אום גאטעס ווילען!" האט זיך גראטשעוו געבעטען.

„כ'האב דאך איך שוין איינמאל געזאגט: צוגעהט איך איינע פון די אנדערע!" האט דער משרת קאמאנדעוועט.

דאן איז ער נאכגעגאנגען נאך איליא'ן און האט געמורמעלט הינטער איהם:

„א שעהנע חברה!... ארומטרייבער!... שלייען זיך ארום אין די ווינקלען..."

איליא האט גענומען געהן לאנגזאמער, און אז דער דיענער איז צוגעקומען לעבען איהם, האט ער רוהיג און מיט א גיפטיגער שטימע געזאגט:

„שריי ניט אזוי, סאלדאט — אניט זאג איך: שטום, די הונד!"

דער משרת איז פלוצלונג געבליבען שטעהן, לונעוו אבער איז גיך אוועק זיין וועג און ס'האט איהם הנאה געטהאן, וואס ער האט אי־מיצען אנגעזידעלט...

אויף דער גאס האט ער גענומען נאכדענקען וועגען דעם שיק־זאל פון זיינע פריינד. פאוועל האט פון קליינוויייז אויף זיך ארומגע־טריבען, איז שוין אין טורמע געזעסען און שטענדיג געארבייט שווער און ביטער פאר זיין לעבען... וויפיעל הונגער, קעלט און קלעפ איז ער אויסגעשטאנען! און צום סוף איז ער גאר אין שפיטאל. מאשא וועט אפשר קיינמאל קיין גליקליכע מינוט ניט האבען. און יאקאוו האט אויך ניט... ווי אזוי קען א יאקאוו זיך בעשיצען אין דער דאזי־

נער וועלט?

לונעוו האָט געזעהן, אז אין דער ווירקליכקייט איז ער נאָך דער גליקליכסטער פון אלע פיער, ער לעבט בעסער און אנגענעהמער פון זיי אלעמען. אבער אָט דער געדאנק האָט איהם לחלוטין ניט צו־פריעדען געשטעלט. ער האָט נור געשמייכעלט און מיט א פערדעכ־טיגען בליק זיך אומגעקוקט ארום זיך...

3.

אין זיין נייער קוואַטיר האָט זיך איליא רוהיג איינגעלעבט, און זיינע בעלי בתים האָבען איהם גאנץ שטארק פעראינטערעסירט. די בעל הבית'טע האָט געהייסען טאַטיאַנאַ וולאַסיעוונא. זי איז געווען מונטער ווי א פויגעלע, שטענדיג אויפגעלייגט צום פלוידערן, און עט־ליכע טעג נאָכדעם ווי איליא האָט זיך אריינגעצויגען אין בלויען צי־מערל, האָט זי שוין איהר נייעם קוואַרטיראַנט אויסדערצעהלט אלע איינצעלהייטען פון איהר לעבען.

יעדען אין דער פריה, ווען איליא איז געזעסען אין זיין צימער און געטרונקען טהעע, פלעגט זי שטעהן אין קיך, אנגעטהאָן אין א פאַרטוך מיט פערקאַטשעטע ארבעל ביז די עלענבויגענס. איינמאָל האָט זי אויך אריינגעקוקט צו איהם אין שטיבעל און מיט א מונטערן שמייכעל געזאָגט:

„מיר זיינען ניט קיין רייכע לייט, איך און מיין מאַן — נאָר מיר זיינען געבילדעט און אינטעליגענט... איך בין געגאַנגען אין פראָ־גימנאַזיע, און ער איז זאָגאר געווען אין דער אַפּיצירקע שוהלע, כאָטש דורכגעמאכט האָט ער ניט אין גאנצען. אבער מיר ווילען זיין רייך. און מיר וועלען עס ערגרייכען... קיין קינדער האָבען מיר ניט—זיי זיי־נען א צו גרויסע הוצאה. איך קאָך אליין, כ'געה אליין אין מאַרק אריין איינקויפען, און פאַר די אנדערע ארבייט האַלט איך א מיידעל, וואָס וואוינט ביי זיך אין דערהיים, און איך צאָהל איהר אנדער־האַלבען רובעל אַ חודש. איהר זעהט אַלזאָ, וואָס איך שפּאָר דאָ איין!..."

זי איז געבליבען שטעהן אין דער טהיר, און א טרייסעל טהאַענ־דיג מיט איהרע גענרייזעלטע האָר, האָט זי גענומען אויסרעכענען:
„שכירות פאר דער קעכין — דריי רובעל, קעסט פאר דער קעכין — זיבען רובעל, איז צעהן רובעל.. א דריי רובעל לאָטכענט זי אוועק יעדען מאָנאט — דרייצעהן רובעל. איהר צימער פערדינג איך אייך — איז א סומע פון אכצעהן רובעל. אזוי טהייער, זעהט איהר, קאָסט אייך א קעכין! א חוץ דעם קויף איך אלצדינג אנגראָ, מיט אמאָל: פוטער — א האלבען פוד; מעהל—אַ גאנצען זאק; צוקער מיט אמאָל א גאנצען קאָפּ, און אזוי ווייטער.. דעריין שפּאָר איך ווידער א צוועלף רובעל — איז דרייסיג רובעל. אז איך וואָלט ערגעץ־וואו, ביי דער פּאָליציי אָדער אין א טעלעגראפען־ביורא, א שטעלע געהאַט, וואָלט איך נור געארבייט פאר דער קעכין. און איצט קאָסט איך מיין מאַן גאָרנישט און כ'בין שטאָלץ דערויף. אַט אזוי מוז מען עס פער־שטעהן. ווי אזוי זיך איינצוצאָרדנען אין לעבען... לערנט זיך, יונגער מאַן!...“

זי האָט מיט איהרע מונטערע אויגען גנב'יש אריינגעקוקט איליא'ן אין געזיכט אריין, און ער האָט צוגעשמייכעלט דערביי. זי איז איהם געפעלען און האָט אויך ערוועקט אין איהם א געוויסען רעספּעקט צו איהר. אין דער פריה, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, פלעגט זי שוין זיין פערנומען אין קיך, שאַפענדיג דאָרט צוזאַמען מיט א נידעריג, מיאוס מיידעל, וועלכע פלעגט קוקען ווי א גולם מיט איהרע דערשראָקענע, פאַרבלאָזע אויגען אויף איהר בעל הבית'טע און אויף אלץ וואָס האָט זי אַרומגערינגעלט. אין אָבענד, אז איליא פלעגט קו־מען אהיים, האָט טאַטיאָנא וולאסיעוונא איהם תמיד געעפענט די טהיר — שלאַנק, מיט א שמייכעל אויף די ליפּען און אָבגעבענדיג פון זיך אן אנגענעהמען ריח פון א פּארפיום, מיט וועלכען זי פלעגט זיך בעגיסען. איז איהר מאַן געווען אין דערהיים, פלעגט ער שפּיעלען אויף דער גיטאַרע און זי פלעגט איהם בעגלייטען מיט איהר קלאָהרער שטימע, אָדער זיי פלעגען זיך אנידערזעצען ביים קאָרטען־טישעל שפּיעלען אין קושען. איליא האָט פון זיין צימער געקענט אלצדינג הע־רען: די טענער פון די סטרונעס, וועלכע האָבען אמאָל געקלונגען לוסטיג און אמאָל געפּיהלפּאָל, דאָס טאַשען פון די קאָרטען און דאָס

שמאַטשקען פון די ליפּען. זייער וואוינונג איז בעשטאַנען פון צוויי צימערן: דאָס שלאָפצימער און אַ צווייטע שטוב, וועלכע האָט זיך געגרענעצט מיט איליאַ'ס שטיבעל, און וואָס האָט געדיענט אי פאַר אן עסס־שטוב, אי פאַר אַ צימער אויפצונעהמען געסט און צו פערברייננגען דאָרט די אָבענדען... אין דער פריה פלעגט מען אין דעם צימער הערען העלע, פרעהליכע שטימען פון פערשיעדענע פויגעלאך, וועלכע האָבען אָבגעגעבען קאָנצערט און אריבערגעיאָגט איינע די אנדערע אין זייער געזאַנג.

טאַטיאַנאַ וולאַסעוונאַ'ס מאַן, קיריק ניקאָדימאָוויטש אווטאָנאָמאָוו, איז געווען אַ מאַן פון זעקס און צוואַנציג יאָהר, הויך־געוואַקסען, פול, מיט אַ גרויסער נאָז און מיט שווארצע צייהן. זיין גוטמוטהיגעס געזיכט איז געווען געדיכט בעדעקט מיט פרישטשיקלעך, און זיינע וואסער־בלויע אויגען האָבען אויף אַלצדינג געקוקט מיט אַן אונערשראָקענעם, רוהיגען בליק. זיינע קורצגעשאָרענע, העלע האָר זייַנען תמיד אָבגעשטאַנען אזוי ווי אַ בערשטעל פון קאָפּ, און קיריק אווטאָנאָמאָוו'ס גאַנצע אומגעלומפּערטע געשטאַלט האָט עפּעס געהאַט אַ לעבערליכען אויסדרוק; קוים וואָס ער האָט זיך געריהרט פון אָרט. אזוי גיך ווי ער האָט זיך נור בעגעגענט מיט איליאַ'ן, האָט ער מיט איהם געמאַכט אַ שמועס, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט וועלען אויסגעפינען וואָס פאַר אַ סאָרט מענש ער איז:

„האָסט ליעב זינג־פייגעל?"

„זעהר..."

„כאַפּסט דו וועלכע?"

„ניין..." האָט איליאַ געענטפערט, אַנקוקענדיג פערוואונדערט דעם נאַדזיראַטעל.

אווטאָנאָמאָוו האָט פערדרעהט די נאָז, האָט זיך פערטראַכט אויף אַ ווײַלע און דערנאָך געזאָגט:

„און פריהער האָסט דו געכאַפּט וועלכע?"

„ניין. פריהער אויך ניט..."

„קיינמאָל ניט..."

קיריק אווטאָנאָמאָוו האָט אַ שמייכעל געטהאָן און זיך אָבגערופען:

„דו האָסט זיי אַלזאָ ניט ליעב, אַז דו האָסט קיינמאָל ניט געכאַפּט וועלכע פון זיי... און איך האָב זיי ליעב און האָב זיי געכאַפּט און טאַקי דערפאַר האָט מען מיך פון דער אָפּיצירסקער שולע אַרויסגעוואָרפען... אויך יעצט וואָלט איך גערן געכאַפּט פייגעל, נאָר כ'וויל מיינע עלצטע ניט אויפרייסען די אויגען. וואָרים כאָטש די ליעבשאַפּט צו זינג־פייגעל ווערט בעטראַכט פאַר אַ גוטע, איידעלע זאַך, איז אָבער דאָס כאַפּען פון זינג־פייגעל אַזאַ צייט־פערטרייב, וואָס פּאַסט ניט פאַר אַ סאָלידען מענשען ווי איך בין... אַז איך וואָלט געווען דו, וואָלט איך ניט אַנדערש נור געכאַפּט קאַנאַריקעס! דער קאַנאַריק איז אַ פרעהליכער פויגעל. דעריבער טאַקי רופט מען איהם גאָטספויגעל...“

בשעת'ן רעדען האָט אווטאָנאָמאָוו מיט אַ פאַנטאַסטישען אויסדרוק אַריינגעקוקט איליאַ'ן אין געזיכט אַריין, און לונעוו האָט זיך געפיהלט עפּעס גאָר ניט היימליך, הערענדיג זיינע מאָדנע ווערטער. עס האָט זיך איהם געדוכט, אַז דער נאַרזיראַטעל האָט וועגען די זינג־פייגעל גערעדט אין אַן אַלעגאָרישען, פערשטעלטען זין, מיינענדיג עפּעס גאָר אַן אַנדער זאַך דערביי. איליאַ'ן האָט דאָס האַרץ געציטערט און ער האָט אויפגעשטעלט מויל און אויערן צו הערען וואָס וועט אווטאָנאָמאָוו ווייטער זאָגען. אָבער דעם נאַדזיראַטעל'ס וואַסער־בלויע אויגען האָבען איהם בערוהיגט, ער איז געווען ביי זיך זיכער, אַז דער מאַן איז אַ גאַנץ פּראָסטער, אונשעדליכער מענש, אָהן וועלכע עס איז איבערשפּיצלאַך. פון העפליכקייט האָט איליאַ צוגעשמייכעלט און אַלס ענטפער אויף קיריקי'ס ווערטער האָט ער עפּעס געמורמעלט פאַר זיך. דעם נאַדזיראַטעל איז אָפּנים געפעלען איליאַ'ס בענעהמען און זיין ערנסט געזיכט, און ער האָט מיט אַ שמייכעל געזאָגט:

„קום אַמאָל אַריין אָבענד צייט צו אונז צום טהעע.. מיר זיינען איינפאַכע לייט, האָסט זיך ניט וואָס צו זשעניערען פאַר אונז, קענסט אַריינקומען.. מיר וועלען שפּיעלען אין קאָרטען... געסט האָבען מיר זעלטען. האָבען ביי זיך געסט איז אַ גאַנץ אַנגענעהמע זאַך, אָבער מען מוז זיי צונעהמען, זיי געבען כיבוד, און דאָס איז גאָר ניט אַנגענעהם, מחמת עס קאָסט טהייער!“

וואָס לענגער איליאַ האָט בעטראַכט דאָס בעקוועמע לעבען פון

זיינע בעלי בתים, אַלץ בעסער זיינען זיי איהם געפעלען. אַלץ איז ביי זיי געווען אַזוי זויבער און סאָליד, אַלץ איז געשעהן אַזוי שטיל, רו־היג, און ס׳האָט אויסגעוויזען, אַז זיי זיינען שטאַרק צוגעלאָזען איינע צו די אַנדערע. די קליינע פלינקע פרוי האָט אויסגעזעהן ווי אַ פרעה־ליך שפּרינגג־פויגעלע און דער מאַן איהרער ווי אַ גימפּעל, אַ גרויסער אומגעלומפּערטער פויגעל, וואָס קען זיך ניט ריהרען פון אָרט. און ביי זיי איז שטוב איז געווען אַזוי גוט און אַנגענעהם, פּונקט ווי אין אַ פויגעל־נעסט. אַז לונעוו פלעגט קומען אַבענד־צייט אַהיים, האָט ער זיך צוגעהערט, ווי זיינע בעלי בתים אונטערהאַלטען זיך און ער האָט זיך ביי זיך געטראַכט:

„אַט דאָס הייסט געלעבט!"

און פול מיט קנאה האָט ער געזיפצט און אַלץ שטאַרקער גע־טרוימט פון דער צייט, ווען ער וועט זיך אויפמאַכען זיין קלייטעל און האָבען אַן אייגען, קליין, זויבער צימערל — דאָרט וועט ער זיך האַלטען פויגעלאַך און זיך לעבען פאַר זיך, שטיל, רעגעלמעסיג און רוהיג, אַזוי ווי אין חלום... הינטער דער וואַנד האָט טאַטיאַנאַ וולאַ־סיעוונאַ דערצעהלט דעם מאַן וואָס זי האָט איינגעקויפט אין מאַרק, וויפיעל זי האָט אויסגעגעבען און וויפיעל איינגעשפּאַרט, און איהר מאַן האָט געלאַכט, גאַר אַנגעקוואָלען פון נחת און זי געלויבט:

„אַך, מיין קלוג ווייבעלע! מיין ליעב קליין פויגעלע!... קום אַהער, גיב מיר אַ קוש..."

דערנאָך האָט ער אַנגעהויבען דערצעהלען וואָס איז אין יענעם טאָג פאָרגעקומען אין שטאָדט, וועגען די פּראָטאָקאָלען, וואָס ער האָט אָבגענומען, וועגען דעם, וואָס דער פּאָליציימייסטער אָדער אַן אַנדער טשינאָווניק האָט איהם געזאָגט... זיי האָבען גערעדט פון דער מעגליכקייט צו קריגען געהעכערט די שכירות און דערביי האָט זיך ביי זיי דערוועקט אַ פראַגע, צו זיי זאָלען אין אַזאַ פאַל נעהמען אַ גרע־סערע דירה אָדער ניט.

איליאַ איז געלעגען און זיך צוגעהערט צו די אַלע רייד, און פּלוצלונג איז אויף איהם אַנגעפאַלען אַ מורא׳דיגע לאַנגווייליגקייט. ס׳איז איהם צו ענג געוואָרען אין דעם קליינעם בלויען צימער. ער פלעגט זיך אַלע ווייליע אומקוקען, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט געזוכט די אורזאַכע

פון זיין מרה שחורה׳דיגקייט, און אז ער האָט שוין מעהר ניט גע־קענט אריבערטראָגען דעם דרוק וואָס איז געלעגען אויף זיין ברוסט, פלעגט ער זיך אויפהויבען און אוועקגעהן צו אַלימפּיאַדאַ׳ן אַדער אַזוי גלאט ארומלויפען א לאַנגע צייט אין די גאַסען, אָהן א שום צוועק.

אַלימפּיאַדאַ האָט וואָס ווייטער אַלץ מעהר טענות געהאַט צו איהם, זי האָט איהם געפּלאַגט מיט אייפערזוכט, און צווישען זיי האָ־בען געגומען אויסברעכען קריגערייען. זי איז געוואָרען שטארק אבגע־מאָגערט, איהרע אויגען זיינען איינגעפאַלען און דונקלער געוואָרען, איהרע אָרעמס דינער — און דאָס אַלץ איז איליאַ׳ן ניט געפעלען. אבער נאָך וועניגער איז איהם ניט געפעלען געוואָרען דאָס וואָס זי האָט זייט א שטיקעל צייט אָנגעהויבען ריידען פון געוויסען, פון גאָט, און מכח דעם, אַז זי וויל אריינגעהן אין א קלויסטער. איליאַ האָט ניט געגלויבט אין די אויפריכטיגקייט פון איהרע ווערטער, מחמת ער האָט געוואוסט, אַז זי וועט ניט זיין אים שטאַנד צו צוימען, איינצוהאַלטען איהר אונשטילבאַרען דורשט נאָך די לאַסטשערייען, נאָך די האַלזען און קושען פון א מאַן.

„פאַר מיר דאַרפסט דו ניט גאָט בעטען, אַז דו וועסט אריין אין קלויסטער," האָט ער זיך איינמאָל אבגערופען מיט א שפּאָטישען שמייכעל. „איך וועל זיך שוין אַליין אויספּראַווען מיט מיינע זינד..."

זי האָט איהם אָנגעקוקט מיט אויגען פול מורא און טרויעריג־קייט.

„הער אויס, איליאַ — דערמיט איז ניטאָ וואָס צו טרייבען שפּאַס!" האָט זי געזאָגט.

„כ׳דענק דאָך אבער ווירקליך אַזוי!..."

„דו גלויבסט, הייסט עס, ניט, אַז איך וועל אריין אין קלויס־טער...? וועסט דאָך זעהן... דאַן וועסט דו שוין גלויבען!"

„ניט דאָס... כ׳גלויב עס דיר!... פאַראַן מענשען וואָס געהען זאָ־גאַר אויף צו להכעיס אריין אין קלויסטער!..."

אַלימפּיאַדאַ איז געוואָרען אויפגעבראַכט אויף איהם און זיי האָ־בען זיך גוט צוקריגט.

„אונגליקליכער, שטאָלצער מענש וואָס דו ביסט!" האָט זי זיך

צושריגען אויף איהם, און איהרע אויגען האָבען געשאָסען מיט פייער.
„נישקשה, וואַרט אקאַרשט! מענסט בלאָזען פון זיך וויפיעל דו ווילסט מיט דיין שטאָלץ — דו וועסט איינגעבויגען ווערן!... מיט וואָס ביסט דו פאַרט אזוי שטאָלץ? מיט דיין יוגענד און שעהנקייט? אלצ־דינג וועט פערגעהן, אלצדינג... און דו וועסט זיך בעטען, אויסציהען. מען זאָל אויף דיר רחמנות האָבען. אבער קיין מענש וועט זיך אויף דיר ניט דערבאַרעמען..."

זי האָט איהם געמאַכט פערשיעדענע פּאַרוגירפּע, און איהרע אויגען זיינען בעת מעשה אזוי פערלאַפען געוואָרען מיט בלוט, אז עס האָט אויסגעוויזען, אז אָט אָט פליסט עס ארויס אין גרויסע טראָפּענס, אזוי ווי טרעהרען איבער איהרע באַקען. אין זייערע קריעגערייען פלעגט זי קיינמאָל ניט ריידען מכח פּאַליועטקאָוו׳ס ערמאָרדונג, נאָר אין איהרע פרומע מינוטען פלעגט זי אלץ בעטען איליאַ׳ן צו פער־געסען „די דאָזיגע געשיכטע." לונעוו האָט זיך שטאַרק געוואונ־דערט איבער איהר הארטנעגיגקייט און איינמאָל, נאָך א קריג, האָט ער זי געפרעגט:

„ליפּאַ! זאָג אקאַרשט — ווי קומט עס וואָס בשעת דו קריגסט זיך מיט מיר דערמאָנסט דו קיין וואָרט ניט וועגען דעם אַלטען?"

זי האָט געענטפערט גלייך, ניט א טראַכט געבענדיג אפילו:

„ווייל אָט די זאַך איז ניט מיין און ניט דיין עסק. אויב זיי האָ־בען דיך ניט געפונען — איז א סימן, אז ס׳איז א מצוה אויף איהם. דו ביסט דערביי געוועזען דער אָרם און ניט די קראַפט... דו האָסט דאָך ניט געהאַט קיין שום גרונד, איהם צו דערוואָרגען, ווי דו אליין זאָגסט. אלזאָ, האָט ער דורך דיר נור זיין שטראָף געקראָגען..."

איליאַ האָט זיך צולאַכט, אזוי ווי ער וואָלט וועלען דערמיט אויסדריקען זיין ניט גלויבען אין איהרע רייד.

„אזוי—וי... כ׳האָב טאַקי נור וואָס געטראַכט דערפון, אז ווען א מענש איז ניט דום, מוז ער ניט אנדערש נאָר זיין א שווינדלער.. הא, הא הא! אלץ איז ער אים שטאַנד צו רעכטפערטיגען... אבי ער האָט נור נוצען דערפון!... און פונקט אזוי קען ער פון אלצדינג מאַכען א פערברעכען..."

„כ׳פערשטעה ניט וואָס דו זאָגסט," האָט זיך אָלימפּיאַדאַ אָב־

גערופען און האט דערביי צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ.

„וואס איז דא פאראן אזוינס וואס מען זאל ניט קענען פער־שטעהן?" האט איליא געפרעגט, געבענדיג דערביי א זיפץ און א ציה מיט די אקסלען. „זעהר איינפאך! ווייז מיר וואס עס איז אין לע־בען, וואס זאל בלייבען שטעהן ניט געריהרט אויף אלע צייטען, געפין מיר עפעס, וואס קיין ביטערער מענש מיט זיין גאנצער חכמה זאל ניט קענען פערדעכטיגען... געפין מיר עפעס וואס זאל זיין דוויער־האפט, שטארק: דו וועסט עס ניט געפינען!... אט וואס איך האב געוואלט זאגען. ניטא קיין שום פעסטשטעהענדע זאך אין לעבען. אלצדינג איז פיעלפארביג, אלץ ענדערט זיך... אויך די מענשליכע זעעלע—יא!..."

„כ'פערשטעה ניט וואס דו רעדסט," האט זי אין א ווײלע ארום געזאגט.

„און איך פערשטעה עס אזוי," האט איליא געענטפערט, „אז דא טאקי ליגט דער קנופ... וואס ווארגט און שטיקט אונז אלעמען..."

נאך איינעם פון די געוועהנליכע קריגערייען, אז איליא איז פיער טעג נאכאנאנד ניט געוועזען ביי אלימפיאדא'ן, האט ער פון איהר ער־האלטען א בריעף... זי האט געשריבען:

„טו זיי זשע מיר געזונד, מיין ליעבער איליושא, זיי געזונד אויף אימער, ווייל מיר וועלען זיך שוין קיינמאל מעהר ניט זעהן. ניט זוך מיך — דו וועסט מיך ניט געפינען. מיט דעם נעכסטען שיף פערלאז איך די דאזיגע אונגליקליכע שטאדט: אין איהר איז מיין זעעלע פאר מיין גאנצען לעבען לאנג צו גרונד געגאנגען. איך פאהר אוועק ווייט, ווייט פון דאנען און כ'וועל קיינמאל ניט צוריקקומען — ניט דענק פון מיר אוןווארט ניט אויף מיר. פאר אלעם גוטס, וואס דו האסט מיר געטהאן, דאנק איך דיר פון גאנצען הארצען, און דאס שלעכטס וועל איך פערגעסען. איך מוז דיר נאך זאגען דעם אמת, אז איך געה ניט אריין אין קלויסטער, נאר אז איך בין איינינג געווארען מיט דעם יונגען אנאניו, וועלכער איז שוין לאנג פערליעבט אין מיר און וועל־כער האט מיר פערקלאגט דעם קאפ, אז ער וועט זיך א מעשה אנטהאן, אויב איך וועל ניט געהן לעבען מיט איהם צוזאמען. נו, האב איך ענד־ליך איינגעוויליגט: פון מיינעטוועגען! מיר פאהרען אויפ'ן ים, אין

א דארף, וואו אנאנין האט עטליכע פישעריי־פלעצער. ער איז זעהר פראסט ביי זיך און ער וויל זאגאר חתונה האבען מיט מיר, דער גר־טער, דומער יונג! זיי געזונד! אזוי ווי אין חלום האב איך דיך גע־זעהן, און אז איך האב זיך אויפגעכאפט — איז גארנישט געווען! פערצייה דו מיר אויך! — ווען דו וואלסט געוואוסט, ווי דאס הארץ ברענט מיר פון בייענקעניש! איך קוש דיך, דו מיין איינציגער מענש. ניט האלט זיך גרוים פאר לייטען: מיר זיינען אלע אונגליקליך. רוהיג בין איך געווארען, איך, דיין ליפא, און כ'געה ווי צו דער שחיטה— אזוי טהוט מיר וועה מיין צוריסענע נשמה. אלימפיאדא שליקאווא. מיט דער פאסט האב איך דיר אן אנדענקען געשיקט—א רינג. טראג איהם, כ'בעט דיך. אל. ש."

איליא האט איבערגעלייענט דעם בריעף און צוזאמענגעביסען די ליפען אזוי שטארק, אז זיי האבען איהם וועה געטהאן. ער האט איהם געלייענט און ווידער אמאל געלייענט. און וואס עפטער ער האט דעם בריעף געלייענט, אלץ בעסער איז ער איהם געפעלען — ס'איז איהם אי שמערצליך, אי אנגענעהם געווען צו לעזען די ווערטער, גע־שריבען מיט איינפאכע, קרומע און גרויסע בוכשטאבען. פריהער האט איליא ניט נאכגעדענקט דעריבער, וואס פאר א סארט געפיהל דאס איז געווען, וואס די דאזיגע פרוי האט פאר איהם געהאט, איצט אבער האט זיך איהם אויסגעדוכט, אז אלימפיאדא האט איהם גע־ליעבט מיט דער גאנצער קראפט פון איהר נשמה, און לעזענדיג איהר בריעף, האט ער געפיהלט א טיפע בעפרידיגונג אין זיין הארצען. אבער די דאזיגע בעפרידיגונג איז ביסלאכוויז פערשוואונדען און אויף איהר פלאץ איז געקומען דער געדאנק, אז ער האט פערלארען א טייערן וועזען, אז ער וועט שוין איצט ניט האבען קיינעם, פאר וועמען אויסצוגיסען זיין ביטער הארץ. דאס האט איהם שטארק דערשלאגען. אלימפיאדא'ס בילד איז אצונד געשטאנען פאר זיינע אויגען. ער האט זיך דערמאנט אן איהרע ליידענשאפטליכע מאמענטען, אן איהרע פער־נינפטיגע רייד, אן איהרע וויצען, און אלץ דייטליכער האט ער דער־פיהלט א ביטער געפיהל פון בעדויערן אין זיין ברוסט. מיט א פער־טרויערטען פנים איז ער געשטאנען ביים פענסטער און האט ארויסגע־קוקט אין גארטען, און דארט, אין דער פינסטער, האבען שטיל גע־

רוישט די קליינע בוימלעך, און די דינע פעדימדיגע צווייגען פון דער בעריאָזא האָבען זיך ארומגעשאָקעלט אהין און אהער פון ווינד. הינ־טער דער וואנד האָט זיך געהערט דער קלאנג פון דער גיטארע, און טאַטיאַנאַ וולאסיעוונא האָט צוגעזונגען מיט איהר הויכער סאָפּראַן־שטימע:

„מעג ווער עס וויל אין טיפען ים
דעם גאָלדנעם בורשטין פינדען."

איליא האָט געהאלטען זיין געליעבטער'ס בריעף אין דער האנד און געטראַכט:

„אָט האָט זי, דוכט זיך, שטענדיג פערזיכערט, אז זי איז שטארק און ענטשלאָסען ביי זיך, און איך האָב איהר דאָס גליק געבראַכט... און דאָך האָט זי מיך אוועקגעוואָרפען... אָט אפנים, ס'האָט ניט גע־מוזט זיין אזוי גרויס, דאָס דאָזיגע גליק..."

ער האָט זיך געפיהלט שולדיג אנטקעגען אָלימפּיאַדאַ'ן, און פעררדרוס און מיטלייד האָבען איהם שטארק געדריקט דאָס הארץ.

„מיר נעהם קאָרשט נור מיין קליינעם רינג
ארויס פון זיינע גרינדען!"

האָט עס אָבגעקלונגען הינטער דער וואנד. דער נאַדזיראַטעל האָט זיך צולאַכט אויפ'ן קול, און די זינגערין איז אויך מיט א פרעהליך געלעכטער ארויסגעלאָפען אין קיך. דאָרט איז זי אבער גלייך אנשוויי־גען געוואָרען. איליא האָט געפיהלט, אז זי געפינט זיך איצט ערגענץ וואו גאנץ נאָהענט, דאָך האָט ער עפּעס ניט געוואָלט זיך אומקעהרען און א קוק טהאָן צו איהר, כאָטש ער האָט געוואוסט, אז די טהיר צו זיין צימער איז געשטאַנען אָפען. ער האָט זיך צוגעהערט צו זיי־נע אייגענע געדאנקען, ניט ריהרענדיג זיך פון אָרט, און ער האָט זיך געפיהלט זעהר איינזאם.

אויף דרויסען אין גאָרטען האָבען די בוימער געהאלטען אין איין שאָקלען זייערע צווייגען, און לונעוו'ן האָט זיך אויסגעדוכט, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט זיך אויסגעריסען פון דער ערד, אזוי ווי ער וואָלט ארומגעשוועבט ערגעץ דאָרט אין דרויסען אין קאַלטען שיין פון דער אנקומענדער נאַכט...

„איליא יאַקאָוולעוויטש! ווילט איהר טרינקען טהעע?" האָט זיך

געלאָזט הערען די קלינגענדע שטימע פון דער בעל הבית'טע.

„ניין...״ האָט איליא געענטפערט.

דורכ'ן פענסטער איז אריינגעקומען דער טיעפער קלאַנג פון א גלאָק. דער טרויעריגער, ווייכער טאָן האָט צוטרייסעלט אביסעל דאָס פענסטער און די שויבען האָבען א ווײַלע א ציטער געטהאָן, קוים וואָס מען האָט עס געהערט... איליא האָט זיך איבערגע'צלם'ט. ער האָט זיך דערמאָנט, אז ער איז שוין לאַנג ניט געוועזן אין קירכע און ער האָט זיך בענוצט מיט דער געלעגענהייט צו פערלאָזען דאָס הויז.

„כ'געה צום אָבענד־געבעט,״ האָט ער געזאָגט זיין בעל־הבית'טע, ארויסגעהענדיג פון זיין צימער.

טאַטיאַנאַ וולאַסיעוונאַ איז געשטאַנען ביי דער טהיר, האָט זיך אַנגעשפארט מיט די הענד אָן די טהיר־זײַלען און האָט איהם אַנגע־קוקט מיט נייגיריגע אויגען. איהר פאַרשענדער בליק האָט איליא'ן צו־טומעלט, און זיך ענטשולדיגענדיג פאר איהר האָט ער זיך אָבגע־רופען:

„כ'בין שוין לאַנג ניט געוועזן אין קירכע...״

„גוט, כ'וועל אָנגרייטען דעם סאַמאָוואר אויף ניין אזייגער,״ האָט זי געענטפערט.

אויפ'ן וועג צו דער קירכע האָט לונעוו געטראַכט וועגען דעם יונגען אָנאַנין. איליא האָט איהם געקענט: ער איז געוועזן א רייכער יונגער סוחר, א שותף פון דער פישער־פירמא „ברידער אָנאַנין״— א בלאָנדער, מאָגערער יונגער מאַן מיט א בלייכען פּנים און בלויע אויגען. ער האָט ערשט ניט לאַנג צוריק זיך אריינגעצויגען אין שטאָדט און האָט געפיהרט א לעבען אויפ'ן גרויסען, ברייטען שטייגער.

„דאָס הייסט אביסעל געלעבט,״ האָט זיך איליא געטראַכט מיט פערדרוס. „פונקט ווי א יונגער רויב־פויגעל, אזוי מאַכט ער עס: דוכט זיך, נור וואָס ער האָט די פעדערען אויף זיך געקראָגען, כאַפּט ער זיך שוין א טייבעלע...״

מיט א ביטער געמיטה איז ער אריין אין קירכע און האָט זיך אנידערגעשטעלט אין א דונקעלן ווינקעל, וואו ס'איז געשטאַנען דער לייטער אָנצוצינדען דעם גרויסען הייננ־לייכטער.

„גאָט דערבאַרם זיך!״ האָט מען געזונגען אויף דעם לינקען קיר־

כעז־כאַר. איין כאַר־איינגעל האָט געזונגען מיט אַן אונאַנגענעהמער שטימע, וואָס האָט געגרילצט אין די אויערן, און האָט זיך בשום אופן ניט געקענט אריינפּאַסען מיט דעם הייזעריגען, דומפּפען באַס פון'ם פּאַרזינגער. דער דאָזיגע ניט־האַרמאָנישע געזאַנג האָט איליא'ן נאָך מעהר פערביטערט דאָס הארץ און ס'האָט זיך איהם געוואָלט דעם איינגעל אָנדרעהן פאַר'ן אויער. דער געהייצטער אויווען האָט פאַנאַנדער־געשפּרייט א שטאַרקע היץ אין דעם ווינקעל. ס'האָט זיך געהערט א ריח פון פערברענטע שמאַטעס. אַן אַלטע פרוי אין אַ פּוטער איז צוגעגאַנגען צו איליא'ן, האָט איהם אריינגעקוקט אין געזיכט און מיט א בייזליכען טאָן געזאָגט:

„איהר שטעהט דאָ ניט אויף אייער פּלאַץ, מיין הערר...“

איליא האָט בעטראַכט דעם קאָלנער פון איהר פיינעם פוטער, וועלכער איז געווען פערפּוצט מיט פוקסענע עקלאַך, און איז זיך אוועק אַן אַ זייט, זיך טראַכטענדיג ביי זיך:

„זעה נור, אויך אין קירכע האָבען די רייכע געשעפטס־לייטע זייערע בעזונדערע ערטער...“

ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס ער איז געגאַנגען אין קירכע נאָך דעם פּאָליועקטאָוו־מאָרד, און אַז ער האָט זיך דערמאָנט אַן דעם, איז איהם ניט ווילענדיג אריבער א שוידער איבער'ן לייב. ער האָט געטראַכט וועגען זיין פערברעכען און האָט דעריבער פערגעסען אַן אַלעם אַנדערע. דאָך האָט איהם איצט דער געדאַנק מכח דעם שוין ניט מעהר געשראָקען, נאָר אָנגעפילט זיין הארץ מיט פערדרוס און טרויער.

„גאָט, דערבאַרם דיך!“ האָבען זיינע ליפּען געשעפּטשעט, זיך איבער'צלם'ענדיג דערביי. הויך און האַרמאָניש האָט איצט געקלונגען דאָס געזאַנג פון כאָר. די סאָפּראַן־שטימען, וועלכע האָבען קלאָהר און דייטליך אויסגערעדט דעם טעקסט, די ווערטער פון ליעד, האָבען אונטער דער הויכער, אויסגעהוילטער סטעליע אָבגעקלונגען אזוי ווי די העלע, ליעבליכע טענער פון פיינע גלעקלעך. די אַלט־שטימען האָבען געציטערט אזוי ווי א גוט־קלינגענדיגע, שטייף־אָנגעצויגענע סטרונע, און נאָך זייער אונאויפהערליכען קלאַנג, וועלכער האָט זיך געצויגען אזוי ווי א שטראָמענדער טייך, האָבען אָבגעצי־

טערט די סאָפּראַן־טענער, פּונקט ווי דער אַבשיין פון דער זונן אין דורכזיכטיגען וואסער־שפּיעגעל. די טיעפע, פולע נאָטען פון דעם באַס האָבען דורכגעשוועבט אין דער לופט, מיטטראָגענדיג מיט זיך דעם געזאנג פון די קינדער. פון צייט צו צייט האָבען זיך ארויסגעהערט די שעהנע, קרעפטיגע טענער פון טענאָר, און פון דאַס נייַ האָבען דערנאָך אבגעקלונגען די קינדער־שטימען און זיינען ארויף אין דער דונקעלער, אויסגעהוילטער סטעליע, פון וואנען קריסטוס, אַנגעטהאָן אין ווייסען, האָט אראָבגעקוקט מיט אַן ערנסטער, פערטראַכטער מיע־נע און געבענשט דעם עולם מיט זיינע מאַיעסטעטישע פאַנאַנדער־געשפּרייטע אָרעמס. די כוואליעס פון די טענער און דער ריח פון ווייראויך האָבען ארויפגעשטראָמט צו איהם און האָבען איהם ארומגע־נומען, און ס'האָט אויסגעזעהן אזוי ווי ער וואָלט געשוועבט אין מי־טען פון זיי און זיך אויפגעהויבען אַלץ העכער און העכער אין דער אונענדליכער ווייטקייט. און דאַס געזאנג פון כאָר האָט זיך פעראיי־ניגט און צונויפגעגאָסען אין איין איינציגער מאַסע פון טענער, וועל־כע האָט געשוועבט אין דער לופטען, אזוי ווי א וואָלקען אין זונען־אונטערגאַנג, ווען די שטראהלען פון דער זונן בעגיסען זי מיט רויטע, פּורפּורנע פאַרבען און זי לעזט זיך אויף און צוגעהט אזוי ווי פון נחת, אַנקוועלענדיג פון איהר אייגענער שעהנקייט.

אַז דאַס געזאנג האָט אויפגעהערט, האָט איליאַ געגעבען א טיעפען זיפץ. ס'איז איהם גרינגער געוואָרען אויפ'ן הארצען און ער האָט ניט געהאַט ניט קיין מורא, ניט קיין חרטה און אפילו ניט יענע אומרוהיגקייט, וועלכע האָט איהם געפּלאָגט בשעת ער איז אריין אין קירכע. זיינע געדאַנקען זיינען אַלץ ווייטער אנטלאָפען פון זיין פער־ברעכען און האָבען זיך אַבגעגעבען מיט אנדערע זאכען. דאַס געזאנג האָט אויך פערלייכטערט זיין נשמה און זי עפּעס אזוי ווי אויסגעריי־ניגט. ער האָט זיך אליין גאָרניט געקענט ערקלעהרען, פון וואנען עס האָט זיך צו איהם פּלוצלונג גענומען אזא רוהיגקייט און אזא צו־פריעדענהייט, און ער האָט געזוכט אזוי ווי מיט געוואַלט צו דערוועק־קען אין זיך דעם געפיהל פון חרטה. אבער ס'איז געווען אומזיסט.

„ווי א שטייגער, ווען די בעל הבית'טע מיינע וועט אויס נייגי־ריגקייט אריינגעהן צו מיר אין שטיבעל, וועט דאָרט אַנהויבען זוכען

און געפינען דאָס געלד?" איז איהם פּלוצלונג דורכגעלאָפען א גע־דאנק אין מוח.

ער האָט אויף גיך פערלאָזען זיין פּלאַץ, איז ארויס פון קירכע און גענומען א דראָשקע, כדי אזוי שנעל ווי מעגליך צו קומען אהיים. אונטערוועגס האָט איהם יענער געדאנק אלץ מעהר געמוטשעט און איהם אריינגעבראכט אין א שטארקער אויפרעגונג.

„לאָמיר זאָגען, זיי געפינען דאָס געלד... וואָס זשע וועט זיין? מסר'ן וועלען זיי מיך ניט.. זיי וועלען עס פּשוט צו'גנב'ענען!"

און דער געדאנק, אז זיי וועלען ניט מעלדען דער פּאָליציי, וואָס זיי האָבען געפונען, נאָר צו'גנב'ענען דאָס געלד, האָט איהם נאָך מעהר צורודערט. ער איז געווען ענטשלאָסען ביי זיך, אז אויב דאָס זאָל האָבען געשעהן, וועט ער גלייך, טאקי מיט דערזעלבער דראָשקע, צו־פאָהרען צו דער פּאָליציי און זיך מודה זיין, אז ער האָט דער'הרג'עט פּאָליועקטאָוו'ן. ניין, ער וויל זיך שוין מעהר ניט מוטשען אין דיזען שמוץ, ער וויל ניט לעבען ווייטער אין דיזער אונרוהיגקייט, אין דער צייט וואָס אנדערע וועלען זיך לעבען רוהיג און בעקוועם מיט דעם געלד, צוליעב וועלכען ער האָט אויף זיך גענומען אזא שווערע שולד. די דאָזיגע פארשטעלונג האָט איהם שיער ניט משוגע געמאכט. אז די דראָשקע האָט זיך אָבגעשטעלט ביים הויז, וואו ער האָט געוואוינט, איז ער האסטיג צוגעלאָפען צו דער טהיר און מיט אמאָל א שטארקען ריס געטהאָן דאָס גלעקעל. ער האָט צוזאמענגעפּרעסט די צייהן, צו־גויפגעדריקט די פויסטען און געוואַרט מען זאָל איהם עפענען.

די טהיר האָט זיך אויפגעמאכט. און טאַטיאַנא וואַסיעוונא האָט זיך געוויזען אויף דער שוועל.

„הו, ווי הויך איהר קלינגט!... וואָס איז אזוינס געשעהן?... וואָס איז אייך?" האָט זי זיך אָבגערופען גאנץ דערשראָקען, ווען זי האָט איהם דערזעהן.

ער האָט זי א שטויס געטהאָן אָן א זייט, איז אויף גיך אריין אין זיין צימער און האָט גלייך, ביים ערשטען בליק דערקענט, אז ער האָט זיך אומזיסט געשראָקען.

דאָס געלד איז געלעגען בעהאַלטען אין א וואנד, איבער'ן פענס־טער, וואו ער האָט אָנגעקלעפּט א קליין פּערדעל, אזוי אז עס וואָלט

ניט אַנדערש געמוזט אַרונטערפאַלן, ווען אימיצער פאַרעט זיך דאָרט ביים געלד. ער האָט אָבער גאַנץ דייטליך געזעהן, ווי דאָס ווייסע פעדערל געפינט זיך אויפ'ן זעלבען אָרט, וואו ער האָט עס אָנגע־קלעפּט.

„איהר זייט קראַנק?" האָט געפרעגט די בעל הבית'טע, וועלכע האָט זיך געוויזען ביי דער טהיר פון זיין צימער.

„יאָ, כ'בין ניט מיט אַלעמען... ענטשולדיגט מיר, איך האָב אייך פריהער אַ שטורם געטהאָן..."

„דאָס מאַכט ניט... זאָגט, וויפיעל קומט דעם איזוואָשטשיק?"

„איך ווייס אַליין ניט... פרעגט איהם, כ'בעט אייך... און בע־צאָהלט איהם..."

זי איז אַרויסגעלאָפען, און איליאַ איז גלייך אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ שטוהל, האָט אַרונטערגענומען דאָס געלד. עס אַנטאַפּענדיג מיט דער האַנד האָט ער גלייך בעמערקט, אַז קיינער האָט זיך ניט צוגעריהרט דערצו, און ער האָט עס מיט אַ לייכטען זיפץ אַריינגע־שטעקט אין קעשענע... ער האָט זיך איצט אַליין געשעמט פאַר זיין דערשראָקענקייט, און דאָס מיטעל מיט דער פעדער איז איהם פאָרגע־קומען לעכערליך און קינדיש.

„ס'איז געווען אַן איינבילדונג," האָט ער זיך געטראַכט און שטי־לערהייט אין זיך געלאַכט. ביי דער טהיר האָט זיך ווידער אַמאָל בע־וויזען טאַטיאַנאַ וולאַסיעוונאַ.

„צוואַנציג קאָפּיקעס האָב איך דעם איזוואָשטשיק געגעבען," האָט זי האַסטיג געזאָגט. „וואָס איז אייך פּאַסירט! אַט אַפּנים אַ שווינ־דעל־אַנפאַל?"

„יאָ... כ'בין געשטאַנען אין קירכע, הערט איהר... און מיט אַמאָל..."

„לעגט זיך צו אַביסעל," האָט זי זיך אָבגערופען און איז אַריין צו איהם אין צימער. „לעגט זיך נור רוהיג צו. איהר דאַרפט זיך ניט זשעניערען... און איך וועל זיך אַביסעל אַנידערזעצען לעבען אייך.. איך בין איינע אַליין אין דערהיים... מיין מאַן איז נאָך אויף סלוזשבע און דערנאָך געהט ער אין קלוב..."

איליאַ האָט זיך צוגעזעצט אויפ'ן בעט און זי האָט זיך אוועק־

געזעצט אויפ'ן איינציגען שטוהל, וואס איז געווען אין צימער.

„כ'האב אייך בעאונרוהיגט," האט איליא געזאגט מיט א טרויריגען שמייכעל.

„ס'מאכט ניט," האט טאטיאנא וואסיעוונא געענטפערט, ארייגקוקענדיג איהם נייגיריג און אהן א שום צוריקהאלטונג גלייך אין געזיכט אריין. א ווייל זיינע זיי געבליבען שטיל — איליא האט ניט געוואוסט פון וואס צו ריידען. זי אבער האט פון איהם קיין אויג ניט אראבגענומען און דערנאך האט זי זיך פלוצלונג צולאכט אויפ'ן קול.

„פארוואס לאכט איהר?" האט לונעוו געפרעגט, אראבלאזענדיג די אויגען צו דער ערד.

„זאל איך עס זאגען?" האט זי א פרעג געטהאן מיט א גנבי'שען קוק.

„זאגט עס!.."

„איהר קענט זיך ניט פערשטעלען — ווייסט איהר דאס?"

איליא איז פערציטערט געווארען און ער האט אונרוהיג געקוקט אויף זיין בעל הבית'טע.

„ניין, איהר קענט עס ניט. איהר זייט ניט קראנק — נאר איהר האט איינפאך בעקומען עפעס אן אונאנגענעהמען בריעף. כ'האב עס דאך געזעהן, כ'האב עס געזעהן..."

„יא, כ'האב געקראגען א בריעף," האט איליא ארויסגעזאגט מיט א האלבען מויל.

אויף דרויסען אין גארטען האט זיך דערהערט עפעס א גערוישצווישען די בוימער. טאטיאנא וואסיעוונא האט געווארפען א שארפען בליק צום פענסטער און האט זיך דערנאך אומגעדרעהט מיט'ן פנים צו איליא'ן.

„ס'האט געמוזט זיין דער ווינד, אדער אפשר א פויגעל," האט זי זיך אבגערופען. „זאגט אקארשט, מיין שעהנער ונגער מאן — איהר ווילט אויסהערן מיין עצה, יא? כ'בין אפילו ניט מעהר ווי א פרוי, אבער איך בין ניט דום..."

„אז איהר ווילט מיר געבען אן עצה... פאר וואס ניט?" האט לונעוו געזאגט, אנקוקענדיג זי מיט נייגיריגע בליקען.

„צורייסט דעם דאָזיגען בריעף און וואַרפט איהם אוועק," האָט זיך די בעל הבית'טע אַבגערופען מיט אַן איבערלייגטען טאָן. „אַז זי האָט אייך אַבגעזאָגט, האָט זי גאַנץ ריכטיג געהאַנדעלט, ווי א בראַוו מיידעל דאַרף צו טהאָן. חתונה האָבען איז פאַר אייך נאָך צו פריה, איהר האָט נאָך קיין זיכערע פּרנסה ניט, און מענשען וואָס האָבען ניט קיין זיכערע פרנסה דאַרפען ניט חתונה האָבען. איהר זייט א געזונדער יונגער מאַן, איהר זייט פלייסיג און שעהן — אייך קען עס ניט פעהלען... גיט נור אַקאָרשט גוט אַכטונג, איהר זאָלט זיך וויין נשמה, וויין!

סוף כל סוף ניט פערליבען! פערדיענט נור א סך געלד, שפּאָרט און זעהט זיך צו נעהמען צו עפּעס גרעסערדעס. עפּענט זיך אויף א קלייט — און דאַן, אַז איהר וועט זיין פערזאָרגט, קענט איהר הייראַטהען. עס מ ו ז אייך דאָך געלינגען: איהר טרינקט ניט, איהר זייט ניט פרעך און איהר האָט ניט קיין שלעכטע געזעלשאַפט..."

איליא האָט זיך צוגעהערט, האָט אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ און געשמייכעלט אין זיך. ס'האָט זיך איהם שטאַרק געוואָלט ארויספּלאַצען אין דער הויך מיט א געלעכטער.

„ניטאָ קיין נארישערע זאַך ווי אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ," האָט זיך טאַטיאַנא וולאַסיעוונאַ אַנגערופען מיט א טאָן פון אן ערפאַהרענעם מענשען. „ניש'קשה, ס'וועט איבערגעהן. די ליעבע איז קראַנקהייט, וואָס לאָזט זיך אויסהיילען. איידער כ'האָב חתונה געהאַט בין איך אַליין געווען דריי מאָל אַזוי פערליעבט, אַז איך האָב זיך אַזש אין וואַסער געוואָלט אַריינוואַרפען פון ווייטאָג — און פונדעסטוועגען איז עס אַריבערגעגאַנגען! און אַז איך האָב זיך אַרומגעזעהן, אַז ס'איז קיין תכלית ניט און כ'מוז אמאָל הייראַטהען — האָב איך חתונה געהאַט אַהן אַלע ליעבעס..."

איליא האָט מיט אמאָל א הויב געטהאָן דעם קאָפּ און א קוק געטהאָן אויף דער פרוי, וואָס האָט גערעדט.

„וואָס קוקט איהר מיך אַזוי אָן?" האָט זי געפרעגט.

„שפּעטער האָב איך מיין מאַן... ליעב געקראָגען... ס'קומט ווירקליך אָפּטמאָל פּאָר, אַז א פרוי פערליעבט זיך אין איהר אייגענעם מאַן..."

„וואס הייסט דאס אזוינס?" האט איליא א פרעג געטהאן און האט אויסגעשטעלט נאך א פאר גרעסערע אויגען אויף איהר.

טאטיאנא וולאסיעוונא האט זיך צולאכט מיט א פרעהליכען געלעכטער.

„כ'האב דאך נור געטריבען קאטאוועס מיט אייך... אבער געלעכטער אן א זייט: מען קען ווירקליך חתונה האבען, ניט ליעב האבענדיג דעם מאן, און דערנאך, שפעטער, איהם ליעב קריגען..."

און זי האט ניט אויפגעהערט צו פלאפלען און דערביי האט זי קאקעטירט און געמאכט מיט די אויגעלאך איהרע. איליא האט זיך מיט אויפמערקזאמקייט צוגעהערט צו איהרע רייד, האט מיט גרויסער אינטערעסע בעטראכט די קליינע, שעהנע געשטאלט און איז געווען אויסער זיך פון ערשטוינונג. זי איז, דוכט זיך, געווען אזוי קליין און צארט, און דאך האט זי געהאט אזוי פיעל מוטה אין זיך, אזוי פיעל ווילענסקראפט און פערשטאנד...

„ווער ס'האט אזא פרוי — דער קען שוין ניט פערפאלען ווערן אויף דער וועלט." האט ער זיך געטראכט. ס'איז איהם געווען אנגענעהם אזוי צו זיצען מיט א געבילדעטער פרוי — א פערהייראטע פרוי און ניט אבי וועלכע — מיט א זויבערע, פיינע ווירקליכע דאמע, וועלכע איז ניט צו שטאלץ ביי זיך און זיצט און פלוידערט מיט אזא איינפאכען איינגעל ווי ער איז און איהר'צט איהם נאך דערצו. א געפיהל פון דאנקבארקייט צו זיין בעל הבית'טע האט זיך דערוועקט אין איהם, און אז זי האט זיך אויפגעהויבען אוועקצוגעהן, איז ער אויך אויפגעשפרונגען, האט זיך פערנייגט פאר איהר און געזאגט:

„כ'דאנק אייך פון הארצען פאר דעם כבוד, וואס איהר האט מיר אנגעטהאן... ס'האט מיך זעהר געפרעהט צו פערברייננגען מיט אייך..."

„טאקי? קוקט אקארשט אהער!" האט זי זיך אבגערופען שטיל מיט א שמייכעל, און בעת מעשה זיינען איהר די באקען רויט געווארען און זי האט א ווייל געקוקט איליא'ן גלייך אין געזיכט אריין. „נא — צום ווידערזעהן אלזא... דערווייל!" האט זי מיט א גאנץ בעזונדערן ניגון געזאגט, און חן'עוודיג, ווי א יונג מיידעלע, איז זי ארויסגעשפרונגען פון צימער.

4.

פון טאָג צו טאָג האָבן די אווטאָנאָמאָוו׳ס געפונען אַלץ מעהר חן ביי איליאַ׳ן אין די אויגען, און ער האָט זיי מקנא געווען פאַר זייער בעקוועמען לעבען. די פּאָליציי־בעאַמטע האָט ער אין אַלגעמיין ניט ליעב געהאַט, מחמת ער האָט זיך פון זיי אָנגעזעהן זעהר פיעל שלעכטס, נאָר קיריק איז איהם פאָרגעקומען ווי אַן איינפאַכער אַר־בייטס־מענש — גוט־האַרציג און ניט איבערגעשפּיצט. ער איז געווען דער גוף, זיין פרוי — די נשמה. זעלטען ווען ער איז געווען אין דער היים, און ער האָט איבערהויפּט געהאַט אַ קנאַפּע דעה אין שטוב. טאַטיאַנאַ וולאַסיעוונאַ איז וואָס ווייטער אַלץ היימישער געוואָרען מיט איליאַ׳ן. זי פלעגט איהם בעטען, ער זאָל איהר אָנהאַקען האָלץ, אַריינטראָגען וואַסער אָדער אויסגיסען די פּאָמוינים. ער האָט איה־רע ביטעם אויסגעפילט מיט חשק, און זיך אַליין ניט אַרומקוקענדיג, זיינען אַט די קליינע זאַכען בּיסלעכווייז געוואָרען פאַר איהם אַ מוז, אַ טעגליכע פליכט. די בעל הבית׳טע האָט דאַן אָבגעזאָגט איהר דיענסט־מיידעל מיט׳ן געפלעקטען פּנים און האָט איהר נור בעשטעלט אויף איין טאָג אין דער וואָך, אויף שבת, איהר אויסצוהעלפען...

צייטענווייז פלעגען צו די אווטאָנאָמאָוו׳ס אויך קומען געסט. עפּטערס איז געקומען קאַרסאַקאָוו, דער פּאָמאָטשניק פון קוואַרטאַלני נאַדזיראַטעל, אַ מאָגערער מענש מיט לאַנגע וואָנצעס. ער האָט גע־טראָגען טונקעלע ברילען, גערויכערט דיקע סיגאַרעטען, האָט געהאַסט די איזוואָשטשיקעס און האָט כסדר גערעדט וועגען זיי מיט גרוים כעס.

„קיינער טרעט ניט אַזוי אַרוים געגען אָרדנונג און אָנשטענדיג־קייט, ווי די דאָזיגע איזוואָשטשיקעס,“ פלעגט ער טענה׳ן. „אַ צו פּרעכע באַנדע! די פּוס־געהער קען מען לייכט האַלטען אין אָרדנונג אויף דער גאַס; ס׳איז גענוג דער פּאָליצמייסטער זאָל אַריינשטעלען אַן אָנאָנסע אין די צייטונגען: „דער וואָס געהט אַראָב גאַס, דאַרף זיך האַלטען רעכטס, און ווער ס׳געהט אַרויף גאַס, זאָל זיך האַלטען לינקס“ — און ס׳איז שוין דאָ די שעהנסטע דיסציפּלין ביי די פּער־בייגעהער. אָבער אַט די איזוואָשטשיקעס קען מען מיט קיין שום אָנאָנסע ניט בייקומען. אַזאַ איזוואָשטשיק — דאָס איז... נאַ, ווייסט דער טייוועל, וואָס ער איז אייגענטליך!...“

וועגען די איזוואשטשיקעס האט ער געקענט אברייידען דעם גאנ־צען אבענד, און לונעוו האט איהם קיינמאל ניט געהערט ריידען פון עפעס אנדערש.

אחוץ איהם פלעגט צו די אווטאנאמאווס קומען גריזלאוו, דער אינספעקטאר פון קינדער־אזיל, א שטילער מענש מיט א שווארצער בארד. ער האט ליעב געהאט מיט זיין באס־שטימע כסדר צו זינגען דאס ליעד „איבער׳ן ים, איבער׳ן ים, איבער׳ן בלויען ים.“ און זיין ווייב, א הויכע ,פולע פרוי מיט שווארצע ציינער, פלעגט יעדעס מאל אויפעסען ביי טאטיאנא וולאסיעוונא׳ן די גאנצע איינגעמאכטס איה־רע, און די אווטאנאמאווס פלעגען זיך דערפאר ארויפלאזען אויף איהר, ווי זי פלעגט נור ארויסגעהן פון שטוב, בזה הלשון:

„דאס טהוט מיר פעליצאטא יעגאראוונא אפנים אויף צו להכעים! וואס פאר א זיסע זאך ס׳קומט נור ארויף אויפ׳ן טיש — אלץ פרעסט זי אויף!...“

אויסער זיי פלעגט אויך קומען אלעקסאנדרא פיאדאראוונא טראווקינא מיט איהר מאן. זי איז געווען א הויכגעוואקסענע, שלאנקע פרוי מיט א גרויסער נאז און מיט קורצגעשניטענע האר. זי האט גע־האט גרויסע אויגען און א הילכיגע שטימע און אפטמאל פלעגט זי זיך אויסשנייצען די נאז מיט אזא מאדנעם קול, אז ס׳האט זיך אויסגע־דוכט, אזוי ווי מען וואלט איבעררייסען א שטיק לייוואנד. איהר מאן האט געליטען אויפ׳ן האלז און האט דעריבער מעהר געשעפטשעט ווי גערעדט, דאך האט ער אהן אן אויפהער געשאטען מיט רייד, שטונדען לאנג, און עס פלעגט איהם ארויס פון מויל אזוי ווי דאס שארען פון טרוקענע שטרוי. ער איז געווען א זעהר פערמעגליכער מאן, איז גע־ווען אנגעשטעלט ביי דער אקציז־פערוואלטונג און דערצו אן עקזע־קוטיוו־מיטגליעד פון וואהלטהעטיגען פעראיין. ביידע, ער און זיין פרוי, האבען איבערהויפט וועגען קיין שום אנדער ענין ניט גערעדט נור וועגען צדקה־זאכען.

„ווען איהר וואלט וויסען וואס פאר א געשיכטע ס׳האט דא ניט לאנג געטראפען ביי אונז אין פעראיין!...“

„אך יא, יא, יא — שטעלט אייך נאר פאר!“ האט איהם דאס ווייב זיינס אונטערגעהאלפען.

„ס'קומט אַז אַ ביטע אויף שטיצע..."
„איך זאָג אייך, אַז די צדקה־אַנשטאַלטען פערדאַרבען די לייט.."
„ס'שרייבט אַלזאַ אַ פרוי: איהר מאַן איז אַקאַרשט געשטאָרבען, זי האָט דריי קינדער, וועלכע זיינען געבליבען אָהן ברויט, און זי איז שטענדיג קראַנק..."
„די אַלטע געשיכטע, איהר ווייסט דאָך!"
„גיט מען איהר דריי רובעל..."
„איך אבער — איך גלויב זיי נאַטירליך ניט, די דאָזיגע אַלמנות," רופט זיך אָב אַלעקסאַנדרא פיאָדאָראָוונא מיט נצחון.
„מאכט אַלזאַ מיין פרוי צו מיר: הער נור, זאָגט זי, כ'וועל אקאַרשט אַ פריהער געוואָהר ווערן וואָס פאַר אַ מין בחור'טע אַט די פרוי איז..."
„און וואָס, מיינט איהר, שטעלט זיך ארויס? דער מאַן איז שוין זייט פינף יאָהר טויט..."
„קינדער האָט זי צוויי, ניט דריי..."
„וואָס רעדט איהר?"
„און דערביי איז זי אַ געזונדע, שטאַרקע ווייבעל!"
„נו, האָב איך זי אבער גענומען אויף דער ווײנקע: „זאָג נור, מאַמעלע מיינע, דו ווילסט, הייסט עס, מען זאָל דיך אַנקלאָגען אין געריכט פאַר שווינדעל?" איז זי מיר, פערשטעהט זיך, געפאַלען צו די פיס..."
„הא הא הא!" האָט זיך קיריק אַוטאָנאָמאָוו צולאַכט.
און אַלע האָבען געלויבט אַלעקסאַנדרא פיאָדאָראָוונא פאַר איהר שאַרפזיניגקייט און געשימפּפט אויף די אָרעמע לייט, וועמען זיי האָבען בעשולדיגט, אַז זיי זיינען ליגנער, גע'שמד'טע העלזער און האָבען קיין שום רעספּעקט ניט פאַר זייערע וואָהלטהעטער.
לונעוו איז געזעסען ביי זיך אין צימער און האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו די געשפּרעכען וואָס זיינען געפיהרט געוואָרען פון דער אַנדער זייט וואַנד. עס האָט זיך איהם געוואָלט פערשטעהן, ווי אַזוי די דאָזיגע לייט דענקען אוןריידען וועגען לעבען. אבער דאָס וואָס ער האָט געהערט איז געבליבען אונפערשטענדליך פאַר איהם. ס'האָט אויסגעזעהן, אַזוי ווי די דאָזיגע לייט וואָלטען שוין פערענטפערט

אלע לעבענס־פראגען און אלצדינג געוואוסט — — און זיי פעראור־טהיילען און פערדאמען אַט די אלע, וואָס לעבען אנדערש ווי זיי. דאָס רוב האָבען זיי גערעדט וועגען אלערליי פאמיליען־סקאנדאלען, איבער די פערשיעדענע גאָטעס־געבעטען אין קירכע, מכח די שלעכ־טע אויפפיהרונג פון זייערע בעקאנטע. איליא׳ן איז געווען לאנגוויי־ליג, זיי אויסצוהערען.

אָפטמאָל פלעגען די בעלי בתים אָבענד־צייט איינלאַדען זייער קווארטיראנט צו טהעע. ביים טהעע פלעגט טאַטיאַנא וולאָסיעוונא זיך פרעהליך מאכען, און איהר מאן האָט פאנטאזירט דערפון, ווי שעהן ס׳וואָלט געווען, ווען ער וואָלט מיט אמאָל רייך געוואָרען און געקענט אויפגעבען די שטעלע ביי דער פאָליציי און זיך קויפען א הויז.

„דאן וואָלט איך מיר געהאלטען היהנער...“ האָט ער געזאָגט און האָט דערביי פערקוועטשט מיט די אויגען. „אלערליי עופות: אינדי־קעס, גענז. פערלהיהנער — און א פאווע־האָהן! יא!.. און דאן צו זיי־צען אזוי אין שלאָף־ראָק ביים פענסטער, מיט א פיין סיגארעטעל אין מויל, און צוקוקען ווי אזוי דער פאווע־האָהן — מיין אייגענער פאווע־האָהן — דרעהט זיך ארום אין א קאָרע־ראָד אין הויף — אָט דאָס וואָלט אביסעל געווען א לעבען! ווי א פאָליצמייסטער וואָלט ער ארומגעשפאצירט און כסדר געגאָרגעלט: ברליו... ברליו... ברליו!“

טאַטיאנא וולאסיעוונא האָט צוגעשמייכעלט און האָט זיך אויך, אויף איהר שטייגער, אוועקגעלאָזט פאנטאזירען וועגען דער צוקונפט.

„און איך וואָלט יעדען זומער א רייזע געמאכט אין דער קרים אָדער אויפ׳ן קאווקאז, און ווינטער וואָלט איך גענומען אנטהייל אין דער טהעטיגקייט פון א צדקה־פעראיין. אויסער דעם וואָלט איך זיך געלאָזט מאכען א שווארץ טוכען־קלייד, גאנץ פּראָסט, אָהן א שום אויספוצעכס, און כ׳וואָלט מעהר ניט געטראָגען דערצו נור א בראָשקע מיט א רובין און אוירינגלאָך מיט פערל. כ׳האָב געלייענט א געדיכט אין דער „ניוואַ*), דאָרט איז געשטאַנען, אז דאָס בלוט און די טרעה־רען פון די אָרעמע לייט ווערן אויף יענער וועלט פערוואנדעלט אין פערל און רובינען...“ און מיט א לייכטען זיפץ האָט זי צוגעלעגט:

*) א פאָפולערע רוסישע וואָכענשריפט.

„רובינען פּאַסען זיך אויסגעצייכענט פאַר ברונעטקעס...“

איליאַ האָט געשוויגען און צוגעשמייכעלט. אין צימער איז געווען אַנגענעהם און זויבער, אָנגעפילט מיט אַ געשמאַקען ריח פון טהעע און נאָך עפּעס אַן אַנדער אַנגענעהמען גערוך. אין די שטייגלעך זיינען די פויגעלעך געלעגען צונויפגעדרעהט אין דרייען און געשלאָפען. אויף די וואַנד זיינען געהאַנגען אַ פּאָר העלפאַרביגע בילדער. אַ קליינע שאַפקע, וואָס איז געשטאַנען צווישען ביידע פענסטער, איז געווען בעדעקט מיט אַלערליי פיינינקע קעסטלאַך, פּאָרצעלייענע הינדעלעך און פערשיעדענ־פאַרביגע צוקערדיגע אָדער גלעזערנע אייערלעך. אָט דאָס אַלעס איז איליאַ'ן זעהר געפעלען און האָט אָנגעפילט זיין האַרץ מיט אַ מין אַנגענעהמען, זאַנפטען שמערץ.

צייטענווייז אָבער — דער עיקר, ווען ער פלעגט אין גאַס, ביי זיין מסחר, גאָרנישט פערדינען, — האָט זיך דער דאָזיגער שמערץ אין איהם פערוואַנדעלט אין אַן אונרוהיגען פערדרוס. די היהנדעלעך, קעסטעלעך און אייעלעך פלעגען איהם דאַן שטאַרק ערגערן. ער וואָלט זיי געקענט אַראָבוואַרפען אויף דער ערד און זיי צוטרעטען — אַזוי בייז איז ער אויף זיי געווען. די דאָזיגע שטימונג האָט איליאַ'ן אַליין שטאַרק צורודערט און געשראָקען. ער האָט ניט געקענט פערשטעהן וואָס דאָס בעדייטעט און ס'איז איהם עפּעס פאַרגעקומען גאַנץ פרעמד. אַז די דאָזיגע מרה שחורה פלעגט נור אָנקומען אויף איהם, פלעגט ער בלייבען זיצען שטיל און קוקען כסדר אויף איין פּונקט און האָט מורא געהאַט ארויסצוריידען עפּעס, טאָמער וועט ער אָט די גוטע לייט, די בעלי בתים זיינע, מיט עפּעס בעליידיגען. איינמאָל אָבער, בשעת ער איז געזעסען און געשפּיעלט מיט זיינע בעלי בתים אין קאָרטען, האָט ער זיך שוין מעהר ניט געקענט איינהאַלטען און אַריינגעקוקענדיג קיריק אַוטאַנאָמאָוו'ן גלייך אין געזיכט אַריין, גיט ער פלוצלונג אַ פרעג:

„זאָגט, קיריק ניקאַדימאָוויטש — דעם מערדער, וואָס האָט דערוואָרגען דעם רייכען סוחר אויף דער דוואָריאַנסקאַיאַ — דעם האָט איהר נאָך ניט געפּאַקט!...“

אַז ער האָט די פראַגע אַרויסגעבראַכט אין גאַנצען פון מויל, האָט עס איהם עפּעס אַזוי אַנגענעהם אַ קיצעל געטהאָן אין דער ברוסט.

„דעם סוחר פּאַליועקטאַוו?" האָט זיך דער נאַדזיראַטעל אָבגע־רופען, אַריינקוקענדיג פערטראַכטערהייט אין זיינע קאַרטען. „פּאַ־ליועקטאַוו'ן? וואַ—וואַ—וואַ... כ'האָב איהם ניט געפּאַקט, מיין פריינד... ס'הייסט נאַטירליך ניט פּאַליועקטאַוו'ן, נאָר דעם, וועלכער האָט איהם... כ'האָב איהם דאָך גאָר נישט געזוכט... כ'דאַרף איהם איבערהויפּט גאָר נישט האָבען... איך דאַרף נור וויסען: ווער האָט די דאַמע פּיק? פּיק־פּיק־פּיק! דו, טאַניאַ, האָסט מיר אויסגעשפּיעלט די דריי—דאַמע־קרייץ, דאַמע־שעל און וואָס נאָך?"

„דאָס זיבעטעל־שעל... נו שוין, גיכער אביסעל!..."

„ער איז אַלזאָ איינפאַך פערשוואונדען?" האָט איליאַ געפרעגט מיט אַ שפּאַטישען געלעכטער.

אָבער דער נאַדזיראַטעל האָט זיך גאָר ניט אומגעקוקט אויף איהם, ער איז אין גאַנצען געווען אַריינגעטאָן אין די קאַרטען.

„איינפאַך פערשוואונדען," האָט ער מעכאַניש ווידערהאָלט אי־ליאַ'ס ווערטער. „און דעם אָרעמען פּאַליועקטאַוו האָט ער דעם האַלז אָבגעדרעהט — וואַ—וואַ—וואַ..."

„קיריאַ, זאָל שוין זיין אַמאָל אַ סוף מיט דיין וואַ—וואַ—וואַ," האָט זיין פרוי געזאָגט. „גיכער אביסעל!.."

„געדולד, געדולד, געדולד!"

„ער האָט פונדעסטוועגען געמוזט זיין אַ געשיקטער בחור, דער וואָס האָט איהם דער'הרג'עט", האָט זיך איליאַ פון דאָס ניי אָבגערופען.

די גלייכגילטיגקייט, מיט וועלכע מען האָט אויפגענומען זיינע ווערטער, האָט נאָך אין איהם מעהר דערוועקט דעם חשק, צו ריידען פון'ם מאָרד.

„אַ געשיקטער בחור?" האָט דער נאַדזיראַטעל אויסגעצויגען די ווערטער — „ניין — אַ געשיקטער בחור בין איך! שפּיעלט אַקאָרשט!"

און אַ קלאַפּ טהאָנדיג מיט די קאַרטען איבער'ן טיש האָט ער איליאַ'ן אויסגעשפּיעלט אַ פינפטעל. איליאַ האָט ניט געקענט האַלטען אַ חשבון פון די קאַרטען און האָט פערלאָרען דעם קאָן. דאָס פּאָר פאָלק האָט געלאַכט פון איהם, און דאָס האָט איהם נאָך מעהר צור־רייצט. און געבענדיג קאַרטען האָט ער זיך, אזוי ווי זיי אויף צו להכעיס, אָבגערופען:

„צו'הרג'ענען אַ מענשען אין מיטען העלען טאָג און אין דער גרעסטער גאַס פון שטאָדט — דערצו מוז מען ווירקליך האָבען אַ בעזונדערן מוטה...“

„גליק, ניט קיין מוטה,“ האָט איהם טאַטיאַנאַ וולאַסיעוונאַ פערריכט.

איליאַ האָט אַ פריהער אַ קוק געטהאָן אויף איהר, דערנאָך אויף איהר מאַן, און אַ לאַך טהאָנדיג אין דער שטיל, האָט ער געפרעגט:

„אימיצען דערשלאָגען אויף טויט — דאָס הייסט ביי אייך האָבען גליק!“

„נו יאָ! ס'הייסט דערשלאָגען אויף טויט און ניט אריינפאַלען אין טורמע...“

„איהר האָט מיר שוין ווידער דערלאַנגט די טויז־שעל,“ האָט זיך דער נאָדזיראַטעל אָבגערופען.

„אַ טויז וואָלט איך איצט גראָד גענדארפט האָבען,“ האָט איליאַ מיט אַן ערנסטען טאָן געזאָגט.

„דערשלאָגט אַ רייכען געלד־זאַק אויף טויט — דאָס איז די בעסטע טויז,“ האָט טאַטיאַנאַ וולאַסיעוונאַ געשפּאַסט.

„וואַרט אקאָרשט מיט'ן דערשלאָגען אויף טויט — אָט האָט איהר דערווייל אַ קאָרטען־טויז,“ האָט זיך קיריק צולאַכט אויפ'ן קול און האָט צוגעוואָרפען צוויי ניינטלעך און אַ טויז.

לונעוו האָט ווידער אמאָל בעטראַכט זייערע צופריעדענע, פרעהליכע געזיכטער, און ס'איז איהם פערגאַנגען דער חשק, נאָך ווייטער צו ריידען וועגען דעם מאָרד.

לעבענדיג זייט ביי זייט מיט דיזע צוויי מענשען, אָבגעשיידט נור דורך אַ דין ווענטעל פון זייער בעקוועמען, רוהיגען לעבען, האָט איליאַ אַלץ עפטער גענומען ליידען פון יענעם אונבעגרייפליכען געפיהל פון שמערץ. אזוי ווי אַ דיקע קאַלטע פליסיגקייט האָט זיך דאָס דאָזיגע געפיהל אויסגעגאָסען אין זיין ברוסט, און ער האָט גאָרניט געקענט פערשטעהן פון וואַנען עס נעהמט זיך

אין איינעם מיט דיזען געפיהל האָבען אין זיין מוח אויך ארויפגעשוואומען געדאַנקען וועגען די קאָנטראַסטען, די געגענזעצע פון'ם לעבען — מכח גאָט, וואָס ווייסט אַלצדינג, דאָך שטראָפט ער ניט.

נאָר וואָרט געדולדיג... אויף וואָס וואַרט ער פּאַרט?

פון לאַנגווייליגקייט האָט לונעוו ווידער אָנגעהויבען לייענען. זיין בעל הבית'טע האָט געהאַט אַ פּאָר בענדער פון דער „ניוואַ" און פון דעם „אילוסטרירטען זשורנאַל" און נאָך עטליכע אַנדערע ביכער, וואָס זיינען געוועזן אַלט און אויסגעניצט פון פיעל לעזען.

פּונקט אַזוי ווי אין די קינדערשע יאָהרען זיינען איהם איצט אויך געפעלען נור אַזוינע ערצעהלונגען און ראָמאַנען, וואו עס ווערט געשילדערט אַ פרעמדעס, אונבעקאַנטעס לעבען, ניט דאָס ווירקליכע לעבען, פול מיט אונגערעכטיגקייט און עלענד, וואָס האָט איהם אַרומגערינגעלט. אַז ער פלעגט אַמאָל לייענען די דאָזיגע ערצעהלונגען פון דער ווירקליכקייט, פון'ם לעבען פון איינפאַכען פאָלק, האָט ער געפונען, אַז זיי זיינען לאַנגווייליג און פול מיט פאַלשע בעשרייבונגען. אָפטמאָל האָבען זיי איהם לוסטיג געמאַכט, און אָפטמאָל ווידער האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אַז די דאָזיגע ערצעהלונגען ווערן געשריבען פון ביטערע לייט, וואָס ווילען מיט אַ כיוון פערשלייערן דאָס דאָזיגע טרויעריגע, טרייסטלאָזע לעבען און זיי מאָלען עס דעריבער מיט אַזעלכע העלע פאַרבען. ער האָט געקענט דיזעס לעבען און האָט עס וואָס ווייטער אַלץ בעסער דערקענט. אַז ער איז געגאַנגען אין גאַס, האָט ער יעדען טאָג בעמערקט עפּעס, וואָס האָט אַרויסגערופען אין איהם קריטישע בעטראַכטונגען. אַזוי האָט ער איינמאָל, געהענדיג אין שפּיטאָל געוואָהר ווערן צו זיינע פריינד, בעמערקט אַ סצענע, וועלכע ער האָט טאַקי דערצעהלט פּאַוועל'ן:

„שעהנע פּאַריאַדקעס! כ'האָב נור וואָס געזעהן ווי אַ פּאָר סטאָליאַרעס און גיפּס־אַרבייטער זיינען געגאַנגען אויפ'ן טראָטואַר. מיט אַמאָל קומט אָן אַ פּאָליציי־מאַן: „היידאַ, איהר טייוואָלים, וואָס איהר זייט!" שרייט ער און יאָגט זיי אַראָב פון טראָטואַר. מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס: געהט דאָרט, וואו די פערד געהען, אַניט קענט איהר נאָך מיט אייערע שמוציגע כאַלאַטען פערפלעקען די קליידער פון די פיינע לייט!... בוי מיר אַ הויז — אָבער דיך וואַרף איך אַרויס... הא!..."

פּאַוועל איז אויך געוועזן שטאַרק אויפגעבראַכט אויף דער פּאַסירונג און האָט נאָך געגאָסען בוימעל אויפ'ן פייער. ער האָט אין

שפּיטאָל געליטען שרעקליכע יסורים, אזוי ווי אין א געפענגנים; זיינע געדאנקען האָבען איהם ניט צורוה געלאָזט און זיינע אויגען האָבען געשאָסען מיט פייער פון פערדרוס. דאָס שטענדיגע טראַכטען, וואו וויערא קען ערגעץ זיין אצונד, האָט איהם שיער ניט פון זינען אראָפּגעפיהרט, און ער איז געוואָרען מאָגער און אָבגעצעהרט. יאקאָוו פילימאָנאָוו איז איהם ניט געפעלען און כאָטש ער האָט אזוי מורא'דיג געליטען פון לאנגוויילינקייט, האָט ער דאָך אויסגעמיטען יענעמס געזעלשאַפט.

„דער יונג איז דאָך האַלב פערריקט,“ האָט פּאוועל געענטפערט ווען איליא האָט זיך ביי איהם נאָכגעפרעגט אויף יאקאָוו'ן.

יאקאָוו אָבער, ביי וועמען צוויי ריפּען זיינען געווען צובראָכען, האָט זיך געפיהלט גליקליך אין שפּיטאָל. ער האָט געשלאָסען פריינדשאַפט מיט זיין בעט־שכן — א וועכטער פון א קירכע, וועמען מען האָט דאָ ניט לאנג געמוזט אָבשניידען איינעם פון זיינע פיס, און וועלכען עס האָט זיך ארייגעכאַפּט די בראנד. דאָס איז געווען א דיקער מאַן פון קליינעם וואוקס, מיט א גרויסען פּליכעוואַטען קאָפּ און א שווארצע, לאנגע באָרד, וואָס האָט איהם בעדעקט די גאנצע ברוסט זיינע. זיינע ברעמען זיינען געווען פול און בעוואַקסען אזוי ווי א פּאָר וואָנציעס, און ער האָט זיי שטענדיג בעוועגט ארויף און אראָב. זיין שטימע האָט געקלונגען הויל, פּונקט ווי זי וואָלט ארויסגעקומען פון בויך ארויס. יעדעס מאָל, אז לונעוו איז געקומען אין שפּיטאָל, האָט ער יאקאָוו'ן געטראָפען זיצענדיג ביים וועכטער אויפ'ן בעט. דער וועכטער איז געלעגען און בעוועגט מיט די ברעמען, און יאקאָוו האָט איהם אין דער שטיל פאָרגעלייענט פון דער ביבעל, וועלכע איז אויך געווען קורץ און דיק, אזוי ווי דער וועכטער.

„ביינאכט קומט א מהומה איבער ער אין מואב,“ האָט יאקאָוו געלייענט, „און זי איז קאַפּוט. ביינאכט קומט א מהומה איבער קיר און מואב; זי איז קאַפּוט!“

יאקאָוו'ס שטימע האָט געקלונגען שוואך און קנאַקענדיג, אזוי ווי דאָס גערויש פון א זעג, בשעת מען שניידט דערמיט האָלץ. בעת'ן לייענען האָט ער אויפגעהויבען די לינקע האנד אין דער הויך, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט געוואָלט צונויפרופען אַלע קראנקע פון זאַאַל, זיי

זאלען זיך צוהערען צו ישעיה'ס מורא'דיגע נביאות. די בלויע פלע־קען זיינען נאך ניט אין גאנצען פערשוואונדען פון זיין פנים, און די גרויסע, פערטראכטע אויגען אין מיטען פון זיי האבען זיין געזיכט געגעבען א מאדנעם אויסדרוק. ווי ער פלעגט נור דערזעהן איליא'ן, פלעגט ער יעדעס מאל א ווארף טהאן דאס בוך און זיך ווענדען צום פריינד שטענדיג מיט דערזעלבער פראגע:

„האסט נישט געזעהן מאשוטקא'ן?“

איליא האט זי ניט געזעהן.

„אה גאט!“ רופט זיך יאקאוו אב מיט א טרויעריגען קול. „וואס פאר א מאדנע זאך דאס איז! עפעס אזוי ווי א בבא מעשה'לע קלינגט עס! אט איז זי געווען דא, און פלוצלונג האט איהר א מכשף, א צוי־בערער אוועקגערויבט און זי איז פערשוואונדען!“

„איז דיין פאטער געווען דיך געוואהר ווערן?“ האט איליא א פרעג געטהאן.

„יא, ער איז ווידער געווען דא...“

א שווידער איז אריבער יאקאוו'ן איבער'ן געזיכט, און זיינע אויגען האבען פון שרעק גענומען ארומלויפען אהין און אהער.

„א פונט קיכלעך האט ער געבראכט, און טהעע און צוקער... „האסט זיך גענוג ארומגעוואלגערט דא,“ מאכט ער. „בעט, מען זאל דיך אויסשרייבען!“ איך האב אבער דעם דאקטאר געבעטען, ער זאל מיך נאך ניט ארויסלאזען פון דאנען... דא איז גוט... אזוי שטיל, אזוי געמיטהליך... דא איז פאראן ניקיטא יעגעראוויטש — מיר ליי־ענען צוזאמען, ער האט א ביבעל. זיבען יאהר נאכאנאנד האט ער אין איהר שוין געלייענט. אלץ קען ער אויסוויינינג און ער איז א בריה אויסצוטייטשען די נביאות, די פראפעצייהונגען... אז איך וועל געזונד ווערן, וועל איך לעבען צוזאמען מיט ניקיטא יעגאראוויטש, כ'וועל אוועקגעהן פון טאטען! כ'וועל צוהעלפען ניקיטא יעגעראוויטש אין דער קירכע און זינגען מיט'ן כאר...“

דער ווערכטער האט לאנגזאם אויפגעהויבען זיינע ברעמען, אונטער וועלכע עס האבען זיך לאנגזאם, אין טיעפע העהלען, בעוועגט א פאר גרויסע, דונקעלע אויגען ארויף און אראב. רוהיג און אהן א שום גלאנץ, מיט א פערגליווערטען, מאטען בליק האבען זיי געקוקט אי־

ליא'ן אין געזיכט אריין, און לונעוו האָט ניט ווילענדיג געזוכט זיי אויסצומיידען.

„וואָס פאַר אַ שעהן בוך איז די ביבעל," האָט זיך יאַקאָוו אָנ־געגרופען אויסער זיך פאַר בעגייסטערונג, און מאַשאַ, זיין פּאַטער און אַלע זיינע חלומות זיינען מיט אַמאָל ארויס איהם פון זינען.

„וואָס דאָרט שטעהט אַזוינס, ברודער, וואָס פאַר אַ ווערטער!"

זיינע ברייט געעפענטע אויגען האָבען זיך געדרעהט פון בוך צו איליא'ס געזיכט און דערנאָך ווידער צוריק צום בוך, און ער האָט געציטערט פון אויפרעגונג.

„און אויך יענער פּסוק געפינט זיך אין איהר — געדיינקסט דו נאָך? — וועלכע דער ביבעל־קענער האָט אין שענק געזאָגט דעם פּעטער: „פריעדליך זיינען די צעלטען פון די רויבער..." ער איז דאָ דער פּסוק — כ'האָב איהם געפונען! און נאָך ערגערס דערפון שטעהט אין איהר, אין דער ביבעל!"

יאַקאָוו האָט צוגעמאַכט די אויגען און אויפהויבענדיג די האַנד אין דער הויך האָט ער מיט אַן ערנסטען טאָן געזאָגט:

„און די רשעים — פאַר וואָס לעבען זיי, ווערן אַלט און האָבען אַלדאָס גוטס?... גאָט האַלט דאָס אונגליק פאַר זיינע קינדער... ווער איז ער דאָס, דער אַלמעכטיגער, וואָס מיר זאָלען איהם דיענען? אָדער וואָס קומט אונז שוין ארויס, אַז מיר רופען צו איהם?"

„שטעהט דאָס ווירקליך אין דער ביבעל?" האָט זיך איליא ניט געוואָלט גלויבען.

„וואָרט פאַר וואָרט!"

„נאָך מיין מיינונג נאָך איז עס... אַ זינד!" האָט איליא גע־זאָגט.

דער וועכטער האָט פערצויגען זיינע פערוואַקסענע ברעמען, אַז זיי האָבען אין גאַנצען פערדעקט זיינע אויגען. זיין באָרד האָט זיך געשאָקעלט אַהין און אַהער, און מיט אַ פערדריקטער מאָדנער שטימע האָט ער געזאָגט:

„דער מוטה פון אַ מענשען, וואָס זוכט די וואַהרהייט, איז ניט קיין זינד, מחמת דאָס קומט פון אויבען, פון אַ העכערער קראַפט וואָס דיקטירט איהם אַזוי צו טהאָן..."

א שוידער איז אריבער איליא'ן איבער'ן לייב. דער וועכטער אבער האט א טיעפען זיפץ געטהאן, און מיט דעמזעלבען טאן ווייטער געזאגט:

„דער אמת גופא זאגט צום מענשען: זוך מיך! מחמת דער אמת — איז גאט... און ס'שטעהט געשריבען: „א גרויסער כבוד איז עס, דעם הערר גאט צו פאלגען..."

דעם וועכטער'ס געזיכט, וואס איז אין גאנצען געווען געדיכט בעוואקסען מיט האר, האט ארויסגערופען אין איליא'ן א געפיהל פון דעספעקט און מורא: ס'איז געלעגען אין דיזען געזיכט עטוואס ער־האבענעס, שטרענגעס. זיינע ברעמען האבען זיך אצונד אויפגעהוי־בען, ער האט אראבגעלאזט די אויגען זיינע צו דער קאלדרע, מיט וועלכע ער איז געווען צוגעדעקט, און זיין ריעזיגע בארד האט פון דאס נייע זיך אנגעהויבען שאקלען.

„לייען איהם אקארשט פאר, יאשא, עפעס פון איוב... דעם אנ־הויב פון צעהנטען קאפיטעל..." האט ער זיך אבגערופען צו יא־קאוו'ן.

דיזער האט אויך גיך איבערגעמישט עטליכע בלעטער אין בוך און מיט א שטילער, ציטערנדער שטימע האט ער גענומען לייענען:

„מיין זעלע פערביטערט מיר דאס לעבען; כ'וויל דא פאר מיר אליין אויסגיסען מיין הארץ, און ריידען פון די שמערצען פון מיין נשמה, און זאגען צו גאט: פער'משפט מיך נישט; לאז מיך וויסען, פארוואס דו קריגסט זיך מיט מיר? איז דאס דיר ניחא, וואס דו בעגעהסט געוואלט און פארשטויסט מיך, ווען דיינע אייגענע הענד האבען געמאכט?"

איליא האט אויסגעשטרעקט דעם האלז אין דער הויך און מיט בלישטשענדע אויגען אריינגעקוקט אין בוך.

„אט אפנים דו גלויבסט עס ניט?" האט זיך יאקאוו אבגערופען.

„וואס פאר א טשודאק דו ביסט!..."

„ניט קיין טשודאק, נאר א טרוס," האט דער וועכטער געזאגט געלאסען, ווארים ער קען גאט אין פנים אריין ניט קוקען..."

ער האט מיט מיה אבגעקעהרט זיין מאטען בליק פון דער קאלד־רע נאך איליא'ס געזיכט, און מיט א שטרענגען טאן, עפעס אזוי ווי

ער וואָלט געוואָלט איליאַ'ן מיט זיינע ווערטער צורייבען אויף שטיק־לעך, האָט ער ווייטער געזאָגט:

„פאַראַן פּלעצער, וועלכע זיינען נאָך א סך שאַרפער ווי די וואָס זיינען פאַרגעלייענט געוואָרען. דער דריטער פּסוק פון צוויי און צוואַנ־ציגסטען קאַפּיטעל זאָגט דיר גאָר אָפען, אָהן הינטערפּיסלעך: „מיינסט אָפּנים, אַז דעם אַלמעכטיגען געפעלט, וואָס דו מאַכסט זיך אַזוי פרום? אָדער וואָס קומט איהם אַשטייגער אַרויס דערפון, וואָס דו היטסט אַזוי אָב דיינע וועגען און גיסט זיך אויף זיי ניט א קרים?“ מען מוז מיט חשק נאָכדענקען און זעהן, אַז מען זאָל קיין טעות ניט האָבען אין די זאַכען און זיי בעגרייפען ווי ס'בעדאַרף צו זיין...“

„און איהר... בעגרייפט איהר זיי דען?“ האָט לונעוו א פרעג גע־טהאָן אין דער שטיל.

„ער?“ האָט יאַקאָוו זיך אָנגערופען — „ניקיטא יעגאַראָוויטש? דער בעגרייפט אַלצדינג!“

אָבער דער וועכטער, אַראָבלאָזענדיג נאָך טיעפער זיין שטימע, האָט געזאָגט:

„פאַר מיר איז עס — שוין שפּעט... פאַר מיר איז איצט די צייט, דעם טויט צו בעגרייפען... זיי האָבען מיר אַראָבגענומען דעם פוס — אָבער ווייטער אויבען ווערט עס ווידער געשוואָלען... אויך דער אַנדערער פוס ווערט געשוואָלען... און אויך די ברוסט... און איך וועל באַלד דערפון שטאַרבען...“

די אויגען האָט ער ניט אַראָבגענומען פון איליאַ'ס געזיכט. און רוהיג און לאַנגזאַם האָט ער ווייטער געזאָגט.

„און ס'ווילט זיך מיר נאָך ניט שטאַרבען... וואָרים איך האָב טרויעריג געלעבט, אין קרענקונגען און שמערצען, קיין פרייד אָבער האָב איך אין מיין לעבען ניט געהאַט. פון קליינוויז אויף האָב איך נור כסדר געאַרבייט און אַזוי ווי יאַשקאַ שטענדיג אונטער'ן טאַטען'ס קאַנטשיק געלעבט. א פּיאַניצע איז ער געווען און אַן אַכזר א מענש... דריי מאָל האָט ער מיר דעם מוח צופּלעט, איינמאָל מיר די פיס מיט הייסע וואַסער אָבגעבריהט. קיין מוטער האָב איך ניט געהאַט —זי איז ביי מיין געבוירען ווערן געשטאָרבען. כ'האָב חתונה געהאַט. געצוואונגען האָט מען מיך צו נעהמען א ווייב, וואָס האָט מיך ניט

ליעב געהאט... דריי טעג נאך דער חתונה האט זי זיך אויפגעהאנ־גען. יא... א שוואגער האב איך געהאט — האט ער מיך בע׳גנב׳עט, און די אייגענע שוועסטער מיינע האט מיר אין די אויגען געזאגט, אז איך האב מיין ווייב צו דער תליה געטריבען. און אלע האבען עס געזאגט, כאטש זיי האבען גאנץ גוט געוואוסט, אז איך האב זי ניט אנגעריהרט אפילו, אז זי איז געשטארבען א מיידעל... ניין יאהר האב איך דאן נאך געלעבט, אליין און איינזאם. ס׳איז שרעקליך, אזוי איינזאם צו לעבען!... כ׳האב כסדר געווארט, טאמער וועלען זיי ענד־ליך פארט קומען, די פריידען — און אצונד שטארב איך. אט דאס איז מיין גאנץ לעבען געוועז...“

ער האט צוגעמאכט די אויגען, איז אנשוויגען געווארען אויף א ווײלע און דערנאך האט ער געפרעגט:

„נאך וואס האב איך געלעבט? ערקלעהר מיר דאס רעטהעניש...“

גאנץ בלייך, מיט א פערדריקט הארץ, האט איליא אויסגעהערט זיינע ביטערע רייד. אויף יאקאוו׳ס פנים האט זיך אויסגעלייגט א דונקעלער שאטען, און אין זיינע אויגען האבען געגלאנצט טרעהרען. זיי האבען ביידע געשוויגען שטיל.

„צו וואס האב איך געלעבט? פרעג איך... אונרעכט האט מיר דער האר אין הימעל געטהאן... כ׳בעט איהם ניט, מיין לעבען צו פערלענגערן... כ׳געפין די ווערטער ניט, איהם צו בעטען... איך ליעג דא און טראכט נור: צו וואס פארט האב איך געלעבט?“

דעם ועכטער׳ס קול איז פערשטיקט געווארען. ער האט זיך מיט אמאל אבגעשטעלט — פונקט אזוי ווי א מוטנעם טייכעל, וואס שטראמט ארוים אויף דער יבשה און פלוצלונג פערשטעקט עס זיך אונטער דער ערד.

„ווער ס׳איז צווישען די לעבעדיגע, דער האט נאך וואס צו האפ־פען, ווייל א לעבעדיגער הונד איז בעסער ווי א טויטער לייב,“ האט דער וועכטער אין א ווײלע ארום געזאגט מיט די ביבלישע ווערטער. נאך אמאל האט ער אויפגעהויבען די ברעמען, געעפענט די אויגען און זיין בארד האט זיך ניט אויפגעהערט צו שאקלען.

„אט דא טאקי, אין קהלת, הייסט עס אויך: „אין א גוטען טאג מאכען זיך גוטע זאכען, און אין א שלעכטען טאג דענק זיך: דאס

און דאס האט ניט גאט געטהאן, כדי דער מענש זאל איהם גאר־ נישט אנטקעגנען ריידען..." נו—ן?"

ווייטער האט איליא שוין ניט געקענט אויסהערען. שטילערהייט איז ער אויפגעשטאנען, האט דערלאנגט יאקאוו'ן די האנד און זיך טיעף פערנייגט פאר'ן וועכטער — אזוי ווי מען זעגענט זיך אב מיט א טויטען. גאנץ אונגערן איז דאס געשעהן פון זיין זייט.

דאסמאל האט ער דעם שפיטאל פערלאזען מיט א נייעם, מאדנעם דריקענדען, פינסטערן איינדרוק. דאס געשפרעך מיט'ן וועכטער האט אין זיין מוח ניט איבערגעלאזען קיין שום קלאהרע פארשטעלונג, דאך האט זיך דאס טרויעריגע בילד פון'ם קראנקען איינגעקריצט אין זיין זכרון. צו די אלע אונגליקליכע, פון לעבען פערפיהרטע און אבגע־ נארטע, וועלכע ער האט געקענט, איז צוגעקומען נאך א געשטאלט. דעם וועכטער'ס ווערטער האט ער גוט אריינגענומען אין זינען און א היבשע ווייל האט ער זיך ארומגעטראגען מיט זיי ביי זיך אין קאפ, כדי אויסצוגעפינען זייער געהיימען זינן. זיי האבען איהם צוטומעלט און האבען עפעס אויפגעריהרט ביי איהם טיעף אונטען, אויפ'ן גרונד פון זיין נשמה — דארט, וואו ער האט פערבארגען זיין גלויבען אין גאט'ס גערעכטיגקייט. און אט די ווערטער, וועלכע זיינען געבליבען פאר איהם אונפערשטענדליך, האבען אין איהם אויפגעוועקט יענע הארבע, פיקענדע מארך־טהעטיגקייט, וועלכע האט איהם געטריבען דערצו צו צוגליעדערן און אונטערזוכען אלצדינג, וואס ער האט גע־ זעהן און איבערגעלעבט.

און עס האט זיך איהם אויסגעדוכט, אז זיין גלויבען אין גאט'ס גערעכטיגקייט האט עפעס געקראגען א קלאפ, און אז ער איז שוין ניט אזוי פעסט ווי פריהער: עפעס האט איהם צובראכען, אזוי ווי דער ראסט, וואס צופרעסט דעם אייזען. ער האט דייטליך געפיהלט, אז דאס איז שוין פון פריהער געווען ביי איהם אין דער נשמה: די צו־ טומלונג, וואס איז דארט ארויסגערופען געווארען דורך דעם וועכ־ טער'ס קלאגענדיגע רייד, האט איהם איבערצייגט אין דעם. ביי איהם אין הארצען האבען זיך געפונען אזעלכע געפיהלען און פארשטע־ לונגען, וועלכע זיינען געווען ווי פייער און וואסער, האבען זיך בשום אופן ניט געקענט פעראייניגען און כסדר געשטריטען איינע מיט די

אנדערע. מיט נייער קראפט האט זיך אין איהם דערוועקט דאס ביטע־רע געפיהל געגען זיין אייגענער פערגאנגענהייט, געגען אלע מענשען און אלע ארדנונגען פון לעבען.

„איך וויל מיך שוין מעהר ניט מישען מיט די מענשען. ניט מיר און ניט אימיצען אנדערש ברענגט עס וועלכע ס'איז נוצען. אזוי קען איך ניט לעבען..."

א לאנגע צייט האט ער אזוי ארומגעבלאנדזשעט אין די גאסען, און מיעד און פעראומערט איז ער דערנאך געקומען אהיים...

...די אווטאנאמאוו'ס זיינען מיט יעדען טאג געווארען אלץ פריינדליכער און צוגעלאזטער צו איליא'ן. קיריק פלעגט איהם ווי א גוטער ברודער א קלאפ טהאן אין פלייצע, מאכען מיט איהם אמאל א שפאס און איהם זאגען:

„דו גיסט זיך אב מיט שמאכטעס, מיין ליעבער. אזא בעשיידע־נער, ערנסטער יונגער מאן מוז זיך אויף א ברייטערן אופן ענט־וויקלען! אז אימיצער האט א קאפ צו ווערן א קווארטאלני אינספעק־טאר, געשיקט זיך ניט ער זאל בלייבען שטענדיג א נאדזיראטעל..."

טאטיאנא וולאסיעוונא האט אנגעהויבען זעהר אפט אויספרעגען איליא'ן, ווי אזוי זיין הויזיר־האנדעל געהט, און וויפיעל ער שפארט אב יעדען מאנאט. ער האט שטענדיג ליעב געהאט צו פלוידערן מיט איהר, און פון טאג צו טאג איז געוואקסען זיין רעספעקט פאר דער פרוי, וועלכע האט געוואוסט מיט הוילע קלייניגקייטען צו מאכען דאס לעבען אזוי פיין און אזוי בעקוועם...

איין אבענד, בשעת איליא איז פער'מרה־שחורה'ט געזעסען ביי זיך אין צימער ביים אפענעם פענסטער און ארויסגעקוקט אין גאר־טען, טראכטענדיג וועגען דער אונגעטרייער אלימפיאדא, איז טאטיא־נא וולאסיעוונא ארוים פון עסס־צימער אין קיך און האט א רוף גע־טהאן איליא'ן צום טהעע. ער האט אנגענומען איהר איינלאדונג, כאטש ס'איז איהם געווען דערווידער: ער האט זיך ניט געוואלט אברייסען פון זיינע געדאנקען און האט קיין שום לוסט ניט געהאט זיך צו אונטערהאלטען. שטיל, מיט א פערצאגטען פנים האט ער זיך אנידערגעזעצט ביים טהעע־טיש, האט א קוק געטהאן אויף זיינע בעלי בתים און בעמערקט, אז זייערע געזיכטער האבען אן אונגעוועהנליך

ערנסטען אויסדרוק. אויך זיי האָבעןביידע געשוויגען. לוסטיג האָט דער סאַמאָוואר געקאַכט, א פויגעלע, וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט אין שטייגעל, האָט א קלאַפּ געטהאָן מיט די פליגעלעך און עס האָט זיך געלאָזט הערען א ריח פון געבראָטענע ציבעלע און פון שמעקעדיגע פּארפיום. קיריק האָט זיך ארומגעדרעהט אויף זיין שטוהל, האָט גע־פּויקט מיט די פינגער אויפ'ן ברעג פון'ם טהעע־ברעטעל און צוגעזונגען:

„טיר—רים, טיר—רים, טאַר—ראַם—ראַם! בום, בום, טרו—טו—טו, טרו—טו—טו!..."

„איליא יאַקאָוולעוויטש," האָט זיין פרוי אָנגעהויבען מיט אַן ערנסטער מיענע, „מיר האָבען זיך דאָ... אָבגעשמועסט א זאַך, איך און מיין מאַן... און מיר וואָלטען וועלען מיט אייך ריידען ערנסט..."

„האָ האָ האָ!" האָט זיך דער נאַדזיראַטעל פּלוצלונג צולאַכט און זיך געריבען די גרויסע רויטע הענד זיינע. איליא האָט זיך דער־שראָקען און האָט איהם אָנגעקוקט ווי א צומישטער.

„טו וואַרט אַקאַרשט, קיריק! ס'איז דאָך ניטאָ וואָס צו לאַכען דערפון..." האָט טאַטיאַנא וולאַסיעוונא געזאָגט.

„מ י ר האָבען זיך אָבגעשמועסט!" האָט זיך קיריק אָבגערו־פען מיט א ברייטען געלעכטער, קוקענדיג בשעת מעשה אויף איליא'ן און וואַרפענדיג א בליק פון דער זייט אויף זיין ווייב. „א מיניסטער־קעפּעלע!"

„מיר האָבען אָבגעשפּאַרט אביסעל געלד, איליא יאַקאָוולעוויטש.."

„מ י ר האָבען אָבגעשפּאַרט! האָ האָ האָ! מיין קלוג, ליעב ווייבעלע!.."

„קיריא, הער אויף!" האָט טאַטיאַנא וולאַסיעוונא א זאָג געטהאָן שטרענג. איהר געזיכט האָט בעת מעשה אויסגעזעהן נאָך מאָגערער און שפּיציגער ווי געוועהנליך.

„מיר האָבען... אָבגעשפּאַרט אַן ערך טויזענד רובעל," האָט זי ווייטער גערעדט אין דער שטיל, זיך אריבערבויגענדיג צו איליא'ן און זיך פעסט איינזויגענדיג מיט איהרע שאַרפע קליינע אויגעלאַך אין זיינע אויגען. ער איז זיך געזעסען רוהיג, און איהם האָט זיך

אויסגעדרוקט, פונקט ווי עפעס וואלט אין זיין ברוסט געשפרונגען פון שמחה.

„דאס געלד ליגט אין באנק און גיט אונז פיער פראצענט...“ האט טאטיאנא וואסיליעוונא ווייטער געזאגט.

„און דאס איז אונז צו ווייניג, כאפט עס דער קאדיק!“ האט קיריק ארויסגעלאזט א געשריי, א קלאפ טהאנדיג בעת מעשה מיט דער האנד אן טיש. „מיר ווילען...“

זיין פרוי האט איהם מיט א שארפען בליק געצוואונגען אנשווייגען צו ווערן.

„מיר זיינען נאטירליך גאנץ צופריעדען מיט דעם דאזיגען פראצענט — אבער מיר וואלטען אייך געוואלט בעהילפיג זיין, אויב איהר ווילט אנפאנגען עפעס גרעסערס... איהר זייט אזא סאלידער מענש..“

זי האט איליא'ן געמאכט נאך א פאר קאמפלימענטען און דערנאך איז זי ווייטער אריבער צום פונקט:

„איהר האט אנומעלט געזאגט, אז א קלייט פון גאלאנטאריי־סחורה קען איינברייגגען צוואנציג פראצענט און זאגאר מעהר, ווען מען הויבט עס נור ריכטיג אן. נו, מיר זיינען גרייט, אייך צו געבען אונזער געלד אויף א וועקסעל — צאהלבאר אויף פערלאנג, ניט אנדערש — מיט דער בעדינגונג, איהר זאלט זיך דערמיט עפענען א קלייט. איהר וועט דאס געשעפט פיהרען אונטער מיין קאנטראלע, און מיט'ן פראפיט וועלען מיר זיך טהיילען אויף דער העלפט. די סחורה וועט איהר פערזיכערן אויף מיין נאמען, אחוץ דעם וועט איהר מיר ארויסגעבען נאך א פאפירעל... נור לפנים, א פאפירעל, וואס האט קיין ווערטה ניט... און א נו, איבערלייגט זיך אקארשט די זאך און זאגט איינפאך: יא צי ניין?“

איליא האט געהערט איהר פיינע, טרוקענע שטימע און האט זיך שטארק געריבען דעם שטערן. בשעת זי האט גערעדט האט ער עטליכע מאל א קוק געטהאן אין ווינקעל, וואו דער גאלדענער ראהם פון'ם הייליגען בילד האט געבלאנקט צווישען דיביידע חתונה־ליכט. עפעס א מין געפיהל פון פרייד איז איהם בעפאלען, דערהערענדיג יין בעל הבית'טעס ווערטער. איהר פארשלאג האט מיט אמאל פערווירקליכט זיינע יאהרען־לאנגענדיגע חלומות, ער האט איהם צו־

טומעלט און אין דערזעלבער צייט אָנגעפילט מיט פרייד. מיט א פער־טראַכטען שמייכעל האָט ער געקוקט אויף דער קליינער פרוי און זיך געקלעהרט:

„אָט איז עס — מיין שיקזאַל...“

אָבער זי האָט צו איהם גערעדט ווי א מוטער רעדט צו איהר קינד:

„איבערלעגט אייך גאַנץ גענוי, בעטראַכט די זאַך פון אַלע זייטען! אויב איהר טרויט זיך עס אָן, אויב איהר האָט גענוג כח, גענוג ערפאַה־רונג דערצו? און דאַן זאָגט אונז אויך, וואָס איהר קענט אריינלע־גען אין געשעפט, אויסער ארבייטס־קראַפט? אונזער געלד איז דאָך ניט גענוג... ניט אמת?...“

„איך קען...“ האָט איליא געזאָגט מיט א בערעכענטען טאָן.

„אריינלעגען פינף הונדערט רובעל. מיין פעטער וועט זיי מיר גע־בען... כ'האָב שוין מיט אייך גערעדט וועגען איהם... דער וועט מיר געבען דאָס געלד! פיליכט אויך נאָך מעהר...“

„הורראַה!“ האָט קיריק אווטאָנאָמאָוו א געשריי געטהאָן.

„איהר זייט אַלזאָ — איינפערשטאַנען?“ האָט טאַטיאַנא וולאַ־סיעוונא געפרעגט.

„איך בין... איינפערשטאַנען.“ האָט לונעוו געענטפערט.

„וואָס דען? כ'האָב עס אפריהער געוואוסט!“ האָט דער נאַד־זיראַטעל געשריען. און דערנאָך האָט ער אריינגעשטעקט די האַנד אין קעשענע און האָט אויסגעשריען גאַנץ הויך, אויפ'ן קול: „נאַ, און איצט—לאָמיר טרינקען שאַמפּאַניער! שאַמפּאַניער, כאַפּט דער טייוועל מיין זעלע מיט די פּיאַטעס צוזאַמען! איליא, לויף אריבער אין וויינהאַנדלונג, מיין ליעבער... ברייננ שאַמפּאַניער! מיר וועלען לאָזען די פּראָפּקעס קנאַקען אין דער לופטען!... אָט איז געלד... דו ביסט, פערשטעהט זיך, אונזער גאַסט. בעט דאָן שאַמפּאַניער, ניינציג קאָפּיקענעס, און זאָג, אז עס איז פאַר מיר, פאַר אווטאָנאָמאָוו'ן — קריגסט דו איהם פאַר פינף און זעכציג קאָפּיקעס... געה שנעל, מיין טהייערער!...“

מיט א שמייכעל אויף די ליפּען האָט איליא א קוק געטהאָן אויף

די שטראהלענדע געזיכטער פון'ם פאר פאלק און איז ארוים פון שטוב.

אט האט איהם, דוכט זיך, דאס שיקזאל געשטופט און געשטויסען, איהם צו א שווערער זינד געטריבען, זיין זעלע פערטומעלט — און איצט האט עס עפעס אזוי ווי ביי איהם פערציייהונג געבעטען, איהם צוגעשמייכעלט און זיך אנגעבאטען איהם צו דינען... אצונד איז דער וועג געלעגען אפען פאר איהם צוצוקומען צו א בעקוועמען ווינקעל אין לעבען, וואו ער וועט זיך קענען עקזיסטירען רוהיג פאר זיך און שאפען פריעדען פאר זיין זעלע. ער האט ביי איין מענשען דאס לעבען אוועקגערויבט — און ער וועט דערפאר פיעלע אנדערע העלפען און אויף אזא אופן וועט ער ווערן קוויט מיט גאט. ניין, גאט וועט איהם ניט שטראפען שווער: גאט ווייסט אלצדינג. אלימפיאדא איז גערעכט געווען: ביי דעם מארד איז ער בלויז געווען דער אויספיהרענדער ארם, ניט דער ווילען. און גאט אליין האט איהם, ווייזט אויס, צוגעהאלפען זיך צו רעכטפערטיגען, דערמיט וואס ער האט איהם אזוי דערלייכטערט די עררייכונג פון זיין לעבענס-צוועק. אזוי האבען זיך די געדאנקען געדרעהט און געפלאנטערט אין איליא'ס קאפ און האבען אנגעפילט זיין הארץ מיט אזא מין לעבענס-פרייד, וואס איז איהם ביז אהער געווען לחלוטין אונבעקאנט.

פון דער וויינהאנדלונג האט ער געבראכט א פלאש עכטען שאמפאניער, פאר וועלכע ער האט בעצאהלט זיבען רובעל.

„אהא—א!" האט זיך אוטאנאמאוו אבגערופען. „דאס איז פיין פון דיר, מיין ליעבער! דאס איז א אידעע, יא—א!"

טאטיאנא וולאסיעוונא האט וועגען דעם געהאט א גאנץ אנדער מיינונג — זי האט געשאקעלט מיט'ן קאפ, און בעטראכטענדיג די פלאש, האט זי מיט א טאן פון פארוואורף געזאגט:

„זיבען רובעל?! איי, איי, איי, איליא יאקאוולעוויטש — ווי אונפראקטיש, ווי אונסאליד דאס איז!"

לונעוו איז געשטאנען פאר איהר, אזוי גערירט און גליקליך, און האט געשמייכעלט.

ס'איז עכטער!" האט ער מיט פרייד אויסגערופען „צום ערשטען

מאָל אין לעבען וויל איך טרינקען עכטען! ווי איז דען מיין ביז אהער־ריגעם לעבען געווען! גאַנץ פאַרפעלשט... שמוץ, רויקייט, ענגשאַפט... בעליידיגונגען, פערדרוס און אַלערליי האַרצווייטאָגען... איז דאָס אפשר עכטעם לעבען? קען דער מענש אזוי כסדר לעבען?"

ער האָט אָנגעריהרט די וואונד פון זיין האַרצען — אַ ביטער־קייט האָט זיך אויסגעגאָסען אין זיינע ווערטער, זיינע אויגען זיינען פערפינסטערט געוואָרען; ער האָט אַ זיפץ געטהאָן פון טיעפען האַר־צען, און מיט אַ פעסטען און בעשטימטען טאָן האָט ער ווייטער גע־זאָגט:

„פון קליינוויינ אויף האָב איך דאָס עכטע, דאָס ריכטיגע געזוכט, און כ'האָב דערביי געלעבט ווי אַ שפּענדעל אין טייך — אַט האָט עס מיך געוואָרפען אהער און אַט אהין... און אַלצדינג אַרום מיר איז געווען טרויעריג, שמוציג, אונרוהיג. כ'האָב ניט געוואוסט, וואו צו זוכען אַ שטיקעל אָנשפּאַר... נור עלענד, אונגערעכטיגקייט, רויבע־ריי האָב איך געזעהן אַרום און אַרום... און אַלערליי אַנדערע געמיינ־הייטען. און דאָ האָט מיך דאָס שיקזאַל פערוואָרפען צו אייך. צום ערשטען מאָל אין לעבען זעה איך, ווי מענשען לעבען רוהיג, בעקוועם, ליעבענדיג איינע די אַנדערע..."

ער האָט זיי אָנגעקוקט מיט אַ שטראַהלענדען פּנים און זיך טיעף פערנייגט פאַר זיי.

„כ'דאַנק אייך! ביי אייך האָב איך געפונען אַ דערלייכטערונג פאַר מיין נשמה.. ביי גאָט! איהר האָט מיר געהאָלפען פאַר מיין גאַנצעם לעבען.. איצט וועל איך מיט מוטה ווייטער געהן! אצונד ווייס איך שוין ווי אזוי צו לעבען! מיר וועט דערביי זיין גוט, און אַנדערע זאָלען דערפון קיין שאָדען ניט האָבען... וויפיעל אונגליקליכע זיינען דאָ אויף דער וועלט! וויפיעל געהען צו גרונד אָהן אַ שום צוועק... דאָס אַלץ האָב איך געזעהן, דאָס אַלץ ווייס איך..."

טאַטיאַנאַ וולאַסיעוונאַ האָט איהם אָנגעקוקט מיט'ן בליק פון דער קאַץ, וואָס לויערט נאָך דעם פויגעל, וועלכער ווערט אַליין ענט־ציקט פון זיין אייגענעם געזאַנג. אין איהרע אויגען האָט געבליצט אַ גרין פייערל און איהרע ליפּען האָבען געצוקט. קיריק אָבער איז געווען פערטהאָן מיט דער פלאַש. ער האָט זי גענומען צווישען די פיס און

האט זיך אריבערגעבויגען איבער איהר. זיינע האלז־אדערן זיינען אויפגעלאפען, די אויערן האבען זיך איהם בעוועגט...

„מיינע פריינדע,“ האט איליא ווייטער געזאגט — איך האב דאך צוויי פריינדע...“

די פראפקע האט דערלאנגט א קנאק, האט א שפרונג געטהאן ביז אין דער סטעליע און איז אראבגעפאלען אויפ׳ן טיש. א גלאז, אויף וואס זי איז געפאלען, האט א קלונג געטהאן מיט א ציטער.

קיריק האט געקנאקט מיט די ליפען, אנגעגאסען דעם וויין אין די גלעזער און קאמאנדירט:

„גענומען!—“

און בשעת זיין ווייב און לונעוו האבען גענומען די גלעזער אין די הענד, האט ער אויפגעהויבען זיינם הויך איבער׳ן קאפ און אויסגעשריען:

„אויף דאס בליהען און געדייהען פון דער פירמא „טאטיאנא אווטאנאמאווא און לונעוו“ — הורראה!“

5.

אין פערלויף פון די נעכסטע טעג האט זיך איליא בעראטהען מיט טאטיאנא וולאסיעוונא׳ן מכח די איינצעלהייטען פון דער נייער אונטערנעהמונג. זי האט אלעס געוואוסט און גערעדט וועגען אלצדינג מיט אזא זיכערקייט, פונקט ווי זי וואלט איהר לעבען לאנג געהאנדעלט מיט שניט־קראם־סחורות. איליא איז בשתומם געווארען צו הערען איהר ערפאהרונג אין דעם דאזיגען געשעפט, האט צוגעשמייכעלט און געשוויגען שטיל. ער האט געוואלט אזוי גיך ווי מעגליך אויפזוכען א פאסענדע קלייט, אזוי שנעל ווי מעגליך אנפאנגען דאס געשעפט, און ער האט דעריבער צוגעשטימט צו טאטיאנא וולאסיעוונא׳ס אלע פארשלעגע, ניט א טראכט טהאנדיג וועגען זייער בעדייטונג.

ענדליך איז געמאכט געווארען א לאד וועגען אלצדינג, און ס׳האט זיך ארויסגעצייגט, אז טאטיאנא וולאסיעוונא האט שוין אפילו א פאסענדע קלייט אויך געהאט צוגעגרייט. דער פלאץ איז געווען

אזוי ווי בעשאפען ספּעציעל צו דעם צוועק, פּונקט ווי איליא האָט זיך געוואונשען: אין אַ ריינער גאַס, קליין און נעט, מיט אַ צימער ביי דער זייט. איליא האָט געקענט דיזע קליט — אפריהער איז דאָרט אַ מילך־געשעפט געווען, און ער פלעגט אָפט ארייננקומען אהין, פּער־קויפען זיין סחורה. אלץ איז אלזא געגאנגען כשורה, ביז די מינדעסטע קלייניגקייט, און איליא האָט טריאומפירט.

פּריש און פרעהליך איז ער אריבער צו זיינע פריינד אין שפּי־טאָל. דאָרט איז איהם אנטקעגען געקומען פּאַוועל, וועלכער איז אויך געווען זעהר גוט אויפגעלייגט.

„מאָרגען שרייבט מען מיך אוים פון דאנען,“ האָט ער מיט שמחה דערצעהלט איליא'ן נאָך איידער ער האָט איהם געענטפערט אויף זיין בעגריסונג. „פון וויעראַ'ן האָב איך ערהאַלטען אַ בריעף... זי זי־דעלט זיך... זאָגט, אַז איך האָב זי בעליידיגט! דער קליינער טייוועל!...“

זיינע אויגען האָבען געגלאַנצט, די באַקען זיינען איהם רויט געוואָרען. ער האָט ניט געקענט איינשטעהן רוהיג אויף אן אָרט, האָט ארומגעשאַרט מיט די פּאַנטאָפּעל איבער דער ערד און געפּאַכעט מיט די אָרעמס.

„גיב נור אַקאַרשט גוט אַכטונג איצט,“ האָט זיך איליא אָבגערו־פען צו איהם. „היט די ביינער דיינע!“

„נו געוויס! איך פרעג גאַנץ איינפאַך: מאַמזעל וויעראַ קאַ־פּיטאָנאָוונאַ — ווילט איהר חתונה האָבען? איז גוט! וואָס? ניט? איז מיט'ן מעסער איהר אין האַרץ אריין!“

איבער פּאַוועל'ס געזיכט און איבער זיין גאַנצען לייב איז אריי־בער אַ שוידער.

„נאַ, נאַ!“ האָט איליא געזאָגט מיט אַ געלעכטער. „ווער געהט עס גלייך ארוים מיט'ן מעסער?! דו היצקאָפּ איינער!“

„ניין, גלויב מיר — כ'בין שוין זאַט דערפון! אָהן איהר לעבען קען איך ניט... און אויך זי איז אָהן מיר אין גאַנצען פערלאָרען. שמו־צערייען האָט זי שוין גענוג געטריבען — ס'מוז אמאָל אַ סוף נעהמען דערצו... מאָרגען וועט עס ענטשיעדען ווערן צווישען אונז... אזוי אָדער אזוי...“

לונעוו האָט אריינגעקוקט דעם פריינד זיינעם אין געזיכט אריין. און האָט זיך געטראכט:

„דער דאָ איז אים שטאנד זי צו דערשטעכען...“

און פלוצלונג איז איהם ארויפגעשוואומען אויפ'ן מוח אן איינפאכער, קלאָהרער געדאנק. ער איז רויט געוואָרען — און דאַן איז א שמייכעל אריבער איבער זיין געזיכט.

„פאשוטקא, שטעל זיך פאָר: וואָס פאר א גליק איך האָב!“ האָט ער אין א ווייכע ארום געזאָגט.

און לונעוו האָט דעם פריינד גאנץ בקיצור דערצעהלט, וואָס מיט איהם האָט די לעצטע עטליכע טעג פאסירט. פאוועל האָט אויסגעהערט זיינע רייד, דערנאָך האָט ער מיט א זיפץ אראָבגעלאָזען דעם קאָפ און געזאָגט:

„יאָ—א, דו האָסט גליק....“

„ביסט מיך מקנא?“

„דאָס האָט נאָך געפעהלט... צום טייפעל!“

„איך שעהם זיך זאָגאר פאר דיר מיט מיין גליק... ווירקליך! איך רייד גאנץ אויפריכטיג!“

„א שעהנעם דאנק דיר...“ האָט זיך פאוועל אָבגערופען מיט א טרויעריגען שמייכעל.

„ווייסט וואָס?“ האָט איליא געזאָגט אין דער שטיל. „כ'וויל זיך ניט בעריהמען דערמיט, נאָר זאָג עס גאנץ ערנסט, אז איך שעהם זיך... ביי גאָט!“

פאוועל האָט איהם אָנגעקוקט, ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט, דערנאָך האָט ער ווידער אראָבגעלאָזט דעם קאָפ און זיך פערטראכט.

„און איך וויל דיר נאָך וואָס זאָגען: מיר האָבען זיך אין דער נויטה געהאלטען צוזאמען, לאָמיר זשע אויך זיך טהיילען מיט דער פרייד!“

„המ—ם,“ האָט פאוועל געברומט — „כ'האָב געהערט, אז מיט דער פרייד קען מען זיך אזוי ווייניג טהיילען, אזוי ווי מיט א ווייב...“

„מען קען עס!... ווער אקאָרשט געוואָהר, וואָס מען דארף האָבען איינצוואָרדנען א ברונענמאכעריי — וואָס פאר געצייג, מאטע־

ריאַלען און זאַ וויטער... און וויפיעל דאַס וועט קאָסטען... דאָס געלד דערצו וועל איך דיר געבען...“

„נאַטו—ו—ו?“ האָט זיך פּאַוועל אָבגערופען, אויסציהענדיג דאָס וואָרט, און אָנקוקענדיג דעם פריינד מיט אַן אונגלויביגען בליק. לונעוו האָט לעבהאַפט אַ כאַפּ געטהאָן זיין האַנד און האָט זי געדריקט פעסט.

„ווירקליך, דו טשודאַק איינער... כ'גיב עס דיר!“

אָבער ס'האָט איהם לאַנג גענומען, ביז וואַנען ער האָט פאַר-וועל'ן איבערצייגט, אַז ער מיינט עס טאַקי ערנסט מיט דעם וואָס ער זאָגט. פּאַוועל האָט אַלץ געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, געמורמעלט און כסדר געזאָגט:

„ניין, ס'וועט גאָר נישט ווערן דערפון...“

ענדליך האָט זיך לונעוו'ן איינגעגעבען, איהם איבערצורייד-ען. און דאַן האָט איהם פּאַשקאַ אומאַרמט און מיט אַ געריהרטער, ציטערענדער שטימע האָט ער געזאָגט:

„כ'דאַנק דיר, ברודער! ציהסט מיך אַרויס פון גרוב... נאָר הער וואָס איך וועל דיר זאָגען: אַן אייגענע ווערקשטעלע וויל איך נישט— כאַפּט איהר דער קאַדיק! דאָס איז ניט קיין געשעפט פאַר מיר... גיב מיר אַביסעל געלד — כ'וועל מיר נעהמען ווערקאַ'ן און אַוועקפאָה-רען פון דאַנען. אויף אַזאַ אופן וועט פאַר דיר זיין לייכטער — מחמת דו וועסט ניט דאַרפען געבען אַזוי פיעל — און פאַר מיר וועט עס זיין בעקוועמער. כ'וועל אַוועקפאָהרען ערגעץ וואו און אַריינגעהן אין אַ ווערקשטעלע...“

„דאָס איז אַן אונזין!“ האָט איליאַ געזאָגט. „ס'איז דאָך בעסער צו זיין אַן אייגענער בעל הבית פאַר זיך...“

„דאָס וואָלט געוועזען אויך מיר אַן אייגענער בעל הבית!“ האָט זיך פּאַוועל אָבגערופען מיט אַ פרעהליכען טאָן. „כ'פערשטעה דאָך גאָר ניט, ווי אַזוי צו זיין פּרינציפּאַל איבער אַרבייטער. ניין, אַן אייגען געשעפט מיט אַלצדינג וואָס האָט צו טהאָן דערמיט, איז ניט נאָך מיין געשמאַק נאָך... איך ווייס וואָס פאַר אַ מין בחור אַזאַ פּרינציפּאַל מוז זיין. דערצו טויג איך ניט! אַ באַק קענסט דו ניט מיט איין מאָל מאַכען פאַר אַ חזיר...“

גאנץ קלאָהר האָט איליא ניט געקענט כאַפּען פּאַוועל'ס קוק וועגען די שייכות פון דעם פּרינציפּאַל צו זיינע ארבייטער, דאָך איז עס איהם געפעלען און האָט אין איהם ארויסגערופען נאָך מעהר אינטע־רעסע פאר זיין חבר. פול מיט פרייד און ליעבשאַפט האָט ער איהם געקוקט אין פּנים אריין און געשפּאַסט.

„ס'איז אמת: דו זעהסט ווירקליך אויס ווי א באָק, ביסט פונקט אזוי מאָגער... ווייסט אַז ווען דו דערמאָנסט מיך? אַז דעם שום־טער פּערפישקא!... נא, אלזא מארגען טרעפען מיר זיך צוזאַמען און איך וועל דיר געבען געלד אויף אַן אָנפאַנג... אזוי לאַנג ווי דו האָסט נאָך קיין שטעלע ניט... און איצט וועל איך אריינגעהן צו יאַ־קאָוו'ן..."

„גוט. כ'דאַנק דיר, ברודער!..."

„ווי אזוי פּערטראַגסט דו זיך איצט מיט יאַקאָוו'ן?"

„אזוי ווי פריהער... מיר קענען זיך ניט אָנקוקען..." האָט גראַ־טשעוו געענטפערט מיט א געלעכטער.

„ער איז אַן אונגליקליכער מענש... ס'איז שווער מיט איהם אויסצוקומען," האָט איליא געזאָגט מיט א פערטראַכטער מיענע.

„נא, דערפון האָבען מיר אַלע צוביסלעך..." האָט פּאַוועל געענט־פערט, ציהענדיג מיט די אַקסלען. „ס'דוכט זיך מיר שטענדיג, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט ניט געווען אין גאַנצען ביים זינען. א הויז־נאַר, אזוי צו זאָגען..."

„נאַ, כ'געה..."

„טו געה!"

און אַז איליא איז שוין געהאַט אוועקגעגאַנגען, האָט פּאַוועל בליי־בענדיג שטעהן אין מיטען קאָרידאָר, הינטער איהם נאָך אַמאָל אויס־געשריגען:

„כ'דאַנק דיר, ברודער!"

איליא האָט איהם צוגעשאָקעלט דעם קאָפּ מיט א שמייכעל.

דעם אָרעמען יאַקאָוו האָט ער געטראָפען גאַנץ טרויעריג און דערשלאָגען. ער איז געלעגען אויף זיין בעט מיט'ן פּנים צו דער סטעליע, ארויפגעקוקט מיט אָפענע אויגען אויבען און האָט גאַרנישט בעמערקט, אַז איליא איז צו איהם צוגעקומען.

„ניקיטאַ יעגאָריטש'ן האָט מען אַריבערגענומען אין אַן אַנדער זאַל,“ האָט ער זיך דערנאָך אָבגערופען צו איליאַ'ן.

„דאָס איז גוט,“ האָט לונעוו געענטפערט — „ער האָט שוין אויסגעזעהן שרעקליך. און אַ חוץ דעם האָט ער גערעדט אַזעלכע מאָדנע זאַכען... גאָט איז מיט איהם!...“

יאַקאָוו האָט איהם אָנגעקוקט מיט אַ פּאַרוואורף אין זיינע בליקען און האָט געשוויגען.

„ס'געהט דיר שוין בעסער?“ האָט איליאַ אַ פרעג געטהאָן.

„יאַ—אַ“, האָט יאַקאָוו געענטפערט מיט אַ זיפץ. „קראַנק זיין אפילו טאָר איך אויך ניט. אַזוי לאַנג ווי איך וויל... נעכטען איז דער טאַטע ווידער געווען דאָ. ער האָט אַ צווייטעס הויז געקויפט, זאָגט ער. נאָך אַ שענק וויל ער עפענען. און דאָס אַלץ — וועל איך הייסט עס, קריגען אויפ'ן קאַרק...“

איליאַ'ן האָט זיך זעהר געוואָלט ריידען צו איהם מכח זיין אייגענעם ערפאָלג, דאָך האָט איהם עפּעס אָבגעהאַלטען דערפון.

די פריהלינגס־זון האָט פרעהליך אַריינגעלאַכט דורכ'ן פענסטער, און די געלע ווענד פון שפּיטאָל האָבען אין איהר שוין נאָך געלער אויסגעזעהן. אין דער העלער בעלייכטונג האָט מען אויף די ווענד בעמערקט זעהן אַלערהאַנד פלעקען און ריסען. צוויי חולאים זיינען געזעסען שטיל אויף זייערע בעטען; זיי האָבען געשפּיעלט אין קאַרטען און זיינען געווען שטאַרק פערטיעפט אין זייער בעשעפטיגונג. אַ הויך־געוויקסיגער, מאָגערער מענש איז אַרומגעגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער איבער'ן זאַאל אַהין און אַהער, דעם פערבונדענעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט איבער דער ברוסט. ס'איז געווען שטיל אין גאַנצען זאַאל. נאָר פון ערגעץ וואו האָט זיך געלאָזט הערען אַן אונטערדריקטעס הוסטען, און פון קאָרידאָר האָט זיך געהערט דאָס שלורען פון די חולאים'ס פּאַנטאָפעל. יאַקאָוו'ס געל געזיכט האָט אויסגעזעהן אַזוי ווי אָהן לעבען, און זיינע טריבע אויגען האָבען געהאַט אַ פערזאָרגטען אויסדרוק.

„אַך, כ'וואָלט געוואָלט שטאַרבען!“ האָט ער געזאָגט מיט זיין טרוקענער, הייזעריגער שטימע. „אַז איך ליג דאָ אַזוי, טראַכט איך מיר: ס'מוז זיין אינטערעסאַנט צו שטאַרבען. דאָרט מוז אַלץ זיין אַנדערש... אַזוי גאַנץ אַנדערש, ווי קיינער האָט עס נאָך ניט געזעהן...

ניטאַ קיין גערויש... אַלעס איז פערשטענדליך, אַלץ העל און קלאָהר..."
זיין קול איז געוואָרען אַלץ שטילער, פערדריקטער. „פריינדליכע מלאכים זיינען דאָרט פאַרהאַן... זיי קענען דיר אַלעס ערקלעהרען, אויף יעדער פראַגע דיר אַן ענטפער געבען... די מלאכים..."

ער איז געבליבען שטיל, האָט אָנגעהויבען צו פינטלען מיט די אויגען און האָט בעמערקט, ווי אַ בלייכער אָבשלאַג פון אַ זונען־שטראַהל האָט זיך אַ שפּיעל געטהאָן אויף דער סטעליע.

„ווייסט וואָס?..." האָט לונעוו אָנגעהויבען.

אָבער יאַקאָוו האָט איהם גלייך איבערגעשלאָגען די רייד, פערע־גענדיג:

„האָסט ניט געזעהן מאַשוטקאַ'ן?"

„נ—ניין..."

„אַך, דו!... האָסט זי שוין לאַנג געדאַרפט בעזוכען..."

„כ'האָב עס פערגעסען... ניטאָ פאַר אַלצדינג קיין פּלאַץ אין קאָפּ..."

„אין הארצען מוזט דו זיך עס פערשרייבען, ניט אין קאָפּ!..."

לונעוו איז נעקומען אין אַ פערלעגענהייט און האָט געשוויגען. פון קאָרידאָר איז אריינגעקראָכען אויף קוליעס אַ נידעריגער מאַן מיט שפּיץ־פערדרעהטע וואָנציעס און מיט אַ הייזעריגער, פּייפענדער שטימע האָט ער אַ זאָג געטהאָן צום הויכען מיט'ן פערבונדענעם קאָפּ:

„שורקאַ איז ווייטער ניט געקומען, די מרשעת..."

יאַקאָוו האָט זיך אומגעקוקט צו איהם, ארויסגעלאָזט אַ זיפץ און זיך אונרוהיג אַ וואָרף געטהאָן אויפ'ן קישען אהין און אהער.

„ניקיטאַ יעגאָראָוויטש מוז אַלזאָ שטאַרבען, און ער וויל ניט... דער פעלדשער האָט עס מיר געזאָגט: ער מוז שטאַרבען!.. און איך וויל שטאַרבען — און קען ניט! איך וועל ווידער געזונד ווערן, ווידער זיך שטעלען הינטערן בופעט — און כ'וועל ווידער טרינקען בראַנפען. און אזוי וועל איך צו גרונד געהן..."

זיינע ליפּען האָבען זיך פערצויגען צו אַ טרויעריגען שמייכעל. ער האָט אַ מאָדנעם קוק געטהאָן אויף זיין פריינד און ווייטער געזאָגט:

„אום עס אויסצוהאַלטען דאָ, אויף דער וועלט, וואָלט מען געמוזט

האבען אייזערנע לענדען און אן אייזערן הארץ... און מען וואלט געמוזט לעבען ווי אלע: געדאנקען־לאז, אהן א געוויסען..."
איליא האט פון יאקאוו'ס ווערטער ארויסגעהערט עפּעס פיינד־ליכעס, עפּעס קאלטעס, און ער האט געקנייטשט מיט'ן שטערן.
„און איך בין אזוי ווי גלאז צווישען שטיינער," האט יאקאוו ווייטער גערעדט — „דרעה איך מיך נור אום — דערלאנגט עס א שפּרונג..."
„דו יאמערסט שוין גאר גלאט אין דער וועלט אריין," האט לו־נעוו א זאג געטהאן.
„און דו?" האט יאקאוו געפרעגט.
איליא האט זיך אבגעקעהרט אן א זייט און האט גארנישט גע־ענטפערט. דערנאך, אז ער האט בעמערקט, אז יאקאוו האט שוין מעהר ניט בדעה ווייטער צו ריידען, האט ער זיך אבגערופען:
„מיר זיינען אלע אויף צרות. נעהם צום ביישפּיעל פּאוועל'ן!..."
„כ'האב איהם ניט ליעב," האט יאקאוו געזאגט און האט געמאכט דערביי א קרומען פּנים.
„פארוואס ניט?"
„אזוי... כ'האב איהם ניט ליעב און גענוג..."
„נא—און איך האב איהם ליעב..."
„פון מיינעטוועגען..."
„הם—יא... כ'מוז איצט געהן..."
יאקאוו האט איהם דערלאנגט די האנד, ניט אויסריידענדיג דערביי קיין ווארט. דערנאך האט ער פּלוצלונג מיט א קלעגליכער, בעטענדער שטימע געזאגט:
„פרעג זיך פארט נאך... נאך מאשוטקא'ן! יא? אום קריסט־טעס ווילען!..."
„גוט, כ'וועל עס טהאן," האט איליא געזאגט.
עס איז איהם געווען פּיינליך און אונבעקוועם צו הערען יאקאוו'ס שטענדיגעס יאמערן, און ס'איז איהם עפּעס אזוי ווי אראב א שטיין פון הארצען, אז ער האט איהם פערלאזען. אבער יאקאוו'ס בקשה, פארט געוואהר צו ווערן וואס מאשא טהוט, האט אויף איהם געמאכט אזא רושם, אז ער האט זיך איינפאך געשעהמט פאר זיך אליין, ווי אזוי

ער פערהאלט זיך געגען פערפישקא'ס טאָכטער, און ער האָט ביי זיך בעשלאָסען אויפצוזוכען מאַטיצא'ן, וועלכע ווייסט דאָך אודאי ווי ס'געהט מאשוטקא'ן אין איהר נייעם לעבען. אזוי ווי אלע שכנים פון פעטרוכא'ס הויז האָט ער געוואוסט, אז מאטיצא פלעגט פריהער יעדען שבת וואשען די פּאָדלאָגע ביי דעם סוחר אָריאָנאָוו אין הויז און דערפאר פלעגט זי קריגען א פערטעל רובעל. און וואָס ס'איז שוין אויך געווען אריינגערעכענט דער לוין פאר איהרע בעווייזע פון צערטליכקייט צו אָריאָנאָוו'ן...

איליא האָט זיך געלאָזט געהן צו פילימאָנאָוו'ן אין שענק, און אין זיין נשמה האָבען זיך צונויפגעשפּארט אלערליי געדאנקען מכח זיין צוקונפט. ליעבליך האָט זי איהם צוגעשמייכעלט, די דאָזיגע צוקונפט זיינע, און זיך פערטיעפענדיג אזוי אין זיינע מחשבות, האָט ער גאָרנישט בעמערקט, אז ער איז שוין פערביי געגאנגען דעם שענק — און אז ער האָט זיך דערנאָך אומגעקוקט, האָט ער שוין קיין חשק ניט געהאט זיך אומצוקעהרען צוריק. ער איז ארוים פון שטאָדט: ווייט, העט ווייט פאר איהם האָבען זיך אויסגעשפּרייט די פעלדער, וועלכע האָבען זיך געצויגען ביז דעם דונקעלן, געדיכטען וואלד. די זון האָט געהאלטען ביים אונטערגעהן. מיט'ן קאָפּ אין דער הויך איז איליא געגאנגען פאָרווערטס און האָט געקוקט ארויף צום הימעל, וואו רויטליכע וואָלקענס זיינען געשטאַנען אונבעוועגליך און האָבען געפלאַמט אין די זונען־שטראהלען. ס'איז איהם אנגענעהם געווען צו וואנעדרן אזוי פאָראויס: יעדער טריט, וואָס ער האָט געמאכט און יעדער אָטהעם־צוג זיינער האָט אין איהם ערוועקט א נייעם געדאנק. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי אזוי ער איז שוין רייך און מעכטיג געוואָרען און ער האָט שוין בכח צו מאכען א תל פון פעטרוכא פילימאָנאָוו'ן. ער האָט איהם שוין צום בעטעל־ברויט געבראכט, און פעטרוכא שטעהט פאר איהם און וויינט, ער אבער, איליא לונעוו, זאָגט צו איהם:

„רחמנות זאָל איך אויף דיר האָבען? און דו — האָסט דו אויף וועמען עס איז רחמנות געהאט? האָסט דו ניט דיין זוהן געטרעטען און געשלאָגען מכות רצח? האָסט דו ניט פערפיהרט מיין פעטער און איהם געטריבען צו זינד? האָסט דו ניט געקוקט אויף מיר פון

אויבען אראָב און מיך אויסגעלאַכט? אין דיין פערפלוכטען הויז איז קיינער ניט גליקליך געווען, האָט קיינער קיין פרייד ניט געזעהן. פערפוילט ביז׳ן ביין איז דיין הויז, א ריכטיגע מענשען־פּאַסטקע, א געפּענגניס פאַר די, וואָס וואוינען דאָרט...“

פּעטרוכא שטעהט אין הוילע ציטערניש און געוויין, דערשלאָגען און איינגעבויגען אזוי ווי א בעטלער, און איליא האַלט ווייטער פאַר איהם זיין שטראָף־רעדע:

„איך וועל דיין הויז פערברענען, ווייל עס ברייגגט אונגליק אויף די אַלע, וואָס וואוינען דאָרט. דו אבער געה ארום אין דער וועלט און בעט אַלעמען, וועמען דו האָסט נור בעליידיגט, זיי זאָלען דיר מוחל זיין, ביז צו דיין טויט געה אזוי ארום, און שטארב דאַן פאַר הונגער ווי א הונד!...“

די נאַכט האָט זיך גענומען אראָבלאָזען אויפ׳ן פעלד. דער וואַלד האָט זיך פון דער ווייטענס אויפגעהויבען ווי א געדיכטע, דונקעלע וואנד, אזוי ווי א בארג. א קליינע פלעדערמויז איז דורכגעפלויגען שטיל אזוי ווי א שווארצער פלעק אין דער לופטען, און ס׳האָט זיך אויסגעדוכט עפּעס אזוי ווי זי וואָלט עס פערזעעט די פינסטערניש איבער דער ערד. פון דערווייטענס, פון טייך האָט זיך געלאָזט הערען דאָס רוישען און פּאטשען פון די רעדער פון א שיף. ס׳האָט אויסגעוויזען, אזוי ווי ערגעץ־וואו, ווייט פון דאָרט, שוועבט ארום אן אונגעהייער גרויסער פויגעל און ריהרט אויף די לופט מיט דער מעכטיגער קלאַפּעריי פון זיינע פליגעל. לונעוו האָט זיך דערמאָנט אָן יענע אַלע, וועלכע האָבען זיך איהם געלייגט ווי שטיינער אויף זיין לעבענס־וועג, און זיי אַלעמען האָט ער איצט געשטעלט צום משפט ביי זיך אין געדאַנק, קיינעם ניט געשאָנעוועט. ס׳איז איהם דערפון לייכט געוואָרען אויפ׳ן הארצען, און געהענדיג אזוי איינזאַם דורך די פעלדער, ארומגעהילט און געוויקעלט איבעראַל פון פינסטערניש, האָט ער אָנגעהויבען שטילערהייט צו זינגען...

פּלוצלונג אבער האָט זיך אין דער לופט געלאָזט הערען א שטאַרקער גערוך פון מיסט. איליא האָט אויפגעהערט צו זינגען: אָט דער ריח האָט אין איהם ארויסגערופען אנגענעהמע עראינערונגען. ער איז צוגעקומען צו דעם פּלאַץ, וואו מען לייגט אָב די גאַנצע מיסט פון

שטאָדט, דאָרט וואו ער פלעגט פריהער אזוי אָפט ארומגעהן אין איי־נעם מיט זיידעניו יערעמעי זוכען מציאות אין די קופות פון שמוץ. דער פוילער גערוך איז איהם אצונד נאָך מעהר געקראָכען אין דער נשמה, נאָך שטארקער געשטאָכען אין נאָז ווי דעמאָלט, אין זיינע קינדערשע יאָהרען. דאָס בילד פון אלטען שמאטעס־קלייבער איז ארויפ־געשוואומען ביי איליא'ן אין זכרון, און ער האָט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען, זוכענדיג אין דער פינסטער דאָס שטיקעל פלאַץ, וואו דער אלטער פלעגט זיך מיט איהם אנידערזעצען אָברוהען. אבער איליא האָט ניט געקענט געפינען דעם אָרט: אָט אפנים ער איז פערשוואונ־דען אונטער די בערג פון מיסט, וועלכע זיינען זייט דאן אָנגעשאָטען געוואָרען דאָרט. איליא האָט א זיפץ געטהאָן—ער האָט געפיהלט, אז אויך ביי איהם אין דער נשמה איז עפּעס פערשאָטען געוואָרען און איז פערשוואונדען אונטער די אָנגעוואָרפענע בערג שמוץ פון לעבען.

„אז איך וואָלט אבער דעם רייכען סוחר ניט דערוואָרגען... וואָלט דאָך מיר איצט גאָרנישט געפעהלט צום לעבען," איז איהם מיט אמאָל דורכגעלאָפען א געדאנק אין מוח. אבער טאקי גלייך נאָך דעם האָט זיך פון זיין הארצען געלאָזט הערען אן ענטפער דערויף:

„וואָס האָט דער סוחר דערמיט צו טהאָן? ער איז — נור מיין אונגליק, ניט מיין זינד..."

פּלוצלונג האָט זיך דערהערט א שטילער גערויש. א קליין הינטעל איז דורכגעלאָפען לעבען איליא'ס פיס און מיט א שטילען וואויען איז ער ערגעץ־וואו פערשוואונדען. איליא איז געבליבען א פערציטערטער. איהם האָט זיך אויסגעדוכט, עפּעס אזוי ווי א טהייל פון דיזער נאכט־פינסטערניש האָט מיט אמאָל געקריגען א לעבעדיגע פאָרמע פאר איהם אין די אויגען און איז דערנאָך מיט א קרעכץ צוריק אריין אין חשך.

„ס'איז אלץ איינס," איז איהם דורך א געדאנק אין מוח. „אויך אהן דעם דאָזיגען רייכען סוחר וואָלט אין מיין הארצען קיין פרידען ניט געווען. וויפיעל קריינקונגען האָב איך אליין דורכגעלעבט, וויפיעל אנדערע האָבען פאר מיינע אויגען געליטען! קוים איז דאָס הארץ נור פערוואונדעט, דאן וועט עס שוין קיינמאָל ניט אויפהערען וועה צו טהאָן..."

לאַנגזאַם איז ער געגאַנגען ביים ברעג קאַנאַל. זיינע פיס האָבען געזונקען אין שמוץ, און ער האָט געהערט ווי די האַלץ־שפּענדלאַך און די שטיקלאַך פּאַפּיער קנאַקען אונטער זיינע טריט. אַ ליידיגע שטיק ערד, וואָס איז נאָך ניט פערשאָטען געוועז מיט מיסט, האָט זיך געצויגען אַלס שמאַלער וועג אין קאַנאַל אריין. ער איז אזוי געגאַנגען אויף דעם שמאַלען פּאַס ביז וואַנען ער איז געקומען צום ברעג. דאָרט האָט ער זיך אַנידערגעזעצט און געלאָזט די פיס אראָבהייגען אין קאַנאַל אריין. די לופט איז דאָ געווען פיעל פרישער און וואָרפענדיג אַ בליק איבער׳ן קאַנאַל, האָט איליא פון דערווייטען דערזעהן דאָס שטאָהלענע באַנד פון טייך. אויפ׳ן וואַסער, וואָס האָט אויסגעזעהן רוהיג און אונבעוועגליך ווי אייז, האָבען געציטערט די לעמפּלעך פון די שיפלעך, וועלכע מען האָט ניט געקענט זעהן אין דער פינסטער, און איינס פון זיי האָט געשוועבט אזוי ווי אַ רויטער פלעק אין דער לופטען. אַ צווייטעס ליכט מיט אַ גרינעם גלאַנץ, עפּעס אזוי ווי עס וואָלט געווען אַ צייכען פון אונגליק, האָט געברענט אונבעוועגליך, אָהן שטראַהלען... און איליא׳ן צו פוסען איז געלעגען דער קאַנאַל, אָנגעפילט מיט אַ געדיכטען טומאַן. אַ טיעפע מרה־שחורה איז ווידער בעפאַלען איליא׳ס הארץ; ער האָט ארומגעקוקט און זיך געטראַכט:

„אָט איז מיר, דוכט זיך, נור וואָס געווען אזוי גוט אויפ׳ן הארצען... אזוי גרינג און אזוי פרעהליך — און מיט אַמאָל איז אַלעס ווידער פערשוואונדען... פאַרוואָס טרייבט אַלץ דאָס לעבען דעם מענשען דוקא אויף צו להכעים אהין, וואוהין ער וויל ניט? אַלץ אין לעבען איז אזוי מורא׳דיג שווער, אזוי פול מיט אונגערעכטיגקייט, אזוי אונבעגרייפליך! אפשר איז טאַקי יאַקאָוו גערעכט, אַז אפריהער מוז מען זיך אליין בעגרייפען.. אָדער פיליכט מוז מען צוערשט פערשטעהן די מענשען — ווי אזוי זיי לעבען, און נאָך וועלכע געזעצע?"

ער האָט זיך דערמאָנט ווי מאָדנע, כמעט פיינדליך יאַקאָוו האָט זיך היינט פערהאַלטען אַנטקעגען איהם — און ס׳איז איהם נאָך דערביי אומעטיגער געוואָרען אויפ׳ן הארצען... פון קאַנאַל האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ גערויש: אַ שטיק ערד האָט מן הסתם זיך

אַבגעריסען פון דער זייט און איז אריינגעפאַלען אינעווייניג. א פייכ־טער ווינד האָט געבלאָזען איליא׳ן איבער׳ן געזיכט. ער האָט ארויפ־געקוקט צום הימעל. דאָרט האָבען זיך צופלאַמט די שטערען, און אי־בער׳ן וואַלד האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבען די גרויסע רויטליכע קוגעל פון דער לבנה אזוי ווי א מורא׳דיגעס קאַלטעס אויג. און ווי מיט א ווײַלע צוריק, ווען די פלעדערמויז האָט דורכגעשוועבט אין דער פינסטערניש, אזוי האָבען זיך איצט געפלאַנטערט דונקעלע פאַר־שטעלונגען און זכרונות אין איליא׳ס נשמה: זיי זיינען געקומען און פערשוואונדען, ניט געבענדיג קיין שום ענטפער אויף די פראַגען, וועלכע האָבען בעשעפטיגט זיין מוח. און אַלץ געדיכטער און שווע־רער איז דער חשך געוואָרען ביי איהם אין דער זעעלע.

„אָט ראַבעווען, מוטשען, וואַרגען די מענשען איינע די אַנדערע, און קיינעם ליגט גאַרניט אין זינען אפילו צו פערלייכטערן דעם צוויי־טענס לעבען, נאָר יעדער איינער קוקט בלויז אַרגיס אויף א געלע־גענהייט, זיך אָבצורוקען אַן א זייט, אין א רוהיגען ווינקעל... אויך איך זוך קיין אַנדער זאַך ניט, נאָר מיין ווינקעל... און וואו בלייבט ערגעץ דאָס ווירקליכע, עכטע, פעסטע פון דעם דאָזיגען לעבען?“

לאַנג איז ער אזוי געזעסען דאָ, פערטיעפט אין זיינע געדאַנקען און האָט געקוקט א ווײַלע אַראָב אין קאַנאַל און א ווײַלע ארויף צום הימעל. אויף די פעלדער איז געווען שטיל. דער הימעל איז געווען קלאָר און ריין, מעהר ווי לבנה און שטערען איז ניט געווען צו זעהן. איליא׳ן איז אריבער א שוידער איבער׳ן לייב. ער האָט זיך אויפגע־הויבען, און ציטערנדיג פון קעלט האָט ער זיך געלאָזט געהן אין שטאָדט אריין, פון וואַנען מען האָט געקענט פון ווייטען זעהן די בלישטשענדע ליכט. ער האָט מעהר קיין לוסט ניט געהאַט צו דייג־קען פון וואָס עס איז. א שטילע, פראַסטיגע רוהיגקייט האָט זיך איינגעפלאַנצט ביי איהם אין ברוסט...

ער איז געקומען שפעט אהיים. ביי דער טהיר איז ער געבליבען שטעהן פערטראַכט און האָט קיין מוטה ניט געהאַט א ציה צו טהאָן דאָס גלעקעל. אין די פענסטער איז שוין געווען פינסטער — זיינע בעלי בתים שלאָפען שוין אַלזאָ. ס׳איז איהם געווען זעהר אונאַנגע־נעהם אזוי שפעט צו בעאונרוהיגען טאַטיאַנאַ וולאַסיעוונאַ׳ן, וועלכע

פלעגט, ווי דער שטייגער איז געווען, אליין עפענען די טהיר. אבער ער האָט דאָך פאַרט געמוזט אריין אין שטוב. שטיל און לייכט האָט לונעוו א ציה געטהאָן דאָס גלעקעל. כמעט אין דערזעלבער רגע האָט זיך די טהיר געעפענט און פאר איליא'ן האָט זיך בעוויזען די שלאנקע געשטאלט פון זיין בעל הבית'טע, איינגעוויקעלט אין ווייסען פון קאָפּ ביז די פיס.

„מאכט אויף גיך צו!" האָט זי געזאָגט צו איליא'ן מיט א מאָדנער פערענדערטער שטימע. „ס'איז קיהל... כ'בין אויסגעטהאָן... מיין מאַן איז ניטאָ אין דערהיים."

„ענטשולדיגט, כ'בעט אייך," האָט לונעוו געמורמעלט.

„ווי שפּעט איהר קומט דאָס! פון וואנען פאַרט? ווי?"

איליא האָט צוגעמאכט די טהיר, האָט זיך אומגעדרעהט, אום איהר צו ענטפערן און — האָט זיך פּלוצלינג אנגעריהרט אָן איהר ברוסט. זי איז ניט אָבגעשפּרונגען פון איהם, נאָר אדרבה, זי האָט זיך נאָך מעהר צוגעטוליעט צו איהם. און פּלוצלונג האָט זי ארויסגעלאָזט א געלעכטער — א שטילען, ציטערנדען געלעכטער. לונעוו האָט אויפגעהויבען זיינע אָרעמס און לאנגזאַם ארויפגעלעגט זיינע הענד אויף איהרע שולטערן. ער האָט געציטערט פאר אויפרעגונג און לוסט, זי ארומצונעהמען. נאָר מיט אמאָל האָט זי זיך אליין א הויב געטהאָן, האָט ארומגענומען זיין האלז מיט איהרע שלאנקע, הייסע אָרעמס און מיט א קלינגענדיגער שטימע געזאָגט:

„וואו טרייבסט דו זיך פאַרט ארום ביי נאכט? צו וואָס טויג עס דיר? דו קענסט דאָך עס דאָ א סך נעהנטער האָבען... שוין פון לאנג אָן, מיין געליעבטער... מיין שעהנער... שטארקער יונג!..."

אזוי ווי אין חלום האָט איליא געזוכט איהרע ליפּען און האָט זיך ניט געקענט האלטען אויף די פיס, זיך געוואקעלט אונטער די שטירמישע בעוועגונגען פון איהר שלאנקען קערפּער. זי אבער איז געהאנגען אָן זיין ברוסט ווי א קאַץ און האָט איהם געקושט אָהן אָן אויפהער. ענדליך האָט ער זי א נעהם געטהאָן מיט זיינע שטארקע אָרעמס און זי אריינגעטראָגען אין זיין צימער — לייכט, אזוי ווי ער וואָלט געשוועבט אין דער לופטען, איז ער געגאנגען מיט זיין לאסט...

אויף מארגען אין דער פריה האט זיך איליא אויפגעכאפט מיט אנגסט אין דער נשמה.

„ווי אזוי זאל איך אצונד קוקען קיריק'ען גלייך אין די אויגען?“ האט ער זיך געטראכט, גלייך ווי ער האט נור די אויגען אויפגעמאכט. און צוזאמען מיט דער מורא פאר'ן נאדזיראטעל האט איהם אויך בעהערשט א געפיהל פון שעהמעדיגקייט.

ווען איך וואלט וועניגסטענס געווען אין כעס אויף איהם, אדער ער וואלט מיר ניט געפעלען.. אבער אזוי גלאט אהן א שום אורזא־כע... איהם צו קריינקען, און נאך דערצו אזוי טיעף קריינקען... ביז צום טויט!...“ האט ער זיך געטראכט מיט א שווער הארץ, און ביי איהם אין דער נשמה האט זיך דערוועקט א געפיהל פון עקעל געגען טאטיאנא וולאסיעוונא, איהם האט זיך אויסגעדוכט, אז קיריק וועט זיכער געוואהר ווערען, אז זיין פרוי איז איהם אונטריי געווארען, און ער האט זיך גאר ניט געקענט פארשטעלען, וואס דאן וועט געשעהן.

„ווי זי האט זיך דאס אויף מיר ארויפגעווארפען — פונקט ווי א הונגעריגע!“ האט ער זיך געטראכט און א בעאונרוהיגענדער צוויי־פעל האט איהם ניט אויפגעהערט צו מאטערן. אין דערזעלבער צייט אבער האט ער ביי זיך אין הארצען אויך דערפיהלט דאס אנגענעה־מע קיצלען פון אייגענליעבע. דאס איז שוין ניט דעם „סוחר'ס ליר־באוניצע,“ ווי ער פלעגט רופען אלימפיאדא'ן, נאר א פרוי, וועלכע ווערט רעספעקטירט פון דער גאנצער וועלט — א זויבערע, געבילדעטע, פערהייראטהע פרוי.

„ס'מוז דאך שטעקען עפעס בעזונדערעס אין דיר!“ האט זיין שטאלץ גערעדט צו איהם. „ס'איז שענדליך, שענדליך... אבער איך בין דאך ניט פון שטיין... כ'האב זי דאך ניט געקענט אוועקטרייבען פון מיר...“

נאך אלעמען איז ער געווען א יונגער מאן, און זיין פאנטאזיע האט זיך ניט ווילענדיג בעשעפטיגט מיט די לאסטשערייען, דאס האלזען און קושען פון דער דאזיגער פרוי — איבערהויפט אזא מין האלזען און קושען, וואס איז איהם ביז אהער געווען אונבעקאנט. פון דער אנדער זייט ווידער האט איהם זיין פראקטישער זינן געזאגט, אז דיזעס נייע פערהעלטנים קען איהם ברייננגען נוצען. אבער נאך אט

די אַלע פאַרשטעלונגען זיינען נאָכגעגאַנגען — אַזוי ווי שווערע וואָלקענס — אַנדערע, אומעטיגע געדאַנקען.

„אָט בין איך אַלזאָ ווידער אַריין מיט די פיס אין זומפּ... צי האָב איך עס געוואָלט? כ'האָב געהאַט רעספּעקט פאַר דאָס דאָזיגע ווייבעלע... קיינמאָל האָב איך וועגען איהר אַפילו קיין בייזען געדאַנק ניט געהאַט... און אָט איז עס געקומען אַזוי, פון זיך אַליין...“

און דאַן איז דאָס אַלעם פון דאָס ניי בעזיעגט געוואָרען פון דער אַנגענעהמער פאַרשטעלונג, אַז באַלד, באַלד פאַנגט זיך פאַר איהם אָן דאָס זויבערע, בעקוועמע לעבען. צולעצט אָבער איז דאָך געבליבען דער שמערצליכער, שטעכעדיגער געדאַנק:

„נאָך אַלעמען וואָלט פאַרט בעסער געווען, ווען דאָס פּאַסירט ניט...“

ער איז מיט אַ כיוון געבליבען ליגען אין בעט ביז וואַנען אווטאָנאָמאָוו וועט אוועקגעהן אויף זיין סלוזשבע, און ער האָט געהערט, ווי דער נאַדזיראַטעל, צוקלאַפּענדיג מיט די ליפּען, זאָגט צו זיין פרוי:

„אַלזאָ, אויף מיטאָג מאַכסט דו מיר פלייש־קוילען, טאַטינאָ. נעהם אַביסעל מעהר חזיר־פלייש, און דאַן מאַך זיי אַ קאַפּיטשקע ברוין — אַז זיי זאָלען מיר פון טעלערל ווי אַ פּאָר יונגינקע, קליינטשינקע פויגעלאָך אָנקוקען... דו ווייסט דאָך, מאַמעלע! און טהו אַריין אַ היבש ביסעל פעפער, מיין טייבעלע, ווי איך האָב עס ליעב. דערפאַר וועל איך דיר מיטברייינגען אַביסעל איינגעמאַכטס, יאָ?“

„נאַ, געה שוין, געה שוין! פונקט ווי איך וואָלט ניט געוואוסט וואָס דו האָסט ליעב...“ האָט זיין פרוי איהם צערטליך געענטפערט.

„און איצט, מיין ווייבעלע, מיין טאַטיאַנעלע... ערלויב מיר נאָך אַ קושעלע!“

אַ פערציטערטער איז לונעוו געוואָרען. דערהערענדיג די שמאַטשקעריי פון'ם קוש. אי שמערצליך אי לעכערליך האָט עס אויסגעקוקט אין זיינע אויגען.

„טשיק! טשיק! טשיק!“ האָט אווטאָנאָמאָוו געמאַכט, בשעת ער האָט זיין ווייב געקושט, און זי האָט געלאַכט דערביי. אַז זי האָט פערריגעלט די טהיר הינטער איהם, האָט זי גלייך אַריינגעטאַנצט צו

איליא'ן אין צימער, ארויפגעשפרונגען צו איהם אויפ'ן בעט און מיט א מונטערן טאָן געזאָגט:

„א קוש גיב מיר, אויף גיך — כ'האָב קיין צייט ניט."

„איהר האָט זיך דאָך נור וואָס געקושט מיט אייער מאַן," האָט איליא א זאָג געטהאָן מיט א ביטערן טאָן.

„וואַ—אָס? „איהר"?... אה, ער איז אייפערזיכטיג!" האָט זי אויסגערופען מיט צופרידענהייט, און איז לאַכענדיג אראָבגעשפרונגען פון בעט און האָט פערצויגען דאָס פאָרהענגעל פון פענסטער.

„אייפערזיכטיג!" האָט זי געזאָגט, „דאָס איז דאָך עפּעס גאָר ניט שלעכט! אייפערזיכטיגע מענער ליעבען מיט ליידענשאַפט..."

„ניט פון אייפערזוכט האָב איך דאָס געזאָגט..."

„מויל געהאַלטען!" האָט זי געקאָמאַנדעוועט, איהם פערשטעל־לענדיג בעת מעשה מיט דער האַנד דאָס מויל.

אז זיי האָבען זיך דערנאָך גענוג בעפרידיגט, האָט איהר איליא אָנגעקוקט מיט א שמייכעל און האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען און געמאַכט א בעמערקונג:

„מען קען ניט זאָגען — דרייסטקייט פעהלט דיר ניט... א ריכ־טיגער היצקאָפּ! געדיכט דעם מאַן אונטער דער נאָז אזעלכע שטיק צו מאַכען..."

איהרע גרינליך וועקסלענדע אויגען האָבען געפונקעלט פול מיט רייץ, און זי האָט געענטפערט:

„דאָס איז דאָך א גאַנץ געוועהנליכע זאַך! ס'איז גאָר ניטאָ וואָס בעזאָנדערס אין דעם! מיינסט טאַקי, עס זיינען פאַראַן א סך פרויען, וואָס בלייבען טריי זייערע מענער? נור די מיאוס'ע און קראַנקע זיינען עס... א שעהנע פרוי וועט עס שטענדיג מאַכען פער־גניגען צו האָבען א קליינעם ראָמאַן..."

דעם גאַנצען אין־דער־פריה האָט זי איליא'ן געגעבען לעקציאָנען איבער דעם דאָזיגען פונקט, האָט איהם דערצעהלט אלערליי מעשיות פון ווייבער, וואָס האָבען אָבגענאַרט זייערע מענער. אין איהר רוי־טען יאַקעל, אָנגעטהאָן אין פאַרטוך און די אַרבעל פערקאַשערט ביז איבער די אָרעמס, האָט זי ארומגעטאַנצט אין קיך, צוגעגרייט פאַר

איהר מאַן די פּלייש־קוילען און כסדר געלאָזט הערען איהר העלע שטימע:

„מיט דעם מאַן, זאָל לעבען... מיינסט דו, ענדיגט זיך שוין די וועלט פאַר אַ פרוי! אבער דער מאַן קען איהר צייטענווייז זעהר מיאוס ווערן, אפילו אַז זי האָט איהם ליעב! און אַ חוץ דעם מאכט ער דאָך אויך ניט קיין סך טענות, אַז עס מאַכט זיך אמאָל אַ גוטע געלע־גענהייט זיין פרוי אָבצונאַרען... אקוראט אזוי איז עס אויך פאַר דער פרוי סקוטשנע, איהר גאַנץ לעבען לאַנג כסדר נור צו דיינקען: מיין מאַן, מיין מאַן, מיין מאַן! ס'מאכט דאָך שפּאס, אמאָל מיט אַן אַנ־דער מאַן אביסעל צו פערברייגגען — ס'איז אַ שטיקעל איבערבייט. מען בעקענט זיך מיט די אַנדערע און מען ווייס, וואָס פאַר אַ חילוק ס'איז פאַראַן צווישען די מענער. ס'איז אויך פאַראַן פערשיעדענע סאָרטען ביער: איינפאַכעס ביער, בייערישעס ביער, לאַגער ביער... ס'איז דום, אימער נור איינפאַכעס ביער צו טרינקען..."

בשעת איליא האָט זיך צוגעהערט צו איהרע רייד, האָט ער גע־טרונקען זיין טהעע, און ער האָט עפּעס געפיהלט אזוי ווי אַ ביטערן בייגעשמאַק אין איהם. אין די ווערטער פון דיזער פרוי איז געלעגען אַזאַ מין חוצפה'דיגע אַרויספאָדערונג, וועלכע איז פאַר איהם געווען גאָר ניי. ניט ווילענדיג האָט ער זיך דערמאָנט אַן אָלימפּיאַדאַ'ן, אַן איהר טיעפער שטימע, איהרע רוהיגע מיענעס און איהרע גליהענדע ווערטער, אין וועלכע ס'איז געלעגען אַ געוויסע קראַפט, וואָס האָט איהם אַנגענומען ביים הארצען. ס'איז אפילו אמת, אַז אָלימפּיאַדאַ איז געווען אַ פרוי אָהן העכערע בילדונג, וואָס וואָלט זיך געפּאַסט פאַר אַ קרעמערל'ס ווייב. דערפאַר אבער איז זי אויך אין איהר ניט־שעהמען זיך געוועזן איינפאַכער, פּראָסטער... אויף טאַטיאַנאַ וולאַ־סיעוונאַ'ס וויצען האָט איליא געענטפערט מיט אַ שטילען געלעכטער, דאָך אבער האָט ער זיך צו דיזען געלעכטער געמוזט צווינגען. ס'איז איהם געווען ניט גוט אויפ'ן הארצען, און געלאַכט האָט ער נור מחמת דעם וואָס ער האָט ניט געוואוסט, פון וואָס מיט זיין בעל הבית'טע צו ריידען. איהרע ווערטער האָבען אין איהם דערוועקט אַ שמערצליכען אומעט, פונדעסטוועגען האָט ער זיך פאַרט צוגעהערט צו זיי מיט אַ טיעפער אינטערעסע, און ענדליך האָט ער זיך אָבגערופען:

„איך וואלט ניט געגלויבט, אז אין אייערע קרייזען הערשען אזעלכע צושטענדע..."

„די צושטענדע, מיין ליעבער, זיינען אומעטום גלייך! די צושטענדע ווערן געמאכט פון די מענשען, און די מענשען האבען איבעראל איין און דעמזעלבען ציעל — אנגענעהם צו לעבען! דער מענש, פערשטעהסט דו מיך, וויל לעבען מענשליך: רוהיג, זאט און בעקוועם, און כדי דאס צו קענען אויספיהרען, מוז ער האבען געלד. דעם מענשען'ס ערשטער ציעל איז אלזא: געלד. געלד קריגט מען ענטוועדער דורך א ירושה, אדער דורך גליק, אדער דורך ארבייט. ווער ס'האלט א לאטערי־צעטעל, דער קען אויך האפען אויף גליק. א שעהנע פרוי האט שוין פון דערהיים אוים א זיכערן געווינס־צעטעל — איהר שעהנקייט. מיט שעהנקייט קען מען פיעל געווינען—אה! און ווער ס'האט ניט, ניט קיין רייכע קרובים, ניט קיין שעהנקייט און ניט קיין אנדערע לאטערי־צעטלען, דער מוז, הייסט עס, ארבייטען. דאס גאנצע לעבען צו ארבייטען, איז א נארישקייט... און איך, זעהסט דו, ארבייט, כאטש איך האב זאגאר צוויי געווינס־צעטלען! נו — די וויל איך ביי דיר איינלעגען אין משכון! בלויז פלייש־קוילען צו באקען און א געשטופעלטען נאדזיראטעל צו קושען — דאס איז פאר מיר א קנאפער געווינס... ס'ווילט זיך מיר טאקי דיך אויך קושען..."

זי האט אנגעקוקט איליא'ן און א פרעג געטהאן מיט א שפאסיגען טאן:

„ס'איז דאך דיר ניט דערווידער?... פאר וואס זשע קוקסט דו מיך אזוי בייז אן?"

איליא איז געשטאנען ביי דער טהיר פון זיין צימער און האט געקוקט אויף איהר מיט א הארטען, פערפראָרענעם בליק. זי איז צוגעגאנגען צו איהם, האט ארויפגעלייגט איהרע ארעמס אויף זיינע שולטערן און איהם אריינגעקוקט מיט נייגיריגע אויגען גלייך אין געזיכט אריין.

„כ'בין ניט בייז," האט זיך איליא ערנסט אבגערופען.

„טאקי ניט? אך, וואס פאר א דאנק ס'קומט דיר דערפאר! הא, הא, הא, ווי גוט דו ביסט!" האט זי אויסגערופען און האט זיך צולאכט אויפ'ן קול.

„איך האָב נור וואָס געטראַכט דערפון,“ האָט איליאַ געזאָגט, אויסריידענדיג די ווערטער זיינע לאַנגזאַם און געמאָסטען. „אַז אַלץ וואָס דו זאָגסט איז ריכטיג... אָבער עס ליגט פאַרט עטוואָס בייזעס אין זיי...“

„אהאַ—אָ, וואָס פאַר אַ שטעכעדיגער בחור דו ביסט! עטוואָס בייזעס — וואָס איז דאָס אַזוינס? ערקלעהר עס מיר אָקאַרשט!“

אָבער ער האָט איהר גאַרנישט געקענט ערקלעהרען. ער אַליין האָט ניט בעגריפען, וואָס איהם איז אייגענטליך ניט געפעלען אין איהרע ווערטער. אָלימפּיאַדאַ האָט, דוכט זיך, גערעדט אַ סך איינפאַכער, גרעבער, פונדעסטוועגען האָבען איהרע ווערטער ניט פערוואונדעט אַזוי שווער זיין זעעלע, ווי די שווישטשעריי פון אָט דעם קליינטשיקען, זויבערן פויגעלע. דעם גאַנצען טאָג האָט ער ניט אויפגעהערט צו טראַכטען וועגען דעם מאָדנעם געפיהל פון אונצופרידענהייט, וואָס אָט די נייע פערבינדונג האָט ארויסגערופען ביי איהם אין האַרצען, און ער האָט ניט געקענט בעגרייפען פון וואַנען דאָס דאָזיגע געפיהל האָט זיך צו איהם גענומען...

אַז ער איז אָבענד־צייט אַהיים געקומען, האָט איהם קיריק בעגעגענט אין קיך און מיט אַ צופרידענעם טאָן געזאָגט:

„נאַ, איליאַ, האָט אָבער טאַניושאַ היינט געקאָכט וואָס גוטעס! פלייש־קיילכעלאך, זאָג איך דיר — ס'טהוט איינפאַך לייד, זיי צו עסען! ס'איז כמעט אַן עבירה, עפּעס אַזוי ווי מען וואָלט געגעסען לעבעדיגע סאָלאָווייטשיקעס! איך האָב דיר איבערגעלאָזט אַ פולען טעלער, ברודער'קע! ווארף אראָב דיין מאַגאַזין, זעץ זיך אַנידער און האָב הנאה פון דער וועלט...“

איליאַ האָט איהם אָנגעקוקט עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט זיך געפיהלט שולדיג אַנטקעגען איהם, און שטיל, מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען, האָט ער געזאָגט:

„אַ דאַנק, קיריק ניקאָדימאָוויטש!“ און מיט אַ זיפץ האָט ער צוגעלייגט: „איהר זייט אַ גוטער מענש... ביי גאָט!“

„וויים איך וואָס!“ האָט קיריק אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד. „אַ טעלער מיט פלייש־קוילען — אויך מיר אַ גרויסע זאַך! ניין, ברודער, אַז איך וואָלט געווען פּאָליצמייסטער, הם — דאַ וואָלט דיר

אפשר אמאָל געקענט אויסקומען מיר א דאנק צו זאָגען. אָה יאָ! אָבער פּאָליצמייסטער וועל איך ניט ווערן. איך וועל אוועקוואַרפען די סלוזש־בע ביי דער פּאָליציי און מסתמא אריינגעהן אלס פּראָקוריסט אין א גרוים געשעפט. א פּראָקוריסט — דאָס איז שוין עפּעס א פעסטע שטעלע... אז איך וועל זי נור קריגען, וועל איך שוין האָבען מיין שטי־קעל פערמעגען..."

טאַטיאַנאַ וולאסיעוונא האָט זיך געפּאָרעט ביים אויווען און צו־געזונגען אין דער שטיל א ליעדעל פאר זיך. איליא האָט א קוק גע־געבען אויף איהר און ס'איז איהם ווידער אמאָל געוואָרען קאלעמוטנע אויף דער נשמה. ביסלאכווייז אבער איז דיזעם געפיהל פערשוואונ־דען, בעזיעגט געוואָרען פון נייע איינדריקע און זאָרגען. ער האָט גאָר קיין צייט ניט געהאט זיך אָבצוגעבען פיעל מיט זיינע געדאנקען: ער איז אין גאנצען געווען פערנומען מיט דער קלייט, וועלכע מען האָט געדאַרפט שטעלען אין אָרדנונג, און מיט דעם איינקויף פון וואַרע. און ביי דער ארבייט האָט ער זיך וואָס ווייטער אלץ מעהר צוגעוואוינט צו דיזער פרוי, אזוי ווי דער שכור צום בראנפען. אלס געליעבטע איז זי איהם אלץ מעהר און מעהר געפעלען געוואָרען, כאָטש איהר לאס־טשעריי, איהר האלזען און קושען האָט אין איהם אָפט דערוועקט א געפיהל פון שעהמעוודיגקייט. יאָ, זאָגאר א מורא פאר איהר. אָבער דיזעלבע ליעבעסאויסדריקע, אין פערבינדונג מיט איהרע געשפּרע־כען, האָבען געווירקט, אז ער האָט זי אָנגעהויבען צו פעראכטען אלס ווייב, אלס פערהייראטהע פרוי. יעדען אין־דער־פריה, אז קיריק פלעגט אוועקגעהן אויף סלוזשבע, אדער ביינאכט, אז ער פלעגט אריבערגעהן אויף א פּאָר שטונדען אין קלוב, איז שוין געווען א גאנץ געוועהנליכע זאך ביי איהר אריינצורופען איליא'ן צו זיך אָדער אריינקומען צו איהם אין צימער און איהם דערצעהלען אלערליי מעשיות „פון לעבען". און די דאָזיגע אלע געשיכטען האָבען געהאט איין און דעמזעלבען אויסגע־לאסענעם טאָן — עפּעס אזוי ווי זיי וואָלטען פּאסירט אין א לאנד, וואָס איז בעוואוינט פון סאמע בעטריגער און בעטריגערינס, וועלכע געהען ארום נאקעט און וויסען פון קיין אנדער פערגניגען ניט, נור הולטעווען און פיהרען אן אויסגעלאסענעם לעבען איינע מיט די אנ־דערע.

„איז דאָס טאַקי אַלצדינג וואָהר?“ האָט איליאַ געפרעגט מיט אַ פינסטערער מיענע. ער האָט ניט געוואָלט גלויבען איהרע רייד, דאָך איז ער פונדעסטוועגען ניט געווען אים שטאַנד, זיי אבצולייקענען. זי אָבער האָט ניט אויפגעהערט צו לאַכען, און קושענדיג איהם האָט זי געזוכט צו בעשטעטיגען איהרע בעהויפּטונגען מיט פאַקטען:

„לאָמיר אַקאָרשט אָנהויבען פון אויבען אָן: דער גובערנאַטאָר לעבט מיט דעם קאַמעראַל־האָף־דירעקטאָר'ס ווייב, און דער דאָזיגער ווידער האָט ערשט דאָ ניט לאַנג פערפיהרט די פרוי פון זיינעם אַ בעאַמטען, האָט איהר גענומען אַ וואוינונג און פאָהרט צוויי מאָל אין דער וואָך גאַנץ אָפען צו איהר. איך קען זי גאַנץ גוט: אַ גאַנץ יונג ווייבעל, נאָך קיין יאָהר ניט פערהייראַטה. און איהר מאַן האָט מען פערשיקט אַלס שטייער־אינספּעקטאָר ערגעץ וואו אין דער פּראָווינץ. כ'קען איהם אויך — וואָס פאַר אַ מין אינספּעקטאָר איז דאָס? אַ גאַנץ פּראָסטער מענש, אַ דומקאָפּ, אַ משרת...“

זי האָט דערצעהלט איליאַ'ן געשיכטעס וועגען רייכע געשעפטס־לייט, וואָס האָבען זיך געקויפט יונגינקע, אונצייטיגע מיידלעך און האָבען זיי פערפיהרט און געטריבען צו אַן אויסגעלאַסענעם לעבען, וועגען פרויען פון קויפלייטע, וואָס האַלטען זיך ליעבהאָבער, מכח רייכע, גרויסאַרטיגע דאַמען, וואָס אַז זיי ווערען שוואַנגער, מאַכען זיי אַלערליי קונצען מיט אַ כיוון, כדי מפּיל צו זיין.

איליאַ האָט זיך צוגעהערט, און דאָס לעבען פון די מענשען האָט איהם אויסגעוויזען אַזוי ווי אַ שמוציגע גרוב, וואו די מענשען קריי־כען אַרום ווי די ווערים.

„פּע, צו'אַן אַלדע שוואַרץ יאָהר!“ האָט ער זיך אָבגערופען, אַז עס איז איהם נמאס געוואָרען צו הערען איהרע שילדערונגען. „און דאָס רייגע און עכטע איז טאַקי אין ערגעץ ניטאָ צו געפינען? זאָג!“

„וואָס הייסט ביי דיר דאָס עכטע? וואָס מיינסט דו דערמיט?“ האָט טאַטיאַנאַ וולאַסיעוונאַ פערוואונדערט געפרעגט.

„נו — דאָס עכטע מיין איך, דאָס אמת'ע!“ האָט לונעוו געענט־פערט מיט פערדרוס.

„אָבער וואָס איך דערצעהל דיר, איז דאָך אַלץ אמת'ע געשיכ־טעס! וואָס ביסט דו פאַר אַ טשודאַק? כ'האָב דאָך מיר דאָס אַלצ־

דינג ניט פון קאָפּ אויסגעטראַכט!"

„כ'רייד ניט דערפון! איז פאַראַן ערגעץ וואו עפּעס וואָס עס איז עכטעס, ס'הייסט: ריינעס — אָדער ניט? — דאָס וואָלט איך געוואָלט וויסען..."

זי האָט איהם ניט פערשטאַנען און האָט פון איהם געלאַכט. איינ־מאָל האָט איהר אונטערהאַלטונג אַנגענומען אויך אַן אַנדער כאַראַק־טער. זי האָט איהם אָנגעקוקט מיט איהרע גרינליכע ליידענשאַפטליך־גליהענדע אויגען און איהם אַ פרעג געטהאָן:

„ווי אַזוי ביסט דו דאָס ערשטע מאָל געוואָהר געוואָרען, וואָס אַ ווייב איז? דערצעהל אַקאָרשט!"

איליא האָט זיך געשעהמט מיט דער דאָזיגער עראינערונג, וועל־כע איז איהם געווען שמערצליך. ער האָט געזוכט אויסצומיידען דעם צודרינגליכען בליק פון זיין געליעבטער, און ביטער, מיט אַ טאָן פון פאַרוואורף, האָט ער געזאָגט:

„וואָס פאַר אַ מיאוס'ע זאַכען דו פרעגסט... שעהמען מעגסט דו זיך! דערפון ריידען דאָך אפילו די יונגע אינגלאַך ניט צווישען זיך!..."

אָבער זי האָט זיך צולאַכט אויפ'ן קול און האָט אַלץ ווידער גע־נומען ריידען פון אַזעלכע זאַכען, אַז לונעוו'ן האָט זיך צייטענווייז אויסגעוויזען, אַזוי ווי איהרע שמוציגע ווערטער וואָלטען זיך אַן איהם אַנגעקלעפּט און איהם אויסגעשמירט ווי מיט פּעך. און ווי זי פלעגט נור בעמערקען ביי איליא'ן אויפ'ן פּנים דעם אויסדרוק פון אונצופרי־דענהייט און אין זיינע אויגען פערדרוס און מיעדקייט, פלעגט זי גלייך אין איהם אויפוועקען די תאוה זיינע אַלס מאַן און האָט שטענדיג געוואוסט, ווי אַזוי מיט איהרע לאַסטשערייען צו פערטרייבען פון זיין געמיטה יעדעם געפיהל וואָס איז געווען פיינדליך צו איהר.

איין טאָג, אַז איליא איז אהיימגעקומען פון קלייט, וואו די סטאָליארעס האָבען געהאַלטען אין אַנשלאָגען די פּאָליצעס, האָט ער געהאַט אַן איבעראַשונג. ער האָט דערזעהן מאַטיצא'ן, זיצענדיג אין קיך, מיט איהרע גרויסע הענד אַנגעשפּאַרט אַן טיש, איז זי געזע־סען און גערעדט מיט דער בעל הבית'טע, וועלכע איז געשטאַנען ביים אויוועז.

„אַט", האָט זיך טאַטיאַנאַ וולאַסיעוונאַ אָבגערופען מיט אַ שמייכעל, אַ מאָך געבענדיג מיט'ן קאָפּ צו מאַטיצאַ'ן — „דיזע דאַמע וואַרט אויף אייך... שוין לאַנג..."

„אַ שעהנעם גוטען אָבענד," האָט די „דאַמע" געזאָגט, זיך אויפהויבענדיג מיט שווערער מיה פון באַנק.

„באַה!" האָט זיך איליאַ אָבגערופען. „דו לעבסט נאָך, הייסט עס?"

„אַ צופוילט שטיק האָלץ ווילען אפילו די חזירים ניט אויפפרעסען..." האָט מאַטיצאַ געענטפערט מיט איהר גראָבער שטימע.

איליאַ האָט איהר שוין אַ לאַנגע צייט ניט געזעהן און ער האָט זי בעטראַכט מיט רחמנות'דיגע אויגען. זי האָט געטראָגען אַ צוריסען באַרכעטען קלייד, אויפ'ן קאָפּ האָט זי געהאַט אַ אַלטע, אָבגעניצטע פאַטשיילע, און געגאַנגען איז זי באָרפוס. קוים וואָס זי האָט געשלעפּט די פיס איבער דער ערד, זי האָט זיך געמוטשט אַנהאַלטען מיט די הענד אָן וואַנד, און אַזוי לאַנגזאַם האָט זי זיך אַריינגעשלעפּט צו איליאַ'ן אין צימער, וואו זי האָט זיך קוים דערלעבט אוועקצוזעצען אויף אַ שטוהל און מיט אַ הייזעריגער שטימע האָט זי אַנגעהויבען ריידען:

„נו וועל איך מסתמא באַלד קראַפּירען... די פיס זיינען שוין שטאַרק געלעהמט... און אַז זיי וועלען אין גאַנצען זיין קאַפּוט, וועל איך מיר שוין מעהר קיין ברויט ניט קענען זוכען... דאַן הייסט עס איינפאַך: שטאַרב!"...

איהר געזיכט איז געוועזען מורא'דיג אַנגעשוואָלען און אין גאַנצען בעדעקט מיט דונקעלע פלעקען, און פון די גרויסע אויגען צווישען די פערשוואָלענע ברעמען האָט מען מעהר ניט געקענט אַרויסזעהן ווי צוויי שמאָלע פאַסען.

„וואָס האָסט דו זיך אַזוי פערקוקט אויף מיין צורה?" האָט זי צו איליאַ'ן געזאָגט. „מיינסט אודאי, אַז איך האָב געקראָגען קלעפּ? ניין, דאָס איז מיין קראַנקהייט..."

„וואָס טהוסט דו דען איינענטליך?" האָט איליאַ געפרעגט.

„אויף די קירכען-טרעפּ זיץ איך... כ'בעטעל מיר צונויף עטליכע גראָשען," האָט מאַטיצאַ גלייכגילטיג מיט איהר טראָמפּייטען שטימע

געענטפערט. „איך האָב אַ ביטע צו דיר... פון פערפישקא׳ן האָב איך געהערט, אַז דו וואוינסט דאָ ביי אַ בעאַמטען — און אַט בין איך גע־קומען..״

„ווילסט אפשר טרינקען טהעע?״ האָט איהר לונעוו פאַרגע־שלאָגען. ס׳איז איהם געווען זעהר שמערצליך צו הערען מאַטיצאַ׳ס שטימע און אָנצוקוקען איהר גרויסען, אומגעלומפּערטען קערפּער, וועלכער האָט שוין ביים לעבען אָנגעהויבען פוילען.

„זאָלען די שדים מיט דיין טהעע זיך אָבשווענקען די ווײדלען זייערע... גיב מיר ליעבערשט אַ פינפער... דאָס איז בעסער... און נאָך וואָס איך בין צו דיר געקומען? טרעף אָקאָרשט!״

דאָס ריידען איז איהר געוואָרען שווער. קוים וואָס זי האָט גע־קענט אָבכאַפּען דעם אָטהעם. און אַ פערשטיקטער רויך איז ארויס פון איהר.

„נאַ, נאָך וואָס פאַרט?״ האָט איליא געפרעגט, זיך אָבקעהרענ־דיג פון איהר אַן אַ זייט, און בשעת מעשה האָט ער זיך דערמאָנט אַן דער קריינקונג, וואָס ער האָט איהר אמאָל אָנגעטהאָן.

„געדענקסט דו נאָך מאַשוטקא׳ן? ווי? האָסט, ווייזט אויס, אַ שוואַכען זכרון... זינט דו ביסט רייך געוואָרען?״

„געווים געדענק איך איהר. וואָס איז דען?״ האָט איליא האַסטיג אַ פרעג געטהאָן.

„מישטיינס געזאָגט, וואָס זי האָט שוין דערפון, אַז דו גע־דענקסט איהר!״ האָט זי געברומט מיט אַ טאָן פון פאַרוואורף. „מיינסט אודאי, עס וועט איהר דאָס לעבען גרינגער מאַכען?״

„וואָס איז דען? ווי לעבט זי פאַרט?״

מאַטיצא האָט לאַנגזאַם געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און קורץ געענט־פערט:

„אויפגעהאַנגען האָט זי זיך נאָך ניט...״

„טו רייד ווייטער!״ האָט זיך איליא אָבגערופען מיט פערדרוס.

„וואָס רייצסט דו זיך אַזוי מיט מיר? האָסט זי דאָך אַליין פער־קויפט פאַר אַ דריי־רובעלדיגען!״

„כ׳האָב דאָך ניט צו דיר קיין טענות — כ׳פערשעלט זיך אַליין די יאָהרען...״ האָט מאַטיצא געענטפערט רוהיג, און לאַנגזאַם האָט

זי אַנגעהויבען דערצעהלען וואָס פאַר אַן אונגליקליך לעבען מאַשאַ פיהרט, קרעכצענדיג פאַר אָנשטרענגונג ביי יעדע עטליכע ווערטער, וואָס זי האָט אויסגערעדט.

איהר מאַן, אַזוי האָט מאַטיצאַ דערצעהלט, איז אייפערזיכטיג און ער מאַטערט און פייניגט מאַשאַ'ן אויף יעדען אופן. אין ערגיץ לאָזט זי דער אַלטער שלאָק ניט ארויסגעהן, אפילו אין קלייט צו איהם אויך ניט: זי זיצט אין שטוב און טאָר אפילו אין הויף ניט ארויס־געהן, ניט אַנפרעגענדיג זיך אַפריהער ביי איהם. די קינדער זיינע האָט ער אוועקגעגעבען ערגעץ אויף קעסט און ער לעבט זיך אַליין מיט מאַשאַ'ן. ער קנייפּט איהר און שלאָגט איהר און בינדט איהר די הענד. אַזוי איז ער זיך נוקם אַן איהר דערפאַר, וואָס זיין ערשטע ווייב האָט איהם אַבגענאַרט...ביידע קינדער, הייסט עס, זיינען ניט פון איהם. שוין צוויי מאָל איז מאַשאַ פון איהם אַנטלאָפען, אָבער די פּאָליציי האָט זי יעדעס מאָל געפּאַקט און זי צוריקגעבראַכט צו איהם. ער אָבער פייניגט זי נאָך אַלץ ווי פריהער און לאָזט זי ליידען הונגער. אַזוי לעבט די אָרעמע מאַשאַ...

„יאָ—אַ שעהנע חתונה האָט איהר, דו און פּערפּישקאַ, דאָ אָנ־געמאַכט," האָט לונעוו מיט אַ פינסטערער מיענע זיך אָבגערופען.

„כ'האָב געמיינט, זי וועט דאָ ביי איהם זיכער דערהויבען ווע־רען!... צום סוף איז איהר נאָך ערגער ווי פריהער. ס'וואָלט שוין גלייכער געווען, ווי איך האָב עס צוערשט געוואָלט, זי פערקויפען צו אַ רייכען... ער וואָלט איהר געגעבען קוואַטיר און קליידער און אַלע אַנדערע זאַכען... און דערנאָך וואָלט זי איהם געלאָזען לויפען און זיך אַזוי געלעבט... ווי אַלע לעבען. וויפיעל מאַכען עס דען ניט אַזוי!?...

„נאָ—און נאָך וואָס זשע ביסט דו איצט געקומען?" האָט איליאַ געפרעגט.

„וואָוינסט דאָך ביי אַ פּאָליציי־מאַן.. אַט די פּאַקען דאָס איהר שטענדיג... זאָג איהם פּאַרט, ער זאָל זי ניט כאַפּען... זאָל זי לוי־פען! אפשר וועט זי פּאַרט געפינען ערגעץ אַ שטיקעל אָנהאַלט פאַר איהר לעבען... וואָס זשע, אַ מענש זאָל שוין גאָר ניט קענען אַנט־לויפען?"

„ביסט ווירקליך וועגען דעם געקומען?"

„נו געווים! בעט זיי דאָך, זיי זאָלען איהר ניט שטעהן אין וועג..."

„שעהנע געשיכטעז!" האָט זיך איליאַ אָבגערופען און האָט אָנגעהויבען צו טראַכטען, וואָס ער קען באמת טהאָן פאַר מאשאַ'ן.

מאַטיצאַ האָט זיך אויפגעהויבען פון שטוהל און פאַרזיכטיג האָט זי זיך געגומען שאַרען אויף די פיס. זי האָט געזיפצט און גע־קרעכצט, און ס'האָט אויסגעוויזען, עפּעס ניט אַזוי ווי אַ מענש וואָלט דאָ געגאַנגען, נאָר אַזוי ווי אַן אַלטער, צופוילטער בוים־וואָרצעל וואָלט זיך לאַנגזאַם אָראָבגעזעצט צו דער ערד.

„זייט געזונד!... מיר וועלען זיך שוין מעהר קיינמאָל ניט זעהן... איך מוז שוין באַלד קראַפּירען," האָט זי געמורמעלט. „אַ שעהנעם דאַנק דיר, פיין בחור'ל, רייכער יונג!... אַ דאַנק, אַ דאַנק!..."

אַז זי איז אַרויס פון טהיר, איז טאַטיאַנאַ וולאַסיעוונאַ גלייך אַריינגעפאַלען צו איליאַ'ן אין צימער, האָט זיך אָנגעהאַנגען ביי איהם אויפ'ן האַלז און מיט אַ געלעכטער געפרעגט:

„דאָס איז אַלזאָ געווען — דיין ערשטער פלאַם, ניט אמת?"

„ווער?" האָט לאַנגזאַם אַ פרעג געטהאָן איליאַ, וועלכער איז נאָך אַלץ געווען פערטיעפט אין געדאַנקען וועגען מאשאַ'ן.

„נא—אָט די פרוי דאָ..."

איליאַ האָט בעפרייט זיין האַלז פון זיין געליעבטע'ס אָרעמס, וועלכע האָבען איהם געהאַלטען פעסט ארומגענומען, און האָט מיט אַ בייזען טאָן געזאָגט:

„זעהסט דאָך, אַז זי קען קוים מיט די פיס ריהרען... און רעדסט פון אַזעלכע זאַכען!..."

מיט פערוואונדערונג און נייגיריגקייט האָט איהם די בעל הבית'טע אריינגעקוקט אין זיין פינסטער געזיכט און האָט זיך ניט אָבגעטשעפּעט ביז וואַנען ער האָט איהר דערצעהלט מאשאַ'ס גע־שיכטע.

„וואָס טהוט מען פאַרט דערצו?" האָט ער זי געפרעגט.

„גאָרנישט," האָט טאַטיאַנאַ וולאַסיעוונאַ געענטפערט, ציהענדיג מיט די אַקסלען. „נאָך'ן געזעץ נאָך געהערט די פרוי דעם מאַן, און קיינער האָט קיין רעכט ניט, זי אַוועקצונעהמען פון איהם..."

און מיט דער וויכטיגער מיענע פון א מענשען, וואס ווייסט וואס דאס געזעץ איז אזוינס און אז דאס איז א זאך וואס מען קען ניט איבערמאכען, האט זי איליא׳ן בעוויזען מיט אותות ומופתים, אז מאַ־ שאַ׳ן בלייבט גאר ניט וואס צו טהאַן, נאר זיך אונטערוואַרפען דעם מאן איהרען און טהאַן אלעם וואס ער וויל.

„זי מוז פאַרלויפיג אריבערטראַגען אלצדינג, געדולד מוז זי האָבען. ער איז אלט — אזוי גיך ווי ער שטארבט, ווערט זי פריי, און זיין פערמעגען געהערט צו איהר... און דערנאָך וועט מיין איליא הייראטהען א יונגע אלמנה מיט געלד—ניט אמת?“

זי האט זיך צולאכט אויפ׳ן קול און פון דאס ניי אנגעהויבען פערוואַרפען איליא׳ן מיט איהרע עצות:

„דאס בעסטע וואלט געווען, ווען דו שניידסט אין גאנצען אב מיט דיינע אלטע בעקאנטע. אצינד פאסען זיי זיך שוין מעהר ניט פאר דיר... און זיי קענען דיר זאגאר שאדען צו דיין נאָמען. זיי זיי־ נען אלע שמוציג און פראַסט.. אָט דער, למשל, וועמען דו האסט דאָ ניט לאנג געבאַרגט געלד.. אזא מאַגערער, ווייסט דו, מיט פינס־ טערע אויגען...“

„גראטשעוו?...“

„נו יאָ — מיינעטוועגען גראטשעוו... די לייט פון פאָלק האבען אלע אזעלכע לעבערליכע פויגעל־נעמען — גראטשעוו, לונעוו, פיע־ טוכאוו, סקווארצאָוו. אין אונזערע קרייזען זיינען שוין די נעמען אנ־ שטענדיגער און שעהנער — אווטאָנאָמאָוו, קאַרסאקאָוו, אָדער, ווי מיין פאָטער, פלאַריאנאָוו! און אז איך בין נאָך א יונג מיידעל געווען, האט זיך א סטודענט פון יורי מיט׳ן נאָמען גלאַריאנטאָוו נעשאַרט צו מיר... איינמאָל, אויף דער אייזענבאהן, האט ער מיר אראבגע־ גנב׳עט די פאַדישקע פון פוס און האט מיר געסטראשעט, אז ער וועט מאכען א סקאנדאל, אויב איך וועל ניט קומען אליין צו איהם אהיים, זי אבנעהמען...“

איליא האט אויסגעהערט איהרע ערצעהלונגען און האט דערביי געטראכט פון זיין אייגענער פערגאנגענהייט. ער האט אויך געפיהלט, אז ער איז עפעס אזוי ווי צוגעקניפט מיט אונזיכטבארע פעדים צו זיין אמאָליגען לעבען, איבערהויפט צו פעטרוכא פילימאָנאָוו׳ס הויז, וואס

וועט איהם, ווי איהם האָט זיך געדוכט, שטענדיג שטעהן אין וועג און איהם שטערן צו פיהרען אַ בעקוועמען, רוהיגען לעבען...

6.

ענדליך איז איליא לונעוו'ס חלום מקוים געוואָרען.

פול מיט שטילער פרייד איז ער געשטאַנען פון אין דער פריה ביז'ן אָוועגד הינטער'ן פערקויפטיש פון זיין קלייט און האָט געקוואַלען פאַר נחת, קוקענדיג אויף די אַלע שעהנע זאַכען, וואָס האָבען איהם ארומגערינגעלט. אין די פּאָליצעס אויף די ווענד זיינען געווען אויסגעשטעלט אין דער בעסטער אָרדנונג די קעסטלעך און די קאַרטאָנענע פושקעס. דאָס שוי־פענסטער האָט ער פיין אויסגעפוצט — גלאַנציגע גאַרטלען, בייטעלאַך, זייף, קנעפּ זיינען דאָרט געווען אויסגעלייגט און פערשיעדענפאַרביגע בענדער און שפּיצען זיינען געווען אַרום און אַרום. דאָס אַלעס האָט אויסגעזעהן זויבער און פיין און האָט געבלישטשעט אין זונען־שיין און אָבגעשלאָגען פון זיך אַלערליי קולירען, אַזוי ווי פון אַ רעגענבויגען. דער סאָלידער, שעהנער בעל־הבית פון קלייט האָט אויפגענומען זיינע קונים מיט אַ העפליכער פערנייגונג און מיט געשיקטקייט האָט ער פאַר זיי אויף'ן לאַנגען טיש פאַנאַנדערגעלייגט זיינע סחורות. דער גערויש פון די בענדער און די שפּיצען איז פאַר זיינע אויערן געווען אַן אַנגענעהמע מוזיק, און די בייטאָרינס פון יענער געגענד, וועלכע פלעגען אריינקומען צו איהם קויפען עפּעס פאַר אַ פּאָר קאָפּיקעס, האָבען איהם עפּעס אַלע אויסגעזעהן גאָר שעהן און ליעבליך. דאָס לעבען איז איהם מיט אַמאָל געוואָרען אַזוי לייכט און אַנגענעהם. ס'האָט פאַר איהם געהאט אַזאַ איינפאַכען און קלאָהרען זינן, און די פערגאַנגענהייט זיינע איז געווען עפּעס ווי איינגעוויקעלט אין אַ טומאַן. און ער האָט קיין זאַך אין זינען ניט געהאט, כאָר זיינע סחורות, זיינע קונים, זיין געשעפט...

איליא האָט אריינגענומען אַ קליין איינגעל פאַר אַ משרת'ל, האָט איהם געלאָזט מאַכען אַ שעהן גרוי יאַקעל, און האָט אַכטונג געגע־

בען, דאָס אינגעל זאָל זיך ארומוואַשען ווי ס'דארף צו זיין און זאָל
זיך איבערהויפּט האַלטען ריין ווי מעגליך.

„מיר האַנדלען ביידע מיט אזעלכע פיינע זאַכען, „גאַווריק,"
האָט ער דעם אינגעל געזאָגט, „דעריבער מוזען מיר אויך אליין זיך
האַלטען ריין און אנשטענדיג."

גאַווריק איז געווען אַ אינגעל פון אַ יאָהר צוועלף, אביסעל
געשטופּעלט, מיט אַ פלאַטשיג נעזעל, קליינע גראָע אויגען און אַ
לעבעדיג, ריהרעוודיג פּנים'ל. ער האָט נור וואָס געהאַט געענדיגט די
שטאָדט-שוהלע און האָט זיך געהאַלטען פאַר אַן ערוואַקסענעם, ערנס-
טען מענשען. אויך איהם האָט עס פערשאַפט פערגעניגען, צו זיין בע-
שעפטיגט אין דער זויבערער קליינער קלייט. ס'האָט איהם געמאַכט
שפּאַס, ארומצוטאַנצען מיט די קעסטלאַך און מיט די קאַרטאָנענע
פּושקעס, און ער האָט זיך געגעבען די מיה צו זיין צו די קונים אַזוי
העפליך ווי זיין בעל הבית. דאָך איז עס איהם ניט שטענדיג געלונגען:
ער האָט געהאַט אַן אונענטוויקעלטען טאַלאַנט נאָכצומאַכען אַלצדינג
וואָס ער האָט געזעהן, און זיין רויה געזיכט האָט זיך שטענדיג פער-
צויגען צו אַלערליי גרימאַסען, וועלכע זיינען געווען זעהר עהנליך
צו די מיענעס, וואָס די קונים פּלעגען מאַכען בשעת'ן איינקויפען די
סחורה. אַ חוץ דעם איז ער געווען אַ דם שונא פון אַלע קליינע מייד-
לעך און זעלטען ווען ער האָט זיך געקענט צוריקהאַלטען זיי ניט צו
קנייפּען, צו שטורכען, ציהען פאַר די האָר און איבערהויפּט אַנטהאָן
די קליינינקע קויפערינס אַלערליי צרות...

איליא האָט זיך צוגעקוקט צום אינגעל און האָט זיך דערמאָנט
אַן דער צייט, ווען ער איז אַליין געווען אַנגעשטעלט אַלס משרת ביי
סטראָגאַני'ן אין פיש-מאַגאַזין. ער האָט געפיהלט אין זיך אַ גאַנץ בע-
זונדערע צונייגונג צו דעם בחור'ל, פלעגט מיט איהם אָפטמאָל מאַכען
אַ וויץ, און אַז אין קלייט זיינען קיין קונים ניט געווען, פלעגט ער
מיט איהם פערברייגגען און זיך צושמועסען מיט איהם וועגען פער-
שיעדענע זאַכען.

„כדי ס'זאָל דיר ניט זיין סקוטשנע, גאַווריק, מוזט דו אין דיין
פרייער צייט לעזען ביכער," האָט ער זיין מיטאַרבייטער געגעבען אַן

עצה. „ביים בוך פערגעהט די צייט ניט געמערקטערהייט און ס'פער־שאפט דיר פערגניגענ..."

איצט איז איליא איבערהויפט געווען אזוי גוט און מילד צו דער גאנצער וועלט און האט פאר יעדען איינעם געהאט א גוטמוטהיגען שמייכעל, עפּעס אזוי ווי ער וואלט דערמיט געוואלט זאגען:

„זעהט, איך האב געהאט גליק.. אבער האלט נור אקארשט אויס — אויך אייך וועט דאס גליק באלד צושמייכלען..."

דעם מאגאזין זיינעם האט ער געעפענט אום זיבען אזייגער אין דער פריה און אום צעהן ביינאכט האט ער איהם פערשלאסען. קיין סך קונים האט ער ניט געהאט, און לונעוו איז געזעסען, וועז ער האט נור צייט געהאט, אויף א שטוהל ביי דער טהיר, האט זיך געווארעמט אין די שטראהלען פון דער פריהלינגס־זונן און האט פון קיין זאך ניט געטראכט. גאווריק פלעגט אויך זיצען ביי דער טהיר, קוקען אויף די פערבייגעהער, זיך טשעפען מיט זיי, צורופען די הינט צו זיך, ווארפען שטיינער אויף די טויבען אדער ער פלעגט לייענען עפּעס א בוך, זיך ווישענדיג כסדר די נאז. אפטמאל האט דער בעל הבית זיינער איהם געבעטען, ער זאל איהם עפּעס פארלייענען, אבער דער אינהאלט פון בוך איז איליא'ן ניט געפעלען. בשעת דאס אינגעל האט געלעזען, האט ער זיך צוגעהערט צו דער שטילקייט, די רוהיגקייט פון זיין זעעלע, איידער צו דעם וואס שטעהט אין בוך. די דאזיגע שטילקייט אין איהם האט איהם איינפאך ענטציקט, אנגע'שכור'ט האט ער זיך מיט איהר: זי איז געווען פאר איהם ניין און זעהר אנגענעהם. צייטענווייז אבער איז דיזער בעקוועמער צושטאנד געשטערט געווארען פון א בעזונדערן, עפּעס אונבעקאנטען געפיהל, א מין פארגעפיהל, פון שווערע זארגען. דאס האט איהם ניט אין גאנצען בערויבט דעם פריעדען פון זיין זעעלע, עס האט איהם בלויז לייכט אנגעריהרט, אזוי ווי א שאטען.

דאן פלעגט איליא זיך אריינלאזען אין א געשפרעך מיט גאוו־ריק'ן.

„זאג אקארשט, גאווריק," האט ער געפרעגט, „וואס איז אייגענטליך דער פאטער דיינער?"

„א בריעפטרעגער איז ער..."

„און אייער פאמיליע — איז זי עפּעס גרויס?"

„זעהר גרוים! מיר זיינען א גאנצע מחנה. אייניגע זיינען גרוים און די אנדערע זיינען נאָך קליין.“

„וויפיעל פון זיי זיינען נאָך קליין?“

„פינף שטיק. און דריי זיינען גרוים... די גרויסע זיינען שוין אלע בעשעפטיגט: איך ביי אייך, וואסילי אין סיביר, אלס טעלעגראַ־פיסט, און סאָניא — זי גיט שטונדען. דאָס איז א בריה א מיידעל! צוועלף רובעל יעדען מאָנאט ברייננט זי אהיים. און א חוץ דעם איז נאָך דאָ מישקא... דער איז עלטער פאר מיר... געהט אבער נאָך אין גימנאזיע...“

„זייט איהר דאָך, הייסט עס, פיער גרויסע, און ניט דריי?...“

„ווי אזוי דען?“ האָט זיך אָבגערופען גאווריק און מיט א בע־לעהרענדען טאָן האָט ער ווייטער געזאָגט: מישקא לערנט דאָך נאָך... גרוים זיינען דאָך נור די, וואָס ארבייטען שוין!“

„איהר זייט אָרים?“

„נאַטירליך!“ האָט גאווריק געענטפערט מיט א גלייכגילטיגען טאָן און האָט אויפ'ן קול אריינגעצויגען די לופט אין נאָז אריין. דער־נאָך האָט ער גענומען דערצעהלען איליא'ן וואָס פאר פלענער ער האָט פאר דער צוקונפט:

„אז איך וועל זיין גאנץ גרוים, וועל איך ווערן א סאָלדאט. דאַן וועט זיין א מלחמה... און איך וועל מיטגעהן אין דער מלחמה. איך בין מוטהיג. פאראוים פאר אלעמען וועל איך געהן, כ'וועל זיך ארויפ־ווארפען אויפ'ן שונא און אָבנעהמען ביי איהם די פאָהן... מיין פע־טער האָט אויך אמאָל אָבגענומען א פאָהן.. דערפאר האָט ער פון גע־נעראל געקראָגען א קרייץ און פינף רובעל...“

איליא האָט זיך שמייכלענדיג צוגעהערט צו גאווריק'ס צו־קונפטס־פלענער און האָט געקוקט אויף זיין געשטופעלטעס געזיכט און אויף זיין ברייטער, שטענדיג צוקענדיגער נאָז. בייגאכט, ווען איליא פלעגט צומאכען דעם מאגאזין, פלעגט ער אריינגעהן אין זיין קליין צימערל לעבען קלייט. דאָרט איז אויפ'ן טיש געשטאַנען גרייט דער סאמאָוואר, וועלכען גאווריק פלעגט בעזאָרגען, און דערנעבען איז גע־לעגען ברויט און ווארשט. גאווריק פלעגט טרינקען א גלאָז טהעע, צובייסען א שטיק ברויט דערצו, דערנאָך פלעגט ער זיך לעגען שלאָ־

פען אין קלייט. איליאַ אבער פלעגט בלייבען לאנג זיצען ביים סאַמאָוואר, אָפטמאָל ביז נאָך האַלבע נאַכט.

צוויי שטוהלען, אַ טיש, אַ בעט און אַ שאפקע פאַר דאָס געשיער — דאָס איז געווען די גאַנצע מעבעל פון איליאַ'ס נייער וואוינונג. דאָס צימער איז געווען נידעריג און שמאָל און האָט געהאַט אַ פיער־עקיגעס פענסטער, דורך וועלכען מען האָט געקענט ארויסזעהן די פיס פון די מענשען, וואָס זיינען פערבייגעגאנגען דרויסען, דעם דאך פון אנטקעגענדיגען הויז און דעם הימעל איבער'ן הויז. איליאַ האָט דאָס פענסטער פערהאַנגען מיט אַ ווייסען, מוסלינענעם פאָרהענגעל. צו דער גאַס צו האָט עס געהאַט אַן אייזערנע גראַטע, און דאָס איז איליאַ'ן זעהר ניט געפעלען. און איבער זיין בעט האָט ער אויפגעהאַנגען אַ בילד מיט דער אונטערשריפט: „די טרעפלאך פון מענשליכען עלטער". דיזעס בילד איז איליאַ'ן זעהר געפעלען געוואָרען, און ער האָט עס זיך שוין פון לאַנג אַן געוואָלט קויפען, אבער איידער ער האָט געעפענט די קלייט האָט ער, צוליעב אירגענד וועלכער אורזאַכע, ניט געקענט קומען דערצו, כאָטש ס'האָט בסך הכל מעהר ניט געקאָסט ווי צעהן קאָפּיקעס.

די „טרעפלעך פון מענשליכען עלטער" זיינען געווען איינגעטהיילט אויף אַ גרויסען, דיקען בויגען פּאַפּיר, אונטער וועלכען ס'האָט זיך געפונען דער גן עדן. דאָ האָט גאָט צבאות, ארומגערינגעלט פון ליכט־גלאַנץ און בלומען, גערעדט מיט אדם'ן און חוה'ן. אין גאַנצען זיינען געווען זיבצעהן טרעפּ. אויפ'ן ערשטען טרעפּעל שטעהט אַ קליין קינד, וועמען די מוטער האַלט ביי דער האַנד, און מיט גרויסע אותיות זיינען אונטערגעשריבען אונטער דעם: „די ערשטע טריט." אויף דעם צווייטען טרעפּעל שפּרינגט ארום אַ קינד און קלאַפּט צו אויף אַ פּייקעל, און די אונטערשריפט אונטער דעם לויטעט: „פינף יאָהר — עס שפּיעלט." צו זיבען יאָהר הויבט מען עס אָן לערנען, צו צעהן יאָהר געהט עס אריין אין שולע, צו איין און צוואַנציג יאָהר שטעהט דאָס ערוואַקסענע מענשען־קינד אויף זיין טרעפּ מיט די געוועהר אין האַנד און שמייכעלט. און אונטער דעם שטעהט: „דיענט אָב זיין מיליטער־פּפליכט." אויף דעם ווייטערדיגען טרעפּ איז דער מענש שוין אַלט פינף און צוואַנציג יאָהר — ער טראָגט אַ פראַק און האַלט אין

איין האנד א צילינדער־הוט און אין דער אנדערער האנד א קראנץ בלומען און אונטער דעם שטעהט : „חתן". דערנאך וואקסט איהם שוין א בארד, ער טראגט א לאנגען ראק מיט א ראזעווען האלזטוך, שטעהט לעבען א דיקער פרוי מיט א געלער קלייד און דריקט איהר קרעפטיג די האנד. וויטער ארויף איז ער שוין אלט פינף און דרייסיג יאהר: מיט פערקאשערטע ארבעל שטעהט ער ביי דער קאוואדלע און שמיעדט א שטיק אייזען. אין דער הויך אויף די לייטער־טרעפ זיצט ער אויף א רויטען שטוהל, לייענט פאר א צייטונג און זיין פרוי און זיינע פיער קינדער הערען זיך צו. ער אליין אזוי ווי זיין פאמיליע זיינען אנגע־טהאן אנשטענדיג און זויבער און זייערע אלעמענס געזיכטער זיינען געזונד און צופריעדען. אויף דעם דאזיגען טרעפעל איז ער אלט פופ־ציג יאהר. אבער אט הויבען די טרעפ אן זינקען וואס העכער זיי געהען. דעם מענשען'ס בארד איז שוין גראה, ער טראגט א לאנגען, געלען קאפטען, און אין די הענד האלט ער א זאק מיט פיש און א גרויסע שיסעל. אונטער דיזען טרעפעל קען מען לייענען דאס ווארט: „שטוב־ארבייט." אויף דעם וויטערדיגען טרעפעל וויגט ער זיין איי־ניקעל, אויף דעם נעכסטען פיהרט מען איהם שוין פאר די הענד, מחמת ער איז שוין אן אכציגער, און אויפ'ן לעצטען טרעפעל, צו זיין פינף און נייגציגסטען יאהר, זיצט ער אין א שטוהל, מיט די פיס אין טויטען־זארג, און ביי איהם הינטער'ן רוקען שטעהט דער מלאך־המות מיט דער קאסע אין דער האנד...

זיצענדיג אזוי ביים סאמאוואר, האט איליא געקוקט אויפ'ן בילד, און ס'איז איהם געווען אנגענעהם צו זעהן ווי דעם מענשען'ס לעבען ווערט פארגעשטעלט אויף דעם דאזיגען געניויען, איינפאכען אופן. א גע־וויסע רוהיגקייט האט דאס דאזיגע בילד פון זיך ארויסגעגעבען, זיינע העלע, שרייענדיגע פארבען האבען עפעס אזוי ווי געלאכט צו איהם, און ער איז געווען איבערצייגט, אז דאס ווייזט מען, אויף א זעהר פערשטענדיגען און קלוגען אופן, די מענשען, ווי אזוי צו פיהרען אן אמת, עכט לעבען, א לעבען ווי ס'בעדארף צו זיין. בשעת ער האט אזוי בעטראכט די דאזיגע פארשטעלונג פון מענשליכען לעבען איז איהם ארויף אויפ'ן זינען, אז איצט האט ער דערגרייכט זיין ציעל, צו וועלכען ער האט שטענדיג געשטרעבט, און אז זיין לעבען וועט אלזא פונקט אזוי גלאט און אקוראט אבלויפען אזוי ווי אויפ'ן בילד. ער וועט

ארויף ביז'ן שפיץ, און אויבען אויפ'ן שפיץ, ווען ער וועט האבען אבגעשפארט געגוג געלד, וועט ער חתונה האבען מיט אן עהרליך גע־בילדעט מיידעל...

דער סאמאוואר האט געקאכט און געברומט מרה שחור'דיג. דורך די שויבען פון פענסטער און דורך דעם מוסלינענעם פארהאנג האט דער הימעל אראבגעקוקט טרויעריג אויף איליא'ס געזיכט, און די שטערן אויף איהם האט מען קוים וואס געזעהן. אין'ם בלישטשען פון די הימעלס־שטערן ליגט שטענדיג עפעס, וואס מאכט דעם מענ־שען אונרוהיג...

„אדער אפשר זאל איך ערשט חתונה האבען צו פערציג יאהר," איז דורכגעלאפען א געדאנק ביי איליא'ן אין קאפ. „מען האט אזוי פיעל זארגען, אז מען איז א בעווייבטער: די ווייבער ברייגגען אריין אין לעבען אזוי פיעל גארנישטעו, אזוי פיעל איבעריגע קלייניגקייטען. און דאן נעהמט מען זיך א מיידעל פון א דרייסיג יאהר... אבער אויך דאס האט חסרונות: האט מען שפעט חתונה, שטארבט מען באלד אוועק און מען לאזט איבער די קינדער ניט פארזארגט און אונער־צויגען..."

דאס ברומען פון סאמאוואר איז וואס ווייטער געווארען אלץ שטי־לער, אבער דערביי דורכדרינגענדער. זיין פיינער טאן האט געקלונגען מאנאטאן און בעלעסטיגענדיג — עס איז געווען פונקט ווי דאס זומזען פון א פליעג, וואס וויל זיך ניט אבטשעפען, און דאס האט איליא'ן פערטומעלט דעם מוח. אבער ער האט עפעס קיין חשק ניט געהאט אויפצושטעהן און צודעקען דעם קוימען פון סאמאוואר: אז דער סאמאוואר וועט אויפהערן פייפען, וועט דאך אין צימער גאר ווערן צו שטיל... אין זיין נייער דירה איז לונעוו געוואהר געווארען פון נייע געפיהלען, וואס זיינען איהם ביז דאן געווען אונבעקאנט. פריהער האט ער שטענדיג געלעבט נאהענט לעבען אנדערע מענ־שען — בלויז דינגע הילצערנע ווענד האבען איהם אבגעטהיילט פון זיי, און איצט ער געווען אבגעשיידט דורך שטיינערנע מויערן פון דער גאנצער וועלט און האט גארניט געהערט און גארנישט געוואוסט וואס עס טהוט זיך מיט די, וואס געפינען זיך אויף יענער זייט מויער.

„פארוואס מוז מען אייגענטליך גאר שטארבען?" האט זיך לונעוו

מיט אמאָל אַ פֿרעג געטהאָן, בעטראַכטענדיג דאָס בילד פֿון מענשען, וואָס לאָזט זיך אַראָב פֿון אויבען, פֿון סאַמע שפּיץ פֿון גליק אין קבר אריין. און ער האָט זיך דערמאָנט אַן יאַקאָוו פּילימאָנאָוו, וועלכער האָט כסדר געטראַכט וועגען טויט, און אַן יאַקאָוו'ס ווערטער: „ס'מוז זיין אינטערעסאַנט צו שטאַרבען...“

איליא האָט געזוכט זיך צו בעפֿרייען פֿון דיזער ערינערונג און ארויפצופיהרען זיינע געדאַנקען אויף עפּעס אַנדערש.

„וואָס אַ שטייגער טהוען אצונד פּאַוועל און וויערא?“ איז איהם דורכגעלאָפען אַ נייע, איבעריגע פֿראַגע אין מוח.

אַ דראָשקע איז פֿערבייגעפֿאָהרען אין גאַס, די שויבען פֿון פֿענס־טער האָבען זיך צוטרייסעלט פֿון'ם רויש, וואָס די רעדער האָבען פֿער־אורזאַכט, און דער לאָמפּ אויף דער וואַנד האָט אַ ציטער געטהאָן. דערנאָך האָבען זיך פֿון קלייט געלאָזט הערען מאָדנע קולות... דאָס האָט גאַוורילק געדערט פֿון שלאָף. דער געדיכטער חשך אין ווינקעל פֿון שטוב האָט זיך עפּעס אויך אַזוי בעוועגט. איליא זיצט דאָ, מיט די עלענבויגענס אָנגעשפּאַרט אויפ'ן טיש, האַלטענדיג די הענד ביי די שלייפֿען, און ער בעטראַכט דאָס בילד. לעבען גאָט דעם רבונו של עולם שטעהט אַ מורא'דיגער לייב, אויף דער ערד קריכט אַרום אַ טשערע־פּאַכע, לאָזט זיך געהן אַ באַרוסק, שפּרינגט אַרום אַ זשאַבע, און דער עץ הדעת איז פֿערפּוצט מיט מעכטיגע, בלוט־רויטע בלומען... דער אַלטער מאַן מיט די פּיס אין טויטען־קאַסטען איז עהנליך צו דעם ריי־כען סוחר פּאָליועקטאָוו — ער איז פּונקט אַזוי פּליכעוואַטע און מאָ־גער ווי יענער, און זיין האַלז איז פּונקט אַזוי דין... אַ פֿערדריקטער גערויש פֿון טריט לאָזט זיך הערען פֿון גאַס: אימיצער געהט לאַנגזאַם פֿערביי דער קלייט אויפ'ן טראָטואַר. דער סאַמאָוואַר איז שוין פֿער־לאָשען, און אין צימער איז איצט אַזוי שטיל, אַז די לופֿט ווייזט אויס עפּעס אַזוי ווי פֿערגליווערט און אַזוי דיק ווי די ווענד.

דער געדאַנק וועגען פּאָליועקטאָוו'ן האָט איליא'ן ניט בעלעס־טיגט, און איבערהויפּט האָבען איהם זיינע אומעטיגע מחשבות איצט ניט בעאונרוהיגט — זאַנפֿט און ווייך זיינען זיי געלעגען ביי איהם אויף דער נשמה, האָבען זי געוויגט און געשאָקעלט, אַזוי ווי אַ וואָלקען וויגט אַרום די לבנה. די קוליערען אויף דעם בילד פֿון די „טרעפּלעך

פון מענשען עלטער" האבען איצט אויסגעוויזען אביסעל בלאסער, און איהם האט זיך אויסגעדוכט, עפעס אזוי ווי אויפ'ן בילד וואלט געווארען א פלעק. די שטילקייט ארום האט איליא'ן אויסגעוויזען נאך פאלשטענדיגער... און יעדעס מאל וואס לונעוו האט זיך דערמאהנט אן פאליועקטאוו'ס טויט, האט ער זיך גאנץ רוהיג געטראכט, אז עס מוז דאך פארט הערשען עפעס א מין גערעכטיגקייט אין לעבען — אז פריהער אדער שפעטער מוז דאך דער מענש בעשטראפט ווערן פאר זיינע זינד. און בשעת ער האט אזוי געטראכט, האט ער געווארפען א שארפען בליק אין פינסטערן ווינקעל פון צימער, וואו ס'איז געווען גאנץ שטיל און די פינסטערקייט האט זיך עפעס אזוי ווי צוגעגרייט אנצונעהמען א געוויסע בעשטימטע געשטאלט...

דאן האט זיך איליא אויסגעטהאן, זיך אריינגעלייגט אין בעט און פערלאשען דעם לאמפ. ער האט איהם ניט אויסגעבלאזען אויף איינמאל, נאר ער האט אפריהער ארונטערגעדרעהט דעם שרויף, וועלכער רוקט דעם קנויט ארויף און אראב. דער פלאם פון לאמפ איז כמעט אין גאנצען פערשוואונדען און דערנאך האט ער ווידער אויפגעפלאקערט, און די פינסטערנים איז א ווייל ארומגעשפרונגען ארום בעט, דערנאך האט זי זיך צושפרייט אויף אלע זייטען און ענדליך איז זי פערקראכען אין די ווינקלען פון צימער. איליא'ן האט זיך געדוכט, עפעס אזוי ווי די אונפיהלבארע שווארצע כוואליעס פון חשך וואלטען איהם געזוכט צו פערשלינגען, און מיט אפענע אויגען האט ער א גאנצע ווילע געטאפט אין דער פינסטער, אזוי ווי ער וואלט מיט זיין בליק געוואלט עפעס פאקען דעריין... ענדליך האט דער פלאם א פלאקער געטהאן צום לעצטען מאל און איז פערשוואונדען. די פינסטערנים האט אויף איין רגע אנגעפילט דאס גאנצע צימער, עס האט אבער אויסגעוויזען, אז זי האט זיך נאך בערוהיגט נאכ'ן קאמפף מיט דער ליכטיגקייט, און זי האט זיך ארומגעווארפען אהין און אהער. און מיט אמאל האט זיך פון'ם חשך בעוויזען א דונקעל-בלויער פלעק פאר איליא'ס אויגען; דאס איז געווען דאס פענסטער. אין ליכטיגע נעכט, ווען די לבנה האט געשיינט, פלעגען דאן דורך דער אייזערנער גראטע זיך אריינרייסען אין צימער שווארצע פאסען, שאטענס, וואס האבען זיך אויסגעלייגט אויפ'ן טיש און אויף דער פאדלאגע. אין צי-

מער האָט געהערשט אזא געשפאַנטע שטילקייט, אז עס האָט אויס־געוויזען, אז אַלצדינג וואָלט צוציטערט געוואָרען, ווען אימיצער זאָל נור א שטאַרקען אָטהעם טהאָן. לונעוו האָט זיך פעסט איינגעוויקעלט אין זיין קאָלדרע, האָט גוט ארומגעדרעהט דערמיט זיין האַלז, און האָט אזוי לאַנג געקוקט אין דער פינסטערקייט פון צימער, ביז ער איז אנשלאָפען געוואָרען.

אויף מאָרגען האָט ער זיך אויפגעכאַפּט מונטער און בערוהיגט, און ער האָט זיך כמעט געשעהמט פאַר זיך אַליין, זיך דערמאָנענדיג אָן די נארישקייטען פון פאָריגער נאכט. ער האָט מיט גאַוריק'ן צוזאַמען געטרונקען טהעע אויפ'ן פערקויף־טיש און האָט זיך עפּעס ארומגעקוקט אין זיין קלייט, אזוי ווי דאָס וואָלט פאַר איהם געווען א גאַנץ נייע זאַך.

אָפּטמאָל פלעגט זיך פּאַוועל אריינכאַפּען צו איהם פון דער אר־בייט — פול מיט בלאָטע און חלב, אין א בלוזע פון אויבען ביז אראָב מיט אויסגעברענטע לעכער, דאָס געזיכט שווארץ פון סאַזשע. ער האָט ווידער געקראָגען ארבייט ביי א ברונען־מאַכער און האָט שטענדיג ארומגעשלעפּט מיט זיך א קעסעל מיט ציין, עטליכע בלייענע רעהרען און א לייט־אייזען. ער האָט זיך תמיד געאיילט אהיים צו געהן, און אז איליא האָט איהם צוגערעדט צו בלייבען נאָך א ווייליע, האָט פּאַוועל מיט אַן איבערלייגטען שמייכעל געזאָגט:

„כ'קען ניט! עפּעס קום איך מיר שטענדיג פאָר, ברודער, אזוי ווי איך וואָלט אין דערהיים געהאַט א פעניקס, א טהייערן פויגעל אין שטייג, און די שטייג איז פאַר איהם צו שוואַך. גאַנצענע טעג נאַכאַ־נאַנד זיצט זי דאָרט אַליין... און ווער קען זאָגען, וועגען וואָס זי טראַכט? א לאַנגווייליגעס לעבען האָט זיך פאַר איהר אָנגעהויבען... איך בעגרייף דאָס זעהר גוט... יאָ, אז מיר וואָלטען כאָטש געהאַט א קינד...“

און גראַטשעוו האָט א טיעפען זיפץ געטהאָן... איינמאָל רופט ער זיך אָן מיט א טרויעריגען טאָן צו זיין פריינד

„דאָס גאַנצע וואָסער האָב איך פון מיין גאָרטען אָבגעצויגען.. עס זאָל מיך נאָר ניט פערפלייצען!“

אַן אַנדערעס מאָל, אז איליא האָט געפרעגט, אויב גראַטשעוו

שרייבט נאך פערזען, האט דיזער מיט א געלעכטער געענטפערט:

„מיט'ן פינגער אויפ'ן הימעל שרייב איך אמאל וואס עס איז... אך, כאפט דער רוח די פערזען! דאס איז איצט קיין געשעפט ניט פאר אונז ארעמע בעלי מלאכות... איך זיץ אצונד מיט'ן גאנצען קערפער אויפ'ן זאמד, ברודער. ניטא קיין פונק אין קאפ... ניט אמאל א שפריץ פון א פונק! כסדר מוז איך נור זי האבען אין זינען... צי לייג איך ערגעץ־וואו א רעהרעל היז.. אדער אויב איך עפעס אנדערש טהו — ניטא קיינמאל פאר מיר קיין רוה! רק ס'פליהען אין קאפ מיר געדאנקען וועגען איהר... זעהסט דו! אט דאס זיינען אצונד מיינע פערזען, הא הא! און וואלטען מיר כאטש געווען איינינג... אבער איך וויל אזוי — און זי אזוי... און דאס מאכט איהר דאס לעבען שווער..."

„און דיר?" האט איליא געפרעגט.

„מיר אויך, פערשטעהט זיך... ווען איך וואלט איהר געקענט מעהר געבען — זי איז אזוי געוואוינט צו פרעהליכקייט... זעהסט דו! רק זי טראכט פון געלד. ווען מען וואלט ערגעץ־וואו געקענט קריגען א רעכט ביסעל געלד — זאגט זי — דאן וואלט זיך אלעס מיט איין מאל איבערגעאנדערשט... דום בין איך געוועזען, זאגט זי... כ'האב געדארפט עפעס א רייכען סוחר בע'גנב'ענען... אט אזוי פלאפעלט זי כסדר. אלץ, ווייל איך טהו איהר לייד... אך, כ'פערשטעה איהר גאנץ גוט!... עס געפאלט איהר גאר צו שווער..."

און פלוצלונג איז ער געווארען אונרוהיג און איז ארויסגעלאפען פון קלייט.

עפטערס פלעגט אויך צו איליא'ן אריינקומען דער אבגעריסענער, האלב־נאקעטער שוסטער מיט זיין הארמאניקא, פערשטעהט זיך, אונטערן ארם. ער פלעגט דערצעהלען וואס עס טהוט זיך ביי פלימאנאוו'ן אין הויז און וואס יאקאוו מאכט. מאגער, שמוציג און צוקודעלט, פלעגט זיך פערפישקא ארומרוקען ביים טהיר פון קלייט, מיט א געלעכטער איבער'ן גאנצען פנים, און ריידען אויף וואס די וועלט שטעהט:

„פעטרוכא האט אלזא חתונה געהאט — א גוייב ווי א רויטע ריעב, און א שטיעפזוהן דערצו ווי א מעהרעל. א גאנצער גארטען.

בנאמנות! דאס ווייב איז דיק, קורץ און רויט, און דאס געזיכט איהרס איז דריי שטאק די הויך! א דרייענדיגע מארדע, הייסט עס, האט זי — און בלויז איין מויל. און אויגעלאך דערצו ווי א חזיר׳ל... און דער בן׳אק איהרער — דער איז געל, לאנג און טראגט א פאר ברילען. אן אריסטאקראט! ער הייסט ססאוו — ווא און ער רעדט אונטער׳ן נאז... פאר דער מאמע אין די אויגען איז ער אזא פיינער בחור — און הינטער איהרע פלייצעס דער ערשטער שארלאטאן. א פיינע געזעלשאפט... רעספעקט פאר זיי... און יאשקא, דער האט איצט א פנים, עפעס אזוי ווי ער וואלט וועלען אריינקריכען ערגעץ אין א שפאלט, ווי א דערשראקענער זשוק. ער טרינקט בשתיקה, דער ארעמער יונג, און הוסטען הוסט ער עפענטליך אזוי הויך ווי ער קען נור. דער פאפא זאל לעבען האט איהם יעדענפאלס אונטערגעהאקט די לונג, און טאקי גאנץ נישקשה׳דיג. זיי בייסען איהם גאנץ שטארק — און דער יונג איז ווייך, וועלען זיי איהם גרינג פערדייען... דיין פעטער האט געשיקט א בריעף פון קיעוו... כ׳גלויב, ס׳איז אומזיסט וואס ער איז זיך אזוי מטריח: א הויקער לאזט מען זיכער ניט אריין אין הימעל!... און ביי מאטיצא׳ן זיינען די פיס איצט אין גאנצען אבגענומען: אין וואגען פאהרט זי אצונד. האט זיך געקראגען א בלינ־דען, האט איהם איינגעשפאנט און טרייבט איהם אן אזוי ווי א פערד — ס׳איז א געלעכטער, כ׳לעבען. נא, נאך אלעמען ערנעהרען זיי זיך דאך ביידע — טהיילען זיך עהרליך האלב אויף האלב, מיט דעם וואס זיי בעטלען צונויף... אן אויסגעצייכענטע פרוי, זאג איך דיר, איז די דאזיגע מאטיצא! און וואלט איך ניט פריהער געהאט גאר א גוטע פרוי — וואלט איך טאקי אונבעדינגט חתונה געהאט מיט דער דאזיגער מאטיצא׳ן... זי טרינקט, דאס איז ריכטיג — אבער פארוואס זאל א גוטער מענש ניט טרינקען? גוטע מענשען זיינען שטענדיג פיאניצעס..."

„און וואס מאכט מאשוטקא?" האט איהם איליא א פרעג גע־טהאן.

ביים נאמען פון זיין טאכטער איז דער שמייכעל פערשוואונ־דען פון שוסטער׳ס געזיכט און זיינע וויצען זיינען מיט אמאל אבגע־שניטען געווארען — אזוי ווי ווען א הערבסט־ווינד שאקעלט אראב

די פערוויאַנעטע בלעטער פון בוים. פערפישקאַ'ס ליפּען האָבען זיך גענומען ציהען, זיין געל געזיכט איז געוואָרען לאַנג, און שטיל, מיט אַ טאָן פון פערלעגענהייט, האָט ער געזאָגט:

„כ'ווייס גאָרנישט וואָס מיט איהר טהוט זיך... כריאַנאָוו זאָגט מיר איינפאַך: ווייז זיך ניט פאַר מיינע אויגען, אַ ניט קריגט זי איה־רע שמיץ... שפּענדיר וואָס עס איז, איליאַ יאַקאָוולעוויטש, איך זאָל מיר קענען קויפען אַ גלעזעל..."

„ס'געהט דיר אפנים גאַנץ שלעכט, פערפילי!" האָט זיך איליאַ אָבגערופען מיט אַ רחמנות'דיגען טאָן.

„מורא'דיג שלעכט געהט עס," האָט דער שוסטער געלאַסען בע־שטעטיגט איליאַ'ס רייד. „פיעל מענשען וועלען נאָך מיר טרויערן, אז איך וועל שטאַרבען!" האָט ער דערנאָך ווייטער געזאָגט. „מחמת איך בין אַ לוסטיגער גוטער ברודער און כ'קען די חברה־לייט פרעה־ליך מאַכען. אַלע האַלטען אין איין שרייען: אַז אַך און וועה! צו אונז און זיי!... און מיט אַמאָל קום איך אָן, זינג זיי אַ ליעדעל און מאַך זיי לאַכענדיג. צי דו האָסט געזינדיגט פאַר אַ גראָשען, צו פאַר טוי־זענד רובעל — שטאַרבען מוזט דו דאָך סיי ווי סיי, און די מלאכי חבלה וועלען דיך אויף איין אופן דערגעהן די יאָהרען... טו לאָזט זשע אויך אַ לוסטיגען מענשען לעבען אויף דער וועלט!..."

אַזוי פלוידערענדיג און לאַכענדיג, האָט ער אויסגעוויזען אַזוי ווי אַן אָבגעלעבטער, אָרומגעפליקטער אַלטער זינג־פויגעל. ענדליך האָט ער זיך אַרויסגערוקט פון קלייט, און איליאַ האָט איהם בעגלייט צו דער טהיר, האָט איהם צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געשמייכעלט. ער האָט פון איין זייט שטאַרק רחמנות געהאַט אויף פערפישקאַ'ן, און פון דער אַנדערער זייט האָט ער זיך געטראַכט, אַז פון זיין רחמנות קען גאָרנישט אַרויסקומען. זיין פערגאַנגענהייט איז גאָרנישט געוועזען אַזוי ווייט אָוועקגערוקט פון איהם, און אַלצדינג וואָס האָט איהם דערמאָנט אָן איהר, האָט איהם געמאַכט אונרוהיג. ער האָט זיך גע־פיהלט אַזוי ווי אַ מענש, וואָס איז מיעד און וועלכער האָט זיך צוגע־לייגט אָברוהען, נאָר די הערבסט־פליגען זשוזשען איהם אַזוי שטאַרק אין אויער און לאָזען איהם ניט שלאָפען. אַז איליאַ פלעגט פלוידערן מיט פּאַוועל'ן אָדער זיך צוהערען צו פערפישקאַ'ס ערצעהלונגען, האָט ער כסדר געשמייכעלט, צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געוואַרט.

זיי זאלען שוין אוועקגעהן. פאוועל'ס רייד איבערהויפט האבען אויף איהם אפט געמאכט א שמערצליכען איינדרוק. ער פלעגט איהם אלץ שטענדיג אנבאטען געלד און ציהענדיג מיט די אקסלען איהם זא־גען:

„אויף אן אנדער אופן קען איך דיר ניט העלפען... סיידען איך זאל דיר ראטהען: לאז זי לויפען, דיין וויערא'ן...“

„דאס קען איך ניט.“ האט פאוועל זיך אבגערופען אין דער שטיל. „מען לאזט לויפען אימיצען, וועמען מען דארף ניט נייטיג האבען... איך אבער דארף וויערא'ן זעהר נייטיג... און ליידער דאר־פען זי אנדערע אפנים אויך נייטיג האבען און זיי ווילען זי אבריי־סען פון מיר. אט דא ליגט דער הונד בעגראבען!... און אפשר האב איך זי גארנישט ליעב מיט דער נשמה מיינער, נאר פון שלעכטסקייט איהר אויף צו להכעיס. זי איז דאס בעסטע, וואס דאס לעבען האט מיר געגעבען — מיין שטיקעלע גליק. זאל איך לאזען, מען זאל עס פון מיר אוועקרויבען? וואס זשע וועט מיר דען נאך איבערבלייבען? ניין, איך וועל זי קיינעם ניט אבטרעטען — פאר קיין שום פרייז ניט! טויטען וועל איך זי, אבער ניט אבלאזען זי...“

גראטשעוו'ס מאגער געזיכט האט זיך בעדעקט מיט רויטע פלע־קען, און ער האט אויס פערדרוס צונויפגעדריקט די פויסטען.

„דו האסט דען בעמערקט, אז מען געהט איהר נאך און מען זוכט זי אבצונעהמען פון דיר?“

„דאס ניט...“

„וועמען זשע דען מיינסט דו, ווען דו זאגסט: מען וויל זי אוועק־רויבען פון דיר?“ האט איליא געפרעגט מיט א פערטראכטער מיענע.

„פאראן אזא מין געוואלט... וואס וויל זי אוועקרייסען פון מיר... אך, צום טייפעל! מיין פאטער איז צוליעב א פרוי געגאנגען צו גרונד, און מיר, ווייזט אויס, איז בעשעהרט צו האבען דעמזעלבען סוף...“

„פאר דיר איז קיין שום הילף ניטא!“ האט זיך לונעוו אבגערו־פען, און ער האט דערביי געפיהלט א געוויסע צופרידענהייט. ער האט פאוועל'ן נאך מעהר בעדויערט, איידער פערפישקא'ן, און אז גרא־טשעוו פלעגט זיך אזוי צוריידען און אויסגיסען זיין ביטער הארץ,

פול מיט האס און צארן, האט זיך אויך ביי איליא'ן אין הארצען דער־וועקט א שנאה צו אירגענד וועמען. אבער דער שונא, וועלכער האט פאוועל'ן געקרענקט און זיין גליק אוועקגערויבט, האט זיך ניט גע־לאזט זעהן — ער איז געבליבען אונבעקאנט. און לונעוו האט גע־פיהלט, אז זיין שנאה איז פונקט אזוי איבעריג ווי זיין רחמנות, ווי כמעט אלע זיינע גוטע געפיהלען פאר אנדערע מענשען. אט די אלע געפיהלען האבען איהם אויסגעוויזען אונניטיג, נוצלאז. אבער קניי־טשענדיג דעם שטערן, מיט א ביטערער מיענע, האט זיך פאוועל אנגערופען:

„כ'וויים... מיר קען קיין מענש ניט העלפען... מיט וואס זאל מען מיר העלפען? און ווער זאל מיר העלפען? מיר ביידע, ברודער, געהען דעם זעלבען וועג. אונז איז שוין אזוי פון שיקזאל בעשטימט: ארבייט, לייד, שווייג... און דאן קראפיער — כאפט דיך דער קאדיק!"

און אריינקוקענדיג מיט א פארשענדען בליק דעם חבר זיינעם אין געזיכט אריין, האט ער מיט א פעסטען, כמעט זיכערן טאן גע־זאגט:

„אט האסט דו דיך פעררוקט אין דעם דאזיגען ווינקעל — און דענקסט דא צו זיצען רוהיג... איך אבער זאג דיר: ס'איז שוין פאראן אימיצער, וואס קען ניט שלאפען בייננאכט, נאר ער טראכט כסדר, ווי אזוי דיך ארויסצורייסען פון דאנען..."

„ניין, דו האסט א טעות," האט לונעוו געענטפערט מיט א שמייכעל — „נישקשה, איך וועל שוין מיין שטעדטעל בעשטעהן! מיך בייצוקומען איז ניט אזוי גרינג ווי דו מיינסט!"

„איי, נור ניט אזוי זיכער! דו ווילסט אפנים דיין גאנצען לעבען לאנג אזוי טרייבען האנדעל?"

„און פארוואס ניט?"

„זיי וועלען דיך ארויסבייסען — אדער דו אליין וועסט דער־מיט שלאגען כפרות..."

„נו, דערויף קענסט דו לאנג ווארטען!" האט איליא געזאגט לאכענדיג.

אבער גראטשעוו איז געבליבען ביי זיין מיינונג. ער האט דעם פריינד זיינעם אריינגעקוקט שארף אין געזיכט אריין און זיך ניט

אָבגעטשעפּעט פון איהם.

„און איך זאָג דיר — דו וועסט זיך אָבשאָקלען דערפון. דיין כאַראַקטער איז ניט אזא, אז דו זאָלסט קענען קענען שטיל און פריעדליך אויסהאַלטען פאר זיך אין א ווינקעל. ענטוועדער דו וועסט אָנהויבען טרינקען, אָדער דו וועסט מאַכען באַנקראָט... עפּעס וואָס עס איז וועט מיט דיר יעדענפאַלס געשעהן...“

„אָבער פאר וואָס דען?“ האָט זיך לונעוו פערוואונדערט אָנגערופען.

„אזוי... ס'איז ניט פאר דיר, אזוי רוהיג צו לעבען... דו ביסט א וואוילער יונג, א מענש מיט א נשמה... פאַראַן אזעלכע מענשען: זייער גאנצען לעבען לאַנג האַלטען זיי זיך אויף די פיס, זיינען קיינמאָל ניט קראַנק, און מיט אמאָל האָסט דו עס: שוואַפּ!“

„וואָס—שוואַפּ?“

„זיי פאַלען אַנידער און בלייבען ליגען טויט...“

איליא האָט זיך צולאַכט, האָט אויסגעשטרעקט זיינע גליעדער און דערנאָך האָט ער געגעבען א טיעפען זיפץ, פון דער פולער ברוסט.

„דאָס איז דאָך אַלצדינג אונזין!“ האָט ער געזאָגט.

ביינאַכט אָבער, אז ער איז געזעסען ביים סאַמאָוואַר, האָט ער זיך ניט ווילענדיג דערמאָנט אָן גראַטשעוו'ס ווערטער און האָט געטראַכט וועגען זיינע געשעפטליכע בעציהונגען צו מאַדאַם אווטאָנאָמאָוו. דערפרעהט מיט איהר פאָרשלאָג, בשותפות אויפצומאַכען א קלייט, האָט ער צוגעשטימט צו אַלצדינג, וואָס זי האָט איהם נור פאָרגעלייגט. און איצט איז איהם מיט אמאָל קלאָהר געוואָרען, אז כאָטש ער האָט אריינגעלייגט אין געשעפט אָן ערך פיער הונדערט רובעל פון פאָליועקטאָוו'ס געלד, איז ער פונדעסטוועגען גיכער טאַטיאַנאַ וולאַסיעוונא'ס קאָמי איידער איהר שותף. די דאָזיגע ענטדעקונג האָט איהם שטאַרק דערשלאָגען און בייז געמאַכט.

„אהא! דעריבער, הייסט עס, אומאַרמסט דו מיך אזוי הערצליך — ווילסט זיך בגנבה צומאַכען צו מיר אין קעשענע אריין!“ האָט ער ביי זיך אין האַרצען גערעדט צו טאַטיאַנאַ וולאַסיעוונא. און ער האָט ביי זיך אָבגעמאַכט אזוי גיך ווי מעגליך אריינצולייגען זיין לעצט ביסעל געלד, כדי אָבצוקויפען ביי זיין געליעבטער דאָס גאַנצע

געשעפט און ווערן אוים מחותן מיט איהר.

ס'איז איהם ניט שווער געווען צו פאסען דיזען בעשלום. טאטיאַ־נאַ וואָלאסיעוונאַ איז איהם אין דער לעצטער צייט שטארק געפאלען צו לאסט. ער האָט זיך ניט געקענט צוגעוואוינען צו איהרע צערט־ליכקייטען, וועלכע זיינען פון טאָג צו טאָג געוואָרען אלץ מאָדנער, און איינמאָל האָט ער איהר גאנץ אָפען געזאָגט:

„וואָס פאַר אַן אונפערשעהמט ווייבעל דו ביסט עס, טאַניאַ!"

אבער אויף זיין בעמערקונג האָט זי קיין אנדער ענטפער ניט געהאט, נור א געלעכטער, א טיעפען געלעכטער, אין זיך. אזוי ווי פריהער האָט זי איהם ניט אויפגעהערט דערצעהלען געשיכטען וועגען איהרע בעקאנטע, און איין טאָג האָט איליאַ מיט א טאָן פון צווייפעל בעמערקט:

„אויב דו זאָגסט דעם אמת, טאַטיאַנאַ, דאַן איז אייער זאַגע־נאַנטעם אנשטענדיגעס לעבען קיין שום פּולווער ניט ווערטה!"

„פאַרוואָס עפּעס? ס'איז דאָך גאנץ לוסטיג אזוי!" האָט זי געענטפערט, ציהענדיג מיט די אקסלען.

„א פיינע לוסטיגקייט! בייטאָג — קיין אנדער זאך ניט נאָר ליובעניו, הארצעניו, און ביינאכט — אויסגעלאסענהייט, הולטאיסט־וואַ... ניין, עפּעס מוז דאַ זיין ניט אין אָרדנונג..."

„וואָס פאַר א נאַאיווער מענש דו ביסט עס!" האָט זיך טאַטיאַנאַ וואָלאסיעוונאַ אָבגערופען מיט א געלעכטער. „נאַ, הער אָקאָרשט ווייטער..."

און זי האָט פון דאָס ניי אָנגעהויבען איהם אָבצולויבען דאָס דאָזיגע זויבערע, אנשטענדיגע און בעקוועמע לעבען, און זי האָט זיך געסטאַרעט ווי ווייט מעגליך איז צו בעהאַלטען פון איהם די הארטקייט און גרויזאַמקייט פון דיזען לעבען.

„איז דאָס דען גוט אזוי?" האָט איליאַ געפרעגט.

„דו ביסט דאָך א קאָמישער מענש! איך זאָג דאָך ניט, אַז דאָס איז גוט, נאָר אַז עס וואָלט ניט געווען אזוי וואָלט עס געווען איינפאַך — לאַנגווייליג!"

צייטענווייז האָט זי מיט איהם געלערנט דרך ארץ:

„ס'איז שוין צייט, דו זאָלסט אַמאָל אָראָבוואַרפען דיינע ציצע־

נע העמדער: אַנשטענדיגע לייט טראָגען לייוונטענע וועש... און דאָן גיב אַכטונג, ווי אַזוי איך רעד אַרויס די ווערטער, און לערן זיך! דו ביסט שוין ניט קיין מוזשיק, דו מוזט אַלזאָ אַוועקוואַרפען דיינע פויערשע שטיק. מען מוז דיך אַביסעל אַבשלייפען..."

וואָס ווייטער פלעגט זי אַלץ אָפטער אַנדייטען אויף דעם אונטער־שייד צווישען איהם, דעם פויערשען יונג, און איהר אַליין, די געביל־דעטע פרוי. און ניט זעלטען האָט זיך איליאַ געפונען בעליידיגט פון די דאָזיגע אַנדייטונגען. בשעת ער האָט נאָך געלעבט צוזאַמען מיט אָלימפּיאַדאַ'ן, האָט ער כאָטש צייטענווייז געפיהלט, אַז די דאָזיגע פרוי שטעהט נאָהענט צו איהם, איז זיין גלייכען, עפּעס אַזוי ווי אַ גוטער קאַמעראַד. טאַטיאַנאַ וולאַסיעוונאַ אָבער האָט קיינמאָל אין איהם ניט דערוועקט קיין קאַמעראַד־שאַפטליכעס געפיהל ער האָט געזעהן, אַז זי איז אינטערעסאַנטער פון אָלימפּיאַדאַ'ן און פלעגט קוקען אויף איהר מיט נייגיריגקייט, דאָך האָט ער אין גאַנצען פער־לאָרען דעם רעספּעקט פאַר איהר. בעת ער האָט נאָך געוואוינט ביי די אווטאָנאָמאָוו'ס האָט ער עפּטערס געהערט, ווי טאַטיאַנאַ פלעגט אין מיטען פון איהר אָבענד־געבעט, וואָס זי פלעגט אויף גיך אָבכאַ־פּען, אַ געשריי טהאָן צום מאַן:

„קיריאַ, שטעה אויף און מאַך צו די טהיר פון קיך — ס'ציהט מיר אַזוי אין די פיס..."

„נאָך וואָס לעגסט דו זיך מיט די קניע אויף דער קאַלטער פּאָד־לאָגע!" האָט איהר קיריק דאָן געענטפערט מיט אַ פאַרוואורף.

„זיי רוהיג, שטער מיך ניט!" האָט זיך זיין פרוי דערויף אָנ־גערופען — און האָט זיך געטהאָן איהרס, אַבזופּענדיג אויף גיך איהר געבעט.

אָט די האַסטיגקייט ביי איהרע תפלות איז איליאַ'ן ניט געפעלען: ער האָט פערשטאַנען, אַז זי זאָגט איהר געבעט ניט פון הארצען, נאָר איינפאַך דערפאַר, ווייל ס'איז שוין ביי איהר אַ געוואוינהייט.

„דו גלויבסט אין גאָט!" האָט ער איהר איינמאָל אַ פרעג געטהאָן.

„וואָס פאַר אַ פראַגע!" האָט זי פערוואונדערט אויסגערופען.

„נאַטירליך, גלויב איך אין איהם. פאַרוואָס פרעגסט דו עפּעס?"

„אזוי... ווייל דו איילסט זיך אזוי, בשעת דו בעטסט גאָט, אזוי ווי דו וואָלסט דערפון געוואָלט וואָס גיכער פּטור ווערן...“ האָט איליא מיט א שמייכעל געזאָגט.

„כ'ווער בייטאָג אזוי מיעד, זעהסט דו, אז גאָט איז מיר אודאי מוחל פאר מיין איילעניש,“ האָט זי געענטפערט. און מיט אן איבערציינגטען טאָן האָט זי ווייטער געזאָגט: „ער איז מוחל אויף אלצדינג. ער איז — בארמהארציג...“

ניט אזוי האָט זיך אָלימפּיאדא אויפגעפיהרט מיט איהר געבעט. שטיל, אָהן א וואָרט אויסצורייִדען, פלעגט זי שטענדיג בעטען גאָט. און לאנג האָט יעדעס געבעט ביי איהר געדויערט. זי פלעגט פאלען אויף די קניע פאר די הייליגע בילדער, איינגעבויגען דעם קאָפּ גאנץ טיעף און פלעגט לאנג אזוי בלייבען, ניט ריהרענדיג זיך פון אָרט, ווי פערשטיינערט... איהר געזיכט פלעגט דאן זיין פול מיט פערדרוס און שטרענגקייט, און טאָמער האָט מען דאן ביי איהר עפּעס געפרעגט, האָט זי ניט געענטפערט.

איצט, אז לונעוו האָט זיך געכאפּט, אז טאַטיאַנא וולאסיעווגא האָט איהם גוט ארייִנגענארט אין זאק אריין מיט דעם עסק פון דער קלייט, האָט זי איהם אָנגעהויבען שטארק אָבעקלען.

„ווען זי וואָלט געווען א פרעמדע צו מיר,“ האָט ער זיך ביי זיך אין הארצען געטראכט — „דאן וואָלט איך גאָרנישט געזאָגט. אלע זיינען נור אויסען, זייערע מיטמענשען צו בעשווינדלען... אבער זי איז דאָך אין א געוויסער היכזיכט... מיין ווייב... זי קושט און האלזט מיך... די פאסקודסטווע קאַץ!... נור די ערגסטע פראָסטיטוטקע קען אזוי האנדלען...“

זיין בענעהמען זיך געגען איהר איז געוואָרען קיהל און אָהן צוטרויען, און ער האָט געזוכט מיט אלערליי תירוצים זיך אויסצודרעהען פון די בעשטעלונגען וואָס זי האָט איהם געמאכט.

ארום יענער צייט איז עס פאר איהם ארויפגעשוואומען א נייע ווייבליכע ערשיינונג. דאָס איז געווען גאַווריק'ס שוועסטער, וועלכע פלעגט צייטענווייז אריינקומען צו איהם אין קלייט, געוואָהר ווערן וואָס איהר ברודער מאכט. זי איז געווען הויך-געוויקסיג, שלאנק און געזונד, דאָך גאָר ניט שעהן, און כאָטש גאַווריק האָט פערזיכערט, אז

זי איז ערשט אלט נייַנצעהן יאָהר, האָט זי דאָך איליאַ'ן אויסגעוויזען א סך עלטער צו זיין. איהר פּנים איז געווען לאַנג, מערקווירדיג געל און אלט; דער הויכער שטערן איז געווען פול מיט דינע קנייטשען. די ברייטע נאָז־לעכער פון איהר קאַטשקען־נאָז זיינען שטענדיג געווען אויפגעבלאָזען, אזוי ווי זי וואָלט געווען אין כעס, און די דינע ליפּען פון איהר קליין מיילכעל זיינען תמיד געווען פעסט פערשלאָסען. זי האָט גערעדט מיט א דייטליכען טאָן, דאָך עפּעס ווי ניט ווילענדיג, דורך די ציינער. זי האָט געהאַט א שנעלען גאַנג, און געגאַנגען איז זי מיט'ן קאָפּ אין דער הויך, עפּעס אזוי ווי זי וואָלט זיך פאַר אַלעמען בעריהמט מיט איהר מיאוס'ן פּנים. נאָר אפשר האָט דאָס איהר דיקער, לאַנגער צאָפּ פון שווארצע האָר, וואָס איז איהר אראָבגעהאַנגען פון הינטען, געצויגען דעם קאָפּ איהרען הינטערווייַלעכס... די גרויסע שווארצע אויגען איהרע האָבען געקוקט שטרענג און ערנסט, און אלע ציגע פון איהר געזיכט האָבען צוזאַמען געגעבען איהר גע־שטאַלט א גאַנץ בעזונדערן, גלייכען און פעסטען אויסדרוק. לונעוו האָט זיך עפּעס געפיהלט אזוי ווי דערשראָקען אין איהר געגענוואַרט; זי האָט איהם אויסגעוויזען שטאָלץ און האָט ארויסגערופען אין איהם רעספּעקט. יעדעסמאָל, וואָס זי פלעגט אריינקומען אין קלייט, פלעגט ער איהר צוטראָגען א שטוהל און זי איינלאַדען מיט די ווערטער:

„ביטע זיצט!"

„א דאַנק!" פלעגט זי ענטפערן מיט א קורצער פערנייגונג און זיך אנידערזעצען. לונעוו האָט פון דער זייט בעטראַכט איהר פּנים, וועלכער האָט זיך אזוי שטאַרק אונטערשיידעט פון די אלע פרויען־געזיכטער, וואָס זיינען איהם ביז אהער געווען בעקאַנט, און האָט אַנגעקוקט איהר ברוין, שטאַרק אָבגעטראָגען קלייד, איהרע צוריסענע שיך און איהר געלען שטרויענעם הוט. זי איז געזעסען און גע־רעדט מיט איהר ברודער, און בשעת זי האָט אזוי שטיל מיט די פינגער פון איהר רעכטער האַנד געפּויקט אויף איהרע קניע, האָט זי מיט דער לינקער האַנד ארומגעוואָרפען אהין און אהער א פּעקעל ביכער, וואָס איז געווען צונויפגעשנורעוועט מיט א רימען. פאַר איליאַ'ן איז עס געווען א שטיקעל איבערראַשונג צו זעהן, ווי א מיידעל, וואָס געהט אזוי שלעכט אַנגעטהאָן, זאָל זיין אזוי שטאָלץ

ביי זיך. א צוויי דריי מינוטען פלעגט זי בלייבען זיצען אין קלייט און דערנאך זאגען צום ברודער:

„נא, זיי געזונד! מאך ניט צופיעל דומהייטען!...“

און א שאקעל געבענדיג מיט'ן קאפּ צום בעל הבית פלעגט זי ארויסלויפען פון קלייט מיט אזא שנעלען טריט, אזוי ווי א סאל־דאט, וואס ווארפט זיך אין דער מלחמה ארויף אויפ'ן שונא.

„ווי שטרענג זי איז דאס אביסעל... די שוועסטער דיינע!“ האט זיך לונעוו איינמאל אבגערופען צו גאווריק'ן.

גאווריק האט אנגעבלאזען די נאז, אויסגעשטעלט א פאר אפּע־נע אויגען, אויסגעצויגען די ליפּען און מיט א כיוון געמאכט אזא פערקרימטען פנים, אז ער איז געווען עהנליך צו זיין שוועסטער'ס געזיכט. דערנאך האט ער מיט א שמייכעל געגעבען זיין בעל הבית צו פערשטעהן:

„אט אזוי איז זי... אבער זי פערשטעלט זיך...“

„נאך וואס זאל זי זיך פערשטעלען?“

„אזוי... זי האט זיך ליעב צו פערשטעלען! אויך איך קען אייך נאכמאכען וואס פאר א געזיכט איהר ווילט...“

איליא האט זיך שטארק אינטערעסירט מיט דעם מיידעל, און אזוי ווי פריהער ווענען טאטיאנא וולאסיעווונא'ן, אזוי האט ער איצט זיך געטראכט וועגען דיזער:

„אט מיט אזא איינער וואלט איך געדארפט חתונה האבען... די וואלט מיך זיכער געליעבט מיט דער גאנצער נשמה איהרער...“

איינמאל האט זי מיטגעבראכט א דיקעס בוך און האט צו איהר ברודער געזאגט:

„נא, לעז... ס'איז זעהר אינטערעסאנט...“

„וואס איז דאס אזוינס? מעג איך א קוק טהאן?“ האט איליא העפליך געפרעגט.

זי האט ארויסגענומען דאס בוך ביים ברודער פון האנד, האט עס דערלאנגט לונעוו'ן און געזאגט:

„דאן קיכאט איז עס... די געשיכטע פון א מאפּפערן ריטער...“

„אה! פון ריטער האב איך אויך פיעל געלייענט,“ האט זיך

איליאַ אָבגערופען מיט אַ ליעבליכען שמייכעל, איהר אריינקוקענדיג גלייך אין געזיכט אריין.

זי האָט אַ פּינטעל געטהאָן מיט די ברעמען, און מיט אַ טרו־קענעם טאָן געזאָגט:

„איהר האָט געלייענט בבא מעשיות — אבער דאָס דאָ איז אַ שעהנעם, פערשטענדיגעם בוך. דאָ ווערט בעשריבען אַ מענש, וואָס האָט זיך אָבגעגעבען מיט דער פערטהיידיגונג פון די אונגליקליכע, די אונטערדריקטע, וואָס ליידען פון מענשליכער אונגערעכטיגקייט... דיזער מענש איז תמיד געווען גרייט, זיין לעבען מקריב צו זיין פאַר דאָס גליק פון אנדערע — איהר פערשטעהט? דאָס בוך איז אין אַ קאָמישען טאָן געשריבען — אבער דאָס האָט געפאָדערט דער גע־שמאַק פון דער צייט, ווען ס'איז פערפאַסט געוואָרען... מען מוז עס לייענען מיט קאָפּ."

„אַזוי וועלען מיר עס טאַקי לייענען," האָט איליא געזאָגט.

עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס דאָס מיידעל האָט מיט איהם גערעדט. ער האָט דערביי געפיהלט אַ גאַנץ בעזונדערע צו־פרידענשטעלונג און האָט געשמייכעלט. זי אבער האָט איהם אריינ־געקוקט אין געזיכט און מיט אַ טרוקענעם טאָן געזאָגט:

„כ'גלויב ניט, צי עס וועט אייך געפעלען..."

און זי איז אוועק. איליא'ן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זי האָט דאָס וואָרט „אייך" גאַנץ בעזונדערס בעטאָנט. דערפון האָט ער זיך געפונען בעליידיגט, און ער האָט זיך אָנגערופען צו גאַווריק'ן, וועל־כער האָט דערווייל בעטראַכט די בילדער פון בוך:

„נאַ, איצט איז ניט קיין צייט צו לייענען..."

„עס זיינען דאָך ניטאָ קיין קונים!" האָט גאַווריק געענט־פערט, ניט צומאַכענדיג דאָס בוך.

איליא האָט איהם אָנגעקוקט און געשוויגען. אין זיין עראינע־רונג האָבען נאָך אָבגעקלונגען דעם מיידעל'ס ווערטער וועגען דעם בוך און וועגען איהר אליין האָט ער זיך ביי זיך אין הארצען גע־טראַכט:

„וואָס פאַר אַ... וואַזשנע פּערזאָן!"

7.

די צייט איז זיך אזוי געגאנגען איהר וועג. איליא איז געשטאַנען הינטערן פערקויף־טיש, האָט זיך געדרעהט די וואַנציעס און פערקויפט זיין סחורה, אבער ס'האָט איהם אויסגעוויזען, אז די טעג ציהען זיך עפּעס צו לאַנגזאַם. צייטענווייז האָט ער חשק געהאט צו פערשליסען די קלייט און ארויסגעהן ערגעץ־וואו שפּאַצירען. ער האָט אבער געוואוסט, אז דאָס וועט ניט טויגען פאר זיין געשעפט, און ער איז געבליבען זיצען אין מאַגאַזין. אויך ביי נאכט האָט ער ניט געקענט אוועקגעהן פון קלייט: גאָווריק האָט מורא געהאט צו בלייבען אליין, און עס איז אויך געווען א סכנה, אַנצוטרויען דאָס געשעפט אויף איהם. ער וואָלט לייכט געקענט אַנמאַכען א שריפה אָדער גאָר אריינלאָזען א גנב.

דאָס געשעפט איז געגאַנגען גאָר ניט שלעכט: איליא האָט שוין געהאט בדעה צוצונעהמען א קאָמי. זיין פעררהעלטנים מיט אווטאָנאָמאָוו'ס ווייב איז וואָס ווייטער געוואָרען אַלץ אָבגעקיהלטער, און ס'האָט אויסגעזעהן, אז טאַטיאַנא וולאַסיעוונא איז דערמיט גאַנץ צופרידען. אריינקומענדיג אין קלייט פלעגט זי זיך גאַנץ קאַלט בעגעגענען מיט איליא'ן, און האָט זיך הויפּטזעכליך אָבגעגעבען דערמיט, נאָכצוזעהן גאַנץ גענוי דעם חשבון פון דער לייזונג. אז זי איז געזעסען ביי לונעוו'ן אין צימער און געקלאַפּט מיט די קוילען פון דעם רעכען־ברעטעל, האָט ער געפיהלט, אז דיזע פרוי מיט דעם פויגעלגעזיכט איז איהם דערווידער. אָפטמאָל אבער פלעגט זי אריינקומען צו איהם א פרעהליכע, א מונטערע, פלעגט מאַכען שפּאַס, קאָקעטירען מיט איהרע אויגען און אַנרופען איליא'ן איהר שותף. דעמאָלט פלעגט ער זיך לאָזען פערפיהרען פון איהר, און ס'האָט זיך גאָר אויף דאָס נייע ווידערהאָלט דאָס, וואָס ער פלעגט אין דער שטיל פאר זיך אַנרופען א „פאסקודסטווע געמיינהייט."

צייטענווייז פלעגט אויך קיריק אריינקומען אין קלייט, פלעגט זיך גאַנץ ברייט, ווי א בעל הבית, אוועקזעצען אויפ'ן שטוהל לעבען פערקויף־טיש און מאַכען שפּאַס מיט די נייטאָרינס, וואָס פלעגען

אַפּט אַריינקומען אין מאַגאַזין עפּעס קויפן. ער איז שוין מעהר ניט געגאַנגען אין זיין פּאָליציי־אוניפאָרם, האָט געטראָגען אַ בעקוועמען ציווילנעם קאָסטיום און האָט זיך גאָר ניט געקענט גענוג אָבלויבען מיט זיין ערפאָלג אויף דער נייער שטעלע אַלס פּראַקוריסט.

„זעכציג רובעל געהאַלט און וויינינגסטענס אַזוי פיעל פון דער זייט — דאָס איז ניט שלעכט, וואָס? מיט דער זייטיגער הכנסה בין איך, פערשטעהסט זיך, פאַרזיכטיג, כ'האַלט מיך גאַנץ אויפ'ן געזעצ־ליכען וועג... הא הא! מיר האָבען אויך אַ נייע דירה — האָסט שוין געהערט? אַן אויסגעצייכענטע קוואַרטיר! און אַ קעכין האָבען מיר געדונגען — גרויסאַרטיג קאָכט זי, די מרשעת!... פון אָסיען אָן וועלען מיר האָבען גרויסע אונטערהאַלטונג ביי אונז, מיר וועלען שפּיע־לען אין קאָרטען... פיין זאָל עס ווערן, כאַפּט עס דער קאַדיק! אויסגע־צייכענט גוט וועלען מיר אונזער צייט פערברייננגען, און מיר האָפען אויך צו געווינען. מיר זיינען דאָך עפּעס צוויי, איך און מיין פרוי— איינס מוז דאָך אימער געווינען, אַט אַזוי וועלען מיר זיך אויסשלאָ־גען די הוצאות... הא הא, נשמה מיינע! דאָס הייסט אי ביליג, אי אָנגענעהם געלעבט!...“

ער האָט זיך נאָך ברייטער פונאַנדערגעשפּרייט אויפ'ן שטוהל, האָט פערוויכערט אַ ציגאַרעטעל, אַרויסגעבלאָזען דעם רויך וייט פון זיך, און מיט אַ פערדריקטען טאָן ווייטער געזאָגט:

„אַט בין איך דאָ ניט לאַנג געפאָהרען אויפ'ס לאַנד, ברודער— האָסט דו געהערט? כ'זאָג דיר: זיינען דאָרט פאַראַן מיידלעך... פיו! דיינער צוקער! הערסט דו, אַזעלכע נאַטור־קינדער... אַזוי געזונד, ווייסט דו, אַזוי צאַפּעלדיג... און וואָלוועל קאָסט דיר דער עסק, דער טייוועל זאָל מיך כאַפּען! אַ גלעזעלע משקה, אַ פונט לעקאַך—און זי איז דיינע!“

לונעוו האָט אויסגעהערט דיזע רייד און געשוויגען. ער האָט, דעם אמת זאָגענדיג, בעדויערט קיריק'ן, זיך ניט אָבגעבענדיג קיין שום רעכנונג, פאַר וואָס אייגענטליך ער בעדויערט איהם, דעם דאָזי־גען דיקען בעשריינקטען בחור. אָפּטמאָל אָבער האָט זיך איהם אויך געגלוסט צו לאַכען, קוקענדיג אויף אוטאָנאָמאָוו'ן. ער האָט ניט גע־גלויבט קיריק'ן וועגען זיינע ערפאָלגען אויפ'ן לאַנד. ס'האָט זיך איהם

געדוכט, אז קיריק רעדט ניט פון אייגענע ערפאהרונג. נאר ער דער־צעהלט נור איבער אויף זיך זאכען, וואס ער האט געהערט פון אנ־דערע. און אז איליא'ן איז שלעכט געווען אויפ'ן הארצען, האט ער זיך געטראכט, בשעת יענער פלעגט איהם אנהאקען א קאפ מיט זיינע בעריהמערייען:

„אה, פערדרעה דיר דיין קאפ, דו בעריהמער איינער!“

„יא, ברודער'ל, ס'איז גרויסארטיג — אזוי ביי דער נאטור אין שוים די ליעבע צו געניסען... אין'ם פאסטוך'ס ארעם און פראסט שטיבעל, ווי ס'שטעהט אין די ביכער!“

„אבער אז טאטיאנא וולאסיעוונא זאל געוואהר ווערען עפעס דערפון?“

„זי וועט גארנישט דערגעהן דערפון,“ האט קיריק געענט־פערט, איהם צופינטלענדיג לוסטיג מיט די אויגען. „זי ווייסט, אז זי דארף דאס ניט ויסען... הא הא! מיר מענער זיינען פון נאטור אוים אזוי ווי די העהנער... נא, און דו ברודער — דו האסט זיך שוין אויך עפעס אבגעזוכט א הערצענס־געליעבטע?“

„איך בין זיך מודה,“ האט איליא מיט א שמייכעל געזאגט.

„א נייטארין, וואס? אזוי א שעהנע ברונעטקע...“

„ניין, ניט קיין נייטארין.“

„אדער גאר א קעכין? א קעכין איז אויך ניט שלעכט, די איז אזוי גאנץ ווארם און געטריי...“

איליא איז שיער ניט צופלאצט געווארען פון געלעכטער, און דאס האט קיריק'ן איבערצייגט, אז ס'איז ווירקליך א קעכין.

„מוזט זיי עפטער בייטען, נישט בלייבען תמיד ביי דערזעל־בער,“ האט ער ווי א קענער אן עצה געגעבען איליא'ן.

„אבער ווי קומט איהר דען דערצו, אז עס מוז גראד זיין א קעכין אדער א נייטארין? וואס זשע, קיין אנדערע בין איך גאר ניט ווערטה?“

„נאך דיין געזעלשאפטליכען שטאנד נאך פאסען זיי זיך פאר דיר, ברודער, גיכער ווי אלע אנדערע... דו קענסט דאך ניט שפיעלען א ליעבע מיט א דאמע אדער א מיידעל פון די הויכע פענסטער, פון דער אנשטענדיגער געזעלשאפט, דאס גיסט דו דאך אליין צו!?“

„אבער פאַרוואָס דען ניט?"

„אַך, דאָס איז דאָך אַזוי קלאָהר! כ'וויל דיך חלילה ניט בעלײדיגען אָבער דו בלייבסט דאָך שטענדיג, מיין פריינד... נעהם ניט פאַר אומגוט!... א פראָסטער מענש... א בויער זאַצוזאַגען."

„איך שפּיעל אבער ווירקליך א ליעבע דוקא מיט א דאַמע," האָט זיך איליא אַבגערופען און האָט זיך געקאַטשעט פון געלעכטער.

„דו קליינער ליץ דו!" האָט קיריק געזאָגט און האָט זיך אויך צולאַכט אויפ'ן קול.

אַזוי גיך ווי אווטאָנאָמאָוו איז אוועק און לונעוו האָט זיך אויף א ווײלע פערטראַכט איבער די ווערטער פון דעם נײ־געבאַקענעם פּראָקוריסט, האָט ער געפיהלט, אז זיי זיינען פאַר איהם א בעליידיגונג. ס'איז איהם קלאָהר געוואָרען, אז כאָטש קיריק איז, דוכט זיך, א גוטער ברודער און א פּראָסטער יונג, האַלט ער זיך פונדעסטוועגען פאַר א גאַנץ בעזונדערן מענשען, צו וועמען ער, איליא, קען זיך גאָרנישט גלייכען. און דערביי האָבען זיי דאָך ביידע, אי אווטאָנאָמאָוו, אי זיין פרוי, א היבשען נוצען פון איהם. פערפישקא האָט איהם דערצעהלט, אז אויך פּעטרוכא מאַכט חוזק פון זיין קלייט און רופט איהם גנב... און יאַקאָוו ווידער האָט געזאָגט דעם שוסטער, אז ער, איליא, איז פריהער געווען בעסער, הארציגער און ניט אַזוי איינגערעדט ביי זיך ווי איצט. אויך גאַווריק'ס שוועסטער האָט עפּעס יעדעם מאָל איליא'ן געזוכט צו ווייזען, אז ער איז ניט איהר גלייכען. זי, א בריעפטרעגער'ס א טאָכטער, וועלכע געהט אַבגעריסען, אַזוי ווי א שלעפּערקע, קוקט אויף איהם מיט אַזעלכע אויגען, אַזוי ווי זי וואָלט איהם ניט געקענט מוחל זיין, וואָס ער לעבט אויף דער־זעלבער ערד וואָס זי. זייט איליא האָט געעפענט דעם מאַגאַזין, איז זיין שטאָלץ נאָך מעהר געוואַקסען. זיין אינטערעסע פאַר דיזעם מערקווירדיגע, כאָטש ניט שעהנע מיידעל האָט זיך פון טאָג צו טאָג אַלץ מעהר אַנטוויקעלט; ס'האָט זיך איהם זעהר שטאַרק געוואָלט וויסען, פון וואַנען עס נעהמט זיך צו איהר, דאָס אָרעמע, אַבגעריסענע בעשעפעניש, אַזא מין שטאָלץ. זי פלעגט קיינמאָל ניט אויסריידען צו איהם קיין וואָרט, סיידען ער האָט עפּעס געפרעגט ביי איהר אָדער אפריהער גערעדט צו איהר, און דאָס האָט איהם שטאַרק פער־

דראַסען. איהר ברודער איז דאָך נאָך אַלעמען ניט מעהר ווי זיין משרת'ל, און שוין מחמת דעם אַליין האָט זי געמעגט זיין אַביסעל פריינדליכער צו איהם, איהר ברודער'ס בעל הבית.

„כ'לייען אייער בוך וועגען דאָן קיכאָט," מאַכט ער צו איהר איינמאָל.

„נו, ווי געפעלט עס אייך?" האָט זי איהם געפרעגט, ניט א קוק טהאָנדיג אויף איהם.

„אויסגעצייכענט געפעלט עס מיר. ס'איז אַזוי וויציג... אַ מערק־ווירדיגער מענש איז דאָס געווען!"

ביי דיזע ווערטער האָט זי אויף איהם א קוק געטהאָן, און איליא'ן האָט זיך אויסגעדוכט, עפּעס אַזוי ווי איהרע שווארצע, שטאָל־צע אויגען וואָלטען זיך אָנגעפילט מיט האַס, קוקענדיג אויף איהם.

„כ'האָב דאָך געוואוסט, אַז איהר וועט זאָגען אונגעפעהר אַזאַ זאַך," האָט זי בעמערקט לאַנגזאַם און דייטליך.

איליא האָט פון איהרע ווערטער ארויסגעהערט עטוואָס בעליי־דיגענדעס; ער האָט דעריין געזעהן אַן אויסדרוק פון פּאַרוואורף, פון פיינדשאַפט.

„כ'בין דאָך נאָך אַלעמען אַן אונגעבילדעטער מענש," האָט ער זיך אָבגערופען, ציהענדיג מיט די אַקסלען.

זי האָט איהם דערויף גאָר קיין שום ענטפער ניט געגעבען, און האָט זיך אין גאַנצען געמאַכט ניט הערענדיג.

און ווען ער אַמאָל האָט זיך ביי איליא'ן אין הארצען דערוועקט יענער ביטערער געפיהל, וועלכער איז שוין, דוכט זיך, אַזוי ווי געווען פערשוואונדען פון דאָרט — ווידער אַמאָל האָט ער דערפיהלט די אַלטע שנאה צו די מענשען, האָט פון דאָס ניי זיך גענומען גריבלען און נאָכדענקען וועגען די גערעכטיגקייט אין דער וועלט, מכח זיין זינד און וועגען דעם, וואָס ערוואַרטעט איהם אין דער צוקונפט... אָט דער לעצטער פונקט האָט איהם דער עיקר בעאונרוהיגט. זיין מאָגאַ־זין האָט געפונען חן ביי איהם אין די אויגען, און די גאַנצע אָרדנונג פון זיין לעבען פאַר דער לעצטער צייט איז געווען נאָך זיין געשמאַק נאָך. אין פערגלייך מיט זיין פריהערדיגער עקזיסטענץ איז דאָס דאָ־זיגע לעבען זיינס געווען א סך ריינער, רוהיגער, פרייער. אבער זאָל

ער טאַקי שטענדיג אַזוי ווייטער לעבען — פון אין דער פריה ביז ביינאַכט ליגען צוגעבונדען אין קלייט, זיצען גאַנץ אַליין מיט זיינע געדאַנקען ביים סאַמאָוואר און דערנאָך זיך לייגען שלאָפען, כדי אויף מאָרגען אין דער פריה ווידער אַמאָל אַריינגעהן אין קלייט? גע־וואוסט האָט ער, אַז פיעל קליינע קרעמער אָדער אַלע לעבען אַזוי, אויף אַזאַ אופן, אָבער די זיינען פערהייראַט, האָבען קינדער, טרינקען בראַנפען, שפּיעלען אין קאַרטען, און ס'איז אפשר קיין צווייטער ניטאָ, וואָס זאָל פיהרען אַזאַ לעבען ווי ער... ער האָט געהאַט געגנוג גרינדע, אין זיין אויסערן אַזוי גוט ווי אין זיין אינערן לעבען, וועלכע האָבען איהם בערעכטיגט זיך צו האַלטען פאַר אַ גאַנץ בע־זונדערן מענשען, וואָס טהיילט איהם אָב פון די איבעריגע. זיינע פאַך־קאַמעראַדען, די קרעמער, זיינען איהם לחלוטין ניט געפעלען: די איינע זיינען געוועזען בעריהמער אַזוי ווי קיריק, וואָס אויסער זייער מסחר האָבען זיי גאָרנישט געוואוסט, די אַנדערע ווידער זיינען גע־ווען אָפענע שווינדלער. אייגמאָל, זיך פערטראַכטענדיג וועגען אַט די אַלע זאַכען, האָט ער זיך דערמאָנט אָן יאַקאָוו'ס ווערטער:

„זאָל דיר גאָט געבען גליק... דו ביסט אַזוי גייציג..."

און אין דיזע ווערטער האָט ער געפיהלט אַ טיעפע בעלידייגונג. ניין, ער איז גאָרנישט גייציג. איהם ווילט זיך נור גאַנץ איינפאַך לע־בען בעקוועם און רוהיג, זיין רעספּעקטירט פון אַלע מענשען און ניט אויף שריט און טריט רק הערען פון יעדען איינעם:

„זעהסט דו, איליא לונעוו — איך בין בעסער פאַר דיר!.."

און ווידער אַמאָל האָט ער זיך פערטראַכט מכח דעם וואָס ער האָט צו ערוואַרטען אין דער צוקונפט. וועט ער בעקומען זיין שטראָף פאַר'ן מאָרד אָדער ניט? צייטענווייז איז איהם פאַרגעקומען, אַז אויב זי וועט איהם טרעפען, די שטראָף, וועט דאָס זיין אַן עולה, אַן אונגערעכטיגקייט... ער האָט דאָך דעם רייכען סוחר ניט געוואָלט הרג'ענען... ס'איז דאָך געקומען אַזוי, פון זיך אַליין, האָט ער זיך שוין צום הונדערטסטען מאָל געזאָגט. אין שטאָדט לעבען אַזוי פיעל מערדער, באַנדיטען און רויבער. אָט די אַלע האַנדלען מיט שווינדעל, און פון פיעלע ווייס מען עס גאַנץ אָפען — און דאָך לעבען זיי, גע־ניסען די פרוכט און די תענוגים פון לעבען און האָבען נאָך ביז אַהער זייער שטראָף ניט געקראָגען. על פי יושר אָבער וואָלט יעדער

איינער, וואס בעגעהט אן עולה געגען דעם אנדערן, געדארפט האבען זיין פסק. אויך אין דער ביבעל ווערט עס מעהר ווי אין איין פלאץ ארויסגעזאגט. אט די געדאנקען האבען פון דאס נייע אויפגעריסען אלע וואונדען פון זיין הארצען, און א הייסעס געפיהל פון ראכע האט אין איהם געשריען: נוקם זיין האט ער זיך געוואלט פאר זיין צו־שטערטען לעבען. צייטענווייז איז איהם ארויף אויפ'ן זינען דער גע־דאנק, צו בעגעהן נאך א מורא'דיגע טהאט, פיל־ייכט אונטערצינדען פעטרוכא פילימאנאוו'ס הויז, און אז ס'וועט ברענען און מענשען וועלען זיך צונויפלויפען פון אלע זייטען, זאל ער אויסשרייען צו זיי:

„איך האב עס אונטערגעצונדען; און איך האב אויך דעם סוחר פאליועקטאוו ערמארדעט."

און די מענשען וועלען איהם דאן פאקען און שלעפען פאר'ן געריכט, און אזוי ווי זיין פאטער וועט מען איהם אוועקשיקען קיין סיביר... דער דאזיגער געדאנק האט איליא'ן מורא'דיג אויפגערעגט, און אין זיין ברענענדיגער לוסט נקמה צו נעהמען, איז ער געוועזען ניט ווייט דערפון, אריבערצולויפען צו קיריק'ן און איהם אויסזאגען, אז ער האט געשפיעלט א ליעבע מיט טאטיאנא'ן, אדער אנ'הרג'ענען דעם אלטען כריאנאוו דערפאר, וואס ער מוטשעט אזוי מאשא'ן.

אפטמאל, ליגענדיג אין דער פינסטער אויף זיין בעט, האט ער זיך צוגעהערט צו דער טיעפער שטילקייט, וואס האט געהערשט ארום איהם, און איהם האט זיך אויסגעדוכט, עפעס אזוי ווי אלצדינג וואס געפינט זיך ארום און ארום וועט באלד א ציטער טהאן און מיט א געוואלדיגען קראך צופאלען אויף שטיקלעך. און אין דעם קאכיגען שטורם וועט ער אליין אויך אריינגעצויגען ווערן פון א געהיימער קראפט, אזוי ווי א בלאט. וואס ווערט מיט אמאל אבגעריסען פון בוים און דרעהט זיך, קארטשעט זיך אין שטורם, וואו עס געפינט זיין אונטערגאנג. און לונעוו'ן איז אריבער א שוידער איבער'ן לייב, ער־ווארטענדיג דאס אונגעוועהנליכע, וואס דארף קומען..

איין אוונד, אז לונעוו האט געהאלטען ביי צומאכען די קלייט, איז פאוועל אריינגעקומען, און ניט גריסענדיג אפילו, האט ער מיט א רוהיגער שטימע געזאגט:

„ווערקא איז אנטלאָפן...“

ער האָט זיך אנידערגעזעצט אויף א שטוהל, האָט זיך אנגע־שפּאַרט מיט'ן עלענבויגען אַן פּערקויף־טיש און אנגעהויבען שטיל צו פּייפען, ארויסקוקענדיג אויפ'ן גאס. זיין געזיכט איז געווען אזוי ווי פערשטיינערט, און זיינע קליינע וואנציעס האבען זיך געצוקט אזוי ווי ביי א קאָטער.

„זי איז אליין אוועק אָדער מיט אן אנדערן?“ האָט איליא א פרעג געטהאָן.

„כ'וויים ניט... שוין דריי טעג אז זי איז ניטאָ אין דערהיים.“

איליא האָט איהם אנגעקוקט און געשוויגען. פון פּאַוועל'ס רו־היג געזיכט און פון דער גלייכגילטיגקייט, מיט וועלכער ער האָט גע־רעדט, האָט ער אזוי גיך ניט געקענט ארויסנעהמען, ווי אזוי גראַ־טשעוו האָט בדעה זיך צו פערהאַלטען צו זיין פריינדין'ס אנטלויפען. דאָך האָט ער געגלויבט, אז הינטער דער דאָזיגער רוהיגקייט ליגט בעהאַלטען א פעסטער ענטשלוס, און אבגעמאַכטע זאַך.

„וואָס האָסט דו בדעה צו טהאָן?“ האָט איליא געפרעגט אין דער שטיל, זעהענדיג, אז פּאַוועל מאַכט ניט קיין מיענע צו ריידען.

דאָ האָט גראַטשעוו אויפגעהערט צו פּייפען, און זיך ניט אומ־קוקענדיג צום פריינד, האָט ער קורץ געענטפערט:

„כ'וועל זי דערשטעכען...“

„וויים איך וואָס, ווייטער אמאָל די אלטע געשיכטע,“ האָט זיך איליא אבגערופען, א מאַך טהאַנדיג מיט דער האנד.

„זי האָט מיר דאָס הארץ צובראָכען,“ האָט פּאַוועל געזאָגט מיט א האַלבען מויל. „מיט אָט דעם מעסער דאָ מאַך איך איהר דעם טויט!“

ער האָט ארויסגענומען פון זיין רעקעל א קליין ברויט־מעסערל און האָט דערמיט א פּאַך געטהאָן אין דער לופט.

„איין שניט אין גאָרגעל...“ האָט ער געזאָגט.

אבער איליא איז איהם אריינגעפאַלען אין אָרים, האָט אויס־געריסען דאָס מעסער ביי איהם פון דער האנד און עס א וואָרף געטהאָן אויפ'ן טיש.

„קוק נור אַן, ווי דער בורלאַק האָט זיך בעוואָפּענט אַנטקעגען דער פּליעג...“ האָט ער געזאָגט.

פּאַוועל האָט אַ שפּרונג געטהאָן פון שטוהל און זיך אַנידער־געשטעלט מיט'ן פּנים צו איליאַ'ן. זיינע אויגען האָבען געפלאַמט פון צאָרן. זיינע געזיכטס־ציגע זיינען געוועזן פערקרימט און דער גאַנצער קערפּער האָט איהם געציטערט. אָבער גלייך נאָכדעם האָט ער זיך ווידער אַראָבגעזעצט אויפ'ן שטוהל און מיט אַ טאָן פון פעראַכטונג האָט ער געזאָגט:

„דומקאָפּ!“

„און דו ביסט אויך מיר אַ קלוגער מענש!“

„די קראַפט ליגט נישט אין מעסער, נאָר אין אָרם...“

„וואָס דו זאָגסט!“

„און אַז די אָרעמס זאָלען מיר אפילו אָבגעהאַקט ווערן — ממית'ן מוז איך זי! מיט די צייהן בייס איך איהר דעם גאָרגעל דורך!“

„זעה נאָר, ווי שרעקליך ער איז!...“

„רעד נישט ווייטער מיט מיר, איליאַ!...“ האָט פּאַוועל שוין רוהיגער געזאָגט. „קענסט עס גלויבען אָדער ניט — אָבער רייץ זיך ניט מיט מיר!... דאָס שיקזאַל האָט מיך שוין גענוג צורייצט...“

„אָבער בעדענק זיך נור אָקאָרשט, דו מאָדנער מענש וואָס דו ביסט...“ האָט איליאַ מיט אַ ווייכען טאָן געזאָגט צו איהם.

„צוויי יאָהר נאָכאַנאַנד און נאָך מעהר האָב איך זיך שוין וועגען דעם בעדענקט... אַלץ האָב איך שוין דורכגעטראַכט... איבעריגענס, כ'געה איצט.. וואָס זאָל איך מיט דיר אַ סך ריידען? דו ביסט אַ זאַטער מענש, ביסט אַלזאָ פאַר מיר קיין געשעפט ניט...“

„רייד דאָך קיין נאַרישקייטען ניט,“ האָט לונעוו אַ געשריי געטהאָן מיט אַ טאָן פון פאָרוואורף.

„איך בין הונגעריג, מיט מיין זעעלע און קערפּער בין איך הונגעריג...“

„איך קען גאָר ניט פערשטעהן, ווי אַזוי מענשען קענען אַזוי אורטהיילען,“ האָט איליאַ געזאָגט, ציהענדיג מיט שפּאַט די אַקס־לען. „פּונקט ווי אַ שטיק פיה איז די פרוי ביי זיי אין די אויגען, אַזוי

ווי א פערד. ווילסט דו מיך שלעפּען — איז גוט, דאן קריגסט דו ניט קיין שמיץ; טאָמער אבער ווילסט דו ניט, דאן קריגסט דו איינס אין קאָפּ... אבער צום טייפעל, די פרוי איז דאך אויך א מענש, האָט אויך איהר אייגענעם כאראקטער!..."

פאוועל האָט איהם אָנגעקוקט און האָט ארויסגעשאָסען מיט א הייזעריגען געלעכטער.

„און ווער בין איך — בין איך ניט קיין מענש?"

„אָבער דו מוזט דאך נאך אלעמען האָבען איינזעהעניש און זיין גערעכט!"

„געה מיר צו'ן אלדע שווארץ יאָהר מיט דיין גערעכטיגקייט," האָט גראטשעוו א געשריי געטהאָן און איז מיט כעס אויפגעשפרונגען פון שטוהל. „זיי דו נור גערעכט — א זאטען איז עס לייכטער צו זיין... האסט פערשטאַנען? נאָ, זיי געזונד!"

אויף גיך איז ער ארויס פון מאגאזין און ביי דער טהיר האָט ער צוליעב אירגענד וועלכען גרונד אראָבגענומען זיין היטעל פון קאָפּ. איליא איז ארויסגעשפרונגען פון הינטער דעם קלייט־טיש און איז איהם נאָכגעלאָפען, אבער גראטשעוו האָט שוין געשפּאנט איבער דער גאס, מיט'ן היטעלע אין דער האנד.

„פאוועל!" האָט לונעוו געשריען. „טו ווארט א ווייל'ע!"

ער האָט זיך ניט אָבגעשטעלט, זיך ניט אומגעקוקט אפילו, נאָר ער האָט זיך פערקירעוועט אין א זייטען־געסעל און איז פערשוואונדען. איליא איז לאנגזאם צוריק אריין הינטער'ן פערקויף־טיש, און ער האָט געפיהלט, אז פון זיין קאמעראד'ס ווערטער איז איהם דער פּנים אזוי הייס, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט אריינגעקוקט אין א רויטען, פייערדיגען אויוועז.

„קען ער אבער בייז ווערן!" האָט זיך געלאָזט הערען גאווריק'ס שטימע.

איליא האָט א שמייכעל געטהאָן.

„וועמען וויל ער דען דערשטעכען אויף טויט?" האָט גאווריק א פרעג געטהאָן, צוגעהענדיג צום קלייט־טיש. ער האָט פערלייגט די הענד אויפ'ן רוקען, אויסגעצויגען דעם קאָפּ אין דער הויך און איז געווען מורא'דיג אויפגערעגט.

„זיין פרוי," האָט איליא געענטפערט און האָט אָנגעקוקט דעם אינגעל.

גאווריק האָט געשוויגען, דערנאָך האָט ער אָנגענומען א געהיימ־ניספולע מינע און אין דער שטיל האָט ער דעם בעל הבית זיינעם דערצעהלט א מעשה:

„און ביי אונז אין קריסטוס-קווארטאל האָט א פרוי פער'סם'ט דעם מאַן מיט מייז־גיפט... א שניידער איז עס געווען.. און געטהאָן האָט זי עס, ווייל ער האָט אזוי פיעל געטרונקען..."

„ס'קומט פאַר," האָט זיך אָנגערופען לונעוו, וועלכער האָט נאָך אלץ געהאַט פאַוועל'ן אין זינען.

„און אַט דער דאָ — וועט ער זי טאַקי ערמאָרדען?"

„לאָז מיך צורוה, גאווריק!.."

דער יונג האָט זיך אומגעדרעהט, איז צוגעגאַנגען צו דער טהיר און אונטערוועגס האָט ער געזאָגט:

„נאָך וואָס האָבען זיי חתונה, די דומע טייוואָלים!"

אין גאַס האָט זיך דערווייל גענומען אַבשלאָגען דער שיין פון דעם אָנקומענדען אַבענד, און אין די פענסטער פון הויז, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגען לונעוו'ם קלייט, האָבען שוין געפלאַמט די אָנ־געצונדענע ליכט.

„עס איז צייט צוצומאַכען," האָט זיך גאווריק אָבגערופען אין דער שטיל.

איליא האָט אריבערגעקוקט צו די בעלייכטעטע פענסטער. דער אונטערשטער טהייל איז געווען פערשטעלט מיט בלומען און דער אויבערשטער פערהאַנגען מיט ווייסע פאָרהענגלעך. דורך די בלעטער פון די בלומען האָט מען געקענט ארויסזעהן א פערגלייווערטע ראַהם ארום דער וואַנד. אז די פענסטער זיינען געווען אָפען, האָבען זיך פון דאָרט ארויסגעהערט די טענער פון א גיטאַרע, געזאַנג און געלעכטער, וואָס האָט אַבגעקלונגען איבער דער גאַס. אין דיזען הויז האָט מען כמעט יעדען אַבענד געזונגען, געשפּיעלט און געלאַכט. לונעוו האָט געוואוסט אז דאָרט וואוינט א מיטגליעד פון'ם בעצירקס־געריכט מיט'ן נאָמען גראָמאָוו, א דיקער מאַן מיט א רויטען פנים און מיט גרויסע, שוואַר־צע וואָנציעס. זיין פרוי איז אויך געווען א היבשע, בעל הבית'ישע

דאַמע, העל־בלאָנד מיט זאַנפּטע בלויע אויגען; אַזוי ווי אַ קעניגין איז זי אַרומגעגאַנגען אין גאַס, און אַז זי האָט מיט אימיצען גע־רעדט, האָט זי שטענדיג געלאַכט. אַ חוץ דעם האָט ביי די גראָמאָווס געוואוינט דעם מאַן'ס אַן אונפּערהייראַטע שוועסטער, אַ שלאַנקע, ברונעטע מיידעל מיט שוואַרצע האָר. זי איז שטענדיג געווען אַרומ־געריננעלט פון אַ גאַנצע מחנה יונגע בעאַמטע, וועלכע האָבען אַלע געלאַכט און געזונגען און זיינען כמעט יעדען אָבענד געווען ביי גראָ־מאָוו'ן אין הויז. גראָמאָוו'ס קעכין, וועלכע פלעגט אַריינקומען צו לו־נעוו'ן אין קלייט קויפען פּאָדים, האָט זיך תמיד בעקלאָגט אויף איה־רע בעלי בתים, אַז זיי גיבען זייערע מענשען ניט גענוג צו עסען און פערהאַלטען זיי נאָך דערצו זייערע שכירות.

„אַט האָסט דו דיר נאָך חברה־לייט, וואָס לעבען אַ גוטען טאָג!" האָט זיך לונעוו געטראַכט.

„ס'איז שוין אָבער ווירקליך צייט צו צומאַכען," האָט גאַוריק דערמאָנט אַ צווייטעס מאָל.

„מאַך צו..."

דאָס איינגעל האָט צוגעמאַכט די טהיר און אין קלייט איז געוואָ־רען פינסטער. דערנאָך האָט זיך דערהערט דאָס דרעהען פון שלאָס.

„פונקט ווי אין אַ טורמע!" האָט זיך איליא געטראַכט פאַר זיך.

זיין פריינד'ס בעליידיגענדע ווערטער וועגען דער זאַטקייט זיי־נען איהם אַריין ווי דינע, שאַרפע שפּענער אין האַרצען. ער איז גע־זעסען ביים סאַמאָוואַר און מיט אַ בייזען געפיהל האָט ער געדענקט פון פּאַוועל'ן, אַז ער איז אים שטאַנד צו הרג'ענען וויעראַ'ן — דאָס האָט זיך איהם לחלוטין ניט געגלויבט.

„איך האָב זיך גאָר ניט געדאַרפט אָננעהמען פאַר זיי," האָט זיך איליא געטראַכט. „כאַפּט זיי ביידען דער טייוועל! ווייסען אַליין ניט ווי צו לעבען און לאָזען נאָך אַנדערע אויך ניט לעבען..."

גאַוריק האָט געטרונקען דעם טהעע פון זיין אונטערשטער שאָל און געשאָקעלט מיט די פיס אונטער'ן טיש.

„ווער ווייסט, צי האָט ער זי שוין איצט ניט דערשטאָכען אויף טויט!" האָט ער מיט אַמאָל אַ זאָג געטהאַן צו זיין בעל הבית.

לונעוו האָט איהם אַנגעקוקט מיט אַ פינסטערן בליק און געזאָגט:

„מאַך אַ סוף, טרינק אב און גיה שלאָפען!"

דער סאַמאָוואַר האָט געזאָטען און געפייפט, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט וועלען אַרונטערשפּרינגען פון טיש. פון הויף פון'ם צווייטען הויז האָבען זיך דורכ'ן אָפענעם פענסטער געלאָזט הערען קולות און געשרייען:

„ניפּאָנט! ני—יפּאָ—אָנט!"

מיט אַמאָל איז אַ דונקעלע געשטאַלט געבליבען שטעהן ביים פענסטער, און אַ דערשראָקענע, ציטערנדיגע שטימע האָט געפרעגט:

„וואוינט דאָ פעליכט איליא יאַקאָוולעוויטש?"

„יאָ, ער וואוינט דאָ," האָט גאַווריק געענטפערט, האָט אַ שפּרונג געטהאָן פון שטוהל און איז מיט אַזאַ אימפּעט צוגעלאָפען צו דער טהיר פון קלייט, אַז איליא איז גאָר ניט אימשטאַנד געוועזען איהם צו פרעגען, וואָס דאָרט איז אַזוינס, פאַרוואָס ער איז אַזוי אויפגע־רעגט.

„דאָס מוז אודאי זיין זי," האָט גאַווריק שטיל אַרויסגעשעפּ־טשעט, זיך אָנהאַלטענדיג פעסט ביי דער קליאַמקע פון טהיר.

„ווער פאַרט?" האָט איליא אויך שטילערהייט געפרעגט.

„נאַ—די, די וועמען ער האָט געוואָלט דערשטעכען אויף טויט..."

גאַווריק האָט געעפענט די טהיר און עס האָט זיך אין איהר בע־וויזען אַ שלאַנקע ווייבליכע געשטאַלט מיט אַ באַנוילענעם שאַל אויף די פּלייצעס און אַ טיכעל אויפ'ן קאָפּ. מיט איין האַנד האָט זי זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער טהיר און מיט דער אַנדערער האָט זי פעסט צו־געהאַלטען די בּרעגעס פון איהר קאָפּען־טיכעל. זי איז געשטאַנען מיט'ן פּנים אָן אַ זייט, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט געהאַט בדעה באַלד צו אַנט־לויפען.

„קומט צו אַביסעל נעהנטער!" האָט זיך אָבגערופען איליא, וועלכער האָט די פרעמדע ניט דערקענט.

דערהערענדיג זיין שטימע האָט זי אַ ציטער געטהאָן און האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ: אַ שמייכעל איז אַריבער איהר בלאַס, קליין געזיכט.

„מאַשאַ!" האָט איליא אַ געשריי געטהאָן, אויפשפּרינגענדיג פון

שטוהל. זי האָט ארויסגעלאָזען אַ שטילען געלעכטער, פערריגעלט די טהיר הינטער זיך און איז צוגעגאַנגען צו איהם.

„האסט מיך אלזאָ ניט דערקענט?..." האָט זי געזאָגט, בלייבענ־דיג שטעהן אין מיטען שטוב.

„מיין גאָט, ווי אזוי האָב איך דיך געקענט דערקענען? דו ביסט דאָך... אזוי פערענדערט..."

מיט איבערטריבענער העפליכקייט האָט איהר איליאַ אָנגענומען ביי דער האַנד און זי צוגעפיהרט צום טיש, קוקענדיג איהר אַלץ כסדר אין געזיכט אריין. זי איז געווען שרעקליך אויסגעמאָגערט און איז געגאַנגען אזוי, פונקט ווי די פיס אונטער איהר וואָלטען געהאַלטען ביים אונטערגעהאַקט ווערן.

„פון וואַנען קומסטו דו פאָרט? ביסט מיעד? אַך, דו... ווי דו זעהסט אויס!" האָט ער שטילערהייט געזאָגט, איהר אונטערשטעט־לענדיג בעת מעשה אַ שטוהל און אַלץ ניט אראָבנעהמענדיג קיין אויג פון איהר.

„זעה, ווי ער האָט מיך...!" האָט זי זיך אָבגערופען אין דער שטיל און געקוקט מיט אַ שמייכעל איליאַ'ן אין די אויגען. איהר בליק און איהר שמייכלען האָבען איהם געשניטען אין הארצען.

איצט, אַז דאָס ליכט פון לאָמפּ איז געפאַלען אויף איהר, האָט ער גאַנץ דייטליך געקענט זעהן איהר געשטאַלט. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם ווענטעל פון שטוהל, אראָבגעבויגען דעם קאָפּ אויף דער שול־טער, געלאָזט די דינע אָרעמס איהרע אראָבהיינגען אָן אַ זייט, און איהר פלאַכע ברוסט האָט שנעל געאָטהעמט. איהר קערפּער איז געווען אויסגעדאַרט, הוילע הויט און ביינער. אונטער דעם דינעם באַנווילנעם שטאָף פון איהר קלייד האָבען זיך שאַרף ארויסגעזעהן די שפּיציגע אַקסלען, די עלענבויגענס און די קניע, און איהר געזיכט איז געווען זעהר אָבגעמאָגערט. די בלוילִיך גלאַנציגע הויט איז געלעגען אויסגע־צויגען איבער די שלייפען, די באַקענביינער און דער מאָרדע. איהר שמערצליך פערצויגענער מויל איז געווען האַלב אָפען. הינטער די דינע ליפּען האָבען זיך ארויסגעזעהן די ציינער, און איהר קליין, שמאָל פּנים'ל האָט געטראָגען דעם אויסדרוק פון שרעק און ווייטאָג. איהרע אויגען אָבער האָבען געהאַט אַ פינסטערן, מוטנעם בליק.

„ביסט קראנק?“ האט איליא געפרעגט.

„ניין,“ האט זי לאנגזאם געענטפערט. „איך בין געזונד. ער האט עס מיך אזוי צורעכט געמאכט...“

„דיין מאן?“

„יא, מיין מאן...“

איהרע אויסגעצויגענע, שטילע ווערטער האבען געקלונגען אזוי ווי א מין ביטערעס קרעכצען, און די צייהן איהרע, וועלכע האבען זיך ארויסגעזעהן פון צווישען די האלב־אפענע ליפען, האבען איהר גע־זיכט געגעבען דעם אויסזעהן פון עפעס א קאלטע, טויטע בעשעפע־ניש... א מאדנער שמייכעל איז איהר געלעגען אויפ׳ן פנים, עפעס אזוי ווי דער שמייכעל, וואס מען קען אפט זעהן ביי א בר־מינן אויפ׳ן געזיכט.

געוואריק איז געשטאנען לעבען מאשא׳ן און האט זי אנגעקוקט מיט דערשראקענע אויגען און מיט צוזאמענגעפרעסטע ליפען.

„טאמער וואלסט דו שוין פארט געגאנגען שלאפען?“ האט זיך לונעוו אבגערופען צו איהם.

דער יונג איז אריין אין קליים און האט זיך דארט גענומען פא־רען א ווילע — דערנאך האט ער ווידער אמאל ארייננעשטעקט דעם קאפ אין טהיר פון צימער.

מאשא איז געזעסען און האט זיך ניט געריהרט פון ארט, נאר איהרע אויגען האבען ארומגעטאנצט פון איין זאך צו דער אנדערער, פון איין ווינקעל צום צווייטען. לונעוו האט איהר אנגעגאסען טהעע, איהר כסדר געקוקט אין די אויגען און האט ניט געפונען קיין ווער־טער, ווי אזוי זיין יוגענד־פריינדין אויסצופרעגען מכח איהר שיק־זאל.

„יא...—א... גאנץ שרעקליך מוטשעט ער מיך..“ האט זי אנגעהויבען. איהרע ליפען האבען גענומען ציטערן און די אויגען איהרע האבען זיך אויף א ווילע צוגעמאכט. און אז זי האט זיי געעפענט, האבען פון אונטער איהרע ברעמען ארויסגעקוואלען צוויי גרויסע, שווערע טרעהרען.

„וויין ניט, כ׳בעט דיך,“ האט זיך איליא אבגערופען, זיך אב־קעהרענדיג בשעת מעשה אן א זייט. „טרינק בעסער יעצט א גלאז

טהעע... אָט דאָ... און דערצעהל מיר אַלצדינג... ס'וועט דיר אביסעל גרינגער ווערן אויפ'ן הארצען..."

„איך האָב מורא... טאָמער קומט ער..." האָט מאשא גנזאָגט און צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

„מיר וועלען איהם דורכטרייבען!" האָט איליא זי בערוהיגט.

„ער איז אבער שטארק!" האָט מאשא איהם געוואָרענט.

„דו ביסט אנטלאָפען פון איהם?"

„יאָ—אָ... שוין דאָס פערטע מאָל... אז איך קען עס שוין לענגער ניט אריבערטראָגען... אנטלויף איך... דאָס לעצטע מאָל האָב איך געוואָלט אריינשפּרינגען אין ברונען... אבער ער האָט מיך דערכאַפּט... און מיך אזוי געשלאָגען... אזוי געמאַטערט..."

איהרע אויגען האָבען זיך פאר שרעק געעפענט, און דער אונטערשטער טהייל פון איהר מויל האָט אָנגעהויבען ציטערן. זי האָט ארונטערגעלאָזען דעם קאָפּ און שטיל, שעפּטשענדיג, האָט זי ווייטער געזאָגט:

„די פיס וויל ער מיר אַלץ אויסברעכען..."

„אך!" האָט איליא אויסגעשריען. „אָבער צי דען האָסט דו קיין עדות ניט? גיב עס אָן אין דער פּאָליציי... זאָג, ער שלאָגט און מוטשעט דיך... דערפאר וועט ער מוזען שטעהן פאר'ן געריכט... וועט געהן אין אסטראָג..."

„אָ—אָ—אך, ער איז דאָך אליין אַ ריכטער!" האָט זיך מאשא אָנגערופען מיט אַ טאָן פון פערצווייפלונג.

„בריאָנאָוו? וואָס רעדסט דו? וואָס פאר אַ מין ריכטער איז ער דען?

„איך ווייס עס דאָך! דאָ ניט לאנג האָט ער צוויי וואָכען נאָכאנאנד כסדר געהאט זיצונגען... האָט נאָכאנאנד גע'משפּט.... שרעקליך בייז און הונגעריג פלעגט ער קומען אהיים... נעהמען די צוואנג פון סאמאָוואר און מיר דערמיט צופּען אין דער ברוסט... גערדעהט האָט ער און געדרעהט... פּונקט ווי עס וואָלט אַ שטיק שמאַטע געווען... נאָ, זעה!"

מיט ציטערנדע הענד האָט זי געעפענט איהר קלייד און געציינט איליא'ן איהרע קליינע, אויסגעמאָגערטע בריסט, וועלכע זיי־

כעז געווען בעדעקט מיט שווארצע פלעקען און האבען אויסגעזעהן אזוי ווי צוביסען.

„מאך צו דיין קלייד," האט זיך איליא מיט א ביטערן טאן אנגערופען. ס'איז איהם געווען זעהר שמערצליך צו זעהן אט דעם צוקאליעטשעטען קערפער, וועלכער האט געמוזט ארויסרופען מיטלייד, און איהם האט עס אויסגעוויזען עפעס גאר אונגלויבליך, אז דא זיצט עס אנטקעגען איהם די פריינדין פון זיין קינדהייט, די פראכטפאלע קליינע מאשא. אבער זי האט אויך איהרע שולטערן אויפגעדעקט און מיט דערזעלביגער טרויעריגער שטימע האט זי געזאגט:

„און זעה אקארשט ווי ער האט מיר צו'הרג'עט די פלייצעס! און אזוי זעה איך אוים אויפ'ן גאנצען לייב... ברויג און בלאה איז דער קערפער מיינער פון וואונדען, און די האר אונטער די אקסלען האט ער מיר איינציגווייז אויסגעריסען..."

„אבער פארוואס פארט האט ער דאס אלץ געטהאן?"

„פון שלעכטסקייט, פון הוילע רשעות... „דו האסט מיך ניט ליעב," זאגט ער — און צופט און קנייפט מיר..."

„אפשר ביסט דו שוין קיין מיידעל ניט געווען, בעת ער האט דיך גענומען?"

„אי—ך? ווי אזוי דען? איהר האט דאך מיך געקענט, דו און יאשא... קיינער האט מיך קיינמאל ניט אנגעריהרט... און איצט אפילו האלט איך... גארניט דערביי... שמערצליך איז עס מיר און דערווידער..."

„זיי שטיל, מאשא!" האט זי איליא שטילערהייט געבעטען.

זי איז אנשווייגען געווארען און געבליבען זיצען אזוי ווי פערשטיינערט מיט דער אויפגעדעקטער ברוסט.

איליא האט הינטער'ן סאמאוואר געקוקט אויף איהר אויסגעדארטען צו'הרג'עטען קערפער און האט ווידערהאלט:

„מאך צו דיין קלייד!"

„כ'שעהם זיך ניט פאר דיר," האט זי געענטפערט גאנץ שטי[ל] און האט גענומען צוקנעפלען דעם בוזים פון איהר קלייד.

אין צימער איז געווארען שטיל. אבער פלוצלונג האט זיך פון קלייט געלאזט הערען א שלוכצען, א געוויין אויפ'ן קול. איליא האט

זיך אויפגעהויבען, איז צוגעגאַנגען צו דער טהיר און האָט זי צוגע־מאַכט, זאָגענדיג מיט אַן אומעטיגען טאָן:

„הער אויף, גאַווריושקא... שלאָף שוין אַמאָל איין!“

„דאָס איז דער אינגעל?“ האָט מאשא געפרעגט.

„דאָס איז ער...“

„פאַרוואָס וויינט ער? ער האָט מורא?“

„ניין... ער וויינט אויס רחמנות..“

„אויף וועמען דען?“

„אויף דיר...“

„הערסט דו!“ האָט זיך מאשא גלייכגילטיג אָנגערופען, און אין איהר פערשטיינערטען געזיכט האָט זיך אפילו קיין סימן פון בע־וועגונג ניט געזעהן. דערנאָך האָט זי געטרונקען איהר טהעע; איהרע הענד האָבען דערביי געציטערט און די אונטערשטע שאָל האָט זיך אָנגעשלאָגען אַן איהרע צייהן. איליא האָט אריבערגעקוקט צו איהר הינטער דעם סאַמאָוואר און ער האָט ניט געוואוסט, צי טהוט זי איהם לייד אָדער ניט. דאָך איז איהם געווען שמערצליך צו זיין מיט איהר צוזאַמען, און מיט א געפיהל פון האס האָט ער געטראַכט פון איהר מאַן.

„וואָס וועסט דו אָלזאָ טהאָן?“ האָט ער זי אין א ווײַלע ארום געפרעגט.

„כ'ווייס אליין ניט,“ האָט זי געענטפערט מיט א זיפץ. „וואָס קען איך טהאָן?... זיך אויסרוהען וואָלט איך וועלען... דערנאָך וועלען זיי מיך ווידער כאַפּען...“

„דו מוזט איהם פערקלאָגען,“ האָט לונעוו געזאָגט פעסט און ענטשלאָסען. „פאַרוואָס מוטשעט ער דיך? און ווער האָט דאָס רעכט א מענשען צו מוטשען?“

„ער האָט אויך זיין ערשטע ווייב אַזוי געמוטשעט...“ האָט מאשא געזאָגט. „מיט די צעפּ צום בעט האָט ער זי צוגעבונדען, און געקני־פּען האָט ער... פּונקט אַזוי ווי מיך... און איינמאָל בין איך געשלאָפען און פּלוצלונג דערפיהל איך אַזעלכע שמערצען... איך כאַפּ זיך אויף און שריי. נו, האָט ער נאָך דערצו אָנגעריבען א שוועבעלע און עס מיר צום לייב צוגעלייגט...“

לונעוו האָט א שפּרונג געטהאָן פון שטוהל און זיך צושריגען אויפ'ן קול, אויסער זיך פאר כעס, אז זי זאָל גלייך מאָרגען אין דער פריה אריבערגעהן אין דער פּאָליציי, דאָרטען צייגען איהר צוקאָליע־טשעטען קערפּער און אַנגעבען א קלאַגע געגען איהר מאַן. זי האָט זיך אונרוהיג ארומגערוקט אויפ'ן שטוהל אהין און אהער, הערענדיג ווי ער שרייט אזוי הויך, און זיך אומקוקענדיג מיט שרעק האָט זי געזאָגט:

„שריי ניט אזוי... שריי ניט, כ'בעט דיך... מען קען נאָך דער־הערען..."

זיינע ווערטער האָבען געוואָרפען אויף איהר א מורא. דאָס האָט ער גלייך בעגריפען, און ס'איז איהם קלאָהר געוואָרען, אז די פריי־הערדיגע מאשא, וועלכע איז ערשט מיט א קורצער צייט צוריק געװען א לעבעדיגע, מונטערע מיידעל, איז איצט אזוי דערשלאָגען און איינגעשראָקען געוואָרען, אז זי האָט פערלאָרען יעדעס געפיהל פון מענשליכער ווירדע.

„נו גוט," האָט ער זיך אָבגערופען און האָט זיך צוריק אנידער־געזעצט אויפ'ן שטוהל. „איך וועל אליין אריינגעהמען די זאַך אין מיינע הענד. נישקשה, איך וועל שוין געפינען מיטלען און א וועג ווי אזוי אַנצוגעהן!... היינט בלייבסט דו נעכטיגען ביי מיר, מאשוט־קא... הערסט דו?"

„איך הער," האָט זי געענטפערט אין דער שטיל און האָט זיך אומגעקוקט אין צימער.

„דו וועסט ליגען אין מיין בעט... און איך וועל בלייבען אין קלייט... און מאָרגען אין דער פריה וועלען מיר זעהן וואָס מיר האָבען צו טהאָן..."

„כ'וואָלט וועלען זיך גלייך צולייגען... איך בין אזוי מיעד..."

שטיל, ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט, האָט ער אָבגערוקט דעם טיש פון בעט. מאשא האָט זיך אנידערגעלייגט און האָט זיך געוואָלט ארומוויקלען מיט דער קאָלדרע, זי האָט עס אבער ניט געקענט, און שטילערהייט, מיט א שמייכעל האָט זי זיך אָבגערופען:

„איך פיהל זיך עפּעס אזוי קאָמיש... אזוי ווי שיכור..."

איליא האָט אויסגעשפּרייט די קאָלדרע איבער איהר, האָט איהר

צורעכט געמאַכט דעם קישען און געוואָלט אַריינגעהן אין קליים, אָבער זי האָט אונרוהיג געזאָגט:

„געה ניט אוועק... זיץ נאָך אַ ווײַלע לעבען מיר! כ'האָב אַזוי מורא צו בלייבען אליין... כ'האָב שטענדיג אַזעלכע חלומות..."

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבען איהר אויפ'ן שטוהל, האָט בעטראַכט איהר בלאַס געזיכט, וואָס איז געווען איינגעראַהמט אין די שוואַרצע לאָקען איהרע. דערנאָך האָט ער אָבגעקעהרט דעם פּנים פון איהר. ער האָט פּלוצלינג אָנגעהויבען שפּירען אין זיך געוויסענביסע, זעהענדיג וואָס פון דער אָרעמער מאַשאַ'ן איז געוואָרען. ער האָט זיך דערמאָנט אַן יאַקאָוו'ס ביטעם און אַן מאַטיצאַ'ס געשיכטע וואָס זי האָט דערצעהלט וועגען מאַשאַ'ס שיקזאַל, און ער האָט זיך פער־טיעפט אין אַ ים פון אומעטיגע געדאַנקען, בלייבענדיג זיצען מיט אַן אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ.

„אויך יאַשאַ, הער איך, קריגט קלעפּ... פון זיין טאַטען," האָט זיך מאַשאַ ווייטער אָבגערופען. „מאַטיצאַ האָט עס מיר דער־צעהלט..."

„און דאָס הייסען נאָך טאַטעס!" האָט לונעוו מיט אַ ביטערן טאָן פון פערדרוס איהר איבערגעשלאָגען די רייד. „אַזעלכע טאַטעס האָט מען געדאַרפט אוועקשיקען אויף קאַטאָרגע... דיינעם אַזוי גוט ווי פּעטרוכאַ פילימאָנאָוו..."

„נו—ו, מיין פאָטער איז שוואַך... ער איז גאָר ניט שולדיג דער־ביי..."

„קען מען ניט ערציהען קיין קינדער — דאַן ברענגט מען זיי בעסער גאָרניט אויף דער וועלט!..."

פון דעם אַנטקעגענדיגען הויז האָבען זיך געלאָזט הערען צוויי שטימען, וועלכע האָבען געזונגען אַ ליעד, און די ווערטער פון ליעד זיינען דורך דאָס אָפענע פענסטער אַריין צו איליאַ'ן אין שטוב אַריין. אַ טיעפער, שטאַרקער באַס האָט געזונגען מיט האַרטער בעטאָ־נונג:

„אָבגענאַרט איז מיין אָרים האַרץ..."

„כ'שלאָף שוין איין," האָט מאַשאַ געמורמעלט. „ווי פיין איז עס ביי דיר... אַזוי שטיל... און געזאַנג נאָך אויך דערצו... זעהר שעהן

זינגען זיי!"

„יא, זיי זינגט זיך," האט לונעוו געזאגט מיט א ביטערן געלעכטער. „די איינע שינדט מען אראב די הויט — און די אנדערע וואויען..."

„ס'וועט ניט ווידער נאריש זיין..."

האט דארט ווייטער געזונגען א פראכטפאלער טענאר. די העלע, שעהן־קלינגענדע טענער האבען געשוועבט דורך דער שטילקייט פון דער נאכט און לייכט און פריי זיינען זיי ארויף אין דער לופטען.

לונעוו איז אויפגעשטאנען און האט צוגעמאכט דאס פענסטער — דאס ליעד איז איהם עפעס פארגעקומען ניט אם פלאץ, ס'האט איהם עפעס אזוי ווי בעליידיגט. דאס גערויש ביים צומאכען דאס פענסטער האט איבערגעשראקען מאשא'ן. זי האט געעפענט די אויגען, אויפגעהויבען דעם קאפ און א פרעג געטהאן:

„ווער איז דא?"

„כ'האב צוגעמאכט דאס פענסטער..."

„אום גאטעס ווילען!... דו געהסט אוועק?"

„ניין, ניין... האב קיין מורא ניט..."

זי האט אנידערגעלייגט דעם קאפ אויפ'ן קישען און איז ווידער איינגעשלאפען. איליא'ס מינדסטער ריהר, דער אבקלאנג פון די טריט אויף דער גאס — אלעס האט זי בעאונרוהיגט; זי האט גלייך געעפענט די אויגען און געשריען פון שלאף:

„באלד!... אך!... באלד!..."

אדער זי האט גאר אויסגעשטרעקט די האנד צו איליא'ן און איהם געפרעגט:

„זיי קלאפען?"

לונעוו האט זיך בעמיהט צו בלייבען זיצען אויף אן ארט און זיך קיין ריהר ניט טהאן. ער האט ארויסגעקוקט דורך'ן פענסטער, וואס ער האט ווידער אמאל געעפענט, און האט געטראכט מכח דעם ווי אזוי ער וואלט געקענט העלפען מאשא'ן. און ס'איז געבליבען ביי איהם, זי על כל פנים אזוי לאנג צו האלטען ביי זיך ביז וואנען די פאליציי וועט זיך פאר איהר אננעהמען.

„כ'מוז די זאך מאכען דורך קיריק'ן," האט ער שטילערהייט צו

זיך אַליין גערעדט.

„ביטע, ביטע, נאָך עפּעס!" האָט זיך געלאָזט הערען פון דרויסען, פון גראַמאַוו'ס פענסטער. אימיצער האָט געפּאַטשט מיט די הענד. מאַשאַ האָט געקרעכצט פון שלאָף, און ביי גראַמאַוו'ן אין הויז האָט מען ווייטער געזונגען:

„צוויי שוואַרצע פערד ציהען דעם עקיפּאַזש,
צום בית עלמין געהט דער צוג..."

פּול מיט פערצווייפלונג האָט לונעוו צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. דיזער געזאַנג, דאָס פרעהליכע געשריי און געלעכטער האָט איהם גערשטערט. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט'ן עלענבויגען אָן פענסטער, האָט געקוקט אויף די בעלייכטעטע פענסטער פול מיט האַס און צאָרן און האָט זיך געטראַכט, אַז עס וואָלט גאָר קיין עולה ניט געווען, אַרויסצוגעהן איצט אויפ'ן גאַס און צו פערוואָרפען איינס פון די דאָזיגע פענסטער מיט שטיינער — אָדער נאָך בעסער: אויסשיסען מיט אַ ביקס אין רעכטען מיטען פון דיזער פרעהליכער חברה. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, וואָס פאַר אַ חתונה דער פּולווער־שאָס וועט דאָרט אָנמאַכען... אַלע לויפען אַרום מיט בלוטיגע פּנים'ער, איבעראַל איז אַ געשריי און אַ געטומעל. און אַ בייזע פרייד האָט אָנגעפילט זיין האַרץ ביי דער דאָזיגער פאַרשטעלונג. אָבער די ווערטער פון'ם ליעד, וואָס מען האָט דאָרט אָנטקעגען געזונגען, האָבען זיך געגען זיין ווילען איינגעבויערט אין זיינע אויערן. ער האָט זיי ווידערהאָלט פאַר זיך און איז נשתומם געוואָרען צו הערען, אַז אָט די לוסטיגע חברה־לייט זינגען אַ ליעד, וואו עס ווערט געשילדערט די בעגרעבעניש פון אַ גאָסען־פרוי. מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט האָט ער זיך צוגעהערט צו די ווערטער פון ליעד און זיך געטראַכט פאַר זיך:

„נאָך וואָס זינגען זיי דאָס גאָר? וואָס פאַר אַ פערגניגען קען זיי אַזאַ מין ליעד פערשאַפען? וואָס זיי האָבען זיך דאָס אַזוינס אויסגעטראַכט, די שוטים! פון אַ בעגרעבעניש זינגען זיי, און נאָך פון וועמעס בעגרעבעניש!.. און דאָ, פינף טריט ווייט פון זיי, ליגט אַ לעבעדיגער מענש, וועלכער איז געמאַטערט געוואָרען כמעט צום טויט פון זיינס גלייכען..."

„בראוואַ! בראוואַ—אַ!" האָט עס אָבגעקלונגען הויך איבער דער גאַס.

לונעוו האָט געשמייכעלט, קוקענדיג אַ ווײַלע אויף מאַשאַ'ן און אַ ווײַלע אויף דער גאַס. ס'איז איהם עפּעס מאָדנע פאָרגעקומען, אַז מענשען זאָלען זיך אַמוזירען דערמיט וואָס זיי זינגען אַ ליעד וועגען דער בעגרעבעניש פון אַ פּראָסטיטוטקע.

„וואַסילי וואַסיליטש!" האָט מאַשאַ געשריען פון שלאָף. "איך וועל עס שוין מעהר ניט טהאָן... אָה גאָט!"

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן פון בעט, פּונקט ווי זי וואָלט זיך אָבגעבריהט, האָט אַרונטערגעוואָרפען די קאָלדרע אויף דער ערד, אויס־געשטרעקט איהרע אָרעמס און געבליבען אַזוי זיצען. איהר מויל איז געווען האַלב אָפען און זי האָט געכאָרכעלט. לונעוו האָט זיך אויף גיך אַראָבגעבויגען איבער איהר, מורא האָבענדיג, אַז זי וועט שטאַרבען, הערענדיג אָבער, אַז זי אָטהעמט ווי ס'דאַרף צו זיין, האָט ער זי צור־געדעקט מיט דער קאָלדרע און איז ווידער אַמאָל צוגעגאַנגען צום פענסטער. ער האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויפ'ן פענסטער־שוועל, צוגע־לייגט זיין געזיכט צו דער אייזערנער גראַטע און אַריינגעקוקט אין גראָמאָוו'ס פענסטער. דאָרט האָבען אַלע געזונגען ענטוועדער איינציג־ווייז אָדער אין צווייען אָדער גאָר אין כאָר. די מוזיק האָט דערצו נאָך צוגעשפּיעלט. עס האָט זיך געהערט אַ פרעהליכעס געלעכטער. ביי די פענסטער האָבען פערביינגעשוועבט דאַמען, אָנגעטהאָן אין ווייסע, ראָזעווע און בלויע קליידער. איליאַ האָט זיך צוגעהערט צו די ליעדער און האָט בשום אופן ניט געקענט פערשטעהן ווי אַזוי דיזע מענשען זינגען דאָס אַלץ כסדר אַזעלכע אומעטיגע ליעדער פון דער וואָלגאַ, וועגען לויות און וועגען געזעגענען זיך און ווי אַזוי זיי קענען נאָך יעדען איינעם פון די דאָזיגע ליעדער פונדעסטוועגען הוליען און זיין אַזוי פרעהליך, אַזוי ווי ס'וואָלט גאַרנישט געשעהן, פּונקט ווי ניט זיי, נאָר גאַנץ אַנדערע מענשען וואָלטען עס געזונגען... וואָס זשע! מאַכען זיי זיך טאַקי אַזוי אַ שפּיעלכעל פון מענשליכען פערדרוס?

און יעדעס מאָל, ווען מאַשאַ האָט אָבגעריסען זיין אויפמערק־זאַמקייט פון פענסטער, האָט ער זיך ניט ווילענדיג אומגעקוקט צו איהר און זיך געפרעגט, וואָס וועט פון איהר ווערן. ווי אַ שטיינער,

אז טאטיאנא זאל פלוצלונג אריינפאלען צו איהם און זי דערזעהן?...
וואס זאל ער טהאן מיט מאשא'ן? פון דעם אלעמען איז איהם דער
קאפ צוטומעלט געווארען. די טרויעריגע ליעדער, מאשא'ס קרעכצען
און זיינע פינסטערע, צופלאנטערטע געדאנקען האבען איהם שטארק
פערביטערט דאס הארץ.

אז ער איז ענדליך געווארען שלעפעריג, איז ער אראב פון פענס־
טער און האט זיך אויסגעשטרעקט אויף דער ערד לעבען בעט, נאכדעם
ווי ער האט זיך אונטערגעלייגט זיין פאלטא צו קאפענס. אין חלום
האט ער געזעהן, אז מאשא איז געשטארבען. זי ליגט אין מיטען אין
א גרויסען שפייכלער אויף דער ערד, און ארום איהר שטעהען עלע־
גאנטע דאמען, אנגעטהאן אין ווייסע, בלויע און ראזעווע קליידער
און זינגען איהר טרויער־ליעדער צו איהר בעגרעבעניש. און בשעת זיי
זינגען די דאזיגע אומעטיגע ליעדער, לאכען זיי אלע, אבער ביי די
לוסטיגע ליעדער וואס קומען טאקי גלייך נאכדעם, וויינען זיי בי־
טערליך, שאקלען טרויעריג צו מיט די קעפ און ווישען זיך אויס מיט
ווייסע טיכלאך די טרעהרען פון די אויגען. אין שפייכלער איז דונקעל
און פייכט, און דארט אין א ווינקעל שטעהט דער שמיעד סאוועל,
שמיעדט אן אייזערנע גראטע און קלאפט מיט'ן גרויסען האמער אי־
בער די גליהענדע שטיינער. אויפ'ן דאך פון שפייכלער געהט ארום
אימיצער אהין און אהער און שרייט:

„אי—ליא! איליא!"...

און ער, איליא, ליגט געבונדען אין שפייכלער, קוים וואס ער
קען זיך א ריהר טהאן און קיין ווארט קען ער פון מויל ניט ארויס־
ברייגנען...

8.

איליא! שטעה אויף, כ'בעט דיך!.."

ער האט געעפענט די אויגען און דערקענט פאוועל גראטשעוו.
פאוועל איז געזעסען אויף א שטוהל און האט מיט'ן פוס געבריקעט

אין די פיס פון'ם שלאָפענדען איליא. א ליכטיגער זונען־שטראהל האָט אריינגעשיינט דורכ'ן פענסטער און איז געפאַלען פונקט אויפ'ן סאַמאָוואַר, וועלכער איז שוין ווידער געשטאַנען און געזאָטען אויפ'ן טיש. לונעוו איז פערבלענדעט געוואָרען פון'ם ליכט און האָט ניט געקענט עפענען די אויגען.

„הער אקאָרשט, איליא!...“

פּאַוועל'ס שטימע איז געוועזן הייזעריג, אזוי ווי ער וואָלט אבגע־הוליעט די גאַנצע נאַכט; זיין געזיכט איז געוועזן געל און די האָר זיינע צושויבערט. לונעוו האָט א קוק געטהאָן אויף איהם, איז אויפ־געשפּרונגען פון דער ערד און מיט א האַלבען מויל האָט ער געפרעגט:

„וואָס איז געשעהן?“

„זי איז געפונען געוואָרען,“ האָט פּאַוועל געזאָגט און געשאָ־קעלט טרויעריג מיט'ן קאָפּ.

„ווי אזוי דען?... וואו איז זי פאַרט?“ האָט לונעוו געפרעגט, זיך אַנבויגענדיג איבער איהם און איהם אַנגעהמענדיג פאַר'ן שול־טער. גראַטשעוו האָט אנגעהויבען שוואַנקען אהין און אהער און ענד־ליך האָט ער געענטפערט:

„אין טורמע געפינט זי זיך... נעכטען אין דער פריה, זאָגט מען, האָט מען זי אַבגעפיהרט אהין...“

„פאַרוואָס פאַרט?“ האָט איליא געפרעגט אין דער שטיל.

מאַשאַ האָט זיך דערוויל אויפגעכאַפּט. דערזעהענדיג פּאַוועל'ן איז זי געבליבען א פערציטערטע און האָט איהם אַנגעקוקט מיט צו־שראָקענע אויגען. פון דער קלייט־טהיר האָט גאַווריק אריינגעקוקט אין צימער און פערצויגען מיט די ליפּען.

„מען זאָגט... זי האָט ביי א רייכען בחור... גע'גנב'עט זעקס הונ־דערט רובל... דעם גאַנצען טייסטער... וועקסלען און אזוי ווייטער.“

איליא האָט אויסגעשטעלט א פּאָר אויגען אויף פּאַוועל'ן און איז דערנאָך אוועק אַן א זייט.

„אז מען האָט זי בעזוכט, האָט מען געפונען דאָס געלד ביי איהר,“ האָט גראַטשעוו געזאָגט מיט א פערדריקטען טאָן. „דעם פּאָ־מאָטשניק נאַדזיראַטעל, דערצעהלט מען, האָט זי דערביי דערלאַנגט אין פּיסק אריין...“

„נאַ, דאָ וועט זי שוין איהר חלק קריגען," האָט איליא מיט אַ ביטערן געלעכטער געזאָגט. „אַז זי מוז שוין געהן אין טורמע — דאַן וועט זי אריינשפּרינגען אהין מיט ביידע פיס."

מאַשאַ האָט פערשטאַנען, אַז דאָס אַלצדינג געהט איהר גאָר ניט אָן, און זי האָט זיך גאַנץ שטיל און מיט אַ שמייכעל אַנגערר־פען:

„הלואי וואָלטען זיי מיך אריינגעזעצט אין אַסטראָג!"

פּאוועל האָט אַפּריהער אַ קוק געטהאָן אויף איהר, דערנאָך אויף איליא'ן.

„דו דערקענסט זי ניט?" האָט איליא אַ פרעג געטהאָן. „דאָס איז דאָך מאַשאַ, פּערפּישקאַ'ס טאָכטער — געדיינקסט דו נאָך?"

„אַך אזוי," האָט פּאוועל געזאָגט און האָט זיך אַבגעקעהרט פון מאַשאַ'ן, כאָטש זי האָט איהם, אלס אַלטען בעקאַנטען, פריינדליך צו־געשמייכעלט.

„איליא!" האָט זיך גראַטשעוו אַנגערופען מיט אַ פינסטערער מיענע. „און ווי איז אַז זי האָט דאָס געלד געוואָלט פאַר מיר גנב'ע־נען? זי האָט דאָך געערדט דערפון..."

„צי זי האָט עס פאַר דיר געוואָלט טהאָן, צי פאַר זיך אַליין, דאָס איז איצט קיין אונטערשיעד ניט... איהר ליעד איז אויסגעזונ־גען."

לונעוו איז נאָך אַלץ ניט געקומען צו זיך. ניט אויסגעשלאָפען אומגעוואַשען און צושויבערט, ווי ער איז געוועזען, האָט ער זיך אנידער־געזעצט אויף'ן ברעג בעט, מאַשאַ'ן צופוסען, האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף איהר, אַ ווײַלע אויף פּאוועל'ן און איז געווען אזוי ווי צודולט.

„כ'האָב געוואוסט," האָט ער לאַנגזאַם געזאָגט, „אַז אַט די גאַנ־צע געשיכטע וועט קיין גוטען סוף ניט נעהמען."

„זי האָט מיך ניט געפאַלגט," האָט זיך פּאוועל אַנגערופען מיט אַ געדריקטען טאָן.

„הערט, הערט עפּעס!" האָט לונעוו געזאָגט מיט שפּאָט. „זי האָט איהם ניט געפאַלגט — דעריבער איז עס געקומען! און וואָס האָסטו איהר דען געהאַט אזוינס צו זאָגען?"

„כ'האָב זי ליעב געהאַט..."

„צום טייפעל אבער, וואס האט איהר דיין ליעבע געטויגט? וואס האט זי זיך דערמיט געזאלט קויפען? פון דייגע פערדיענסטען האסט דו איהר קוים געקענט א שטיקעל ברויט פערשאפען...“

„דאס איז ריכטיג,“ האט פאוועל געזאגט מיט א זיפץ.

לונעוו איז וואס ווייטער אלץ היציגער געווארען. ער האט גע־פיהלט, אז אט די אלע געשיכטען, פאוועל'ס אזוי ווי מאשא'ס שיק־זאל, דערוועקען אין איהם א געפיהל פון צארן און בעאונרוהיגען איהם זעהר. און ניט וויסענדיג צו וועמען ער זאל אויסלאזען זיין ביטער הארץ, האט ער זיך ארויפגעווארפען אויף פאוועל'ן.

„יעדער מענש וויל לעבען אנגענעהם און צופריעדען... אלזא זי אויך!... און דו האלסט אלץ איין זאגען: „כ'האב דיך ליעב, אל־זא לעב מיט מיר צוזאמען און זאג זיך אב פון יעדען פערגניגען... דו מיינסט, אז דאס איז רעכט אזוי?“

„און ווי קען איך עס דען אנדערש מאכען?“ האט פאוועל גע־פרעגט מיט אן אומעטיגען טאן.

דיזע פראגע האט לונעוו'ן אבגעקיהלט אביסעל. ער האט אנגע־הויבען ניט ווילענדיג נאכצודיינקען.

„לייכטער וואלט מיר געווען, זי מיט מיין אייגענער האנד צו טויטען,“ האט זיך פאוועל אנגערופען.

פון קלייט האט גאווריק אריינגעקוקט אין צימער אריין.

„איליא יאקאוולעוויטש,“ האט ער געזאגט, „זאל איך עפענען דעם מאגאזין?“

„כאפט דער קאדיק דעם גאנצען מאגאזין!“ האט לונעוו א גע־שריי געטהאן. „וואס פאר געשעפטען קען מען דא מאכען?“

„שטעה איך דיר אפשר אין וועג?“ האט פאוועל געפרעגט. ער איז געזעסען אויפ'ן שטוהל, אנגעבויגען נאך פארענט מיט די עלענ־בויגען אנגעשפארט אויף די קניע, און ער האט אראבגעקוקט אויף דער ערד. אויף זיין שלייף האט שטארק געצוקט א קליינע, מיט בלוט אנגעפילטע אדער.

„דו מיר אין וועג?“ האט זיך לונעוו אבגערופען און האט איהם אנגעקוקט. „דו שטעהסט מיר ניט אין וועג... און אויך מאשא שטעהט מיר ניט אין וועג. עטוואס גאנץ אנדערעס קומט דא אריין אין מיטען.

שוין מעהר ווי איינמאָל האָב איך עס דיר געזאָגט, אז אונז אלעמען... דיר, און מיר, און מאַשאַ'ן... מיט איין װאָרט: אונז אלעמען שטעהט עפּעס גאַנץ אנדערעס אין װעג! ס'קען זיין, עס איז אונזער דומהייט, אָדער װאָס אנדערש, כ'װייס עס ניט. נאָר אזוי פיעל װייס איך, אז מיר װעלען קיינמאָל ניט קומען דערצו, צו לעבען אזוי ווי מענשען..."

לונעװ האָט א װאָרף געטהאָן א בליק איבער'ן ענגען צימער, און האָט געקוקט אויף מאַשאַ'ן, װעלכע איז געבליבען אונבעװעגליך מיט א פערצאָגטען פּנים אויפ'ן בעט און האָט זיך ניט געריהרט פון אָרט. דערנאָך האָט ער אריינגעקוקט אין קלייט, װאו גאַװריק האָט געטרונקען זיין טהעע, און אין א װיילע ארום ארויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער אויף דער גאַס און מיט א צאָרנדיגער, בייזער, הייזעריגער שטימע האָט ער װייטער געזאָגט:

„דאָס איז קיין לעבען ניט: אלעס אזוי ענג, אזוי דומפּף און אזוי אָהן א שום זינן... אָט האָט מען זיך, דוכט זיך, שוין געפונען א זויבערן װינקעל... און אויך דאָ איז קיין רוה ניטאָ! אָט דאָס אלצדינג איז ניט דאָס רעכטע... אזוי שמערצליך איז עס, אזוי אב־שטויסענד... און ניט צו בעגרייפען. פערדריקט קען עס איינעם מאַ־כען..."

„מכח װאָס רעדסט דו אייגענטליך?" האָט פּאַװעל געפרעגט, ניט א קוק טהאָנדיג אויף איהם.

„פון אלצדינג," האָט לונעװ געענטפערט מיט כעס. „כ'האָב איצט דאָס געפיהל, אז דאָס דאָזיגע לעבען איז ניט װערטה קיין פּיטאַק. איך קען גאָר ניט קלוג װערן דעריבער. נאָר איין זאַך איז מיר קלאָר, אז איך אלס מענש דאַרף דאָך אויך לעבען מענשליך — דאָס הייסט, זויבער, בעקװעם, אין צופרידענהייט און אין כבוד! איך װיל קיין עלענד ניט זעהן, קיין שום מיאוס'קייט... קיין זינד און אנדערע סאָרטען גע־מיינהייטען! און דערביי האָב איך אליין..."

ער איז געבליבען שטיל און איז בלייך געװאָרען.

„נו?" האָט פּאַװעל געזאָגט.

„ניין, ניט מכח דעם איז דאָ די רייד געװען... כ'האָב נור גע־מיינט אזוי..." האָט לונעװ שטילערהייט געזאָגט.

„דו דענקסט בסדר רק פון דיר אליין."

„און פון וועמען דענקסט דו דען?" האט איליא א פרעג געטהאן מיט א שפּאָטישען טאָן. „פון איהר אפשר? און פאר וועמען איז זי דען אזוי נייטיג, פאר דיר אָדער פאר מיר? יעדער איינער האט זיין אייגענע מכה, קרעכצט מיט זיין אייגענער שטימע... און איך רייד דאָך אויך ניט נור פון מיר אליין, נאר פון אלעמען... ווייל אלע בעאונרוהיגען מיך..."

„כ'וועל געהן," האט גראטשעוו געזאגט און האט זיך מיט אנשטריינגונג אויפגעהויבען פון-שטוהל.

„אך," האט זיך איליא אבגערופען, „דו דארפסט זיך דאָך ניט פיהלען געקרענקט פון יעטווערען ווארט... זעה בעסער די זאכען צו פערשטעהן... אויך איך געהער צו די געקרענקטע, און אלע, וועלבע פיהלען זיך געקריינקט, דארפען פערשטעהן איינע די אנדערע... כדי עס זאָל איינמאָל פאר אלע מאָל קלאָר ווערן, ווער אייגענטליך עס האט זיי געקרענקט!..."

„מיר ליגט נור וויערקא אין זינען, ברודער," האט זיך פּאוועל אנגערופען, „כ'האָב רחמנות אויף איהר, וואיטער איז מיר אלצדינג גלייכגילטיג. אזוי ווי מיט א געפּלעטען, צובלוטיגטען קאָפּ קום איך מיר פאָר... וואָס הויבט מען אָן צו טהאָן? כ'ווייס ווירקליך ניט..."

„גאָרנישט קענסט דו טהאָן," האט איליא געזאגט מיט א בעשטימטען, פעסטען טאָן. „זי איז געפאַקט געוואָרען און וועט פערמשפט ווערן. מען האט דאָך די בעווייזע ביי איהר געפונען!"

גראטשעוו האט זיך ווידער אנידערגעזעצט אויפ'ן שטוהל.

„ווען איך זאָל אבער זאגען, אז זי האט עס פאר מיר געטהאָן?" האט ער געזאגט.

„וואָס זשע! ביסט אפשר א קניאז? זאָג עס נאָר, וועט מען דיך נאָך אויך אריינפּאַקען אין לאָך!... אבער ס'איז שוין צייט, מיר זאָלען דאָ מאַכען אביסעל אָרדנונג. קענסט זיך דאָ ארומוואשען... און אויך דו, מאשא... מיר וועלען אויף א ווײלע אריינגעהן אין קלייט, און דו שטעה אויף, מאך זיך צורעכט און נים אונז אײן טהעע... זײ פונקט ווי ביי זיך אין דערהיים..."

מאשא'ן איז אריבער א שוידער איבער'ן לייב. זי האט אויפגעהויבען דעם קאָפּ פון קישען און האט א פרעג געטהאָן איליא'ן:

„און ווי וועט פּאַרט זיין?... מוז איך געהן אהיים?..“

„גאָט בעהיט!... דער מענש האָט דאָרט זיין היים, וואו מען מוטשעט איהם וויינינגסטענס ניט... קום, פּאשקאַ!“

אז זיי זיינען געווען אין קלייט, האָט פּאוועל געפרעגט מיט א מורמלענדען טאָן:

„וואָס טהוט זי דען דאָ ביי דיר? ווי עלענד זי זעהט אוים!...“

ילונעוו האָט איהם בקיצור דערצעהלט, ווי אזוי מאַשאַ'ן איז די גאנצע צייט געגאנגען, און ער איז נשתומם געוואָרען צו זעהן, אז מאַשא'ס שיקזאל האָט אויף גראטשעוו'ן געמאַכט א שטיקעל איינדרוק.

„אָט דער אלטער טייוועל!“ האָט ער מיט כעס געשאָלטען דעם קרעמער.

איליא האָט געוואָרפען א בליק איבער'ן קלייט און געזאָגט.

„רויב, מאָרד, גנבה, שכרות... אלע געמיינהייטען און אונאָרד־נונג — דאָס איז דאָס מענשליכע לעבען. עס מאַכט זיך איינער, וואָס קעמפּפט געגען דעם, אבער ס'העלפט איהם גאָרנישט. מיר שווימען אלע אין דעמזעלבען שטראָם, און דאָסזעלבע וואַסער בענעצט אונז אלעמען... לעב, אזוי ווי ס'איז פאַר אלעמען בעשטימט! ניטאָ קיין שום אויסוועג פאַר דיר... אָדער ווילסט דו אפשר אין וואַלד אנטלויפען? אָדער אין קלויסטער אריינגעהן?... דאָ ניט לאַנג האָסט דו געזאָגט, אז אָט די מאַכערייי דאָ וועט מיך אויך ניט גליקליך מאַכען...“

ער האָט אנגעצייגט מט דער האנד אויף דער סחורה אין זיין מאַגאַזין און האָט צוגעשאָקעלט דעם קאָפּ מיט א ביטערן שמייכעל.

„ביסט גערעכט געווען, ס'מאַכט מיך ניט גליקליך. וואָס קומט מיר ארוים, אז איך שטעה דאָ שטענדיג אויפ'ן זעלבען אָרט און האַנדעל מיט די שמאַטעס? דאָס פערשאַפט אזוי פיעל קליינע זאָרגען — און קיין פרייהייט האָב איך ניט! אין ערגעץ טהאָר איך ניט געהן... פריהער בין איך ארומגעגאַנגען אין די גאַסען, וואוהין איך האָב געוואָלט, כ'האָב מיר אויסגעזוכט א פיין אנגענעהם ערטעל און בין מיר געזעסען דאָרט גאַנץ בעקוועם... און איצט ליג איך טאָג און נאַכט דאָ—ווייטער גאָרנישט...“

„וואָלסט אפשר צוגענומען ווערא'ן... אלס פערקויפערין,“ האָט זיך פּאוועל אָנגערופען.

איליא האָט איהם אָנגעקקוט און האָט קיין וואָרט ניט געענט־פערט.

„קומט טרינקען טהעע!" האָט מאשא געדופען.

ביים טהעע האָבען אַלע דריי כמעט גאָרניט גערעדט. אויפ'ן גאַס האָט די זון געשיינט העל און ליכטיג, נאַקעטע קינדער־פיסלאַך האָבען אַרומגעשפּרונגען אויפ'ן טראָטואַר, פּרוכט־פּערקויפער זיינען דורכגע־גאַנגען פערביי דעם פענסטער.

„ציבעלע! פרישע גרינע ציבעלעס!" האָט מיט אַ קלינגענדער שטימע געשריגען אַ הענדלערקע פון גרינוואַרג.

„פרישע או—אוגערקעס!"

אַלע האָבען גערעדט פון פריהלינג, פון די שעהנע, וואַרעמע ליכ־טיגע טעג. און דאָ אין דעם ענגען צימער האָט עס געשמעקט דומפּף און פייכט. ווען ניט ווען נור האָט זיך געלאָזט הערען אַ מורמלענ־דעם; שטילעס וואָרט. דער סאַמאָוואַר האָט געזאָטען, די זונן האָט גאַנץ שוואַך אַריינגעשיינט אין צימער.

„אַט זיצען מיר אַצונד דאָ אַזוי ווי נאָך אַ לויה," האָט איליא געזאָגט.

„און וויערקא איז דער בר־מינן," האָט פּאַוועל אונטערגעכאַפּט.

ער איז געזעסען אַזוי דערשלאָגען, פונקט ווי ער וואָלט געקראַ־גען אַ זעץ אין שטערן. זיינע אָרעמס האָבען זיך שוואַך בעוועגט, זיין געזיכט איז געווען פעראומערט און ער האָט גערעדט לאַנגזאַם און אָהן לעבען.

„פאַס דאָך אַביסעל מוטה," האָט זיך איליא אָבגערופען מיט אַ טרוקענעם טאָן. „זיי ניט אַזוי צוקראַכען."

„דער געוויסען פּלאָגט מיך..." האָט גראַטשעוו געזאָגט און האָט טרויריג צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. „אַז איך זיץ דאָ אַזוי, טראַכט איך זיך: צי בין איך דאָס נאָך אַלעמען ניט געווען דער, וואָס האָט זי געטריבען אין טורמע?"

„דאָס קען גאַנץ גוט געמאָלט זיין," האָט איהם איליא אָהן אַ שום רחמנות צוגעשטימט.

גראַטשעוו האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און איהם אָנגעקוקט מיט אַ פּאָרוואורף.

„וואָס קוקסטו דו מיך אַזוי אָן?" האָט איליאַ געפרעגט.

„ביסט אַ שלעכטער מענש..." האָט גראַטשעוו געענטפערט.

„פון וואַנען, ווילסטו דו, זאָל איך גוט זיין? און וואָס האָב איך דערפון, אַז איך בין שוין פריינדליך צו די מענשען?" האָט זיך איליאַ אָבגערופען. „ווער איז דען צו מיר גוט געווען? ווער האָט מיר דעם קאָפּ געגלעט?... איין ווען פּיליכט איז געווען, וואָס האָט מיך ליעב געהאַט... אַן אַנגעלאָפענע איז עס געווען, אַן אויסגעלאַסענע פרוי... אָבער ווייטער?... אויף אונז מעג יעדער איינער ארויפפאַלען, מיר אָבער מוזען שטענדיג זיין פריעדליך! ניין, כ'בין מוחל די טובה..."

פון שטאַרקער אויפרעגונג איז זיין געזיכט רויט געוואָרען און די אויגען זיינען איהם פערלאָפען מיט בלוט. פאַר צאָרן איז ער אויפגעשפרונגען פון שטוהל און עס האָט איין איהם אַזוי געברענט דער כעס, אַז ער וואָלט געקענט ארויפפאַלען אויף יעדען איינעם און איהם זידלען, בריקען מיט די פיס אָן טיש און אָן וואַנד. מאַשאַ האָט זיך דערשראָקען אויף איהם קוקענדיג, און זי האָט זיך צוואַויינט אויפ'ן קול ווי אַ קליין קינד.

לונעוו האָט געשוויגען; ער האָט געזעהן, אַז פּאַוועל קוקט אויך אויף איהם מיט בייזע בליקען.

„כ'געה... אהיים... לאָזט מיך!" האָט מאַשאַ געזאָגט מיט אַ ציטערענדער שטימע און האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, אַזוי ווי זי וואָלט געזוכט אָן אָרט, וואו איהם צו פערשטעקען.

„נאַ, וואָ האָסטו זיך אַזוי צוואַויינט?" האָט איליאַ געזאָגט מיט פערדרוס. „כ'האָב דאָך ניט אויף דיר געשריען... דאַרפסט אויך ניט אוועקגעהן... איך וועל אוועקגעהן... איך האָב אַ גאַנג צו מאַכען... און פּאַוועל קען דאָ בלייבען מיט דיר... גאַווריל! אַז טאַטיאַנאַ וועט קומען... האַ? ווער נאָך איז דאָרט?"

מען האָט געקלאַפּט אין דער פערשלאָסענער טהיר פון קלייט און גאַווריק האָט געקוקט אויף זיין בעל הבית מיט אַ פרעגענדען בליק, צי זאָל ער עפענען.

„עפען!" האָט איליאַ געזאָגט.

אויפ'ן שוועל האָט זיך בעוויזען גאַווריק'ס שוועסטער. אַ פּאָר

סעקונדען איז זי געשטאַנען, זיך ניט ריהרענדיג פון אָרט, גלייך, דעם קאָפּ אין דער הויך, און האָט אָנגעקוקט אַלעמען מיט צוזאַמענגע־דריקטע אויגען. דערנאָך האָט זיך אויף איהר ניט שעהנעם, טרוקענעם פּנים בעוויזען א מיענע פון עקעל, און זיך גאַר ניט אומקוקענדיג אויף איליא'ס גרוס, האָט זי זיך געווענדעט צו איהר ברודער:

„גאַווריק, קום אַקאָרשט אויף א מינוט אַרוים צו מיר!"

איליא איז געוואָרען אויסער זיך פאַר כעס. די בעליידיגונג האָט איהם מיט אַזא שטאַרקייט אַריינגעטריבען דאָס בלוט אין געזיכט אַריין, אַז די אויגען האָבען איהם געברענט ווי פייער.

„זייט אַזוי גוט, יונגעם פריילין, און ענטפערט, אַז מען זאָגט אייך גוט־מאָרגען!" האָט ער אַרויסגעפּלאַצט מיט א פּאַרוואורף, זיך איינהאַלטענדיג בעת מעשה מיט אַלע כחות.

זי האָט דעם קאָפּ נאָך העכער אויפגעהויבען, און איהרע ברע־מען האָבען זיך בשעת מעשה אַראָבגעלאָזען. צוזאַמענפּרעסענדיג פעסט איהרע ליפּען, האָט זי איליא'ן אָבגעמאָסטען מיט איהרע בליקען און האָט קיין וואָרט ניט גערעדט. אויך גאַווריק האָט מיט כעס געקוקט אויף זיין בעל הבית.

„איהר זייט דאָ ניט צווישען שכורים אָדער גנבים," האָט לונעוו ציטערענדיג פאַר אויפרעגונג, ווייטער געזאָגט. „מען בעגעגענט אייך מיט רעספּעקט, און אַלס געבילדעטעם פריילין מוזט איהר זיך פונקט אַזוי בענעהמען."

„מאַך ניט קיין געשיכטען, סאָניא," האָט פּלוצלונג א זאָג גע־טהאָן גאַווריק מיט א טאָן פון א שלום־מאַכער און ער האָט זי אָנגענ־נומען פאַר דער האַנד.

ס'איז שטיל געוואָרען פאַר א ווייַלע. איליא און דאָס מיידעל האָבען זיך אָנגעקוקט איינע די אַנדערע מיט ביסטרע בליקען, אַזוי ווי זיי וואָלטען אויף עפּעס אַרויסגעקוקט. מאַשא איז זיך שטילער־הייט אַוועק אין א ווינקעל. פּאַוועל האָט געפינטעלט מיט די אויגען, ניט פערשטעהענדיג וואָס דאָ טהוט זיך.

„נאָ, רייד ווערטער, סאָנקא," האָט גאַווריק אונגעדולדיג גע־זאָגט, „דענקסט אודאי, אַז מען וויל דיך דאָ בעליידיגען?" האָט ער געפרעגט, און מיט א שמייכעל וואָס האָט פיעל געהאַט צו בעדיי־

טען האָט ער צוגעלייגט: „דאָס הייסט אביסעל מאָדנע... מאָדנע מענ־שען!“

דאָס מיידעל האָט איהם א ציה געטהאָן פאַר דער האנד און מיט א טרוקענעם, חוצפה'דיגען טאָן האָט זי לונעוו'ן געפרעגט:

„וואָס ווילט איהר פון מיר האָבען?“

„גאָרנישט, כ'האָב נור געוואָלט זאגען...“

אבער מיט אמאָל איז איהם דורכגעלאָפען א פרעהליכער, קלאָה־רער געדאנק אין מוח. ער איז צוגעגאנגען צום מיידעל און האָט גע־זאָגט אזוי העפליך ווי מעגליך:

„ערלויבט מיר אייך צו ערקלעהרען... דאָס הייסט, זעהט איהר, מיר זיינען דאָ — דריי מענשען... לייטע פון דונקעלער אבשטאַמונג, און אונגעבילדעט, און איהר זייט א געבילדעטע...“

ער האָט זיך געמאַטערט איהר ארויסצוגעבען זיינע געדאנקען אזוי קלאָר ווי מעגליך און ער האָט פּאַרט ניט געקענט. דער גלייכער, שטרענגער בליק פון איהרע שווארצע אויגען האָט איהם צוטומעלט. דיזע אויגען זיינען געווען געריכטעט אויף איהם און זיי האָבען איהם אבגעשטויסען פון זיך. איליא האָט אראָבגעלאָזען די אויגען און מיט א פערדריסליכען טאָן האָט ער געמורמעלט:

„איך קען עס אייך גאָר אלצדינג ניט ארויסגעבען. אז איהר האָט צייט, קומט אריין א ווייל... זעצט זיך.“

און ער האָט אבגעטראָטען אָן א זייט, כדי איהר דורכצולאָזען.

„ווארט אויס דאָ, גאוריק,“ האָט זי געזאָגט און איז אריין אין צימער, איבערלאָזענדיג דעם ברודער ביי דער טהיר. לונעוו האָט איהר צוגערוקט א בייגקעל. זי האָט זיך אנידערגעזעצט. פּאַוועל איז ארויס אין קלייט, מאשא האָט זיך פערררוקט אין א ווינקעל לעבען אויווען, און לונעוו איז געשטאַנען צוויי טריט ווייט פון'ם מיידעל, ניט ריה־רענדיג זיך פון אָרט, און עס האָט אויסגעוויזען, אז ער זוכט ווער־טער ווי אזוי אָנצופיהרען מיט איהר דעם שמועס.

„נו?“ האָט זי געזאָגט.

„הערט איהר... וועגען וואָס ס'געהט דאָ,“ האָט איליא ענדליך אָנגעהויבען מיט א טיעפען זיפץ. „דאָס דאָזיגע מיידעל דאָ, זעהט איהר — ס'הייסט, זי איז גאָר קיין מיידעל ניט, נאָר א פערהייראַטהע

פרוי... מיט אן אלטען פערהייראט... ער טיראַנעזירט זי... צו׳הרג׳עט און צובלוטיגט איז זי פון איהם אנטלאָפען... און געקומען צו מיר זיך בעהאלטען... איהר דענקט אפשר עטוואס שלעכטעס? אבער ס׳איז גאַרנישטאָ וואס איבערצודענקען דערביי..."

ער האָט זיך אלע ווילע אבגעשטעלט בשעת׳ן ריידען, און גע־רעדט האָט ער מיט אבגעריסענע ווערטער, האָבענדיג דערביי אַ דאָ־פעלטע אבזיכט: דערצעהלען מאשא׳ס געשיכטע און אין דערזעלבער צייט אויך ארויסגעבען זיין אייגענע מיינונג וועגען דעם. און אויף זיין אייגענער מיינונג, אויף זיינע אייגענע געדאנקען האָט ער דער עיקר געלייגט אַ גרויס געוויכט. זי האָט איהם געקוקט גלייך אין פנים אריין און וואס ווייטער האָבען איהרע געזיכטס־ציגע אַנגענומען אלץ אַ ווייכערן אויסדרוק; נאָר איהרע אויגען האָבען נאָך אלץ אזוי מאָד־נע געבליצט.

„כ׳פערשטעה אייך" האָט זי איליא׳ן איבערגעשלאָגען די רייד. „איהר ווייסט ניט ווי אזוי אַנצוגעהן אין דער זאַך. פריהער פון אלץ מוז מען זי אַבפיהרען צום דאָקטאָר... ער זאָל זי אונטערזוכען... כ׳קען אַ דאָקטאר — אז איהר ווילט, וועל איך זי אוועקפיהרען צו איהם. גאָווריק, גיב אַקאָרשט אַ קוק, ווי שפעט עס איז! עלף אַזייגער, ניט? דאָס איז ריכטיג די צייט, ווען ער נעהמט אויף פאַציענטען... גאָוו־ריק, כאַפּ זיך ארויס און ברייננג אַ דראָשקע... און איהר, מיין ליעבע— אבער מאַכט מיך דאָך מיט איהר בעקאַנט..."

אָבער איליא האָט זיך פון אָרט ניט גערירט. ער האָט זיך ניט געריכט, אז דאָס דאָזיגע ערנסטע, שטרענגע מיידעל זאָל קענען רייד־דען מיט אזא ווייכען קול. אויך איהר פנים האָט איהם ערשטוינט: דאָס דאָזיגע געזיכט, וואס איז אימער געווען אזוי שטאָלץ, האָט איצט געהאַט אזא פער׳דאגה׳טען אויסדרוק און כאָטש די גרויסע נאָז־לע־כער זיינען וואס ווייטער אלץ גרעסער געוואָרען, דאָך איז אין דיזע ציגע געלעגען עטוואס שעהנעס, איינפאַכעס, הארציגעס, וואס איליא האָט פריהער קיינמאָל ניט בעמערקט. ער האָט בעטראַכט דאָס מייד־דעל און אַ שמייכעל האָט זיך געוויזען אויף זיינע ליפען.

זי אָבער האָט זיך אָבגעקעהרט פון איהם, איז צוגעגאַנגען צו מאָ־שאַ׳ן און שטילערהייט איהר געזאָגט:

„ניט וויינט, מיין טייבעלע! האָט קיין מורא ניט... דער דאָק־טאָר איז אן אויסגעצייכענטער מענש. ער וועט אייך אונטערזוכען און אייך ארויסגעבען א צייגנים... דאָס איז אלעס. איך וועל מיט אייך אריבערפאָהרען... נו, מיין טהייערע, וויינט זשע ניט!“

זי האָט ארויפגעלייגט איהרע הענד אויף מאַשאַ'ס שולטערן און האָט זי געוואָלט צוציהען צו איהר ברוסט.

„אַה!... ס'טהוט אזוי וועה,“ האָט מאַשאַ געזאָגט מיט א שטי־לען קרעכץ.

„וואָס איז אייך דען דאָ?“

לונעוו האָט זיך אלץ צוגעהערט און געשמייכעלט דערביי.

„וואָס איז דאָס אזוינס? ווייס דער טייפעל!“ האָט דאָס מיי־דעל א געשריי געטהאָן מיט שרעק און האָט אבגעטראָטען פון מאַ־שאַ'ן. איהר געזיכט איז געוואָרען בלייך און ביי איהר אין די אויגען איז געלעגען שרעק און צורייצטקייט.

„ווי שרעקליך צוקאַליעטשעט זי איז... אַה!“

„אַט אזוי לעבען מיר, זעהט איהר,“ האָט זיך אבגערופען לונעוו פול מיט צאָרן. „האָט איהר פאַרט געזעהן? און דאָ קען איך אייך ווייזען נאָך איינעם — דאָרט שטעהט ער! ערלויבט כ'זאָל איהם מיט אייך בעקאַנט מאַכען: מיין פריינד פּאַוועל סאַוועליטש גראַ־טשעוו...“

פּאַוועל איז לאַנגזאַם אריינגעקומען פון קלייט און האָט דער־לאַנגט דעם מיידעל די האַנד, ניט א קוק געבענדיג אויף איהר.

„מעדוויעדעווא, סאָפיא ניקאָנאָוונא,“ האָט זי זיך אליין פאַרגע־שטעלט און האָט בעטראַכט פּאַוועל'ס פינסטער געזיכט. „און אייך רופט מען איליא יאַקאָוולעוויטש?“ האָט זי זיך געווענדעט צו לו־נעוו'ן.

„אזוי איז עס,“ האָט איליא בעשטעטיגט איהרע ווערטער, האָט איהר קרעפטיג געדריקט די האַנד און ניט ארויסלאָזענדיג איהר האָט ער ווייטער געזאָגט:

„אז איהר טהוט שוין... זעהט איהר... איין זאַך, דאַן גיט אונז שוין אויך אן עצה מכח דער אנדערער! אויך דאָ זיצט א מענש אין צוויק און קען זיך ניט ארויסדרעהען...“

אויפמערקזאם און ערענסט האט זי איהם אריינגעקוקט אין זיין שעהנעם, אויפגערעגטען פנים און האט פרובירט ארויסקריגען איהר האנד פון זיינער. ער אבער האט איהר דערצעהלט וועגען וויערא'ן און וועגען פאוועל, האט דערצעהלט ליידענשאפטליך, מיט פייער, מיט בעגייסטערונג, און ער האט געפיהלט אזוי ווי א שטיין וואלט איהם אראב פון הארצען. ער האט איהר געשאקעלט די האנד און געזאגט:

„פערזען האט ער געמאכט, און נאך וואס פאר פערזען! אבער אין דיזער געשיכטע — איז ער אין גאנצען אויסגעברענט... און אויך זי... אפשר מיינט איהר, דערפאר וואס זי איז אזא איינע, לוינט זיך ניט מיט איהר אנצופאנגען? ניין, ניט דיינקט אזוי! ניט אין גוטען און ניט אין שלעכטען ווייזט זיך דער מענש אין גאנצען ארויס!"

„ווי אזוי איז דאס צו פערשטעהן?" האט דאס מיידעל געפרעגט.

„אזוי איז עס צו פערשטעהן: אז דער מענש איז שלעכט, איז נאך אימער פאראן אין איהם עפעס גוטס — און פונקט אזוי איז אין דעם גוטען אימער פאראן עפעס שלעכטס... אונזערע זעעלען זיינען אלע בייזאמען פערפלעקט... אלע ביז איינעם!"

„דאס איז גאנץ ריכטיג, וואס איהר זאגט דא," האט גאווריק'ס שוועסטער געזאגט און האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ. „דאס איז א הומאנער געדאנק! אבער כ'בעט אייך, לאזט אב מיין האנד — איהר טהוט מיר וועה!"

איליא האט איהר געבעטען אום ענטשולדיגונג. זי אבער האט זיך שוין מעהר ניט צוגעהערט צו איהם, נאר זי האט גענומען איינ־טענה'ן מיט פאוועל'ן, און מיט אן איבערצייגענדען טאן האט זי איהם געלערנט ווי זיך אויפצופיהרען:

„איהר מעגט זיך שעהמען, גראטשעוו — אזוי טאר מען זיך ניט אויפפיהרען! מען מוז שטענדיג האנדלען: ענטוועדער זיך פערטהיי־דיגען — אדער אנגרייפען! מען מוז זוכען פאר וויערא'ן א פערטהיי־דיגער — אן אדוואקאט, פערשטעהט איהר? איך וועל אייך שוין בעז־זארגען איינעם — הערט איהר? און עס וועט איהר גאר נישט געז־שעהן — בעפרייען וועט מען זי! כ'גיב אייך מיין ווארט דערויף; מען וועט זי בעפרייען!"

איהר געזיכט איז אין גאנצען רויט געווארען. די האר אויף די שלייפען האבען זיך ארומגעווארפען אהין און אהער. און אין איהרע אויגען האט געגלאנצט א גאנץ בעזונדערע פרייד. מאשא איז געשטאנען לעבען איהר און האט זי אנגעקוקט מיט דער צוטרויליכער נייגיריגקייט פון א קינד. לונעוו אבער האט געקוקט אויף מאשא'ן און אויף פאוועל'ן מיט א וויכטיגער, טריאומפירענדער מיענע און האט געפיהלט אין זיך א געוויסען שטאלץ, וואס דאס דאזיגע מיידעל געפינט זיך ביי איהם אין צימער.

„אז איהר קענט ווירקליך העלפען," האט פאוועל מיט א ציטערנדער שטימע געזאגט. „טו העלפט! כ'וועל עס אייך מיין לעבענסטאג ניט פערגעסען!... כאטש איך קען אין א גוטען סוף ניט גלויבען, ו ו יל איך אבער דאך גלויבען דערין!"...

„קומט היינט אבענד ארום זיבען אזייגער צו מיר — איינפערשטאנען? גאווריק וועט אייך זאגען, וואו מיר וואוינען..."

„איך וועל קומען... כ'האב קיין ווערטער ניט, אייך צו דאנקען..."

„נאך וואס דאנקען?"

„איהר האט אזוי פיעל געטהאן..."

„לאמיר דאס לאזען צורוה, הערט איהר! די מענשען מוזען העלפען איינער דעם צווייטען."

„די—און העלפען!" האט איליא ארייגגעווארפען מיט ביטערקייט.

דאס מיידעל האט זיך אויף גיך א קעהר געטהאן צו איהם. אבער גאווריק, וועלכער איז אין דיזען מיש־מאש זיך פארגעקומען אלס דער איינציגער פערנינפטיגער און געזעצטער מענש, האט זי א ציה געטהאן ביים ארבעל און געזאגט:

„טו פאהר שוין אמאל, פלאפלערקע!"

„יא — מאשא, טהוט זיך אן!"

„כ'האב דאך גארנישט וואס אנצוטהאן!" האט מאשא ערקלעהרט מיט א דערשראקענער שטימע.

„אך... נו, ס'מאכט ניט אויס! קומט!... איהר וועט זיין זיבען אזייגער, גראטשעוו, יא? אויף ווידערזעהן, איליא יאקאוולעוויטש!"

די פריינדע האבען איהר מיט רעספעקט געדריקט די האנד און

זי האט זיך געלאזט ארויסגעהן, פיהרענדיג מאשא'ן ביי דער האנד. ביי דער טהיר אבער האט זי זיך נאך אמאל אומגעדרעהט, און אויפ־הויבענדיג דעם קאפ אין דער הויך, האט זי צו איליא'ן געזאגט:

„כ'האב פערגעסען נאך עפעס... און דאס איז וויכטיג: כ'האב איך פריהער ניט געגריסט... בשעת איך בין געקומען... דאס איז גע־ווען א געמיינהייט, כ'בעט אום ענטשולדיגונג — איהר הערט?"

איהר געזיכט איז בענגאסען געווארען מיט א העלער רויטקייט, און איהרע אויגען האבען זיך אראבגעלאזען פון צוטומעלטקייט. איליא האט איהר אנגעקוקט, און זיין הארץ האט זיך געהויבען פאר פרייד.

„נאכאמאל ענטשולדיגט... כ'האב געמיינט, אז איהר האט דא גע־מאכט ביי אייך... א פרעהליכען, אויסגעלאסענעם אונטערהאלט, דאס איז געווען נאריש פון מיר, נאר..."

זי האט זיך פלוצלונג אבגעשטעלט, פונקט ווי זי וואלט אראב־געשלונגען א ווארט. דערנאך האט זי ווייטער געזאגט:

„און אז איהר האט מיך דאן... געזידעלט, מיר ארויסגערעדט, פארוואס איך האב אייך ניט געענטפערט אויף אייער בעגריסונג, האב איך געמיינט, אז דאס רעדט ארויס פון אייך — דער בעל הבית... און איך האב א טעות געהאט! דאס פרעהט מיך זעהר! דאס האט דאס געפיהל פון מענשליכען שטאלץ פון אייך ארויסגערעדט."

א העלער, זיסער שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף איהר געזיכט, און זי האט גערעדט מיט א הארציגען טאן, פונקט ווי זי וואלט עפעס אליין זיך פאשמאקעוועט מיט איהרע אייגענע ווערטער:

„אך, ווי געשמאק דאס איז, אז מען זעהט פארט א מענשען, וועלכער לאזט זיך ניט שפייען אין דער קאשע, ביי וועמען ס'דריקט זיך אויס דאס געפיהל פון זיין אייגענעם ווערטה!... כ'בין זעהר צופרידען... ס'איז אלצדינג אזוי שעהן געווארען... אויסנאהמסווייזע שעהן!"

און זי איז פערשוואונדען אזוי ווי א קליין, גראה וואלקענדעל, וואס ווערט בעלייכטעט פון די שטראהלען פון דער מארגען־רויטקייט.

ביידע פריינד האבען איהר נאכגעקוקט. זייערע פנים'ער האבען געהאט אן ערנסטען און דערביי א קאמישען אויסדרוק. דאן האט לו־

נעוו געוואָרפען א בליק איבער'ן צימער, און א שטוים טהאַנדיג פּאַש־קאַ'ן מיט'ן עלענבויגען, האָט ער זיך אָבגערופען:

„איצט איז דאָ זויבער, וואָס?"

פּאַשקאַ האָט שטיל געשמייכעלט פאַר זיך.

„דאָס איז אביסעל געוועזען א בילד," האָט לונעוו מיט א לייכטען זיפץ ווייטער געזאָגט. „דאָס האָט זי גוט אָבגעאַרבייט... ווי?"

„אזוי ווי א ווינד האָט זי אַלעס ריין אויסגעקעהרט!..."

„האָסט כאָטש געהערט," האָט איליא געזאָגט מיט א טריאומ־פירענדען טאָן, פערוואָרפענדיג מיט דער האַנד זיינע לאַנגע האָר אהינ־טער, „ווי זי האָט זיך דאָס אביסעל פערענטפערט — וואָס? אזוי זעהט אויס אווירקליך געבילדעטער מענש. וואָס קען אַלעמען רעס־פּעקטירען.. וועלכער וועט זיך אָבער צוערשט פאַר קיינעם ניט בויי־גען! האָסט פערשטאַנען?"

„אָן עדעלע פּערזענליכקייט," האָט גראַטשעוו איהם בעשטע־טיגט מיט א שמייכעל. „ווי לאַנג האָט זי דאָ פערבראַכט? כמעט א שטונדע... און ווי א מינוט איז עס פאַר אונז געווען."

„אזוי ווי א שטערן האָט זי א פלאַם געטהאָן, האַחאַ!"

„הם—יאָ—און ווי זי האָט דאָס אביסעל אַלצדינג מיט איינמאַל צורעכט געמאַכט — אונז געזאָגט, ווי אזוי מיר זאָלען אָנגעהן דעריין..."

לונעוו האָט געלאַכט פון גאַנצען הארצען. ער איז צופרידען גע־ווען, וואָס דאָס דאָזיגע שטאָלצע מיידעל האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר אזא איינפאַך, קלוג מענשען־קינד. ער איז אויך צופרידען געווען מיט זיך אליין, וואָס ער האָט זיך אזוי גוט געהאַלטען אנטקעגען איהר.

„אך יאָ," האָט ער זיך אָנגערופען מיט א טאָן פון בעדויערן. „דאָס האָב איך דאָך גאָר אין גאַנצען פערגעסען... זי האָט מיך אזוי צומישט מיט איהר ענטשולדיגונג..."

„וואָס האָסט דו אזוינס פערגעסען?" האָט פּאַוועל געפרעגט.

„א קוש טהאָן אין האַנד האָב איך דאָך איהר געדאַרפט. דאָס איז אזא מנהג ביי זיי, ביי די געבילדעטע... ס'דריקט אויס א בעזונדערן רעספּעקט."

גאַווריק האָט זיך ארומגעדרעהט לעבען זיי און ס'האָט אויסגע־

וויזען, אז ער פיהלט זיך זעהר לאנגווייליג.

„נו, גאווריקא“, האט זיך איליא אבגערופען, ארויפלייגענדיג די האנד אויף דעם אינגעל'ס אקסעל, „דיין שוועסטער איז א פיין מיי־דעל!“

„נו יא, זי האט א גוט הארץ“, האט גאווריק געזאגט מיט א ני־דעריגען טאן. „וואס זשע, מיר וועלען נאך היינט האנדלען — אדער וועלען מיר אפשר היינט מאכען יום טוב?... כ'וואלט וועלען אמאל ארויסגעהן אויף דער פרייער וועלט!“

„ניין, היינט ווערט מעהר ניט געהאנדעלט! קום פאוועל, לאמיר אויך געהן שפאצירען.“

„איך געה אין דער פאליציי,“ האט גראטשעוו געזאגט, און זיין שטערן האט זיך פון דאס ניי פערצויגען מיט א וואלקען פון זארג. „אפשר וועט מען ערלויבען, איך זאל זי זעהן...“

„און איך געה שפאצירען,“ האט איליא געזאגט.

פריש און פרעהליך איז ער מיט שטילע טריט ארויס אין גאס. ער האט געטראכט פון גאווריק'ס שוועסטער און האט פערגליכען דאס דאזיגע זעלטענע מיידעל מיט אלע מענשען, מיט וועמען ער האט ביז אהער זיך צונויפגעטראפען אין לעבען. ס'איז איהם קלאהר געווארען, אז זי איז בעסער פון זיי אלעמען, און אז זי האט זיך מיט איהם בעסער אויפגעפיהרט איידער אלע אנדערע. ער האט נאך אלץ געהערט די ווער־טער, מיט וועלכע זי האט זיך פאר איהם פערענטפערט, און ער האט זיך פארגעשטעלט איהר געזיכט, א געזיכט, וואס יעדער איינצעלנער צוג אין איהם האט אויסגעדריקט א פעסטען, אונבויגזאמען שטרעבען צו אירגענד וועלכען ציעל.

„און ווי זי האט דאס מיך אין אנפאנג אזוי ארונטערגעמאכט!“ האט ער זיך שמייכלענדיג געטראכט און האט אנגעהויבען נאכדיינ־קען, פארוואס זי האט איהם פריהער אזוי שטאלץ בעהאנדעלט, כאטש זי האט דאך איהם גארניט געקענט און אייגענטליך מיט איהם קיין ווארט ניט גערעדט.

ארום איהם האט געקאכט דאס לעבען, גימנאזיסטען זיינען דורכ־געגאנגען און געלאכט, וועגעלאך מיט סחורה זיינען מיט רעש פער־ביינעפאהרען, דראשקעס האבען זיך געיאגט איבער דער גאס, און אנט־

קעגנען איהם האָט צוגעהונקען אַ בעטלער און געגאַנגען אויף זיינע קוליעס. צוויי אַרעסטאַנטען, בעגלייט פון אַ סאָלדאַט, האָבען אויף אַ שטאַנג געטראָגען אַ צעבער מיט עפּעס וואָס עס איז. אַ באַרנעס־פּער־קויפער איז פאַרבייגעפאָהרען און געשריען אויפ'ן קול:

„באַרנעס! זיסע גאַרטען־באַרנעס!... שעהנע באַרנעס צום קאָ־כען!“

און הינטער איהם איז נאָכגעלאָפען אַ קליין הינטעל מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג... דער גערויש, געשריי און קלאַפּעריי האָט זיך צונויפגעגאָסען אין איין אויפרעגענדען טומעל. אין דער לופט האָט געשוועבט אַ הייסער שטויב, וואָס האָט געקיצעלט אין דער נאָז. אויפ'ן בלויען, ניט־בעוואָלקענטען הימעל האָט געברענט די זונן און אויסגעגאָסען איהר שטראַהלענדען גלאַנץ איבער אַלצדינג אויף דער ערד. לונעוו האָט דאָס אַלעס אָנגעקוקט און דערביי געפיהלט עפּעס אַזאַ מין לוסט, וועלכע ער האָט שוין לאַנג, לאַנג ניט געהאַט. אַלצדינג אויף דער גאַס האָט פאַר איהם געהאַט עטוואָס בעזונדערעס, אינטערע־סאַנטעס. אָט דאָרט קומט אַ יונג, שעהן מיידעל, כמעט אונטערשפּרינ־גענדיג אין איהר גאַנג, מיט פרישינקע רויטע בעקלעך און מיט אַ לעבעדיג געזיכט. זי קוקט אויף איליאַ'ן מיט אַזאַ מין אָפען, פרעהליכע מיענע, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט זאָגען:

„וואָס פאַר אַ פּראַכטפאָלער מענש ביסט דו פאַרט!“

און לונעוו ענטפערט דערויף פון זיין זייט מיט אַ שמייכעל.

אַן איזוואָשטשיק בויגט זיך אַריבער פון זיין ביינקעל צו אַ דאַמע, וועלכע שטעהט אויפ'ן טראָטואַר, און זאָגט:

„דאָס איז ווייניג, גנעדיגע, לייגט צו נאָך אַ פינפער!...“

און איליאַ זעהט אין זיין געזיכט, אַז ער זאָגט ליגען, דער יונ־גאַטש — אַז די דאַמע האָט איהם דעם ריכטיגען פרייז געצאָהלט. אַ אינגעל, אַ משרת'ל פון אַ קלייט לויפט אַרום מיט אַ קופערנער קאַן איבער'ן טראָטואַר, גיסט קאַלטע וואַסער אויף די שטיינער און בע־שפּריצט דערביי די פאַרבייגעהער די פיס, און דאָס דעקעל פון דער קאַן קלאַפּט בשעת מעשה צו דאָס שפּריצען צום טאַקט.

ס'איז הייס, שטיקעדיג און רוישענדיג אויף דער גאַס, און די געדיכטע גרינע בלעטער פון די אַלטע לינדען־ביימער אויף דעם שטאָד־

טישען בית עולם ציהען צו צו זיך מיט זייער קיהלען שאטען און מיט זייער שטילקייט. דער בית עלמין איז ארומגענומען מיט א ווייסער, שטיינערנער מויער, און זיינע דויכע אלטע בוימער הויבען זיך אויף ווי א מעכטיגע כוואליע צום הימעל, און אויבען איבער דער כוואליע זעהען די גרינע בלעטער־שפיצען אויס אזוי ווי א קרוין פון שוים. דארט אין דער שטיל וויזט עס אוים אזוי ווי עס וואלט דארט צושמאלצען געווארען... און איבער דער דאזיגער כוואליע פון בלעטער בלישטשען די גילדערנע צלמים פון דער קירכע...

לונעוו איז אריין אין טויער פון בית עלמין און האט זיך געלאזט געהן אויף דער ברייטער אלעע, אריינזויגענדיג אין זיך דעם געשמאקען ריח פון די בליהענדע לינדען־בוימער. צווישען די בוימער, אין שאטען פון זייערע צווייגען, זיינען געשטאנען אלערליי מצבות פון מארמאר און גראניט־שטיין, בעדעקט ביי די זייטען מיט שימעל. דא און דארט, אין דעם האלב־דונקלען ליכט האבען געבלישטשעט מיט א מאטען שיין פערגילדעטע צלמים, און אויפשריפטען אויף מצבות, וועלכע זיינען אין פערלויף פון די לאנגע יאהרען שטארק אבגעריבען געווארען, ארום און צווישען די מצבות האבען געוואקסען אלערליי בוימלעך און דערנער, וועלכע האבען מיט זייערע צווייגען פערשטעלט די קברים. די ווייסע ווארצלען פון די בעראזעווע בוימער האבען געגלאנצט אזוי ווי סאמעט דורך די געדיכטע בלעטער. ס'האט אויסגעזעהן אזוי ווי זיי בעהאלטען זיך מיט א כיוון אין שאטען און דאך האט מען זיי נאך דייטליכער ארויסגעזעהן. הינטער די שטראכעטען ארום די קברים, אויף די גרינע בערגלעך האבען געבליהט פערשיעדענפארביגע בלומען, א וועספע האט אין דער שטיל געזשומעט. א פאר ווייסינקע זומער־פויגעלעך האבען זיך געשפיעלט אין דער לופטען, און שטיל, אהן א שום גערויש, האבען ארומגעשוועבט עטליכע קליינע פליעגלעך אהין און אהער, און אומעטום האבען מיט קראפט ארויסגעשפראצט די קרייטיכער און די גראזען אנטקעגען ליכט און האבען בעהאלטען אונטער זיך די טרויעריגע בערגלעך, די קברים, און דאס גאנצע גרינס פון בית עלמין איז געוועזן פול מיט דעם מעכטיגען דראנג צו וואקסען, זיך צו ענטוויקלען, איינצוזויגען אין זיך די לופט און דאס ליכט און צו פערוואנדלען די זאפט פון דער ערד אין פארבען. אין

ריחות, אין שעהנקייט, וועלכע האָבען דערפרעהט די הערצער און די אויגען. איבעראַל זיעגט דאָס לעבען, אַלעס ווערט בעזיעגט פון׳ם לע־בען.

ס׳איז לונעוו׳ן אַנגענעהם געווען ארומצושפּאַצירען אין מיטען פון דיזער שטילקייט און איינצוזויגען אין זיך די זיסע ריחות פון די לינדען־בוימער און די פערשיעדענע בלומען. אויך אין איהם איז אַלעס געווען שטיל און פריעדליך. זיין נשמה האָט זיך אויסגערוהט, און ער האָט וועגען קיין זאַך ניט געטראַכט און האָט זיך אריינגעטהאָן מיט לייב און לעבען אין דעם גליקליכען געפיהל פון איינזאַמקייט, וואָס ער האָט שוין אַזוי לאַנג ניט געפיהלט. ער האָט זיך פערקירעוועט פון דער הויפּט־אַלעע נאָך לינקס, אין אַ שמאָלען גאַנג, איז דאָרט לאַנג־זאַם געגאַנגען און געלייענט די אויפשריפטען אויף די צלמים און אויף די מצבות. גאַנץ ענג איז דער גאַנג געווען און איינגעפאַסט פון ביי־דע זייטען מיט שטראַכעטען פון גוס און שמיעד־אייזען.

„אונטער דעם דאָזיגען קרייץ ליגט דער שטויב פון גאָט׳ס דיע־נער וואַניפאַנטי," האָט איליא געלייענט און געשמייכעלט איבער דעם מאָדנעם נאָמען. איבער וואַניפאַנטי׳ס קבר איז געשטאַנען אַ געוואַל־דיגער שטיין פון גרויען גראַניט, און אין דערזעלבער שורה, הינטער אַן אַנדער צוים, איז געלעגען פּיאָטר באַבושקין, אַכט און צוואַנציג יאָהר אַלט...

„אַט דער איז יונג געשטאָרבען," האָט איליא געזאָגט צו זיך אַליין.

אויף דעם בעשיידענעם ווייסען מאַרמאָר־זייל האָט ער געלייענט די ווערטער:

„אַ בלימעלע האָט די ערד פערלאָרען,
„דער הימעל אַ נייע שטערנדעל געבאָרען."

לונעוו האָט זיך פערטראַכט וועגען די צוויי שורות און האָט געפונען, אַז אין זיי ליגט עטוואָס ריהרענדעס. אָבער מיט אַמאָל האָט ער דערפיהלט, אַזוי ווי ער וואָלט געקראָגען אַ מורא׳דיגען שטויס אין הארצען, און ער האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן צוריק און צוגעמאַכט די אויגען. אָבער אויך דורך די פערשלאָסענע אויגען האָט ער געלייענט די אויסגעקריצטע ווערטער אויף דער מצבה, וועלכע האָבען איהם אַזוי

פלוצלונג דערשראָקען. די גלאַנציגע גילדערנע אותיות, אויף דעם גרויסען ברוינעם שטיין האָבען זיך איינגעקריצט אין זיין מוח, און זיי האָבען געלויכטעט:

„דאָ ליגט דער גוף פון'ם צווייטע גילדע קופיעץ
וואסילי גאוורילאָוויטש פּאָליועקטאָוו."

אָבער שוין אין דעם נעכסטען אויגענבליק האָט ער אויפגעעפענט די אויגען, פּערציטערט פון זיין אייגענעם שרעק, און האָט גענומען זיך ארומקוקען ארום און צווישען די בוימער... ער האָט קיינעם ניט געזעהן, נאָר ערגעץ וואו אין דער ווייטענס האָט מען א טויטען-געבעט געזאָגט. די שטילקייט פון בית עולם איז איבערגעריסען געוואָרען דורכ'ן קלאַנג פון א טענאָר-שטימע. דאָס האָט א קירכען-שמש געזונגען די ווערטער:

„לאָ—אָמיר בע—עטע—ען..."

און א טיעפע, מיט וואָס עס איז אונצופריעדענע שטימע האָט איהם געענטפערט:

„דערבא—אַרם זיך..."

און שטיל, קוים וואָס מען האָט עס געהערט, האָט צווישען די צוויי קולות אָבגעקלונגען דער גערויש פון דער ווייררויך-כלי.

מיט'ן רוקען אָנגעשפּאַרט אָן א צוקער-בוים, איז לונעוו געשטאַנען מיט'ן קאָפּ אויפגעהויבען אין דער הויך און האָט געקוקט אויפ'ן קבר פון דעם מענשען, וועמען ער האָט דער'הרג'עט. ער האָט צוגעדריקט זיין היטעלע מיט דער פּאַטילניצע אָן בוים און עס האָט זיך פון פאָרענט אויפגעהויבען איבער זיין שטערן. זיינע ברעמען האָבען זיך צוזאַמענגעצויגען, די אויבערשטע ליפּ האָט זיך איהם געטרייסעלט און מען האָט געקענט זעהן זיינע ציינער. די הענד האָט ער אריינגעשטעקט גאַנץ טיעף אין די קעשענעס פון זיין רעקעל און ער איז געבליבען שטעהן פעסט אויף די פיס, אזוי ווי צוגעוואַקסען צו דער ערד.

פּאָליועקטאָוו'ס מצבה האָט פאַרגעשטעלט א קליינעם ארון. אויבען אויפ'ן דעק איז געווען אויסגעמאָלט א בוך, א שאַרבען און צוויי געקרייצטע לענדען-ביינער. אינעווייניג אין דעם זעלבען צוים האָט זיך געפונען נאָך א צווייטער, קלענערער ארון; די אויפשריפט דערויף

האָט געלויטעט, אַז אין דיזען קבר רוהט גאָט'ס דיענסט יופראקסיא פּאַ־ליועקטאָוו, צוויי און צוואַנציג יאָהר אַלט.

„זיין ערשטע פרוי," האָט לונעוו זיך געטראַכט. דעם דאָזיגען געדאַנק האָט ער אויפגעפאַסט נאָר מיט א קליינעם טהייל פון זיין מוח, וועלכער איז געווען פערנומען אין גאַנצען מיט אַנשטרענגענדע, ערמידענע געדאַנקען. דער קאָפּ זיינער איז פול געוועזן מיט עראַי־נערונגען וועגען פּאַליועקטאָוו'ן, מכח דער ערשטער בעגעגעניש מיט איהם, וועגען דער סצענע, ווי אַזוי ער האָט איהם דערוואָרגען און ווי זיינע הענד זיינען בעשפּריצט געוואָרען מיט דעם אַלטען'ס שפּייאַכץ. אָבער בשעת אַט די אַלע איינצעלהייטען זיינען אַרויפגעשוואומען ביי לונעוו'ן אין מוח, האָט ער פונדעסטוועגען ניט געהאַט קיין שום גע־פיהל פון מורא אָדער חרטה — מיט האַס, ערביטערונג און טיעפען פערדרוס האָט ער געקוקט אויפ'ן קבר. און שווייגענדיג, מיט הייסען צאָרן אין הארצען, גרינדליך איבערצייגט אין דער וואַהרהייט פון זיי־נע ווערטער, האָט ער גערעדט צו דעם טויטען קופּיעץ:

„צוליעב דיר, פערפלוכטער, האָב איך מיין גאַנץ לעבען צו־שמעטערט. צוליעב דיר, דו אַלטער טייוועל! וואָס פאַר א לעבען פיהר איך דאָס — צוליעב דיר! אויף אייביג האָב איך מיך אַז דיר בע־שמוצט."

ווי האַמערס האָבען אין זיין זעעלע געקלאַפּט די ווערטער: „צו־ליעב דיר." ס'האָט זיך איהם עפּעס געוואָלט מיט אַלע כחות אויס־שרייען אַט די ווערטער, כדי אַלע זאָלען זיי הערען, און ער האָט זיך קוים געקענט צוריקהאַלטען ניט אויסצופיהרען דיזען משוגע'נעם וואונש זיינעם. ער האָט אַזוי שטאַרק צוזאַמענגעביסען די ציינער, אַז זיי האָבען איהם גענומען וועה טהאָן, און האָט געקוקט און כסדר געקוקט, און די געדאַנקען וועגען זיין לעבען האָבען איהם אַרומגענומען אַזוי ווי די פלאַמען פון א העלישען פייער. פאַר זיינע אויגען האָט זיך בעווי־זען פּאַליועקטאָוו'ס קליין, דערווידערדיג פּנים'ל, און אַזוי ווי פון דער ערד איז אַרויסגעקראָכען דער בייזער, פליכעוואַטער קאָפּ פון'ם פּיש־הענדלער סטראַגאַני מיט זיינע רויטע ברעמען, און פּעטרוכאַ'ס אָבגע־ברעטענע, זעלבסטצופרידענע צורה און דער נאַרעשער קיריק, און כריאַנאָוו מיט'ן פּלאַטשיגען נעזעל און מיט די קליינע אויגעלעך—

א גאנצע שורה פון בעקאנטע. אין זיינע אויערן האט עס גערוישט און געמורמעלט, און איהם האט זיך אויסגעוויזען, עפעס אזוי ווי אט די אלע מענשען וואלטען איהם ארומגערינגעלט, ארויפגעפאלען אויף איהם און ניט געוואלט פון איהם אבטרעטען.

ער האט אבגעטראטען פון בוים — און דאס היטעלע איז איהם אראבגעפאלען פון קאפ. אז ער האט זיך אנגעבויגען, עס אויפצוהויבען, האט ער בשום אופן ניט געקענט אברייסען די אויגען פון דעם געלד־וועקסלער און שווינדלער פאליועקטאוו׳ס מצבה. ס׳איז איהם געווארען שווער און ניט גוט אויפ׳ן הארצען, דאס בלוט איז איהם אריין אין געזיכט און די אויגען האבען איהם אנגעהויבען וועה טהאן פון׳ם אנגעשטרענגטען קוקען. נור מיט גרויסער אנשטרענגונג איז איהם געלונגען זיי אבצורייסען פון דער מצבה. דערנאך איז ער צוגעגאנגען צום צוים, האט זיך אנגעהאלטען מיט די הענד פעסט אן די אייזערנע שטראכעטען, און ציטערנדיג פאר האס האט ער א שפיי געטהאן אויפ׳ן קבר...

אז ער איז פון דארט אוועק, האט ער אזוי שטארק געטראטען אויף דער ערד, פונקט ווי ער וואלט איהר מיט זיינע שווערע טריט געוואלט וועה טהאן.

ער האט קיין חשק ניט געהאט צו געהן אהיים — ביי איהם אויף דער נשמה איז עפעס געלעגען אזוי ווי א שווערע משא, און א קראנקהאפטעס, קאלטעס געפיהל האט איהם געשטיקט. ער איז געגאנגען לאנגזאם, האט וועגען קיין זאך ניט געטראכט, ניט אומגעקוקט זיך אויף קיינעם, עפעס אזוי ווי קיין זאך וואלט איהם ניט אינטערעסירט. אז ער איז צוגעקומען צום ברעג גאס, האט ער זיך מעכאניש פערקירעוועט אין קלאץ אריין, איז אבגעגאנגען נאך א שטיק און האט דערקענט, אז ער געפינט זיך ניט ווייט פון פעטרוכא פלימאנאוו׳ס שענק. ער האט זיך דערמאנט אן יאקאוו׳ן, און אז ער איז געוועזען ביים אריינגאנג פון פילימאנאוו׳ס הויז, האט זיך איהם געדוכט, אז עס וואלט ניט שלעכט געוועזען אריינגעהן געוואהר ווערן וואס דארט טהוט זיך, כאטש קיין גרויסען חשק האט ער דערצו ניט געהאט. בשעת ער איז ארויפגעגאנגען אויף די הינטער־טרעפ, האט ער שוין דערהערט פערפישקא׳ס שטימע:

„אַך יאָ, איהר גוטע מענשעלעך: האָט רחמנות אויף אַן אָרעמען זינדער, ניט צוברעכט די זייטען מיינע, קינדער...“

לונעוו איז געשטאַנען ביי דער אָפענער טהיר. אין מיטען דורך א וואָלקען פון שטויב און רויך פון טאַבאַק האָט ער דערזעהן יאַקאָוו'ן שטעהענדיג הינטער'ן בופעט. גלאַט פערקעמט, אין א ראָק מיט אונ־טערגעשניטענע פאָלעס און קורצע ארבעל, איז יאַקאָוו ארומגעלאָפען אהין און אהער, האָט אַנגעשאָטען טהעע אין די טשאַיניקעס, צוגע־צעהלט די שטיקלעך צוקער, אַנגעגאָסען בראַנפען און זיך גע'עסק'ט ביי דעם טיש־קעסטעל מיט געלד. די קעלנערס זיינען אלע ווייל צוגעלאָפען צו איהם, און אנידערוואַרפענדיג די מאַרקען אויפ'ן בופעט האָבען זיי צו איהם אויסגעשריען:

„א האַלבע פלאַש! א קריגעל ביער! פאַר א צעהנער געבראָטען פלייש!“

„ער האָט זיך שוין אויסגעלערנט,“ האָט לונעוו זיך געטראַכט, זעהענדיג ווי פלינק זיין פריינד'ס רויטע הענד האָבען ארומגעשוועבט אין דער לופטען.

„נאָ, דעם האַלבען רובל וועל איך איהם ניט פערגעסען!“ האָט אימיצער אויסגעשריען מיט א הויכער, בייזער שטימע.

„אַך!“ איז יאַקאָוו איבערראַשט געוואָרען פון פרייד, בעת איליא איז צוגעגאַנגען צום בופעט, און האָט זיך גלייך מיט אַן אונ־רוהיגען בליק אומגעקוקט צו דער טהיר, וועלכע האָט געפיהרט צו פעטרוכאַ'ס וואוינונג. זיין שטערן איז געווען אין גאַנצען אבגעגאָסען מיט שוויים, און אויף די געלע באַקען זיינען געשטאַנען רויטע פלע־קען. ער האָט אַנגענומען איליאַ'ן פאַר דער האַנד און האָט זי געשאָ־קעלט, ארויסלאָזענדיג בשעת מעשה א טרוקענעם הוסט.

„וואָס זשע מאַכסט דו?“ האָט לונעוו געפרעגט, זיך צווינגענדיג בעת מעשה א שמייכעל צו טהאָן.

„דו זעהסט דאָך... איך בין דאָ אין געשעפט...“

„זיי האָבען דיך, הייסט עס, פאַרט איינגעשפּאַנט אין יאָך?“

„וואָס זאָל מען טהאָן?“

יאַקאָוו'ס ברוסט איז געווען איינגעפאַלען און ער האָט אויסגע־וויזען נידעריגער און וואוקס ווי פריהער.

„ווי לאַנג דאָס איז שוין, אַז מיר האָבען זיך ניט געזעהן!" האָט ער זיך אָבגערופען און האָט געקוקט מיט זיינע גוטמוטיגע, טרויריגע אויגען איליא'ן אין געזיכט אריין. „כ'וואָלט אזוי געוואָלט ווידער אמאָל פּלוידערן אביסעל מיט דיר... דער טאַטע איז גראָד ניטאָ... אפשר וואָלסט דו אריינגעגאַנגען דאָרט אין דיין אמאָליגען צימער... כ'וועל נור בעטען די שטיפמאַמע מיינע, זי זאָל מיך א ווײַלע איבערבייטען..."

ער האָט געעפענט די טהיר צו דער וואוינונג און מיט א טאָן פון רעספּעקט האָט ער אריינגעשריען אינעווייניג:

„מאַמוניו!... קען איך אייך בעטען אויף א מינוט?..."

איליא איז אריין אין'ם קליינעם שטיבעל, וואו ער האָט אמאָל געוואוינט צוזאַמען מיט זיין פעטער, און האָט עס גענומען בעטראַכטען מיט אויפמערקזאַמקייט. ס'איז ווייניג וואָס פערענדערט געוואָרען — די טאַפּעטען זיינען געווען דונקעלער, אַנשטאַט צוויי בעטען איז דאָרט איצט געשטאַנען נור איינס, און איבער דעם איז געווען אַנגעשלאָגען א פּאָליצע אויף ביכער. אויף'ן פּלאַץ, וואו איליא פלעגט פריהער שלאָפען, איז איצט געשטאַנען א הויכער, מגושם'דיגער קאַסטען.

„אזוי — אצונד האָב איך מיך פריי געמאַכט אויף א ווײַלע!" האָט זיך יאַקאָוו אָבגערופען, שטראַהלענדיג פאַר פרייד, בשעת ער איז אריינגעקומען אין צימער. „ווּעסט אפשר טרינקען טהעע? יאָ? — הערדאַ, איוואַ—אַן! טהעע!"

ער האָט אָנגעהויבען הוסטען און האָט לאַנג געהוסט. זיך אָנהאַלטענדיג מיט דער האַנד אָן וואַנד, מיט אָן אראָבגעלאָזטען קאָפּ און מיט אָן אויסגעקרימטען רוקען. אזוי איז ער געשטאַנען א היבשע ווײַלע, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט וועלען עפּעס ארויסשטויסען פון דער ברוסט.

„דו בילסט דאָך גאָר ניט שלעכט!" האָט לונעוו געזאָגט.

„אָט אזוי געה איך איין... ווי צופריעדען איך בין, וואָס איך האָב דיך ווידער אמאָל געקראָגען צו זעהן!... ווי זויבער, ווי סאָליד דו זעהסט אויס!... נאַ, ווי לעבט זיך דיר פּאָרט?"

„ווי ס'לעבט זיך מיר?" האָט לונעוו געענטפערט מיט א האַלבען מויל. „אָט אזוי, נישקשה'דיג... און דיר?"

לונעוו האָט קיין חשק ניט געהאַט פון זיך צו ריידען, אָדער איבערהויפּט א סך צו טענה'ן. ער האָט געקוקט אויף יאַקאָוו'ן, און זע־הענדיג, ווי איינגעדאַרט זיין פריינד איז, האָט ער רחמנות געהאַט אויף איהם. אָבער ס'איז געווען א קאַלטער רחמנות — א פּוסט גע־פיהל, אָהן א שום אינהאַלט.

„איך, ברודער... טראָג מיין שיקזאַל אַזוי גוט ווי איך קען..." האָט יאַקאָוו געענטפערט מיט א האַלבען מויל.

„דער טאַטע דיינער האָט דיר דאָס בלוט אויסגעזויגען..."

„נאַ, איצט איז ער דאָך אַליין אויך אויף גרויסע צרות..."

„א מצוה אויף איהם!..."

„איצט איז די שטיפמאַמע בעל הבית אין הויז! וואָס זי זאָגט — איז הייליג!"

„נאָך וואָס טויג דיר א רובעל, קינד?

קוש ליעבערשט מיך אומזיסט געשווינד!"

האָט פּערפּישקא הינטער דער וואַנד צוגעזונגען זיין האַרמאָניקאַ.

„וואָס פאַר א קאַסטען שטעהט עס דאָ?" האָט איליא א פרעג געטהאָן און האָט אָנגעצייגט אויף דאָס מערקווירדיגע, גרויסע שטיק מעבעל, וואָס איז געשטאַנען ביי דער וואַנד.

„דאָס איז אַן אַלטער שפּיעל־קאַסטען," האָט יאַקאָוו געזאָגט. „דער טאַטע האָט עס פאַר מיר געקויפט, פיער רובעל האָט ער דער־פאַר בעצאָהלט... לערן זיך שפּיעלען דערויף, האָט ער געזאָגט — שפּעטער וועל איך קויפען א נייעם פאַר דריי הונדערט רובעל. מיר וועלען איהם אריינשטעלען אין דער גאַסט־שטוב, און דו וועסט קע־נען די געסט עפּעס פאַרשפּיעלען. לכל הפחות איין נוצען וועט מען דאָן פון דיר האָבען... זעהר קלוג, ניט אמת? איצט זיינען אין אַלע שענקען פאַראַן אינסטרומענטען, נאָר ביי אונז ניט. און עס מאַכט מיר שפּאַס דערויף צו שפּיעלען..."

„וואָס פאַר א געמיינער בחור דאָס איז!" האָט איליא געזאָגט.

„ניין — פאַרוואָס פאַרט? ער איז דאָך גערעכט: ער האָט דאָך ווירקליך פון מיר קיין שום נוצען ניט!"

איליא האָט א קוק געטהאָן אויף זיין פריינד מיט א פינסטערן בליק, און מיט א ביטערן טאָן האָט ער געזאָגט:

„זאג איהם אקארשט ער זאל דיך אויסשטעלען ביי זיך אין שענק, אז דו וועסט שטארבען, און נעהמען דערפאר איינטריט־געלד... ווע־ניגסטענס א פינפער פאר א פערזאן!... וועסט דו איהם נאך אויך בריינגען נוצען!"

יאקאוו האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן, ער האט א שמייכעל געטהאן און דערנאך האט ער פון דאס ניי אנגעהויבען צו הוס־טען, זיך אנכאפענדיג בשעת מעשה א ווײלע פאר דער ברוסט און א ווײלע פאר'ן האלז.

פערפישקא האט אינעווייניג אין שענק דערצעהלט פון אימי־צען:

געהיט האט ער יעטוועדען תענית,
געגעסען קרענק מיט זאבאבאנעס,
דער בויך ביי איהם תמיד א פוסטער,
נאר ריין איז ער געווען — א מוסטער..."

„א—א—אך!... וואס העלפט עס!" האט דער שוסטער דער־נאך געזאגט, און זיין פיעל־בעריהמטע הארמאניקא האט אריבערגע־שטיגען די ווערטער פון ליעדעל מיט איהרע קלינגענדע טענער.

„ווי קומסט דו אוים מיט דיין שטיעפברודער?" האט איליא געפרעגט, ווען זיין פריינד האט ענדליך אויפגעהערט צו הוסטען.

יאקאוו האט אויפגעהויבען זיין געזיכט, וואס איז געווען בלוי אנגעלאפען פון אנשטרענגונג, און האט געענטפערט:

„ער וואוינט ביי אונז: זיינע אפיקונעס ערלויבען עס איהם ניט... א שענק, זאגען זיי... כ'קום מיט איהם אוים! ער האלט זיך אביסעל גרוים... שפיעלט די ראלע פון'ם יונגען בעל הבית... קומט זעהר אפט צו דער מאמען זיינער נאך געלד... ער דארף איבערהויפט האבען זעהר פיעל געלד!"

און מיט א גאנץ נידעריגער שטימע האט יאקאוו ווייטער גע־זאגט:

„דערמאנסט דו זיך נאך אן דאס בוך? דו ווייסט דאך.. יא? נו, זעהסט דו, ער האט עס ביי מיר צוגענומען... ס'איז א זעהר זעל־טענעם בוך, ס'האט געקאסט א סך געלד — און ער האט עס ביי מיר צוגענומען... איך בעט זיך ביי איהם: לאז עס מיר איבער — אבער

ניין, ער האָט עס מיר ניט געלאָזען!"

איליא האָט זיך געמוזט צולאַכען אויפ'ן קול איבער דעם נאָך איוועז יאשקא. דערנאָך האָבעןביידע פריינד געטרונקען טהעע. דער טאָפּעט אין קליינעם שטיבעל האָט געסקריפּעט און דורך די שפּאַלטען אין דער דינער וואַנד האָט מען געקענט הערען אי דעם ריח פון שענק, אי די טענער וואָס זיינען פון דאָרט אריינגעקומען. פון דער אנדערער זייט וואַנד האָט זיך געלאָזט הערען אַ קוויטשיגע שטימע, וועלכע האָט אריבערגעשריען אלצדינג:

„דו, מיטר ניקאָלאַאיטש — פערדרעה מיר אַקאַרשט ניט אויף אַזאַ גנב'ישען אופן מיינע עהרליכע ווערטער אין מויל!"

„כ'וועל דיר איבערלייענען אַ געשיכטע, ברודער," האָט יאַקאָוו געזאָגט, „זי הייסט: „יוליא אָדער די העהלען אין דעם שלאָס מאַדזיני"... זעהר אינטערעסאַנט... און דו — ווי האָלטסט דו עפּעס מיט'ן לעזען?"

„כ'שפּיי אויף אַלע העהלען — כ'וואָוין אַליין אויך ניט הויך דאָ אויף דער ערד," האָט לונעוו געענטפערט מיט אַ מורמעל.

יאַקאָוו האָט איהם אָנגעקוקט מיט אַ רחמנות'דיגען בליק און געזאָגט:

„וואָס זשע, ביי דיר איז אויך וואָס עס איז ניט ווי ס'דאַרף צו זיין?"

לונעוו האָט ניט געענטפערט. ער האָט געטראַכט דערפון, צי זאָל ער יאַקאָוו'ן דערצעהלען וועגען מאשא'ס צרות אָדער ניט. אבער יאַקאָוו האָט גלייך ווידער גענומען ריידען מיט זיין זאַנפטער שטימע:

„זעה, איליא — דו קאָכסט און ערגערסט זיך שטענדיג — און ס'האָט דאָך גאָר קיין שום צוועק ניט. נאָך מיין מיינונג נאָך! ווארים נאָך אַלעמען זיינען דאָך די מענשען... אין גאַרנישט שולדיג! ס'איז איינמאָל פאַר אַלע מאָל אזוי איינגעשטעלט געוואָרען... און ניט זיי האָבען עס אזוי געמאַכט... ווייל שוין פריהער פאַר זיי איז אַלצדינג געוועזען אזוי איינגעאָרדענט און איינגעשטעלט..."

לונעוו האָט געטרונקען זיין טהעע און געשוויגען.

„און יעדען איינעם ווערט אָבגעגעבען נאָך זיינע מעשים נאָך—

דאָס איז אָהן אַ שום ספק אמת! אַט נעהם, למשל, מיין טאַטען... אַפּען גערעדט: ער איז אַ רוצח, אַ מענשען־שינדער! אַבער פאַלט מיט אַמאָל אַראָב פּיאָלקאַ טימאָפּעיעוונאַ, און — אַרונטער מיט איהם אונטער׳ן פּאַנטאָפעל! און אַצונד פיהרט ער אַ לעבען — אַז אַך און אַז וועה! שכור׳ן אפילו האָט ער שוין אַנגעהויבען פאַר פּער־דרוס. און ווי לאַנג איז אין גאַנצען, אַז זיי האָבען חתונה געהאַט?... און יעטוועדען מענש ערוואַרט אין דער צוקונפט פאַר זיין רשעות, פאַר זיינע שלעכטע מעשים אַזאַ מין פּיאָלקאַ טימאָפּעיעוונאַ...“

איליאַ׳ן איז געוואָרען איבערדריסיג צו הערען — ער האָט מיט אונגעדולד אַרומגעדרעהט זיין גלאָז אויף טהעע־ברעטעל אַהין און אַהער און דערנאָך האָט ער גאַנץ פּלוצלונג אַ פרעג געטהאָן דעם פריינד זיינעם:

„וואָס ערוואַרטסט דו אַליין?“

„איך? פון וואַנען?“ האָט יאַקאָוו געפרעגט מיט אַ שטילער שטימע, אויסשטעלענדיג אויף איליאַ׳ן אַ פּאָר גרויסע, אַפּענע אויגען.

„נו, פון... דער צוקונפט — וואָס ערוואַרטסט דו?“ האָט איליאַ ווידערהאָלט שטרענג זיין פראַגע.

יאַקאָוו האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און האָט זיך פערטראַכט.

„נו?“ האָט איליאַ זיך אָבגערופען מיט אַ האַלבען מויל, דער־פיהלענדיג בעת מעשה אין הארצען אַ מורא׳דיגע אונרוהיגקייט אין אַ טיעפען וואונש, אַזוי גיך ווי מעגליך צו פערלאָזען דעם שענק.

„וואָס האָב איך צו ערוואַרטען?“ האָט יאַקאָוו געזאָגט אין דער שטיל, ניט אַ קוק געבענדיג אויף איהם. „צו ערוואַרטען... האָב איך מעהר גאָרנישט! איך וועל שטאַרבען... דאָס איז אַלץ. און אַז איך וועל באַלד שטאַרבען... דאָס איז זיכער...“

ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און מיט אַ שטילען, צופריעדע־נעם שמייכעל אויף׳ן אויסגעדאַרטען פּנים האָט ער ווייטער געזאָגט:

„כ׳זעה איצט כסדר בלויע בילדער אין חלום... אַלץ קומט דיר פאָר בלוי... ניט נור דער הימעל, נאָר אויך די ערד, און די ביימער, די בלומען, די גראָזען — אַלצדינג! און ס׳הערשט אַזאַ מין רוה... גאַנץ שטיל איז עס. עפּעס אַזוי ווי קיין זאַך וואָלט ניט פאַרגע־קומען, אַזוי אונבעוועגליך, אַזוי געלעהמט איז אַלצדינג... און אַלץ איז

בלוי. דו געהסט זיך אזוי לייכט, ערגעץ־וואו, ניט ווערענדיג מיעד — ווייט אוועק, אהן א סוף... און דו קענסט ניט בעגרייפען: צי ביסט דו אָדער ביסט דו ניט? אזוי גרינג איז דיר אויפ'ן הארצען... בלויע חלומות — זיינען אן אנזאג, א סימן פון טויט!"

„זיי געזונד!" האט לונעוו געזאגט און איז אויפגעשטאנען פון שטוהל.

„וואוהין לויפסט דו פארט? בלייב נאך א ווילע!"

„ניין—זיי געזונד!"

יאקאוו האט זיך אויך אויפגעהויבען.

„נו—טו געה!..."

לונעוו האט געדריקט זיין הייסע האנד און ניט אויסריידענדיג קיין ווארט האט ער דעם פריינד געקוקט אין געזיכט אריין, ניט ווי־סענדיג וואס איהם צו זאגען ביים געזעגענען זיך מיט איהם. און ער האט איהם דאך אויף יעדענפאלס געוואלט כאטש וואס עס איז זא־גען, ער האט געפיהלט, אז ער מוז איהם עפּעס זאגען, צו שטילען דעם ווייטאג אין זיין הארצען.

„עפּעס קוקסט דו אזוי מאָדנע אויף מיר!" האט זיך יאקאוו אנגערופען מיט א שמייכעל.

„פערגיב מיר, ברודער..." האט לונעוו געזאגט מיט א טרויע־ריגער שטימע און האט אראבגעלאזען די אויגען צו דער ערד.

„וואס זאל איך דען פערגעבען?"

„איינפאך אזוי... פערגיב מיר."

„וואס בין איך דען, א פּאפּסט?" האט יאקאוו מיט א שמייכעל געפרעגט. „אך — ווארט אקארשט! כ'האב שיער ניט פערגעסען: ווי געהט'ס מאשוטקא'ן? ניט אם בעסטען, האט מען מיר געזאגט..."

„כ'האב אויך געהערט דאסזעלבע..."

„מיר האבען, ווייזט אויס, אלע קיין מזל ניט... אויך דיר, זעה איך, איז ניט לייכט אויפ'ן הארצען..."

א שמערצליכער שמייכעל האט זיך ביי די ווערטער אויסגעלייגט ארום זיין מויל. דער קלאנג פון זיין קול און זיינע ווערטער גופא הא־בען אויסגעזעהן אזוי בלאס, אזוי אהן בלוט און אהן פארב... לונעוו האט איהם אויסגעשטרעקט די אָפענע האנד — און יאקאוו'ס האנד

איז אריינגעפאלען אין איהר מיעד, אהן א שום קראפט.

„נו, יאשא, פערגיב מיר!...“

„גאט וועט דיר פערגעבען! דו וועסט דאך באלד ווידער קומען?“

איליא איז ארויסגעגאנגען, ניט ענטפערענדיג קיין ווארט.

אויף דער גאס האט ער זיך גלייך דערפיהלט לייכטער און פרייער. ס'איז איהם קלאר געווארען, אז יאקאוו וועט באלד שטארבען, און דאס האט אויפגערייצט זיין צארן געגען וועמען עס איז. ניט יאקאוו'ן האט ער דאס בעדויערט — ער האט זיך גאר קיינמאל ניט געקענט פארשטעלען, ווי אזוי אט דאס איינפאך, שטיל אינגעל וועט קענען לעבען צווישען די מענשען. ער האט שוין פון לאנג אן דעם פריינד זיינעם בעטראכט פאר איינעם, וואס איז בעשטימט צו שטארבען. איהם האט פיעל מעהר געמאטערט דער געדאנק: פארוואס איז דאס דאזיגע מענשען־קינד, וואס האט קיינמאל קיינעם קיין שלעכטס ניט געטהאן — פארוואס איז עס אזוי געפייניגט געווארען? פארוואס ווערט עס פאר דער צייט געטריבען אין קבר? און פון אט דעם געדאנק האט זיין האס צום לעבען — וואס האט איצט דורכגענומען די גאנצע נשמה זיינע — געשעפט נייע שפייז און האט זיך אין איהם פערשטארקט.

ביינאכט האט ער ניט געקענט געפינען קיין רוה. ביי איהם אין צימער איז געוועזן שווער די לופט, כאטש דאס פענסטער איז געוועזן אפען. ער איז ארויס אין הויף און האט זיך אנידערגעלייגט אונטער א גרויסען שאטען־בוים, געדיכט ביים צוים. ער איז געלעגען אויפ'ן רוקען און האט ארויפגעקוקט צום קלאהרען הימעל, און וואס שארפער ער האט געקוקט, אלץ מעהר שטערן האט ער דארט דערזעהן. די „מילך־גאס“ האט זיך אויסגעשפרייט אזוי ווי א ברייטער, זילבערנער בגד איבער'ן הימעל. ס'איז איהם געווארען אזוי גוט, אזוי אנגענעהם אויפ'ן הארצען, בשעת ער האט דורך די צווייגען פון בוים ארויפגעקוקט צו די בלישטשענדע ליכטלעך. דארט אויבען אויפ'ן הימעל, וואו קיינער איז ניטא, גלאנצען פינקלענדע שטערען, און די ערד דא אונטען — מיט וואס איז זי פערפוצט? ער האט צוגעמאכט די אויגען, און איהם האט זיך אויסגעדוכט, עפעס אזוי ווי די צווייגען פון בוים וואלטען אלץ ארויפגעשטיגען העכער און העכער. אויף דעם

בלויען, סאַמעטענעם הימעל, בעזעעט מיט פונקלענדע שטערען, האָ־בען די שוואַרצע שאָטענס פון די בלעטער אויסגעזעהן ווי הענד, וועל־כע זיינען אויסגעשטרעקט צום הימעל און זוכען איהם צו דערגריי־כען. איליא האָט געטראַכט פון זיין פריינד'ס בלויע חלומות, און אין זיין געדאַנק איז אַרויפגעשוואומען יאַקאָוו'ס געשטאַלט — אויך גאַנץ בלוי, לייכט און דורכזיכטיג, מיט גוטע, ליכטיגע אויגען, וועלכע האָ־בען אויסגעזעהן ווי אַ פּאָר שטערען... און ער האָט זיך געטראַכט: ס'האָט געלעבט אַ מענש, און דאָס האָבען זיי געמאַטערט און געפּיי־ניגט צום טויט, ווייל ער איז געווען זאַנפט און פריעדליך... יענע אָבער, וועלכע האָבען איהם געפּייניגט, לעבען גרויסאַרטיג און גליק־ליך און וועלען נאָך לאַנג לעבען...

9.

א נייער עלעמענט האָט זיך אַריינגעמישט אין איליא'ס לעבען— אַ גאַנץ בעזונדערער עלעמענט, וואָס האָט נאָך מעהר צוטרייסעלט זיין אונרוהיגע זעעלע. גאַוורילק'ס שוועסטער האָט אָנגעהויבען קומען כמעט טאָג פאַר טאָג צו איהם אין קלייט. זי האָט שטענדיג אויסגעזעהן פערד זאָרגט. יעדעם מאָל, וואָס זי איז געקומען, האָט זי בעגריסט איליא'ן, איהם וואַרם געדריקט די האַנד, גערעדט מיט איהם אַ פּאָר ווערטער און איז דערנאָך ווידער פערשוואונדען, איבערלאָזענדיג יעדעם מאָל עפּעס נייעס אין זיין מוח. איינמאָל גיט זי איהם אַ פרעג:

„איהר געפינט פערגניגען אין דעם האַנדעל, וואָס איהר טרייבט?“

„ניט איבעריגענס,“ האָט לונעוו געענטפערט, ציהענדיג מיט די אַקסלען. „אָבער פון וואָס עס איז מוז מען זיך דאָך ערנעהרען...“

זי האָט מיט איהרע ערנסטע אויגען דורכגענומען זיינע געזיכט־ציגע, און דער פּנים איהרער האָט בעת מעשה אויסגעזעהן געשפּאַנטער ווי געוועהנליך.

„מען מוז דאָך לעבען,“ האָט זיך איליא אַזוי ווי פערענטפערט.

„איהר האָט קיינמאָל ניט געפּרואווט לעבען פון וואָס פאַר ס'איז אַרבייט?" האָט דאָס מיידעל געפרעגט.

איליא האָט איהרע ווערטער ניט פערשטאַנען און ער האָט געפרעגט:

„וואָס האָט איהר געזאָגט?"

„כ'האָב געפרעגט, צי האָט איהר ווען עס איז געאַרבייט?..."

„איך האָב תמיד געאַרבייט. מיין גאַנץ לעבען לאַנג. און איצט... גיב איך זיך אָב מיט האַנדעל," האָט לונעוו געענטפערט, פערוואונדערט איבער איהר מאָדנע פראַגע.

זי אָבער האָט אַ שמייכעל געטהאָן — און אין איהר שמייכעל איז געלעגען עפּעס, וואָס האָט איליא'ן בעליידיגט.

„איהר מיינט, הייסט עס, אַז זיך אָבגעבען מיט האַנדעל איז אַרבייט? איהר דענקט, ס'איז איינס און דאָסזעלבע?" האָט זי אויף גיך אַ פרעג געטהאָן.

„פערשטעהט זיך! כ'וועך דאָך פערמאַטערט דערפון..."

ער האָט איהר אַריינגעקוקט אין געזיכט און געפיהלט, אַז זי רעדט דאָס ערנסט און שפּאַסט ניט.

„אָה ניין," האָט זי מיט אַ קלוגען שמייכעל ווייטער געזאָגט. „פון אַרבייט קען מען נור ריידען, ווען דער מענש פּראָדוצירט, ברייגגט עפּעס אַרויס דורך דער אָנווענדונג פון זיינע קרעפטען... ווען ער שאַפט וואָס עס איז... בענדער, גאַרטלען, שטוהלען, שפּינדלאָך, למשל, איהר פערשטעהט?"

לונעוו האָט שווייגענדיג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און איז רויט געוואָרען. ער האָט זיך געשעהמט זיך מודה צו זיין, אַז ער האָט זי ניט פערשטאַנען.

„און דעם האַנדעל — ווי אַזוי קען מען איהם אָנרופען אַרבייט? ער גיט דאָך די מענשען גאַרנישט," האָט דאָס מיידעל געזאָגט מיט אַן איבערצייגטען טאָן און האָט בשעת מעשה געקוקט אויף איליא'ן מיט אַ פאָרשענדען בליק.

„נאַטירליך," האָט ער געענטפערט לאַנגזאַם און פאַרזיכטיג — „איהר זייט גערעכט... האַנדלען איז ניט זעהר שווער, אַז מען פערשטעהט עס... אָבער עפּעס גיט דאָך דער האַנדעל פאַרט דעם מענשען...

ס'הייסט א פּראָפּיט... אז ער וואָלט דאָס ניט געגעבען, ווער זשע וואָלט דען געוואָלט זיך אָבגעבען דערמיט?"

ניט אויסריידענדיג מעהר קיין וואָרט האָט זי זיך אָבגעקעהרט פון איהם, האָט עפּעס גערעדט מיט איהר ברודער און איז גלייך אוועק, א שאָקעל געבענדיג מיט'ן קאָפּ צו איליא'ן בשעת'ן ארויס־געהן. איהר געזיכט איז ווידער געוואָרען פראָסטיג און שטאָלץ, אזוי ווי ס'איז געווען פאר איהר בעקאַנטשאַפט מיט מאַשאַ'ן. איליא האָט גענומען נאָכדענקען, צי האָט ער זי ניט אקאָרשט בעליידיגט מיט אן אונפּאַרזיכטיג וואָרט. ער האָט אויסגערעכענט אויפ'ן האר אלצדינג, וואָס ער האָט מיט איהר גערעדט, און ער האָט דעריין גאָרנישט גע־פונען, וואָס זאָל זי קענען בעליידיגען. דערנאָך האָט ער גענומען צו־גלידערן איהרע ווערטער, און וואָס מעהר ער האָט נאָכגעדענקט וועגען זיי, אלץ מעהר האָבען זיי איהם בעשעפטיגט. וואָס פאַר א חילוק גע־פינט זי דען אייגענטליך צווישען האנדעל און ארבייט?

זי האָט איהם וואָס ווייטער אלץ מעהר אינטערעסירט. דאָך האָט ער בשום אופן ניט געקענט פערשטעהן, פאַרוואָס איהר געזיכט איז אימער אזוי בייז, אזוי פערביסען, אין דער צייט וואָס זי איז דאָך פון נאַטור א גוטע און ניט נור זי בעדויערט די מענשען, נאָר זי איז אויך שטענדיג גרייט זיי צו העלפען. פּאַוועל האָט זי בעזוכט ביי איהר אין דער היים און ער האָט מיט בעגייסטערונג געלויבט און געריהמט אי איהר, אי דאָס גאַנצע לעבען אין איהר פאַמיליע.

„קומסט דו נור אריין צו זיי, הערסט דו גלייך: „איהר זייט אונז ווילקאָמען!" עסען זיי וואָרעמעס — איז גלייך בעט מען דיך צום טיש. טרינקען זיי טהעע — ביסט דו סיי ווי סיי איינגעלאַדען. אלץ איז אזוי איינפאַך, און מענשען זיינען דאָרט פאַראַן — א גאַנצע מחנה; אזוי פרעהליך זיינען אלע, זינגען, שרייען, דיסקוטירען איבער ביכער. ביכער, הערסט דו, וואַלגערן זיך ארום ביי זיי אזוי ווי אין א מאַגאַזין. ס'איז דאָרט ענג, זיי שלאָגען זיך אָב איינע אָן די אנדערע און לאַכען דערביי. אלץ לויטער געבילדעטע מענשען — אן אדוואָ־קאַט איז דאָרט פאַראַן, און נאָך אן אנדערער, וועלכער דאַרף באלד ווערן א דאָקטאָר, און גימנאַזיסטען, און אלערליי אזעלכע לייט. דו פערגעסט זיך גאָר, ווער דו ביסט, און דו לאַכסט, רויכערסט און פּלוי־

דערסט מיט זיי. אויסגעצייכענטע לייט — אזוי לוסטיג, און דער־ביי אזוי ערנסט..."

„מיך וועט זי ניט איינלאדען, זעהסט דו..." האט זיך לונעוו אָנ־גערופען מיט א מורמעל. „דאס שטאָלצע פריילין!"

„אט די איז שטאָלץ?" האט זיך פּאוועל פערוואונדערט. „כ'זאג דיר — די פּראַקטיקייט אליין! ווער הייסט דיר ווארטען ביז וואנען זי וועט דיך רופען? געה איינפאך אריבער אהין... געהסט אהין — און ביסט דאַרט! אבגעמאכט! אזוי ווי אין א שענק איז ביי זיי — ביי גאָט, אזוי פריי, זאָג איך דיר. וואס בין איך, למשל, אנטקעגען זיי? אבער קוים בין איך דאַרט צווייטמאָל געווען — בין איך שוין געווען איינער פון זיי. ס'איז אינטערעסאנט! אזוי הויך און ליארעמדיג געהט עס צו... עפּעס שפּריצען די ווערטער ארוים פון די מיילער... א שפּיעלכעל איז ביי זיי דאס לעבען..."

„נאַ—און וואס מאכט מאשוטקא?" האט איליא געפרעגט.

„ס'געהט איהר גאנץ גוט... זי איז שוין אביסעל צו זיך געקומען, זיצט דאַרט און שמייכעלט. זיי קורירען איהר מיט עפּעס... גיבען איהר מילך צו טרינקען. כריאַנאוו וועט מיאום ארויינפאלען — דער אד־וואָקאט זאָגט, זיי וועלען מיט איהם לערנען דרך ארץ... זיי פאָהרען כסדר מיט מאשקא'ן צום סליעאַדוואטעל, און וועגען מיינער, טהוען זיי אויך וואס זיי קענען. דער פּראָצעס זאָל פאַרקומען וואס שנע־לער... ניין, ס'איז ווירקליך פיין ביי זיי. די וואוינונג איז גאנץ קליין, און מענשען זיינען דאַרט פאראן ווי שטיקער האָלץ אין אויווען, און זיי גליהען אויך פּונקט אזוי..."

„און זי אליין — וואס טהוט זי?" האט זיך לונעוו נאָכגעפרעגט.

וועגען סאָניא'ן האט פּאוועל ניט געקענט אנדערש דערצעהלען ווי דעמאָלט, אין זיינע קינדערשע יאָהרען, וועגען די ארעסטאנטען, וועלכע האָבען איהם געלערנט לעזען און שרייבען. ער האָט זיך גע־מאַטערט, אויסצוגעפינען די בעסטע ווערטער און האָט אלע וויילע ארייגעמישט אין זיינע רייד אלערליי אויסדריקע, פול מיט בעגייס־טערונג.

„הערסט דו, ברודער, אָט די, אָהאָ—אָ, וואס זי האָט זיך דאס אביסעל אָנגעלערנט! און איבער אלעמען קאָמאנדעוועט זי, און אז

אימיצער זאָגט עפּעס, וואָס איהר געפעלט ניט, מאַכט זי גלייך פררר! אזוי ווי א קאַץ..."

„איך קען זי טאַקי פון דער זייט," האָט זיך איליא אַנגערופען מיט א שמייכעל.

ער האָט מקנא געווען פּאַוועל'ן: ס'האָט זיך איהם זעהר גע־וואָלט זיין אַן איינגעהער ביי דער גימנאַזיסטקע אין שטוב, אָבער זיין שטאָלץ האָט איהם ניט דערלאָזען, אויסצוקלייבען דעם איינ־פאַכסטען וועג און אַהן טענות אריבערצוגעהן אהין.

הינטער זיין פערקויף־טיש איז ער געשטאַנען און זיך געטראַכט פאַר זיך:

„פאַראַן אזוי פיעל מענשען, און יעדער איינער איז נור אויסען, צו ציהען וואָס פאַר עס איז נוצען פון צווייטען, און זי — וואָס פאַר א נוצען האָט זי דערפון, וואָס זי נעהמט זיך אַן פאַר מאַשוטקאַ'ן און ווערא'ן?... זי איז אָרעם, יעדעס שטיקעל ברויט קאָסט דאָך געלד... אַלזאָ מוז זי דאָך ווירקליך זיין א פריינדליכע בטבע, א גוט הארץ... און ווי אזוי בענעהט זי זיך מיט מיר? ! ווי אזוי רעדט זי מיט מיר?... מיט וואָס בין איך פאַרט ערגער פון פּאַוועל'ן?"

אָט די געדאַנקען האָבען איליאַ'ן אזוי שטאַרק בעשעפטיגט, אז ער האָט זיך צו אַלע אנדערע זאַכען כמעט גלייכגילטיג פערהאַלטען. אין דעם חשך פון זיין לעבען האָט זיך מיט אמאָל א שפּאַלט געעפענט, און דורך דיזען שפּאַלט האָט ער דערזעהן אָדער, בעסער געזאָגט, דער־שפּירט ערגעץ־וואו אין דער ווייטענס עפּעס א מין שיין, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזעהן...

„מיין ליעבער פריינד," האָט זיך טאַטיאַנאַ וולאַסיעוונאַ איינ־מאָל מיט אַן ערנסטען טאָן געווענדעט צו איהם — „דאָס שמאָלע וואָלבאַנד מוז ווידער איינגעשאַפט ווערן... די שפּיצען זיינען שוין אויך אויסגעגאַנגען... שוואַרצער פּאַדים נומער פופציג איז געבלי־בען גאַנץ וויי‌ניג... פערלמוטער־קנעפּ האָט אונז א פירמא אַנגעבאָטען — דער אַגענט איז ביי מיר געווען, כ'האָב איהם געשיקט אהער. איז ער דאָ געווען?"

„ניין," האָט איליא קורץ געענטפערט.

דיזע פרוי איז איהם וואָס ווייטער אַלץ מעהר פער'נמאס'ט גע־

ווארען. ביי איהם האט זיך געיאוועט א חשד, אז טאטיאנא וואָ־
סיעוונא האט אנגעהויבען פערקעהרען מיט קאַרסאַקאָוו׳ן, וועלכער איז
ניט לאנג צוריק געוואָרען קוואַרטאַלני נאַדזיראַטעל. איהר שותף פלעגט
זי נור זעלטען ווען פערבעטען צו פערברייגגען די צייט, כאָטש זי איז
נאך אימער געווען אזוי פריינדליך און ליעבליך צו איהם ווי פריהער.
לונעוו אבער האט אויך די זעלטענע איינלאַדונגען געזוכט אויסצומיי־
דען, געפיגענדיג אימער א תירוץ זיך דערפון אויסצודרעהן. אז ער האט
געזעהן, אז טאטיאנא׳ן הויבט עס ניט אַן צו אַרען, האט ער זי אויס־
געזידעלט אין דער שטיל:

„די אויסגעלאַסענע!... די אונפערשעהמטע פּראַסטיטוטקע!...“

דער עיקר פלעגט זי איהם דערעסען דאָן, ווען זי פלעגט קומען
אין קלייט רעווידירען די סחורה. זי פלעגט דאַן אַרומטאַנצען איבער׳ן
מאַגאַזין, אַרויפשפּרינגען אויפ׳ן קלייט־טיש, אַרונטערנעהמען די
שאַכטלען פון די אויבערשטע פּאָליצעס און זיך צוניסען פון׳ם שטויב,
וואָס זי פלעגט אין איין וועגס אַבפּראַשען. דערנאָך פלעגט זי צו־
שאָקלען מיט׳ן קאָפּ און זיך צו׳טענה׳ן מכח גאַווריק׳ן:

„א אינגעל אין א קלייט מוז זיין געשיקט און פלייסיג. מען גיט
איהם דאך ניט צו עסען, ער זאָל קענען א גאַנצען טאָג שטעהן ביי
דער טהיר און זיך רייניגען מיט די פינגער די נאָז! און אז די בעל־
הבית׳טע רעדט, דאַרף ער אויפמערקזאַם אויסהערען און ניט שטעהן
ווי א גולם...“

אבער גאַווריק האט זיך געהאַט זיין אייגענעם כאַראַקטער. ער
האט אויסגעהערט דער בעל הבית׳טעס פּלאַפּלעריי און ס׳זאָל איהם
אנהויבען טשעפּען! נאר אז זי פלעגט אַרויפקריכען גאַנץ הויך צו די
אויבערשטע פּאָליצעס און זיך דערביי אויפהויבען די קליידער איהרע,
פלעגט גאַווריק מיט א גנב׳ישען שמייכעל א וואונק טהאָן צום בעל
הבית. געערדט האט ער מיט איהר כסדר גראָב, אהן א ברעקעל רעס־
פּעקט. און ווי זי פלעגט נאר אַרויסגעהן פון קלייט, פלעגט ער אי־
ליא׳ן א זאָג טהאָן:

„דער פויגעל מיט די לאַנגע פּיס און מיט׳ן לאַנגען שנאַבעל איז
שוין אוועקגעשפּרונגען!“

„אזוי דארף מען ניט ריידען פון דער בעל הבית'טע," האָט איליא איהם גע'מוסר'ט, זיך איינהאלטענדיג בעת מעשה פון לאכען.

„וואָס איז זי מיר פאר א בעל הבית'טע!" האָט גאווריק פראָטעסטירט. „קומט, פלוידערט אָן א גאנצען זאק און שפרינגט ווידער אוועק... דער בעל הבית זייט—איהר!"

„און זי אויך..." האָט איליא, וועלכער האָט ליעב געהאט דעם סאָלידען, אָפּענהערציגען אינגעל, שוואך אָבגעענטפערט.

„זי איז א שפרינג־פויגעל, ווייטער גאָרנישט," האָט זיך גאווריק געהאלטען ביי זיינס.

„פונ'ם אינגעל וועט שוין קיין לייט ניט ווערן," האָט זיך די אוטאָנאָמאָוונא איינמאָל אָבגערופען. „און איבערהויפּט... איך מוז זאָגען, אז ביי אונז געהט אלצדינג צו אין דער לעצטער צייט... אָהן א שום בעגייסטערונג, אָהן ליעבשאפט צום האנדעל..."

לונעוו האָט געשוויגען. ער האָט זי פיינט געהאט פון גאנצען הארצען און האָט זיך געטראכט:

„זאָג, וואָס דו ווילסט! פון מיינעטוועגען מעגסט דו זיך די פיס אויסדרעהען, דו מכשפה וואָס דו ביסט..."

פון פעטער טערענטי האָט איליא אין דער צייט ערהאלטען א בריעף, אין וועלכען דער הויקער האָט געשריבען, אז ער איז געווען ניט נור אין קיעוו, נאָר אויף ביים היילינגען סערגיי אין קלויסטער. ער האָט שוין כמעט אָנגעשפּאָרט ביז סאָלאָווקי אויף דער דווינאָ, אָבער ער האָט זיך מישב געווען און לאָזט עס איבער אויף אַן אנדערס מאָל, און איצט האָט ער בדעה צוריקצוקומען אהיים.

„טאָמער האָט ער מיר נאָך געפעהלט," האָט זיך איליא געטראכט מיט פערדרוס. „ער וועט דאָך על כל פנים וועלען וואוינען דאָ ביי מיר..."

און ער האָט גענומען טראכטען, ווי אזוי מען מאכט, אז דער פעטער זאָל זיך איהם ניט אָנהייננגען אויפ'ן האלז. אָבער ס'איז איהם קיין סך צייט ניט געבליבען נאָכצודיינקען — די קלייט איז באלד פול געוואָרען מיט קונים, און בשעת ער איז געווען פערנומען מיט זיי, איז אָנגעקומען גאווריק'ס שוועסטער. פערמאטערט, קוים וואָס זי האָט אָנגעכאפּט דעם אָטהעם, האָט זי איהם בעגריסט, און זיך אָנ־

בויגענדיג מיט'ן קאָפּ צו דער טהיר פון זיין צימער, האָט זי א פרעג געטהאָן:

„פאַראַן דאָרט אינעווייניג... וואסער?"

„כ'ברייננג אייך גלייך ארויס אביסעל וואסער," האָט איליא געזאָגט.

„לאָזט... איך וועל זיך אליין בעדיענען..."

זי איז אריין אין צימער און איז געבליבען דאָרט אזוי לאנג, ביז וואנען די קונים זיינען אוועק און לונעוו איז אריינגעקומען. ער האָט זי געטראָפען שטעהן ביים בילד „די מדרגות פון מענשען'ס עלטער," וואָס זי האָט בעטראכט מיט א קריטישען בליק. זי האָט אומגעדרעהט דעם קאָפּ צו איליא'ן, און אָנווייזענדיג מיט די אויגען אויפ'ן בילד, האָט זי געזאָגט:

„וואָס פאר א שונד דאָס איז!..."

לונעוו האָט געפיהלט, אז איהר בעמערקונג האָט איהם אריינגעבראכט אין א פערלעגענהייט, און ער האָט א שמייכעל געטהאָן, פונקט ווי ער וואָלט זיך געפיהלט שולדיג אין עפּעס.

„ברר! ווי קרעמעריש!" האָט זי מיט אן אויסדרוק פון עקעל ווייטער געזאָגט. און איידער ער האָט נאָך צייט געהאט אויסצוריידען צו איהר א וואָרט וועגען דעם, איז זי שוין ניט געווען...

א פּאָר טעג שפּעטער האָט זי געבראכט דעם ברודער די וועש און האָט איהם אויסגערעדט פארוואָס ער שוינט אזוי ווייניג זיינע קליידער און צורייסט און בעשמוצט אלצדינג.

„אָט האָסט דו דיר!" האָט זיך גאוריק אָבגערופען מיט א מורמלענדען טאָן — „טאָמער האָסט דו מיר נאָך געפעהלט צום רומעל! ניט גענוג וואָס די בעל הבית'טע האלט אין איין בורטשען, קומסט דו נאָך אויך מיר לערנען דרך ארץ!..."

„וואָס איז איהם אזוינס געשעהן? ער איז אן עזות פּנים, וואָס?" האָט די גימנאזיסטקע א פרעג געטהאָן איליא'ן.

„נ—ניין... ניט מעהר ווי ער דאַרף זיין..." האָט לונעוו פריינדליך געענטפערט.

„איך בין דאָך א רוהיגער מענש!" האָט זיך דאָס אינגעל פערטהיידיגט.

„די צונג איז ביי איהם אביסעל לויז,“ האָט זיך איליא אָבגערופעז.

„דו הערסט?“ האָט גאוריק'ס שוועסטער געזאָגט, צוזאמענצי־הענדיג בעת מעשה די ברעמען.

„נא, אודאי הער איך עס!“ האָט גאוריק געענטפערט מיט פער־דרוס.

„ס'מאכט גארנישט אויס,“ האָט איליא מיט א גוט־מוטהיגען טאָן געזאָגט. „א מענש, וואָס פערשטעהט לכל הפחות אמאָל א ביס צו טהאָן, איז אלץ בעסער איידער די אנדערע... אנדערע לאָזען זיך שלאָגען און שווייגען דערצו... געהען אראָב אין קבר, ניט אויסריידענ־דיג קיין וואָרט אפילו געגען די אונגערעכטיגקייטען, וואָס ווערען בע־גאנגען געגען זיי...“

די גימנאזיסטקע האָט אויסגעהערט זיינע ווערטער און איבער איהר געזיכט האָט זיך אויסגעצויגען א צופרידענער שמייכעל. איליא האָט עס בעמערקט און מיט אן אונזיכערן טאָן האָט ער ווייטער ג־זאָגט:

„וואָס איך וואָלט אייך געוואָלט פרעגען...“

„וואָס פאָרט?“

זי איז צוגעגאנגען גאנץ נאָהענט צו איהם און האָט איהם אריינ־געקוקט גלייך אין די אויגען אריין. ער האָט ניט געקענט אויסהאַלטען איהר בליק, האָט ארונטערגעלאָזען דעם קאָפּ און געזאָגט:

„אזוי ווייט ווי איך האָב פערשטאַנען, האָט איהר ניט ליעב די קרעמער?“

„ניט זעהר שטארק...“

„און פארוואָס ניט?“

„זיי לעבען פון פרעמדער ארבייט...“ האָט זי ערקלעהרט, בעטאָ־נענדיג שאַרף איהרע ווערטער.

איליא האָט א וואָרף געטהאָן דעם קאָפּ אין דער הויך און גע־עפענט ברייט די אויגען. איהרע ווערטער האָבען איהם ניט נור אריינ־געבראַכט אין ערשטוינונג, נאָר זיי האָבען איהם אויך בעליידיגט. און זי האָט זיי ארויסגערעדט אזוי איינפאַך, עפּעס אזוי ווי א זעלבסט־פערשטענדליכע זאַך...

„דאָס איז... ניט אמת“, האָט זיך לונעוו אָבגערופען, נאָכדעם ווי

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגען.

איצט האָט איהר געזיכט אַזוי ווי אַ ציטער געטהאָן, און זי איז רויט געוואָרען.

„ווי טהייער קאָסט אייך אָט דער באַנד דאָ?" האָט זי אַ פרעג געטהאָן מיט אַ שטרענגען, פראָסטיגען טאָן.

„דער באַנד? אָט דער דאָ?... זיבצעהן קאָפּיקעס אָן ארשין..."

„און ווי טהייער פערקויפט איהר איהם?"

„צו צוואַנציג קאָפּיקעס..."

„נאָ אַלזאָ... די דריי קאָפּיקעס, וואָס איהר נעהמט מעהר וויפיעל עס קאָסט אייך, געהערען ניט צו אייך, נאָר צו דעם, וואָס האָט דעם באַנד פאַבריצירט. איהר פערשטעהט?"

„ניין!" האָט זיך לונעוו מודה געווען.

דאָ האָט אויפגעבליצט אין איהרע אויגען אַ בייזער בליק. איליאַ האָט עס געזעהן און איז געבליבען אַ דערשלאָגענער, ער איז געווען בייז אויף זיך אַליין, אויף זיין אונבעהאָלפענהייט.

„כ'האָב פריהער געוואוסט, אַז עס וועט אייך ניט זיין גרינג צו פערשטעהן דעם דאָזיגען געדאַנק," האָט זי געזאָגט און האָט זיך אָב־גערוקט פון קלייט־טיש צו דער טהיר צו. „איהר דאַרפט זיך נור פאָר־שטעלען, אַז איהר זייט דער ארבייטער, וואָס שאַפט אָט די אַלע זאַ־כען..."

זי האָט אָנגעוויזען מיט דער האַנד אויף די סחורות אַרום און אַרום און האָט איהם ערקלעהרט, ווי אַזוי די ארבייט מאַכט אַלעמען רייך, אַ חוץ דעם וואָס ארבייט. תחילת האָט זי גערעדט אַזוי ווי תמיד — קאַלט, מיט אַ דייטליכער בעטאָנונג, און איהר ניט־שעהנעס גע־זיכט איז בשעת מעשה געבליבען אונבעוועגליך. אבער דערנאָך האָבען איהרע ברעמען אָנגעהויבען ציטערן, דער שטערן איז געוואָרען פול מיט קנייטשען, און אויפהויבענדיג דעם קאָפּ נאָך העכער, האָט זי צוגע־וואָרפען איליאַ'ן שאַרפע, שטעכעדיגע ווערטער, וועלכע זיינען גע־ווען דורכגעדרונגען פון יוגענדליכער, פעסטער איבערצייגונג.

„דער האַנדעל שטעהט צווישען דעם ארבייטער און דעם קונה, ער טהוט קיין אַנדער זאַך ניט, נאָר ער הויבט אויף דעם פּרייז פון דער סחורה... דער האַנדעל איז געזעצליך־ערלויבטע גנבה..."

איליא האט זיך געפיהלט בעליידיגט, דאך האט ער קיין ווערטער ניט געפונען אבצוליקענען די רייד פון דעם דאזיגען מיידעל, וואס האט געהאט די העזה איהם אין די אויגען צו זאגען, אז ער איז א ליידיג־געהער און א גנב. ער האט צוזאמענגעפרעסט די צייהן, זיך צו־געהערט צו איהרע ווערטער און האט זיי ניט געגלויבט, ער האט זיי ניט געקענט גלויבען. און זוכענדיג א ווארט, וואס זאל מיט אמאל אבהאקען אלע איהרע טענות און פערמאכען איהר דאס מויל, האט ער אין דערזעלבער צייט אנגעקוואלען פון איהר סמיעלעקייט, פון איהר מוטהיגע האלטונג, אין דער צייט וואס די קרענקענדע ווערטער גופא האבען אין איהם וואס ווייטער אלץ מעהר דערוועקט די פראגע:

„נאך וואס טהוט זי דאס?"

„אט דאס אלצדינג שטימט זיך עפעס ניט," האט ער איהר ענד־ליך איבערגעשלאגען די רייד הויך אויפ'ן קול. ער האט געפיהלט אז ער וועט עס לענגער ניט אויסהאלטען, אז ער קען שוין מעהר ניט הערען איהרע טענות, ניט ענטפערנדיג דערויף: „ניין... איך בין ניט איינפערשטאנען דערמיט!" אין זיין ברוסט האט עס געקאכט און גע־זאטען, און אויף זיין געזיכט זיינען ארויס רויטע פלעקען.

„טו ווייזט זשע מיר אקארשט אז איך בין אונגערעכט," האט זי דוהיג געזאגט, זיך אנידערזעצענדיג אויף א בייגקעל און זיך שפיע־לענדיג בעת מעשה מיט איהר לאנגען צאפ, וואס איז אראבגעהאנגען איבער איהרע שולטערן.

לונעוו האט זיך אבגעקעהרט, כדי זיך ניט צו בעגעגענען מיט איהר בליק, וועלכער האט איהם דורכגעשטאכען.

„איך וועל אייך שוין דערווייזען," האט ער ארויסגעשאסען אויפ'ן קול. „דורך מיין גאנץ לעבען וועל איך אייך דערווייזען. איך האב אפשר איינמאל... בעגאנגען א גרויסע זינד, פריהער, איידער איך בין צוגעקומען דערצו דא..."

„איז נאך ערגער פאר אייך... נאר דאס איז קיין בעוויז ניט געגען מיינע רייד," האט דאס מיידעל געזאגט, און איהרע ווערטער האבען איליא'ן אבגעקיהלט אזוי ווי א וואסער־שטראהל. ער האט זיך אנגעשפארט מיט די ארעמס אויפ'ן פערקויף־טיש, זיך אנגעבויגען פאראויס, אזוי ווי ער וואלט געוואלט אריבערשפרינגען, און שאקלענ־

דיג מיט'ן קאפ האט ער זי אזוי אנגעקוקט א פאר אויגענבליקען, ניט אויסריידענדיג קיין האלבען ווארט. איהר האלטונג האט איהם, אמת, געקרענקט, אבער ער האט זיך ניט געקענט אבוואונדערן איבער איהר רוהיגקייט, און איהר אונבעוועגליכער, פעסטער בליק האט איינגע־האלטען זיין צארן. פון איהר גאנצען ארויסטרעטען געגען איהם האט ער געפיהלט א מין ארויספאָדערונג, פול מיט קראפט און אהן א ברעקעל מורא. ער האט בשום אופן ניט געקענט ארויסברייגגען פון מויל די ווערטער, מיט וועלכע ער האט זיך געקליבען צושלאגען איה־רע טענות.

„נו, וואס האט איהר אלזא צו זאגען?“ האט זי איהם געפרעגט מיט א קאלטען, ארויספאָדערנדען טאָן. דערנאך האט זי א שמייכעל געטהאן און האט מיט טריאומף געזאגט:

„כ'פערשפאר אייגענטליך ספארען זיך מיט אייך, ווייל דאס וואס איך האב געזאגט, איז געווען די ריינע וואהרהייט!“

„איהר ווילט מיט מיר ניט ספארען? טאקי ניט?“ האט זיך איליא אנגערופען מיט א פערדריקטער שטימע.

„ניין, ווירקליך ניט! וואס קענט איהר איבערהויפט זאגען דא־געגען?“

און זי האט ווידער אמאל א שמייכעל געטהאן.

„צום ווידערזעהן!“ האט זי דערנאך געזאגט.

און זי איז אוועק, אויפהויבענדיג דעם קאפ נאך העכער ווי גע־וועהנליך.

„ס'איז אלעס אומזינן! ס'איז ניט ריכטיג!“ האט איהר לונעוו נאכגעשריען. אבער זי האט זיך ניט אומגעקוקט און זיך געמאכט ניט הערענדיג.

איליא האט זיך אראבגעלאזט אויפ'ן ביינקעל. גאוריק, וועלכער איז געשטאנען ביי דער טהיר, האט איהם אנגעקוקט און ס'האט אויס־געזעהן, אז ער איז זעהר צופריעדען מיט זיין שוועסטער'ס האלטונג— דאס געזיכט זיינס האט געהאט א יום טוב'דיגען, טריאומפירענדען אויסדרוק.

„וואס קוקסט דו מיך אזוי אן?“ האט זיך לונעוו אבגערופען מיט פערדרוס, זיך פיהלענדיג אונאנגענעהם פון'ם אינגעל'ס בליק.

„גאָרנישט... נור אַזוי...“ האָט דאָס אינגעל געענטפערט.

„לאָז דאָס איצט צו רוה,“ האָט לונעוו געזאָגט און איז געבלי־בען שטיל א ווײלע. און דערנאָך האָט ער זיך אָבגערופען:

„קענסט זיך געהן שפּאַצירען...“

איהם האָט זיך געוואָלט בלייבען אַליין, פאַר זיך. אָבער אויך דאַן, ווען גאָווריק איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער מיט זיינע געדאַנקען ניט געקענט קומען צו קיין טאָלק. ער האָט זיך בשום אופן ניט געקענט אַריינטראַכטען אין דעם טיעפערן זינן פון דעם, וואָס דאָס מיידעל האָט געזאָגט. פריהער פון אַלצדינג האָט ער פון איהרע ווערטער אַרויסגענומען דאָס קרענקענדע, וואָס איז, נאָך זיין מיינונג נאָך, גע־ציעלט געוואָרען פאַר איהם פּערזענליך. מיט דעם עלענבויגען אָנגע־שפּאַרט אויף׳ן פּערקויף־טיש, איז ער פערזונקען אין דעם תהום פון זיינע ניט־קלאָהרע געדאַנקען, וועלכע האָבען אַרויסגעשטראָמט פון זיין אויפגערעגטען אינערן.

„פאַרוואָס האָט זי מיך אַזוי געזידעלט?... וואָס האָב איך איהר געטהאָן?... דאָס איז מיר א שעהנע בחור׳טע... קומט, מאַכט מיך אַרונטער און געהט זיך אַוועק... גאָר אָהן א שום יושר!... פרעגט זיך איבערהויפּט נאָך גאָרנישט נאָך... און אָט די, הייסט עס, איז נאָך א געבילדעטע צו די צרות!... וואַרט, קום מיר נור אַקאָרשט נאָך אַמאָל אַהער! כ׳וועל דיר שוין וויסען וואָס צו ענטפערן...“

ער האָט איהר געסטראַשעט, האָט אָבער אין דערזעלבער צייט געזוכט אין זיך די שולד, צוליעב וועלכער זי האָט איהם בעליידיגט. ער האָט זיך דערמאָנט אַן דעם, וואָס פאַוועל האָט דערצעהלט וועגען איהר שאַרפען פערשטאַנד און וועגען איהר איינפאַכקייט.

„פּאַשקאַ׳ן בעליידיגט זי ניט!“ האָט ער זיך געטראַכט.

און ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און דערזעהן זיין בילד אין שפּיגעל. ער האָט זיך גוט צוגעקוקט צו זיינע געזיכטס־ציגע, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס פרעגען ביים שפּיגעל. די שפּיצען פון זיינע שוואַרצע וואָנציעס האָבען אַזוי ווי געציטערט, די גרויסע אויגען האָבען אויסגעקוקט מיעד, און אויף די באַקען־ביינער האָט גע־ברענט א העלע רויטקייט. אָבער זאָגאָר איצט, ניט קוקענדיג אויף דעם כעס וועגען דער בעליידיגונג וואָס ער האָט געליטען, איז זיין פּנים

נאָך אַלץ געווען שעהן, פון אַ גראַבער, בוויערישער שעהנקייט, און יע־דענפאַלס אַנציהענדער אײדער פּאַוועל גראַטשעוו׳ס קראַנק, געל, בײ־נערדיג געזיכט.

„זאָל איהר פּאַשקאַ ווירקליך בעסער געפעלען, אײדער איך?“ האָט ער זיך געטראַכט, אָבער באַלד האָט ער זיך אַליין געגעבען אַן ענטפער אויף דער פראַגע:

„וואָס געהט איהר נאָך אַלעמען אָן וואָס פאַר אַ געזיכט איך האָב? איך בין דאָך ניט קיין חתן פאַר איהר... זי וועט חתונה האָבען מיט עפּעס אַ דאָקטאָר, אָן אַדוואָקאַט אָדער אַ בעאַמטען... וואָס זשע פאַר אַן אינטערעסע קען זי פאַרט האָבען אין אונזביידען?“

ער האָט זיך ביטער צולאַכט און פון דאָס נײ זיך געפרעגט:

„און פאַרוואָס האָט זי פּאַשקאַ׳ן אײנגעלאַדען צו זיך? פאַרוואָס בעליידיגט זי מיך מיט אַזעלכע ווערטער?... אַ קרעמער, דאָס איז פּונקט ווי אַ גנב... ער אַרבײט ניט, זעהסט דו!... איך, הייסט עס, לעב פון פרעמדער אַרבײט? און ווער ליגט דען דאָ בעגראָבען פון אין דער פריה ביז׳ן אָבענד, אָהן אַ קאָפּ לופט צו שעפּען?“

און ער האָט אַלזאָ אָנגעהויבען אין זיך צו טענה׳ן מיט איהר, אָבצואָווענדען איהרע רייד, און ער האָט געפונען גאָר אַ סך ווערטער, צו רעכטפערטיגען זיין לעבען. אָבער זי איז ניט געווען ביי דער האַנד, און די דאָזיגע גרינדע האָבען נור פערשטאַרקט אין איהם דאָס געפיהל פון קריינקונג, וואָס האָט געלעבט אין זיין ברוסט, אַנשטאָט עס צו בערוהיגען. ער האָט זיך אויפגעהויבען, איז אַריין צו זיך אין צי־מער און האָט זיך אומגעקוקט. פינסטער און ענג איז געווען אין דעם דאָזיגען נידעריגען שטיבעל מיט דער אייזערנער גראַטע ביים פענס־טער. דאָס שרייענדיגע, פאַרביגע בילד איז איהם געקומען אַנטקעגען די אויגען. ער איז געשטאַנען ביי דער טהיר, וואָס פיהרט צום קלייט, האָט בעטראַכט אָט די געגנויע, אויפ׳ן האַר אָבגעמאָסטענע „מדרגות פון מענשליכען עלטער“ און האָט זיך געטראַכט:

„ס׳איז דאָך אַ שווינדעל... לעבען דען די מענשען אַזוי?“

אַ היבשע ווײלע איז ער אַזוי געשטאַנען און בעטראַכט דאָס בילד און האָט עס אָנגעמאָסטען אויף זיין אייגען לעבען.

„איז עס דען אין דער ווירקליכקייט אַזוי?“ האָט ער זיך גע־

פרעגט און דערנאָך האָט ער פּלוצלונג מיט פערצווייפלונג צוגעלייגט:
„און אז עס וואָלט אפילו אזוי געווען — וואָלט עס דאָך געווען גאַנץ לאַנגווייליג... זויבער וואָלט עס געווען, אבער ניט לוסטיג...“

לאַנגזאַם איז ער צוגעגאַנגען צו דער וואַנד, האָט ארונטערגערי־סען דאָס בילד און עס אריינגעטראָגען אין קלייט. דאָרט האָט ער עס אנידערגעלייגט אויפ׳ן פערקויף־טיש, האָט פון דאָס ניי אָנגעהויבען בעטראַכטען די שטופּען, וואָס דער מענש מאַכט דורך, לויט ווי ס׳ווערט פארגעשטעלט אויפ׳ן בילד, און איצט האָט ער שוין שפּאָטיש געשמייכעלט דעריבער. און קוקענדיג אויפ׳ן בילד האָט ער ניט אויפ־געהערט צו דיינקען וועגען גאַווריק׳ס שוועסטער.

„עפּעס אזוי ווי זי וואָלט געוואוסט, אז איך האָב דערוואָרגען דעם אלטען... אז זי האָט מיך נישט ליעב — טו פארוואָס זשע רעדט זי אזוי?“

לאַנגזאַם און שווער האָבען זיך די געדאַנקען געקאַטשעט אין זיין מוח, און פון דער שרייענדיגער פאַרב פון בילד האָט איהם גענומען שווינדלען פאַר די אויגען. ער האָט עס אלזאָ גענומען, עס צונויפגע־דרעהט און ארויסגעוואָרפען דורך דער טהיר אין גאַס אריין.

אויף דער גאַס איז געווען ליאַרמדיג. פון דער זייט, אויפ׳ן טראָ־טואַר איז געגאַנגען אימיצער מיט א שטעקען אין דער האַנד. דער שטעקען האָט געקלאַפּט איבער די שטיינער, ניט אין טאַקט מיט די טריט, און ס׳האָט אויסגעזעהן אזוי ווי דער פערביינגעהער וואָלט גע־האָט דריי פיס. די טויבען האָבען געגורט. עס האָט זיך געהערט א קלאַפּעריי אויף מעטאַל — א קוימען־קעהרער איז ארומגעגאַנגען אי־בער׳ן דאַך. א דראָשקע איז דורכגעפאָהרען פערביי דער קלייט. איליאַ איז געוואָרען שלעפעריג און האָט גענומען איינדרעמלען. אלצדינג ארום איהם האָט זיך עפּעס אזוי ווי געשאָקעלט. האַלב שלאָפעדיג האָט ער גענומען דאָס רעכען־ברעטעל און אָבגעצעהלט דערויף — צוואַנציג קאָפּיקעס. דערפון האָט ער אראָבגעצויגען — זיבעצעהן קאָפּיקעס. ס׳זיינען געבליבען דריי קאָפּיקעס. ער האָט א מאַך געטהאָן מיט די פינגער אויף די קייקעלאַך און זיי האָבען זיך גענומען דרעהען מיט א שטילען גערויש אויפ׳ן דראָהט, זיך פאַנאַנדערגערוקט און זיינען ענד־ליך געבליבען שטעהן.

איליא האט א זיפץ געטהאן, אוועקשטעלענדיג דאס רעבען־ברעטעל און א זייט, האט זיך אנגעשפארט מיט דער ברוסט אן פער־קוויטיש און איז געבליבען אזוי זיצען גאנץ שטיל, זיך צוהערענדיג צו דער קלאפעריי פון זיין הארצען.

אויף מארגען איז גאווריק'ס שוועסטער פון דאס ניי געקומען. זי האט אויסגעזעהן אזוי ווי תמיד, איז געגאנגען אנגעטהאן אין דעם זעלבען אלטען קלייד און האט געהאט דעם זעלבען אויסדרוק אין איהר געזיכט.

„אך דו,“ האט איליא שטילערהייט געזאגט, ווארפענדיג א בייזען בליק אויף איהר פון זיין צימער ארויס. אויף איהר בעגריסונג האט ער געשמונצעלט ווי זיבער געוואלד, א שמייכעל מהנהנ'דיג מיט'ן קאפ, פונקט ווי זי. אבער גלייכצייטיג האט זי ארויסגעלאזט א געלעכטער און מיט א פריינדליכען טאן האט זי געזאגט:

„פארוואס זעהט איהר אויס אזוי בלאס? צי זייט איהר ניט אקוראט קראנק?“

„איך בין געזונד,“ האט איליא געענטפערט קורץ און שארף, זיך געבענדיג די מיה צו פערבארגען פון איהר דאס געפיהל, וואס איהר אויפמערקזאמקייט האט אין איהם ארויסגערופען. און דאס דאזיגע געפיהל איז געווען אנגענעהם און פול מיט פרייד. דער שמייכעל און די פריינדליכע ווערטער פון'ם מיידעל האבען איהם אזוי ווייך און אזוי ווארים געמאכט איבער'ן הארצען, אבער ער איז געווען ענט־שלאסען ביי זיך, איהר צו צייגען, אז ער האט זיך געפיהלט בעליי־דיגט, און דערביי האט ער שטילערהייט ערווארטעט, זי זאל נאך אמאל אזוי שמייכלען, איהם זאגען נאך א פאר אזעלכע פריינדליכע ווער־טער. ער איז געווען ענטשלאסען דערצו — און האט געווארט פול מיט שפאנונג, ניט קוקענדיג אויף איהר.

„ס'ווייזט אויס, אז איהר זייט אויף מיר בייז... אז איהר פיהלט זיך געקריינקט,“ האט זיך געלאזט הערען איהר שטימע.

איצט האבען שוין איהרע ווערטער גאנץ אנדערש געקלונגען, אזוי שטרענג און כמעט גראב, אז איליא האט זי אנגעקוקט א דערשראק־קענער. זי איז ווידער אמאל געווארען אזוי שטאלץ ווי געוועהנליך, און

אין איהרע אויגען איז געלעגען א מין גאוה, א בליק, וואָס האָט צו־ריקגעוויזען, איגנאָרירט אַלצדינג ארום איהר.

„איך בין שוין געוואוינט צו קריינקונגען.“ האָט זיך לונעוו אָב־גערופען און האָט זיך צולאכט, דערשפירענדיג בעת מעשה א קאַלטעס געפיהל פון ענטטוישונגג ביי זיך אין ברוסט.

„אהא, אַט הפנים דו ווילסט זיך דאָ שפּיעלען מיט מיר,“ האָט ער זיך געטראַכט. „צוערשט גלעטסט דו, און דערנאָך שלאָגסט דו! ניין, דאָס געהט ניט ביי מיר...“

„כ'האָב דאָך א י ך ניט געוואָלט בעליידיגען...“

דאָס וואָרט „איך“ האָט זי עפּעס בעזונדערס ארויסגערעדט, מיט א בעלעהרענדען טאָן, ווי איליא'ן האָט זיך געדאכט.

„איהר קענט מיך קנאַפּ וואָס בעליידיגען,“ האָט ער געענטפערט הויך אויפ'ן קול. „כ'ווייס דאָך וואָס איהר זייט ווערטה: איהר זייט א פויגעל, וואָס פליהט ניט הויך.“

ביי די ווערטער האָט זי זיך פון ערשטוינונג א הויב געטהאָן אין דער הויך, אבער איליא האָט שוין גאָרנישט געזעהן. א הייסער וואונש איהר צו בעצאָהלען פאַר די שמערצען, וואָס זי האָט איהם פערשאַפט, האָט איהם א פאַק געטהאָן, און לאַנגזאַם, מיט א כיוון אויסציהענדיג זיינע רייד, האָט ער איהר גענומען וואַרפען האַרטע, גראָבע שטעכווערטער:

„אייער יחוס, דער דאָזיגער שטאָלץ... דאָס קאָסט אייך נישט פיעל... אין גימנאַזיע קען עם יעדער איינער קריגען.. אָהן דאָס קאָ־פּעלע גימנאַזיע וואָלט איהר געווען אן איינפאַכע נייטאָרין אָדער א דיענסט־מיידעל... אין אייער שטאַנד, אין דער אָרימקייט אייערער קענט איהר דאָך ניט זיין עפּעס אַנדערש!“

„וואָס רעדט איהר דאָ?“ האָט זי זיך אָנגערופען שטיל, אזוי ווי געלעהמט פון שרעק.

איליא האָט איהר געקוקט אין פּנים אריין און האָט מיט פער־גניגען געזעהן ווי אזוי די נאַז־פליגעל איהרע האָבען געציטערט און די באַקען זיינען רויט געוואָרען.

„כ'זאָג נור, וואָס איך דענק, און איך דענק, אז אייער גאַנצע גרויסקייט קען מען קריגען פאַר א גראָשען...“

„איך ווייס ניט פון קיין גרויסקייט, פון קיין יחוס," האט דאס מיידעל א געשריי געטהאן. איהר ברודער איז צוגעלאפען צו איהר, האט איהר אנגענומען ביי דער האנד, און קוקענדיג מיט אויגען פול האס אויף זיין בעל הבית, האט ער געזאגט:

„קום, סאנקא, לאמיר אוועקגעהן פון דאנען!"

לונעוו האט איהם אנגעקוקט און געזאגט:

„יא... נור געגאנגען! כ'דארף אייך אזוי ווייניג, ווי איהר מיך..."

איין רגע האט ער זיי נאך געזעהן אזוי ווי דורך א טומאן, דער־נאך זיינען זיי פערשוואונדען פון זיינע אויגען. ער האט זיי בעגלייט מיט א געלעכטער. דערנאך, אז ער איז געבליבען אליין אין מאגאזין, איז ער געשטאנען א פאר מינוטען, ניט ריהרענדיג זיך פון ארט, מיט א געפיהל פון בעפרידיגטער ראכע. דעם מיידעל'ס צומישט, דער־שראקען געזיכט האט זיך איינגעקריצט ביי איהם אין זכרון, און ער איז געוועזען צופרידען פון זיך אליין.

„אבער אט דער יונגאטש... ווי ער האט זיך דאס גלייך אנגענו־מען פאר איהר!" איז איהם פלוצלונג דורכגעלאפען א געדאנק אין מוח.

גאווריק'ס האלטונג האט איהם אביסעל קאליע געמאכט דעם עסק. דאס האט צושטערט זיין שטימונג.

„א שטאלצע באנדע!" האט ער זיך געטראכט און געלאכט פאר זיך. „איצט וואלט נאך טאנישקא בעדארפט קומען... איהר וואלט איך אויך גוט מכבד געוועזן און וואלט איהר געוויזען דעם וועג!.."

ער האט דערשפירט אין זיך דעם מעכטיגען וואונש, אלע מענשען פון זיך דורכצויאגען, אויף דעם שרעקליכסטען, גרעבסטען אופן, און ער האט זיך געפיהלט שטארק גענוג, עס צו טהאן.

אבער טאנישקא איז ניט געקומען. — דעם גאנצען טאג איז ער געבליבען אליין, און דיזער טאג האט איהם אויסגעזעהן שרעקליך לאנג. אז ער האט זיך געלייגט שלאפען, האט ער זיך געפיהלט מורא־דיג פערלאזען און איינזאם, און די דאזיגע איינזאמקייט איז איהם נאך שמערצליכער, נאך בעליידיגענדער געווען איידער דעם מיידעל'ס ווערטער. ער האט זיך דערמאנט אן אלימפיאדא'ן און איז געווען אין דער מיינונג, אז די דאזיגע פרוי איז געווען די איינציגע, וואס איז

געוועז באמת גוט צו איהם. ער האָט צוגעמאכט די אויגען, זיך צו־געהערט צו דער שטילקייט פון דער נאכט און האָט אויך געוואָלט כאפּען יעדען ריהר, יעדען קלאנג. און אז עס האָט זיך פון ערגעץ־וואו געלאָזט הערען א קלאנג, איז ער פּערציטערט געוואָרען, האָט מיט מורא אויפגעהויבען דעם קאָפּ פון קישען און מיט גרויסע, אָפענע אויגען געקוקט אין חושך אריין. און ביז אין דער פריה האָט ער ניט געקענט איינשלאָפען. ער האָט אלץ כסדר געוואָרט אויף עפּעס, זיך געפיהלט אזוי ווי איינגעשפּאַרט אין א קעלער און איז שיער ניט דערשטיקט געוואָרען אונטער דער משא פון זיינע צומישטע, פערפּלאָנטערטע גע־דאנקען. מיט א שווערען קאָפּ האָט ער זיך אויפגעהויבען, געוואָלט שטעלען דעם סאמאָוואר, אבער ער האָט עס ניט געטהאָן. נאָר ער האָט אויסגעטרונקען א קריגעל וואסער, זיך ארומגעוואשען און געעפענט די קלייט.

ארום מיטאָג־צייט איז געקומען פּאַוועל, א בייזער, מיט א פינס־טערן בליק. אָהן א שום בעגריסונג, האָט ער א פרעג געטהאָן:

„וואָס פאר א שטאָלצער טייוועל איז אין דיר אריין?“

איליא האָט גלייך געכאפּט מכח וואָס ער רעדט, האָט צוגעשאָ־קעלט מיט'ן קאָפּ און זיך אין דער שטיל געטראכט:

„אויך דער דאָ איז גענגען מיר...“

„פּארוואָס האָסטו בעליידיגט סאָפּיא ניקאָנאָוונא'ן?“ האָט פּאַ־וועל געפרעגט שטרענג, זיך שטעלענדיג אנטקעגען איהם. אין גראָ־טשעוו'ס צאָרנדיגען פּנים און אין זיינע אויגען, וועלכע האָבען גע־קוקט מיט פּאָרוואורף, האָט איליא געלייענט זיין פעראַנטוואָרטליכקייט, דאָך האָט ער זיך פערהאַלטען גלייכגילטיג דערצו.

לאנגזאַם, מיט א פערמאַטערטער שטימע, האָט ער געזאָגט:

„פריהער פון אלץ האָסט דו געמעגט זאָגען „גוט מאָרגען,“ אז דו קומסט אריין... און דאָס היטעל אראָבנעהמען. דאָרט הייגט א הייליגעס בילד.“

אָבער פּאַוועל האָט אָנגענומען זיין היטעל ביים ראַנד און עס אראָבגעצויגען נאָך טיעפער איבער'ן שטערן, פערציהענדיג בעת מעשה דעם מויל מיט שפּאָט, און היציג, פול מיט צאָרן און מיט א ציטערנדיגער שטימע האָט ער זיך אָנגערופען:

„דו בלאז זיך נור אקארשט אן! דו אינדיק דו! האסט זיך אנגעפרעסען זאט!... דערמאן זיך בעסער ווי דו האסט אמאל געזאגט: ניטא קיין מענש וואס זאל זיך פאר אונז אננעהמען!... און אצונד, אז ער האט זיך געפונען, נעהמסט דו און יאגסט איהם דורך!... אך, דו קרעמער וואס דו ביסט!“

א שטומפעם געפיהל פון שלאפקייט האט לונעוו'ן אבגעהאלטען, ניט צו ענטפערן אויף זיין חבר'ס ווערטער. צוטראגען האט ער געקוקט אויף פאוועל'ס בייזען פנים, פול מיט שפאט, און ער האט בעת מעשה געפיהלט, אז זיין פריינד'ס פארווירפע האבען ניט געמאכט קיין שום רושם אויף זיין נשמה. ער האט בעטראכט גראטשעוו'ס מאגער געזיכט מיט דעם דינעם, געלען בערדעל, וואס האט ארויסגעשפראצט אויף דער מארדע און איבער די ליפען, און האט זיך געטראכט:

„ער זידעלט זיך גאר!... יעדענפאלס האט זי איהם אבגעקויפט... וואס זשע, האב איך איהר ווירקליך אזוי טיעף געקרענקט? כ'האב עס נאך געקענט ערגער מאכען!...“

„זי פערשטעהט אלצדינג, קען אלצדינג ערקלעהרען... און דו בענעהמסט זיך געגען איהר... אך!“ האט זיך פאוועל אנגערופען, זיך אלע ווייל איבערשלאגענדיג די רייד דורך אויסרופע. „דאס זיינען דאך אלץ אזעלכע גוטע מענשען... און אזוי קלוג... דאס גאנצע געזעץ־בוך קענען זיי אויסווייניג... יא, האסט זיך ליעבערשט געדארפט האלטען אן זיי... און אנשטאט דעם...“

„הער אויף, פאשקא!“ האט לונעוו לאנגזאם געזאגט. „וואס האסט דו מיר פאר לעקציעס צו געבען? כ'טהו וואס איך וויל...“

וואס טהוסט דו פארט? רייסט זיך ארום מיט אלעמען?“

„ווי איך וויל, אזוי לעב איך. דערווידער זייט איהר מיר אלע מיט אנאנדער... לויפט ארום אהין און אהער און פלוידערט!“

און זיך אנשפארענדיג אן דער פאליצע מיט סחורה, האט ער געזאגט לאנגזאם און נאכדענקענד, אזוי ווי ער וואלט זיך אליין געשטעלט א פראגע:

„וואס פאר א נייעס קענט איהר מיר נאך אלעמען זאגען?“

„זי קען אלצדינג,“ האט זיך פאוועל אנגערופען מיט א טאן פון טיעפסטער איבערציינונג און דערביי האט ער אויפגעהויבען זיין האנד

אזוי ווי צו שווערען. „זיי ווייסען אַלצדינג...“

„נאַ, טו געה דיר צו זיי!“ האָט איהם איליא מיט אַ טרוקענעם טאָן געראַטהען.

פּאַוועל'ס ווערטער אזוי ווי זיין בעגייסטערונג זיינען איהם געווען אונאַנגענעהם, דאָך האָט ער קיין שום חשק ניט געהאַט זיין פריינד צו ווידערשפּרעכען. אַ דריקענדע וויסטע לאַנגווייליגקייט האָט פון איהם אַבגענומען די לוסט צו ריידען און צו דענקען און האָט אזוי ווי פּאַראַליזירט זיינע גליעדער. איהם האָט זיך געוואָלט בלייבען אליין, גאָרנישט הערען און גאָרנישט זעהן.

„כ'געה שוין,“ האָט זיך פּאַוועל אָנגערופען מיט אַ ביטערן טאָן. „כ'געה, ווייל מיר איז איצט קלאָהר, אַז איך קען נור מיט יענע לעבען אינאיינעם... ביי זיי קען מען אַלץ געפינען, וואָס איינער האָט נייטיג, יאָ! זיי ווייסען דעם אמת! קיינמאָל האָב איך נישט געלעבט אזוי ווי איצט... אויף אַזאַ מענשליכען אופן... ווער האָט מיך ביז אצונד רעספּעקטירט? ווער האָט זיך אויף מיר אומגעקוקט?“

„שריי ניט אזוי הויך!“ האָט לונעוו שטילערהייט, מיט אַ שוואַכער שטימע געזאָגט.

„ליימענער גולם דו!“ האָט פּאַוועל אויסגעשריען.

אין דער רגע איז אין קלייט אריינגעקומען אַ קליין מיידעלע און האָט פערלאַנגט אַ טוץ קנעפּלאך פאַר העמדער. לאַנגזאַם, זיך ניט איילענדיג, האָט איהר איליא געגעבען וואָס זי האָט פערלאַנגט, האָט צוגענומען ביי איהר דאָס צוואַנציג קאָפּיקעס שטיקעל. וואָס זי האָט געהאַלטען אין דער האַנד, האָט עס געריבען מיט די פינגער און עס צוריקגעגעבען דעם מיידעלע, זאָגענדיג:

„כ'האָב ניט קיין אויסגאַב, ברייננג דאָס געלד שפּעטער...“

ער האָט יאָ געהאַט קליינגעלד אין טאַש-קעסטעל, נאָר דער שליסעל איז געלעגען אין זיין צימער, און לונעוו האָט איהם ניט געוואָלט געהן נעהמען. אַז דאָס מיידעלע איז אוועק, האָט פּאַוועל ניט אויפגענומען פון דאָס ניי דעם געשפּרעך. ער איז געשטאַנען ביים פערקויף-טיש, האָט זיך געקלאַפּט מיט זיין היטעל אויף די קניע און געקוקט אויף לונעוו'ן, אזוי ווי ער וואָלט פון איהם עפּעס ערוואַרטעט. אָבער איליא האָט זיך אַבגעקעהרט פון איהם און האָט שטילערהייט געפייפט

דורך די צייהן. פון דער גאס האט זיך געלאזט הערען אין קלייט אריין די קלאפעריי פון די וועגען, די האסטיגע טריט פון די פערבייגע־הער, און גאנצע זיילען שטויב זיינען אריינגעבלאזען געווארען דורך דער טהיר...

„נו, וואס האסט דו מיר צו זאגען?" האט פאוועל מיט אן ארויספאדערנדיגען טאן געפרעגט.

„גארנישט," האט לונעוו געענטפערט, נאכדעם ווי ער האט זיך א קורצע ווילע בעטראכט וואס צו זאגען.

„ווירקליך — אלזא גארנישט?"

„אום גאטעס ווילען, לאז מיך צורוה!" האט זיך איליא אונגע־דולדיג אנגערופען.

גארטשעוו האט זיך אנגעטהאן דאס היטעל און איז ארויס מיט שנעלע טריט, ניט זאגענדיג קיין ווארט. איליא האט איהם בעגלייט מיט די אויגען, אבער ער איז געבליבען שטעהן אויף אן ארט, ניט א ריהר געבענדיג מיט'ן קאפ.

„צו בין איך ניט אקארשט קראנק — אדער וואס איז פארט אזוינס מיט מיר?" האט ער זיך געפרעגט.

א גרויסער רויטער הונד האט אריינגעקוקט דורך דער טהיר, האט געשאקעלט מיט'ן עק און איז פערשוואונדען. דערנאך האט זיך בעוויזען אן אלטע בעטלערין — גאנץ גראה, מיט א גרויסער נאז. זי האט זיך פערנייגט און מיט א האלבען מויל געזאגט:

„גיט מיר, טאטעלע, א נדבה — גיט, גוטער מענש!"

לונעוו האט א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ — ער האט איהר גארנישט געגעבען. אויף דער גאס, אין דער הייסער לופט, האט גע־קאכט דער רוישיגער האנדעל פון א וואכעדיגען טאג. ס'האט אויס־געזעהן, עפעס אזוי ווי א געוואלטיגער אויווען וואלט זיך געהייצט און די פלאקערנדע שטיקער האלץ וואלטען געקנאקט אינעווייניג און פערשפרייט א מורא'דיגע היץ אין אלע זייטען. א קאר מיט לאנגע אייזערנע שטאנגען פאהרט פערביי: די שפיצען פון די אויסגעצווי־גענע אייזענס לאזען זיך פון הינטען אראב ביז צו דער ערד און קלא־פען זיך אן מיט טומעל אויף דער ברוקירטער גאס. א שער־שלייפער

שאַרפֿט אַ מעסער: דער בייזער, צישענדער קלאַנג שניידט דורך די לופֿט...

„קאַרשעו פֿון וולאַ—אַדימיר!" שרייט מיט אַ זינגענדיגען קול אַ פּרוכט־פֿערקויפֿער...

יעדע מינוט ברייגנט עפּעס נייעס, אומגעריכטעס. און דאָס לע־בען איבערראַשט דעם אויער מיט די פֿיעל־פֿאַכיגקייט פֿון זיינע קלאַנגען, מיט דער אונערמידליכקייט פֿון זיינע בעוועגונגען, מיט דער פֿולקייט פֿון זיין שאַפֿענס־קראַפֿט, וואָס וויל זיך גאַרנישט אויסשע־פּען. אבער ביי לונעוו'ן אין דער נשמה איז אַלצדינג געבליבען שטעהן — ניטאָ דאָרט קיין געדאַנקען, קיין ווינשע, נאָר בלויז אַ שווערע, דריקענדע מיעדקייט. אין דעם דאָזיגען צושטאַנד האָט ער פֿערבראַכט דעם גאַנצען טאָג און אויך די קומענדיגע נאַכט... און נאָך אַ סך טעג און נעכט. מענשען זיינען געקומען, האָבען געקויפֿט וואָס זיי האָבען געדאַרפֿט און זיינען זיך אַוועקגעגאַנגען, און איליאַ האָט זיי אַרויס־בעגלייט מיט דעם שטילען געדאַנק:

„זיי דאַרפֿען מיך ניט, און איך דאַרף זיי ניט... אין אַנהויב קוקט עס אַפּילו אויס זאַנדערבאַר... אָבער נישקשה, איך וועל זיך שוין יאַ־קאַש צוגעוועהנען דערצו... כ'וועל לעבען גאַנץ אַליין, פֿאַר זיך... כ'וועל לעבען!"

אויף גאַווריק'ס אָרט האָט איהם דעם בעל הבית'ס קעכין, אַ פֿינס־טערע, אויסגעדאַרטע פֿערזאָן מיט אַ רויטען פּנים, בעזאָרגט דעם טהעע און דעם וואַרעמעס. איהרע אויגען זיינען געווען אַהן אַ שום פֿאַרב, פֿערגליווערט. צייטענווייז, אַז איליאַ האָט זי אַנגעקוקט, האָט ער זיך געפֿיהלט, אַזוי ווי טיעף ביי איהם אין דער נשמה וואָלט עפּעס רעוואָלטירט:

„וואָס זשע! זאָל איך שוין גאָר קיינמאָל אין לעבען ניט זעהן עטוואָס שעהנעס פֿאַר די אויגען?"

און מיט אַ טרויעריגען טאָן, אַהן אַ ברעקעל האָפֿנונג, האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט:

„אַהן זינן, אַהן אַ שום שכל געהט זיך דאָס לעבען זיין וועג..."

פֿריהער האָט ער געלעבט אונטער דעם איינפֿלוס פֿון די פֿער־שיעדענע איינדריקע, וואָס דער פֿערקעהר מיט די מענשען האָט מיט זיך

מיטגעבראכט, און כאטש זיי האבען אין איהם אפטמאל דערוועקט צארן און פערדרוס, האט ער זיך דאך דערביי בעסער געפיהלט. אצונד האבען זיך די מענשען צוריקגעצויגען פון איהם — נור די קונים זיינען געבליבען. די בייםקעניש נאך איינזאמקייט און נאך א רוהיגען, בעקוועמען לעבען, וועלכע האט איהם פריהער דורכגעדרונ־גען, איז איצט אויך אבגעשוואכט געווארען. גלייכגילטיג איז ער דער־צו געווארען, אזוי ווי צו אלצדינג, וואס האט איהם ארומגערינגעלט. און ווידער אמאל האבען זיך זיינע טעג געשלעפט טרויעריג און לאנג־זאם...

ער פלעגט איצט גערן ליגען אין הויף, גאנץ הארט ביים צוים, אונטער דעם הויכען שאטען־בוים. אז דער אבענד איז געקומען און ער האט פערמאכט די קלייט, האט ער זיך דא אויסגעצויגען און זיך אבגערוהט. איינמאל האט ער פון דער אנדער זייט וואנד דערהערט א גערויש — ער האט א קוק געטהאן דורך א שפאלט און דערזעהן א הויכע פרוי מיט גראע האר און מיט א לאנגען, שמאלען געזיכט. זי איז געזעסען אויף א באנק, און א גרויסער געלער הונד האט געהאל־טען די פאדערשטע פיס אויף איהרע קניע, האט אויסגעשטרעקט דעם פיסק און זיך געסטארעט איהר צו לעקען אין פנים. מיט א געלעכטער האט זי געזוכט אויסצומיידען דעם הונד'ס צערטליכקייטען, האט איהם געגלעט און שטילערהייט געזאגט:

„איי, הינטעלע מיינס! מיין ליעב, גוט הינטעלע!"

„הינט ווערן געגלעט," האט זיך איליא געטראכט — „אבער מענשען..."

און א טיעפע ביטערקייט האט אנגעפילט זיין הארץ. ער האט זיך דערמאנט אן גאווריק'ן, אן זיין שטאלצער שוועסטער, אן פא־וועל'ן, אן מאשא'ן...

„אז זיי האבען מיך געדארפט — זיינען זיי געקומען... כאפט זיי דער קאדיק אלע מיט אנאנדער!... מארגען געה איך צו יא־קאוו'ן..."

„מיין שעהן הינטעלע!" האט מיט ליעבשאפט געזאגט די אלטע הינטער דער וואנד.

„אז טאניא וואָלט כאַטש אמאָל אראָבגעקומען!" איז איליא'ן דורך אזוי ווי א בליץ אין מוח.
אָבער טאַטיאַנא וולאַסיעוונא האָט געלעבט אויף א דאַטשע ווייט פון שטאָדט און האָט זיך ניט געוויזען אין קלייט.

10.

אז איליא האָט זיך אויף מאָרגען צוגעגרייט צו געהן געוואַהר ווערען וואָס יאַקאָוו מאַכט, האָט ער אליין געהאַט א גאַסט — דעם פעטער טערענטי'ן. ס'איז געווען אין דער פריה; איליא האָט זיך נור וואָס אויפגעכאַפּט פון שלאָף, איז געזעסען ביי זיך אויפ'ן בעט און געטראַכט, אז אַט איז אַלזאָ ווידער אַנגעקומען א נייער טאָג, וועלכען ער מוז דורכלעבען...
„אַט דאָס הייסט אַביסעל געלעבט!" האָט ער זיך אליין געזאָגט. „אזוי ווי מען בראָדזשעט אַסיען־צייט אין א בלאָטע... ס'איז קאַלט און ברודיג... פעמראַטערט ווערט מען, און מען קומט ניט אוועק פון אָרט..."
עטליכע שנעלע קלעפּ אין טהיר פון קלייט האָבען איהם אויפגעוועקט פון זיינע טרויריגע חלומות. איליא האָט געמיינט, ס'איז די קעכין, וועלכע ברייננגט איהם אריין דעם סאַמאָוואַר. ער האָט געעפענט די טהיר און האָט זיך געזעהן אויג אויף אויג אַנטקעגען דעם הויקער.
„הא הא הא!" האָט זיך פעטער טערענטי צולאַכט און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. „ס'איז ניין אזייגער — און ביי דיר איז נאָך די קלייט ניט אויפגעמאַכט! א שעהנער געשעפטס־מאַן!"
איליא איז געשטאַנען אַנטקעגען פעטער, איהם פערשפּאַרענדיג דעם וועג, און האָט אויך געשמייכעלט. טערענטי'ס געזיכט איז געווען אָבגעברענט פון דער זונן, און ער האָט עפּעס אויסגעזעהן אינגער; די אויגען זיינע האָבען געקוקט מונטער און קלאָהר. לעבען זיינע פיס

זיינען געלעגען פערשיעדענע זעק און בינטלעך, און ער אליין האט צווישען זיי אויסגעזעהן אזוי ווי א בינטעל.

„ווי געהט'ס, ליעבער פלימעניק? טו לאז זשע מיך אריין צו דיר אין דער וואוינונג!"

איליא האט אבגעטרעטען אז א זייט און גענומען שטילערהייט אריינשלעפען די פעקלאך אינעווייניג, אין דער צייט וואס טערענטי האט מיט די אויגען געזוכט דאס הייליגע בילד. ער האט זיך איבער־גע'צלם'ט, זיך טיעף פערנייגט און געזאגט:

„געלויבט איז דיין נאמען, אה גאט! — אט בין איך אלזא אין דער היים! זיי מיר געגריסט, איליא!"

אז לונעוו האט ארומגענומען דעם פעטער, האט ער געפיהלט, אז דעם הויקער'ס קערפער איז קרעפטיגער, שטייפער געווארען.

„צוערשט וואלט איך זיך וועלען ארומוואשען," האט טערענטי געזאגט הויך אויפ'ן קול, זיך אומקוקענדיג אין אלע ווינקעלעך פון צימער.

ער איז שוין ניט ארומגעגאנגען אזוי איינגעבויגען ווי פריהער: דאס ארומוואנדערען מיט'ן וואנדער־זאק אויף די פלייצעס האט ארונ־טערגעדריקט זיין הויקער. ער איז איצט געגאנגען גלייכער, שטייפער און האט געהאלטען דעם קאפ אויפגעהויבען.

„מיט וואס האנדעלסט דו פארט?" האט ער זיין פלימעניק גע־פרעגט, גיסענדיג מיט דער הוילער האנד דאס וואסער איבער זיין געזיכט.

ס'איז איליא'ן געווען אנגענעהם, צו זעהן ווי דער פעטער זיינער קוקט אויס אזוי יונג. ער האט זיך גענומען גרייטען צום טיש, געמאכט טהעע, און האט גערן געענטפערט אויף דעם הויקער'ס פראגען, זיי־ענדיג פונדעסטוועגען פארזיכטיג מיט זיינע ווערטער.

„און ווי אזוי איז עס דיר געגאנגען?" האט ער א פרעג גע־טהאן דעם פעטער.

„מיר? אויסגעצייכענט!" טערענטי האט צוגעמאכט די אויגען און מיט א צופרידענעם שמייכעל צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ. „א שעהן שטיקעל וועג בין איך ארומגעגאנגען. וואונדערבאר איז עס געווען! לעבעדיגעס, פרישעס וואסער האב איך געטרונקען, מיט איין ווארט..."

ער האָט זיך אנידערגעזעצט ביים טיש, האָט גענומען ארויפ־וויקלען דאָס בערדעל זיינס ארום פינגער, און מיט'ן קאָפּ איינגעבוי־גען אָן א זייט האָט ער אָנגעהויבען דערצעהלען:

„כ'בין געוועזן ביי אָפּאָנאָסי סידיאשטשי, און ביי די בעלי מופתים פון פּערעיאסלאָוו און ביי מיטראָפאַני פון וואָראָנעזש, און ביי טיכאָן סאָדאָנסקי... כ'בין אויך אַריבער אויפ'ן אינזעל וואַלאַאם... א גוט שטיק ערד האָב איך דורכגעוואנדערט! און צו פּיעל העלפער אין דער נויטה האָב איך מיין קול אויפגעהויבען מיט געבעט, און נאָר וואָס קום איך פון דעם לעצטען: פון פּיאָטר פּאַוורָאָני אין מור־ראָב..“

ער האָט, ווייזט אויס, שטארק הנאה געהאט דערפון, וואָס ער האָט אויסגערעכענט די נעמען פון די הייליגע און פון די שטעדט, וועלכע ער האָט בעזוכט. זיין געזיכט האָט געהאט א צופרידענעם, גליקליכען אויסדרוק, די אויגען האָבען איהם געגלאנצט און געקוקט עפּעס זעלבסט־בעוואוסטער ווי פריהער. זיינע רייד האָט ער דעק־לאמירט, ארויסגערעדט מיט יענעם ניגון, מיט וועלכען די געשיקטע דערצעהלער פלעגען איבערגעבען דעם עולם די פאָלקסלעגענדען אָדער דאָס לעבען פון די הייליגע.

אין דרויסען איז געגאנגען א רעגען. תחילת האָבען די טראָ־פּענס געקלאפּט שטיל אָן פענסטער, אזוי ווי זיי וואָלטען זיך פאר אימיצען געשראָקען. דערנאָך האָבען זיי גענומען ווערן געדיכטער און געדיכטער און האָבען מיט זייערע קלעפּ צוטרייסעלט די שויבען פון די פענסטער.

„אין די הייהלען פון דעם הייליגען קלויסטער אין קיעוו איז אזוי שטיל, אזוי ערנסט שטיל, אזא פינסטערניש הערשט דאָרט אין זיי, אז עס כאַפּט אָן ביים הארצען פון ביינקעניש, און אין'ם חושך בלישטשען די לעמפּלעך אזוי ווי קינדערשע אויגעלאך, און ס'גיט זיך אָב דער ריח פון'ם הייליגען בוימעל...“ האָט טערענטי דערצעהלט מיט א מאָנאָטאָנער שטימע, אין דער צייט וואָס דער רעגען האָט ניט אויפ־געהערט צו קלאפּען אין פענסטער. א שרעקליכער גערויש האָט זיך איצט געהערט דאָרט אין דרויסען, אויף די בלעכענע דעכער האָט עס געקנאקט און געשטורמט, דאָס וואסער וואָס איז אראָבגערונען פון זיי

האָט געגלאַנצט און אויך אין דער לופט האָט געציטערט א נעץ פון דיקע, שטאַלענע פעדים.

„אַט דעם דאָזיגען הייליגען בוימעל שוויצען אויס די מוחות פון די הייליגע...“

„אזוי—וי,“, האָט זיך איליא אָבגערופען, אויסציהענדיג דאָס וואָרט. „נאָ, און דיר איז, הייסט עס, גרינגער געוואָרען אויפ׳ן האר־צען?“

טערעטני האָט געשוויגען א ווײַלע. דערנאָך האָט ער זיך אויפגע־הויבען פון שטוהל און זיך אריבערבויגענדיג צו איליא׳ן האָט ער מיט א פערדריקטער שטימע געזאָגט:

„כ׳וועל עס דיר געבען צו פערשטעהן דורך א משל, ווייסט דו: ווי דער שטיוועל דעם פוס, אזוי האָט מיר די זינד געדריקט דאָס הארץ — מיין אונפרייוויליגע זינד, וועלכע איך האָב נור בעגאַנגען, ווייל פעטרוכא האָט מיך דערצו געצוואונגען. וואָרים ווען איך וואָלט איהם דעמאָלט ניט געפאָלגט, וואָלט ער מיט מיר קיין ספק שהיות ניט געמאכט: ער וואָלט מיך פון הויז ארויסגעוואָרפען. אויף דער גאַס וואָלט ער מיך ארויסגעזעצט, גלויבסט דו עס?“ —

„געוויס גלויב איך עס,“ האָט איהם איליא געענטפערט.

„נו אלזאָ... און ווי איך האָב גענומען געהן — האָב איך דער־פיהלט אויף איינמאָל אזא גרינגקייט אויף דער נשמה. כ׳האָב געוואַנ־דערט אהין און געזאָגט: אָה גאָט, צי זעהסט דו מיך? איך געה צו דיינע הייליגע... איך ווייס, אז איך בין זינדיג...“

„דו האָסט זיך אלזאָ מיט איהם אָבגערעכענט?“ האָט לונעוו געפרעגט מיט א שמייכעל.

„ווי ער וויל, אזוי וועט געשעהן! ווי אזוי ער וועט מיין געבעט אָננעהמען — ווייס איך ניט,“ האָט דער הויקער געזאָגט, פערגלאָצענ־דיג בעת מעשה פרום די אויגען.

„און דאָס געוויסען דיינס? וואָס זאָגט דאָס?“

„וואָס דאָס זאָגט?“

„כ׳מיין—ס׳איז רוהיג?“

טערענטי האָט זיך פערטראַכט אויף א רגע. אזוי ווי ער וואָלט זיך צו עפּעס צוגעהערט, און דערנאָך האָט ער געענטפערט:

„עס שווייגט..."

לונעוו האט געשמייכעלט.

„אז דאס געבעט קומט פון ריינעם הארצן, מוז עס דעם מענטשן תמיד גרינגער מאכן אויף דער נשמה," האט דער הויקער זיך אב־געדופן שטילערהייט, מיט א טיפער, דורכדרינגענדער שטימע.

איליא האט זיך אויפגעהויבן פון שטול און איז צוגעגאנגען צום פענסטער. ברייטע טייכן ברודיגע וואסער האבן געשטראמט איבער'ן טראטואר. אויף'ן מיטן גאס, צווישן די שטיינער, זיינען געשטאנען קליינע לוזשעס. דער רעגן האט געגאסן אויף זיי, און זיי האבן געציטערט: ס'האט אויסגעוויזן עפעס אזוי ווי די גאנצע גאס וואלט זיך געטרייסעלט. דאס אנטקעגנדיגע הויז האט געהאט א מאדנעם אונפריינדליכעם אויסזעהן, גאנץ נאס איז עס געווען, מיט אנגעלאפענע שויבן, און מען האט ניט געקענט זעהן די בלומען אויף די פענסטער. אויף דער גאס איז געווען שטיל — נאר דער רעגן האט געדוישט און די קליינע אנגעלאפענע טייכלעך האבן שטיל געמור־מעלט. אן איינצעלנע טויב האט געזוכט זיך צו בעשיצן פאר'ן רע־גען אונטער דעם דעכעל פון אן אויבערשטען פענסטער, און די גאנצע גאס איז געווען פול מיט א וויסטע, גראע לאנגווייליגקייט.

„דער אסיען איז דא," איז איליא'ן דורכגעלאפען א געדאנק אין מוח.

„מיט וואס זשע דען פארט זאל מען זיך פערענטפערן, זיך רעכט־פערטיגען, אז ניט מיט געבעט?" האט טערענטי געפרעגט, עפנענדיג בשעת מעשה איינעם פון זיינע פעקלעך.

„א זעהר איינפאכע זאך," האט איליא געענטפערט, זיך גארניט אומקוקענדיג צום פעטער. „האסט געזינדיגט, טו זיי מתפלל צו גאט — און דו ווערסט ווידער ריין, קענסט ווייטער איבער א נייעם זינ־דיגען אויף וואס די וועלט שטעהט.."

„וואס הייסט? אדרבה: היט זיך און זיי פרום..."

„נאך וואס דען?"

„כדי דו זאלסט האבען א ריינעם געוויסען..."

„נאך וואס טויג א ריינעם געוויסען?"

„נא, נא, נא," האט זיך טערענטי אבגערופען. „ווי קענסט דו דאס זאגען?!"

„געוויס זאג איך עס," האט איליא געענטפערט מיט אן איינגע־עקשנ'טען טאן, זיך אומקעהרענדיג מיט'ן רוקען צום פעטער.

„דאס איז א זינד!"

„זאל עס זיין א זינד!"

„דו וועסט געשטראפט ווערן דערפאר..."

„ניין..."

איצט האט ער זיך אומגעדרעהט פון פענסטער און האט א קוק געטהאן טערענטי'ן גלייך אין פנים אריין. דער הויקער האט זיין פלי־מעניק דורכגענומען מיט די אויגען. צוקנאקענדיג מיט די ליפען האט ער א היבשע ווײלע געזוכט עפעס אן ענטפער, און אז ער האט ענדליך געפונען די ווערטער וואס ער האט געדארפט, האט ער זיך אבגע־רופען:

„ניין — זאגסט דו... און פונדעסטוועגען וועט עס פארט זיין אזוי... אט נעהם מיך למשל: אויך איך האב געזינדיגט און כ'בין דערפאר בעשטראפט געווארען..."

„מיט וואס פארט?"

„מיט מורא. כ'האב כסדר געלעבט אין שרעק — ס'קען נאך פלוצלונג ארויסקומען, און איך וועל..."

„און איך האב געזינדיגט און האב פאר גארנישט קיין מורא," האט איליא ערקלעהרט מיט אן עזות'דיגען געלעכטער.

„רעד ניט קיין נארישקייטען," האט זיך טערענטי אנגערופען מיט א שטרענגען טאן.

„ניין, כ'האב ווירקליך קיין מורא ניט! שווער גענוג געפאלט מיר דאס לעבען, און דאך..."

„אהא — א!" האט טערענטי זיך אנגעכאפט מיט א טאן פון טרי־אומף. „שווער געפאלט'ס דיר, זאגסט דו?"

„יא, אלע האבען מיך פערלאזען... פונקט ווי איך וואלט א קרע־ציגער געוועזן..."

„זעהסט דו, אט דאס טאקי איז די שטראף, אהא!"

„פאר וואס פארט?" האט איליא א געשריי געטהאן אויסער זיך

פון אויפרעגונג. זיין מאַרדע האָט איהם געציטערט און די פינגער פון די הענד, וואָס ער האָט געהאַלטען אויפ'ן רוקען, האָבען גענומען קראַצען אין דער וואַנד. טערענטי האָט איהם אַנגעקוקט מיט שרעק, פּאַרבענדיג בעת מעשה מיט א שנירעל אין דער לופּטען.

„אָבער שריי ניט, שריי ניט אַזוי," האָט ער שטילערהייט געזאָגט.

אָבער איליא האָט ניט אויפגעהערט צו שרייען. שוין לאַנג, אַז ער האָט מיט קיינעם ניט גערעדט, און אַלצדינג וואָס האָט זיך אין די טעג אָנגעזאַמעלט ביי איהם אין דער נשמה, האָט איצט געזוכט אַן אויסוועג. ליידענשאַפטליך, פול מיט צאָרן, האָט ער זיך געווענדעט צום פעטער:

„דיין געהן אויף די קברים, צו די היילינע, איז איבעריג, לחלוטין איבעריג געווען, ס'וואָלט דיר סיי ווי סיי גאָרנישט געשעהן! ניט נור רויבען, נאָר אויך מאָרדען מעגסט דו — קיינער וועט דיך ניט שטראָפען!... נור די נאַראָנים ווערען בעשטראָפט, ווער ס'פערשטעהט אָבער ווי אַזוי אָנצוגעהן, דער מעג אַלצדינג טהאָן, אַלצדינג."

„איליא!" האָט טערענטי א געשריי געטהאָן, צוגעהענדיג נעהענטער צו זיין פּלימעניק. „וואָס רעדסט דו פּאַרט? בערוהיג זיך!... זעץ זיך צו א ווײַלע! לאָמיר זיך רוהיגערהייט דורכשמועסען איבער אַלצדינג!"

מיט אַמאָל האָט זיך הינטער דער טהיר דערהערט א קלאַפּעריי. זיי זיינען ביידע געבליבען פּערציטערטע און האָבען קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. ס'איז אָבער פּונקט אַזוי פּלוצלונג שטיל געוואָרען, נור דעם רעגען האָט מען געקענט הערען...

„וואָס איז דאָס געווען אַזוינס?" האָט דער הויקער געפרעגט שטילערהייט, מיט א דערשראָקענעם טאָן.

איליא איז צוגעגאַנגען צו דער טהיר, האָט זי געעפענט און געוואָרפען א בליק אין קלייט.

„א פּאָר קעסטלאַך זיינען אַראָבגעפאַלען פון די פּאָליצעס," האָט לונעוו געזאָגט. דערנאָך האָט ער פערשלאָסען די טהיר און איז צוריקגעגאַנגען אויף זיין פּלאַץ ביים פענסטער.

טערענטי האָט זיך פון דאָס ניי גענומען פּאָרען ביי זיינע פּעקלאַך.

„בערעכען זיך אקאָרשט, איליא!“ האָט ער זיך אין א ווײלע ארום אָבגערופען. „ניט רייד אזעלכע זינדיגע רייד! וואָס פאר ווערטער האָסט דו פאָרט ארויסגעבראכט פון מויל, ברודער. אָה, אָה! דורך אפיקורסות קענסט דו דעם האַר אין הימעל ניט דערצאָרענען, אבער דיך אליין קענסט דו דורך דעם אונגליקליך מאכען... נעהם דאָס דיר גוט אריין אין זינען... דאָס זיינען קלוגע ווערטער... כ׳האָב זיי געהערט אונטערוועגס פון א פרומען מאן... וויפיעל קלוגשאפט האָב איך דאָס אויפ׳ן וועג געלערנט!...“

ער האָט פון דאָס ניי אָנגעהויבען דערצעהלען וועגען זיין רייזע. א קוק געבענדיג אלע ווײלע אויף איליא׳ן פון דער זייט. ער, איליא, אבער האָט זיך ווייניג וואָס צוגעהערט צום פעטער׳ס רייד. ער איז געווען פערטיעפט אין זיינע אייגענע געדאנקען און האָט געטראכט דערפון, ווי אזוי זיך אָם בעסטען איינצואָרדנען מיט׳ן פעטער.

און זיי האָבען זיך ווי עס איז איינגעאָרדענט איינער מיט׳ן צווייטען. טערענטי האָט זיך געמאכט א בעט פון אלטע קאסטענס, האָט עס אוועקגעשטעלט צווישען אויווען און דער טהיר, אין יענעם ווינקעל, וואו ס׳איז ביינאכט געווען שטאָק פינסטער. ער האָט איבערגענומען גאווריק׳ס ארבייט אין גאנצען, האָט געשטעלט דעם סאמאָוואר, אויפגערוימט דעם צימער און די קלייט, אריינגעבראכט עסען פון רעסטאָראן און דערביי געהאלטען אין איין פרעפלען און לויבען גאָט אין דער שטיל. ביינאכט פלעגט ער זיין פלימעניק דערצעהלען פערשיעדענע פרומע מעשה׳לאך, ווי אזוי הללויה׳ס פרוי האָט געראטעוועט קריסטוס׳ן פון די שונאים, אריינוואַרפענדיג איהר אייגען קינד אין פייער און נעהמענדיג דערפאַר דעם קליינעם קריסטוס צו זיך אויף די אָרעמס; ווי אזוי א מאָנאך איז געשטאַנען דריי הונדערט יאָהר נאָכאַנאַנד אין וואלד און זיך צוגעהערט צום געזאנג פון א פייגעלע; דאן די מעשה פון קיריק און אוליטא און נאָך פיעל, פיעל אנדערע געשיכטען. לונעוו האָט איהם געלאָזט דערצעהלען און איז בעת מעשה געווען פערנומען מיט זיינע אייגענע געדאנקען. אבענדצייט פלעגט ער איצט אָפט ארויסגעהן שפאצירען און ס׳האָט איהם שטענדיג געצויגען אויסער דער שטאָדט, ערגעץ וואו ווייט. דאָרט, אונטער׳ן פרייען הימעל, איז ביינאכט געווען אזוי שטיל, אזוי דונקעל

און איינזאם ווי ביי איהם אין דער נשמה...

אַן אַכט טאָג נאָך זיין אָנקומען איז טערענטי אוועק צו פּעט־רוכא פלימאַנאָוו'ן און איז צוריקגעקומען פון איהם א דערשלאָגע־נער און א צוקאַכטער. אבער ווען איליא האָט זיך נאָכגעפרעגט וואָס איהם איז, האָט ער געענטפערט:

„גאָרנישט, גאָרנישט! אזוי נור... כ'האָב בלויז געוואָלט א קוק טהאָן וואָס זיי טהוען דאָרט... כ'האָב געוואָלט אביסעל פּלוידערן. הם—יאָ!"

„וואָס מאַכט יאַקאָוו?" האָט איליא געפרעגט.

„יאַקאָוו? דער וועט מן הסתם לאנג ניט ציהען... ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף דיר... ער איז אזוי געל, און הוסט שרעקליך..."

טערענטי האָט געשוויגען, געקוקט טרויעריג אין ווינקעל, זיך גע־ביסען די ליפּען און האָט אויסגעזעהן זעהר קלעגליך.

מאַנאַטאָן, אָהן א שום אינטערעסע, האָט זיך זייער לעבען גע־צויגען: אלע טעג זיינען געווען גלייך איינער צום אַנדערן, אזוי ווי קופּערנע פּיניפּערס פון איין און דעמזעלבען יאָהר. טיעף ביי לונעוו'ן אין דער נשמה האָט זיך בעהאַלטען א פינסטערע האַרצעסענעש, עפּעס אזוי ווי א גרויסע שלאַנג, וועלכע האָט פערשלונגען אלע איינדריקע פון יענע טעג. קיינער פון די אלטע בעקאַנטע איז ניט געקומען צו איהם: פּאַוועל און מאשא האָבען אפּנים געפונען א נייעם וועג אין לעבען; מאַטיצא האָט געקראַגען א בריק פון א פערד און איז געשטאָר־בען אין שפּיטאָל; פּערפּישקא איז מיט אמאָל פערשוואונדען, אזוי ווי אין דער ערד אריין. לונעוו האָט נאָך אלץ געהאַט בדעה אריבער־צוגעהן געוואָהר ווערן וואָס יאַקאָוו מאַכט, ער האָט אבער געפּיהלט, אז ער האָט איינענטליך גאָרנישט וואָס צו ריידען מיט דעם טויט־קראַנקען פריינד זיינעם. אין דער פריה האָט ער איבערגעלייענט די צייטונג און דעם גאַנצען טאָג איז ער געזעסען אין קלייט, ארויסגע־קוקט פון פענסטער און געזעהן ווי דער אַסיען־ווינד יאָגט ארום די געלע בלעטער איבער דער גאַס. אַפּטמאָל פלעגט אויך צו איהם אין קלייט פערבלאָנדזשען אזא פערוויאַנעט בלעטעל...

„עהרווירדיגער פאָטער טיכאָן, בעט גאָט פאַר אונז..." האָט טע־רענטי, זיך פאַרענדיג אין צימער, געזונגען מיט זיין טרוקענער שטימע.

איינמאָל, אין אַ זונטאַג, אַז איליאַ האָט פֿאַנאַנדערגענומען די צייטונג האָט ער אויף דער ערשטער זייט דערזעהן אַ געדיכט מיט׳ן נאָמען „אמאָל און איצט" מיט דער אונטערשריפֿט „פּ. גראַטשעוו."

„געווען טעג אַמאָל, ווען ווי שוואַרצע ראָבען
געדאַנקען מיר דאָס האַרץ צוריסען האָבען,
דאָס האַרץ, אַזוי מיעד, אָהן האָפֿנונג, אָהן פֿרייד,
נאָר מיט ווייטאָגען פֿיעל און פֿול מיט לייד..."

האָט פֿאַוועל געשריבען. לונעוו האָט געלייענט די פֿערזען און פֿאַר זיינע אויגען איז ערשיענען דאָס בילד פֿון זיין פֿריינד, זיין בע־וועגליכעס געזיכט, וואָס אַט איז עס אונרוהיג, מיט די בליצענדע, פֿרעכע אויגען, און אַט ווערט עס טרויעריג און פֿינסטער, פֿערטיעפֿט אין איין איינציגען געדאַנק. אין זיינע פֿערזען האָט גראַטשעוו דער־צעהלט, ווי ער האָט געוואַנדערט אַליין, אָבגעריסען און עלענד, דורך אַ פֿרעמדער שטאָדט און קיינער איז איהם ניט אַנטקעגען געקומען, אַפֿילו מיט קיין פֿריינדליכען וואָרט ניט. און מיט אַמאָל, אַז ער האָט שוין כמעט געהאַלטען ביים אויסגעהן פֿאַר הונגער און פֿערדרוס, האָט ער זיך בעגעגענט מיט גוטע מענשען, וועלכע האָבען איהם אויפֿ־גענומען מיט ליעבשאַפֿט און איהם ווידער דערוואַרימט. און דורך די פֿריינדליכע ווערטער, דורכגעדרונגען פֿון ליעבע, וואָס זיינען געפֿאַ־לען ווי גליהענדע פֿונקען אין זיין האַרצען, איז ער פֿון דאָס ניי לע־בעדיג געוואָרען.

„און פֿול איז מיין האַרץ מיט האָפֿנונגען ווידער,
און פֿון מיין ברוסט שטראָמען פֿרעהליכע ליעדער..."

לונעוו האָט דורכגעלייענט דאָס געדיכט ביז׳ן סוף און האָט מיט כעס אַ וואַרף געטהאָן די צייטונג אָן אַ זייט.

„שרייב נור, שרייב געדיכטע, טראַכט אַלץ אויס וואָס נייעס! וואָרט אַקאַרשט, די גוטע מענשען דיינע וועלען דיך נאָך אַמאָל גוט אַריינלייגען!... גוטע מענשען!" האָט ער זיך געטראַכט מיט אַ שפּאָ־טישען שמייכעל. אָבער פּלוצלונג, אַזוי ווי אַ צווייטעס האַרץ וואָלט אין איהם גערעדט, איז איהם דורך אַ געדאַנק אין מוח:

„ווי וואָלט אַ שטייגער געווען, ווען איך זאָל זיך גאָר פּלוצלונג אַריבערגעהן צו זיי? איך קום איינפֿאַך אַריין און זאָג: אַט דאָ בין

איך!... פֿערצייהט מיר!..."

„וואָס האָבען זיי דען צו פֿערצייהען?" האָט ער זיך דערנאָך א פֿרעג געטהאָן, און האָט זיך פּלוצלונג אליין איבערגעשלאָגען דעם געדאַנק מיט די ווערטער:

„זי וועט מיך דורכיאָגען..."

דערנאָך האָט ער מיט א ביטערן געפֿיהל פֿון קנאה אין הארצען נאָך אמאָל גענומען די צייטונג אין דער האַנד, האָט פֿון דאָס ניי איבערגעלייענט גראַטשעוו'ס געדיכט און האָט ווידער געמוזט אָנהויבען דיינקען וועגען דעם מיידעל.

„זי איז שטאָלץ... וועט מיך אַזוי אויף איהר שטייגער בעטראַכטען... נאַ, און איך וועל זיך מוזען אָבטראָגען, אַזוי ווי איך בין געקומען..."

אין דערזעלבער צייטונג, צווישען די שטאָדט־נייעס, האָט ער געפֿונען א קליינעם נאָטיץ, אז דעם דריי און צוואַנציגסטען סעפּטעמבער וועט אין דיסטריקט־געריכט פֿאָרקומען דער פּראָצעס וועגען גנבה געגען ווערא קאַפּיטאַנאָווא. א רשעות'דיגעס געפֿיהל האָט זיך דערוועקט ביי איהם אין הארצען, און זיך װענדענדיג אין געדאַנקען צו פּאַוועל'ן, האָט ער געזאָגט:

„דו מאַכסט פֿערזען? און זי זיצט נאָך אלץ אין געפֿענגניס..."

„אָה גאָט, האָב רחמנות אויף מיר, זינדיגער מענש וואָס איך בין," האָט טערענטי געשעפּטשעט און זיפֿצענדיג צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. דערנאָך האָט ער א קוק געטהאָן אויף זיין פּלימעניק, וועלכער איז נאָך אלץ געווען פֿערטיעפֿט אין דער צייטונג, און האָט איהם א רוף געטהאָן:

„איליא?"

„וואָס איז?"

„אָט דער פּעטרוכאַ..."

דער הויקער האָט א טרויעריגען שמייכעל געטהאָן און געשוויגען שטיל.

„וואָס זשע?" האָט לונעוו געפֿרעגט.

„בע'ג—נב'עט האָט ער מיך!" האָט זיך טערענטי מיט א שטילער שטימע אָנגערופֿען.

איליא האָט גלייכגילטיג געקוקט דעם פעטער אין געזיכט אריין און האָט קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, נאָר ער האָט זיך געטראכט:
„אַ מצוה אויף דיר...“
„הא, הא הא, בעשווינדעלט האָט ער מיך!..“
„וויפיעל האָט איהר דען אייגענטליך דעמאָלט גע׳גנב׳עט?“ האָט איליא רוהיג געפרעגט.
דער פעטער האָט זיך מיט׳ן שטוהל צוזאמען אָבגערוקט פון טיש, האָט אָנגעבויגען דעם קאָפּ און האלטענדיג די הענד אויף די קניע, האָבען זיך די פינגער ביי איהם בעוועגט אהין און אהער.
„צעהן טויזענד, ניט אמת?“ האָט איליא פון דאָס ניי אַ פרעג געטהאָן.
דער הויקער האָט מיט ערשטוינונג אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אויסציהענדיג יעדעס וואָרט האָט ער געזאָגט:
„צע—עהן?... וואָס רעדסט דו פאָרט, גאָט אין הימעל! אין גאנצען איז דאָרט געווען דריי טויזענד זעקס הונדערט, און נאָך אַ קלייניגקייט, און דו רעדסט גאָר פון צעהן טויזענד!...“
„אָבער דער אלטער יערעמעי האָט דאָך געהאט מעהר ווי צעהן טויזענד רובעל,“ האָט זיך איליא אָבגערופען מיט אַ שמייכעל.
„איז עס מעגליך?“
„נו פערשטעהט זיך... ער האָט עס מיר אליין געזאָגט...“
„וואָס זשע, ער האָט עס דען געקענט איבערצעהלען?“
„פונקט אזוי גוט ווי דו און פעטרוכא...“
טערענטי האָט זיך פערטראכט, און פון דאָס ניי האָט ער אראָב־געלאָזען דעם קאָפּ.
„אויף וויפיעל האָט דיך פעטרוכא פאָרט בעשווינדעלט?“
„אויף זיבען הונדערט,“ האָט טערענטי געענטפערט מיט אַ זיפץ. „דו רעכענסט אלזאָ, ס׳איז געווען מעהר ווי צעהן טויזענד?“
לונעוו האָט געשוויגען. ס׳איז איהם אונאָנגענעהם געווען, אָנ־צוקוקען דעם אלטען׳ס פער׳דאגה׳ט, ענטטוישט געזיכט.
„וואו האָט ער דען געקענט בעהאלטען אזא פּאַק מיט געלד?“ האָט דער הויקער ערשטוינט געפרעגט. „מיר האָבען דאָך אלצדינג צוזאַ־מען, אזוי ווייט ווי איך וויים... אָדער האָט מיך פעטרוכא, הייסט

עס, שוין גלייך דעמאָלט בעשווינדעלט... ווי?"

„האָסט נאָך אלעמען געמעגט מאכען א שווייג און אויפהערן ריידען דערפון," האָט זיך לונעוו אָבגערופען מיט א שטרייכגען טאָן.

„יאָ, ס'איז פערביי... ס'לוינט זיך מעהר ניט צו ריידען דערפון," האָט טערענטי איהם צוגעשטימט און דערביי א טיעפען זיפץ געטהאָן.

לונעוו אבער האָט געטראכט דערפון, ווי גייציג אָט די מענשען זיינען, און וויפיעל נידערטרעכטיגקייט עס ליגט אין דער יאגד נאָך געלד. אבער טאקי באלד נאָכדעם האָט ער גענומען טראכטען, ווי שעהן עס וואָלט פונדעסטוועגען געווען, ווען ער וואָלט געהאט א סך, גאָר א סך פון דעם דאָזיגען געלד, צעהנדליגע טויזענדער, הונדערטער טויזענדער, און ווי ער וואָלט דאַן מיט די מענשען אביסעל געדייסטעוועט. אויף אלע פיער וואָלטען זיי פאר איהם געקראכען, הא הא!... און אין גאנצען דורכגעדרונגען פון דיזען ראכע געפיהל האָט ער פון כעס אזא זעץ געגעבען מיט'ן קולאק אין טיש, אז ער איז אליין געבליבען א פערציטערטער פון דעם מורא'דיגען קלאפּ.

און אז ער האָט דערנאָך א קוק געטהאָן אויפ'ן פעטער, האָט ער דערזעהן, ווי ער שטעהט אויך א צוטומעלטער, מיט דערשראָקענע אויגען און מיט אן אָפענעם מויל און קוקט אויף איהם.

„ס'איז בלויז געווען פון צוטראָגענקייט," האָט איליא מיט א טאָן פון פערדרוס זיך אָבגערופען צו טערענטי'ן און האָט זיך אויפגעהויבען פון טיש.

„כ'גלויב עס," האָט דער הויקער געזאָגט מיט א טאָן פון פערדאכט.

אז איליא איז אריין אין קלייט, האָט איהם טערענטי נאָכגעקוקט מיט א פארשעגדען בליק, און זיינע ליפען האָבען זיך דערביי געשאָקעלט. איליא אבער האָט, ווייזט אויס, געשפירט דיזען פערדעכטיגען בליק הינטער'ן רוקען — און ער האָט שוין פון לאנג אָן בעמערקט, אז דער פעטער קוקט איהם נאָך יעדען טריט און זוכט אלץ א געלעגענהייט איהם אויסצופאָרשען איבער וואָס עס איז.

דאָס האָט איליא'ן געטריבען דערצו, אויסצומיידען די געשפּרעכען מיט'ן פעטער. פון טאָג צו טאָג האָט ער אלץ דייטליכער גענומען

פיהלען, אז דער הויקער שטעהט איהם אין וועג און שטערט איהם זיין לעבענס-גאנג, און אלץ עפטער האט ער זיך אליין געשטעלט די פראגע:

„ווי לאנג נאך וועט זיך דאס נאך אזוי שלעפען?"

ביי לונעוו'ן אין הארצען איז דאס געשוויר וואס ווייטער אלץ גרעסער און אנגעצויגענער געווארען, אלץ פינסטערער האט איהם דאס לעבען אויסגעזעהן, און ערגער פון אלצדינג איז געווען דאס וואס ער האט צו קיין שום טהעטיגקייט קיין לוסט ניט געהאט. ס'האט איהם צו קיין זאך ניט געצויגען, און צייטענווייז האט זיך איהם גע־דוכט, עפעס אזוי ווי ער וואלט לאנגזאם און וואס א טאג אלץ טיע־פער אראבגעזונקען אין א פינסטערן גרוב, וואס צו זיין טיעפקייט איז גאר קיין סוף און קיין שיער ניטא. און מחמת דעם וואס ער האט זיך געפיהלט שווער געקריינקט פון די מענשען, האט ער וואס ווייטער זיך אלץ מעהר פערטיעפט אין דעם ביטערן געפיהל פון דיזער קריינקונג און האט ענדליך אין דעם געפונען א רעכטפערטיגונג פאר אלדאס בייז, וואס ער האט וועגען עס איז געטהאן.

באלד נאכדעם ווי טערענטי איז אנגעקומען, האט זיך אויך בעוויזען טאטיאנא וולאסיעוונא, וועלכע האט א צייט־לאנג פער־בראכט אויסער דער שטאדט. דערזעהענדיג דאס הויקערדיגע פויערל, וועלכער האט זיך ארומגעדרעהט אין קלייט אין א בארכעטען העמד, האט זי פערקרימט דאס מויל און א פרעג געטהאן איליא'ן.

„דאס איז אייער פעטער?"

„יא", האט איליא קורץ געענטפערט.

„און ער וועט וואוינען ביי אייך?"

„פערשטעהט זיך."

טאטיאנא וולאסיעוונא האט אין איהר שותפ'ס ענטפערס גע־פיהלט עטוואס פיינדליכעס, ארויספאדערנדעס, און זי האט זיך גע־מאכט, אז זי זעהט גאר דעם הויקער ניט. טערענטי, וועלכער איז געשטאנען אויף גאווריק'ס פלאץ ביים טהיר, האט זיך געצופט ביים געלען בערדעל זיינעם און געקוקט מיט א נייגיריגען בליק אויף א שלאנקע געשטאלט פון'ם קליינעם ווייבעלע. אויך לונעוו האט זיך צו־געקוקט, ווי זי שפרינגט ארום ווי א פויגעלע איבער'ן קלייט. ער האט

אַלץ געוואָרט, זי זאָל איהם ווייטער עפּעס פרעגען, און ער איז געווען גרייט ארויפצופאַלען אויף איהר און איהר אָבשיטען מיט זידעל־ווערטער. זי אבער האָט פון דער זייט געקוקט אויף זיין קאַלטעם געזיכט, פול מיט האס, און האָט גאַרנישט געפרעגט. הינטער׳ן פערקויף־טיש איז זי זיך געשטאַנען, געבלעטערט אין קאַסע־בוך און גערעדט דערפון, ווי אנגענעהם ס׳איז צו פערברייגגען א פּאָר וואכען אויפ׳ן לאַנד, ווי ביליג עס קאָסט און ווי גוט עס איז פאר׳ן געזונד.

„אַ קליין טייכעל האָבען מיר דאָרט געהאַט, גאַנץ רוהיג איז עס זיך געגאַנגען... און א פרעהליכע קאָמפּאַניע... א טעלעגראַפיסט האָט גרויסארטיג געשפּיעלט אויפ׳ן פידעל... כ׳האָב זיך אויך אויסגעלערענט רודערן... אבער וואָס איז שרעקליך — דאָס זיינען די קינדער פון די מוזשיקעס. א ריינע פּלאָג! בעפאַלען דיך אַזוי ווי די פליגען — אין איין יאָמערן און בעטלען האַלטען זיי. גיב, גיב, גיב! דאָס ברייגגען זיי די טאַטעס און מאַמעס זייערע אַזוי אויף... ס׳איז אַזוי שוידערליך.“

„קיין מענש ברייגגט זיי ניט אויף,“ האָט איליא קאַלט געענטפערט. „די טאַטעס און די מאַמעס זיינען ביי דער ארבייט, און די קינדער — וואַקסען אויף אָהן א שום השגחה... דאָס וואָס איהר האָט געזאָגט, איז ניט אמת!“

טאַטיאַנא וולאַסיעווגא האָט איהם אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג און האָט געעפענט דאָס מויל, אַזוי ווי זי וואָלט עפּעס געוואָלט זאָגען. אין דערזעלבער רגע האָט זיך טערענטי מיט א דרך ארץ׳דיגען שמייכעל אָבגערופען:

„אצונד, אַז די פּריצים בעווייזען זיך אַמאָל אין דאָרף — איז דאָס איינפאַך חידושים... אַפריהער פלעגען די הערען בלייבען זייער לעבען לאַנג אין זייערע דערפער... איצט ווייזען זיי זיך דאָרט נור ווען ניט ווען...“

מאדאם אווטאָנאָמאָוו האָט תחילת א קוק געטהאָן אויף טערענטי׳ן און דערנאָך אויף איליא׳ן און ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט האָט זי ווייטער אראָבגעלאָזט די אויגען אין קאַסע־בוך. טערענטי האָט זיך עפּעס ניט געפיהלט היימליך און האָט זיך גענומען צופּען ביים העמד. א מינוט פיליכט האָבען אַלע געשוויגען — מען האָט בלויז

געהערט דאָס שטילע גערויש וואָס די בלעטער פון קאַסע בוך האָבען אַנגעמאַכט בשעת'ן מישען און דערצו א שטילע סקריפּעריי: טערענטי האָט זיך געריבען דעם הויקער אָן דער טהיר־וואַנד...

„הער אקאַרשט צו, פעטער—" האָט זיך פּלוצלונג געלאָזט הע־רען איליא'ס טרוקענע שטימע — „אז דו וועסט ווייטער וועלען ריי־דען מיט גרויסע לייט, דען מוזט דו צוערשט בעטען ביי זיי ערלויבע־ניש, דו הערסט? ערלויבט, ביטע, מוזט דו זאָגען — און פאַלען אויף די קניע מוזט דו פאַר זיי..."

דאָס בוך האָט זיך אויסגעגליטשט טאַטיאַנא'ן פון די הענד און האָט זיך געלאָזט פאַלען אויפ'ן שרייב־טיש, דאָך האָט זי עס נאָך געקענט דערכאַפּען, האָט א שטאַרקען קלאַפּ געטהאָן דערויף מיט דער האַנד און זיך צולאַכט. טערענטי האָט איינגעבויגען דעם קאָפּ און איז ארוים אויף דער גאַס. דאָן האָט טאַטיאַנא וולאַסיעוונא פון דער זייט און מיט א שמייכעל געוואָרפען א בליק אויף איליא'ס פינסטער געזיכט און שטילערהייט געפרעגט:

„ביזט בייז, ווייזט אויס? אויף מיר אפשר? פאַרוואָס פאַרט?"

איהר געזיכט האָט געהאַט דעם אַלטען ביטרען, אנציהענדען אויסדרוק, און איהרע אויגען האָבען געבליצט פערפיהרעריש.

לונעוו האָט אויסגעשטרעקט די האַנד און זי א פּאַק געטהאָן ביי דער פּלייצע. אין איהם האָט זיך צופלאַקערט דער האַס געגען איהר און א ווילדע, טהירישע תאוה, א בעגעהר זי צוצודריקען צו זיין ברוסט און הערען דאָס קנאַקען פון איהרע דינע ביינער. מיט אויסגעשטירעטע צייהן האָט ער זי צוגעצויגען צו זיך. זי אָבער האָט איהם אָנגעכאַפּט ביי אָרם און געזוכט זיך ארויסצודרעהען פון זיינע הענד, שטילערהייט זאָגענדיג:

„אה... לאָז אָב... ס'טהוט דאָך וועה... דו ביסט משוגע געוואָ־רען?... דאָ קענען מיר דאָך ניט... דו, הער אקאַרשט: דעם פעטער קענסט דו דאָ ניט האַלטען! ער איז האַרבאַטע... די קונים וועלען מורא האָבען פאַר איהם... ווער איהם פּטור! מיר מוזען איהם אויס־זוכען עפּעס א פּלאַץ — דו הערסט?"

אָבער ער האָט זי געהאַלטען פעסט אין זיינע הענד און לאַנג־

זאַם מיט גרויסע, אויפגעריסענע אויגען איבערגעבויגען דעם קאָפּ איי־בער איהר געזיכט.

„וואָס ווילסט דו פאַרט... הער אויף.. לאָז מיך אָב!..."

זי האָט זיך מיט אַמאָל אָראָבגעלאָזט אויף דער ערד און ווי א פיש האָט זי זיך אַרויסגעגליטשט פון אונטער זיינע אָרעמס. לונעוו האָט זי דורכ'ן הייסען טומאַן, וואָס האָט געשוועבט פאַר זיינע אוי־גען, געזעהן שטעהן ביי דער טהיר פון קלייט. מיט ציטערנדע הענד האָט זי זיך צורעכט געמאַכט דאָס יאַקעל איהרס און געזאָגט:

„אַך, ווי גראָב דו ביסט! וואָס זשע, דו קענסט גאָר ניט וואַר־טען?"

אין קאָפּ ביי איהם האָט עס געברויזט, אַזוי ווי גאַנצע בערג וואָל־טען דאָרט איינגעפאַלען. זיך ניט א ריהר טהאָנדיג פון אָרט, מיט פעסט צוזאַמענגעקרעמפּטע פינגער איז ער געשטאַנען הינטער'ן פערקויף־טיש און האָט געקוקט אויף איהר, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט אין איהר געזעהן פערקערפּערט אַלעס בייז, אַלע רשעות, אַלע אומגליקען פון זיין לעבען.

„ס'איז אַפילו גאַנץ שעהן, גאַלופּטשיק מיינער, וואָס דו ביסט אַזוי ליידענשאַפטליך — אָבער מען מוז דאָך קענען זיך איינהאַל־טען!..."

„אוועק פון דאַנען!" האָט איליא געזאָגט.

„כ'געה, כ'געה שוין. היינט קען איך דיך ניט צונעהמען, אָבער איבערמאָרגען, דעם דריי און צוואַנציגסטען, איז ביי מיר געבורטס־טאָג. וועסט דאָך קומען?"

בשעת זי האָט אַזוי גערעדט האָט זי זיך געפּאַרעט אַרום איהר בראַש און האָט גאַרניט געקוקט אויף איליא'ן.

„טראָג זיך אָב פון דאַנען!" האָט ער ווידערהאָלט, ציטערנדיג פאַר תאוה, זי צו פּאַקען און צו מאַטערן.

זי איז אוועקגעגאַנגען.

גלייך נאָכדעם איז אַריינגעקומען טערענטי און מיט א טאָן פון רעספּעקט האָט ער א פרעג געטהאָן:

„דאָס איז זי. הייסט עס, געוועזן, די שותפ'טע דיינע?"

לונעוו האָט א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און א זיפץ פון ער־

לייכטערונג האט זיך איהם ארויסגעריסען פון הארצען.

„א וואזשנע דאמע! אט די איז גאר ניט שלעכט... אך דו! און אזוי קליין און פיין..."

„און געמיין!" האט זיך איליא מיט א טיעפער שטימע אבגע־רופען.

„הם", האט טערענטי א ברום געטהאן, אזוי ווי ער וואלט זיך ניט געגלויבט.

איליא האט אויף זיין געזיכט דערשפירט דעם פעטער'ס גייר־גירינגען, שארפען בליק און מיט כעס האט ער געזאגט:

„נא, וואס קוקסט דו מיך אזוי אן?"

„איך? גאט מיינער! ווי דו רעדסט דאס אביסעל הייגט..."

„איך וויס וואס איך רייד... כ'האב געזאגט, אז זי איז געמיין — און חאדיע. כ'האב נאך געקענט עפעס ערגערס זאגען — און אויך דאס וואלט אמת געוועזן..."

„טאקי? אט דאס אלזא איז דאס," האט דער הויקער מיט א שמערצליך אויפגערעגטער שטימע געזאגט.

„וואס איז אזוינס?" האט איליא א געשריי געטהאן מיט כעס,

„דו האסט אלזא..."

„וואס האב איך אלזא?"

דערשראקען און אין דערזעלבער צייט אויך בעליידיגט האט זיך טערענטי ארומגעשאקעלט אויף איין ארט אהין און אהער. זיין גע־זיכט האט אויסגעקוקט אזוי קלעגליך און די אויגען זיינע האבען געפינטעלט.

„אלזא... דו ווייסט מן הסתם... דו קענסט דאך איהר אם בעס־טען..." האט ער זיך אין א ווײלע ארום אבגערופען.

„דאס איז אלצדינג וואס דו האסט צו זאגען?" האט זיך איליא אבגערופען. „יא, כ'קען זיי אלע — וועלכע זיינען אזוי ריין... פון דרויסען..."

„כ'האב נור וואס געהאט א שמועס מיט דעם משרת פון הויז," האט דער הויקער אזוי ווי געזוכט צו פערקירעווען דעם גע־שפרעך אויף אן אנדער זייט, נאכדעם ווי ער האט זיך אנידערגע־זעצט אויפ'ן שטוהל — „כ'האב מיט איהם געפלוידערט אביסעל מכח

זיין ברודער... אויף אכט טאָג האָט איהם דער מיראָוואָי סודיא פער־משפּט... יאָ! א רוהיגער, שטילער יונג, וואָס טרינקט קיינמאָל ניט... זאָגט דער הויז־משרת. און מיט אמאָל פאַלט ער אריין... אין אזא מין משוגעת! שבור'ט זיך אַן און כאַפּט זיך אַלעמען שלאָגען — דעם בעל הבית זיינעם האָט ער צוקלאַפּט דאָס געזיכט, און אויף דעם קאָמי... און פריהער האָט איהם דער בעל הבית געבראָכען די ביינער, וויפיעל ער האָט נור אליין געוואָלט... ער האָט זיך פון אָרט ניט גערירט. גע־שוויגען האָט ער שטענדיג..."

לונעוו האָט אויסגעהערט דעם פּעטער'ס געשיכטע און האָט זיך געטראַכט:

„אוועקוואַרפען, שלאָגען כפּרות וואָלט איך געוואָלט מיט אַלצ־דינג און אַבציהען פון דאַנען... כאַפּט דער קאַדיק דאָס דאָזיגע זויי־בערע לעבען... פאַר מיר איז איבערהויפּט ניטאָ קיין לעבען... כ'וועל א שליידער טהאָן אַלצדינג און אוועקגעהן... ארומוואַנדערן וועל איך... ווייל דאָ — געה איך צו גרונד..."

„האָט געליטען, געליטען — און איז סוף כל סוף דאָך ארויס פון די כלים," האָט טערענטי געזאָגט.

„ווער?"

„נאַ... פון דעם הויז־משרת' ברודער רייד איך. אויף אכט טאָג האָט איהם דער סודיא אריינגעלייגט... פאַר געשלעג..."

„אזוי!"

„יאָ, אכט טאָג!... ער האָט עס דערטראָגען, האָט זיך געלאָזט טרעטען מיט די פיס... נאַ, ס'האָט זיך אלזא אָנגעקליבען ביי איהם אין דער נשמה, אזוי ווי די סאַזשע אין קוימען... און דאַן האָט זיך עס אָנגעצונדען און אויסגעבראָכען... אין פלאַמען..."

„הער אקאַרשט, פּעטער," האָט איהם איליא איבערגעשלאָגען די רייד — „פיהר דו דאָס געשעפט!... איך געה אוועק..."

טערענטיס מאַנאַטאַנע, ביטערע ווערטער האָבען געקלונגען טרויע־עריג, אזוי ווי א גלאָקען־קלאַנג אין זיינע אויערן, און אין מאַגאַזין איז געווען ענג און קאַלט. און אויף אויף דער גאַס איז ניט געווען היימליך. זייט עטליכע טעג האָט ניט אויפגעהערט רעגענען. די בלאַנקע, גרויע פלאַסטער־שטיינער האָבען ארויפגעקוקט אונבעוועג־

ליך און לאנגווייליג צו דעם גרויען הימעל, און זיי האבען אויסגעזעהן פונקט ווי מענשליכע פנים'ער. אין די שפאלטען צווישען זיי איז געלעגען די בלאטע, וועלכע האט זיך נאך דייטליכער ארויסגעזעהן צוליעב די קאלטע זויבערקייט פון די שטיינער... א שווערע פייכט־קייט האט דורכגעדרונגען די לופט און האט געווארפען א שווערען אומעט אויך אויף די הייזער. די געלע בלעטער אויף די בוימער האבען געציטערט, אזוי ווי זיי וואלטען געפיהלט דעם הויך פון טויט אויף זיך. ערגעץ־וואו האט מען מיט שטעקענס אויסגעקלאפט טא־פעטען אדער פעלצען — די קורצע, קליינע קלעפ האבען זיך פאנאנ־דערגעשפרייט אין דער לופט און זייגען פערשוואונדען אין איהר, ווי שטיינער אין וואסער. און ביים ברעג גאס, איליא'ן פאר די אוי־גען, האבען זיך אויפגעהויבען צום הימעל געדיכטע ווייסע און בלויע וואלקענס. שווער, אין גרויסע געוואלדיגע שטיקער, זייגען זיי געקרא־כען אין דער הויך, איינער נאכ'ן אנדערן, אלץ העכער און העכער, איבערבייטענדיג כסדר זייער געשטאלט. אט קריכט ארויס א ווייסער וואלקען, און ביי איהם צו פוסען לויפט נאך א בלויער, יאגט איהם אריבער און בעדעקט איהם ענדליך אין גאנצען. ס'האט אויסגעזעהן, אז זיי קריכען אלע דערפאר אזוי הויך אין דער גרויער אונענדליכ־קייט, כדי צו קענען וואס שטארקער און וואס שווערער זיך אראב־שליידערן אויף די הייזער, די בוימער און די הויפען.

לונעוו איז ענדליך פערמאטערט געווארען צו בעטראכטען דיזע לעבעדיגע וואלקען־וואנד, און שוידערנדיג פון קעלט און לאנגווייליג־קייט, איז ער אריין צוריק אין קלייט.

„כ'מוז שלאגען כפרות מיט דעם אלעמען... מיט דער קלייט און אלצדינג... זאל דער פעטער פיהרען דאס געשעפט דא... מיט טאניא'ן אינאיינעם... און איך געה...“

ער האט זיך פארגעשטעלט אין זיין געדאנק דאס ברייטע, פייכ־טע פעלד, און דעם הימעל, בעדעקט מיט גרויע וואלקענס, און דעם ברייטען לאנד־וועג, בעפלאנצט מיט בערעזעווע בוימער. ער שפאנט מיט א פעקעל אויפ'ן רוקען, זיינע פיס זינקען אין בלאטע, דער קאל־טער רעגען שמייסט איהם אין פנים אריין. אויפ'ן פעלד אזוי ווי אויפ'ן וועג זעהט מען קיין לעבעדיגען נפש ניט אין די אויגען — קיין

פויגעל אפילו זעהט מען ניט אויף די בוימער...

„כ'וועל זיך אויפהייננגען,“ האט ער זיך גלייכגילטיג געטראכט, זעהענדיג, אז ער האט קיין שום ציעל ניט פאר זיך, וועז ער זאל אפילו פון דאנען אוועקגעהן — אז ער האט פשוט ניט וואוהין צו געהן...

11.

אז ער האט זיך אויפגעכאפט אויף מארגען אין דער פריה, האט ער אויפ'ן קאלענדער געלייענט די שווארצע ציפער דריי און צוואנציג און... האט זיך דערמאנט, אז היינט דארף זיין וויערא'ס פראצעס. ער האט זיך דערפרעהט, וואס ער האט אן אורזאכע אוועקצוגעהן פון קלייט, און מיט אמאל האט זיך געיאוועט ביי איהם א שטארקע אינטערעסע פאר דעם מיידעל'ס שיקזאל. ער האט ארויפגעכאפט אויף זיך די קליידער, אויף גיך אויסגעטרונקען זיין טהעע, איז כמעט לויפענדיג אוועק אין געריכטס־הויז און — איז געקומען אהין צו פריה. מען האט איהם ניט ארייננגעלאזען — אן עולם פון מענשען האט זיך געשפארט און געשטופט אויף די טרעפ און געווארט מען זאל עפענען די טהיר.

אויך לונעוו איז געשטאנען ביי דער טהיר, מיט'ן רוקען אנגעשפארט אן וואנד פון הויז. א ברייטער, פרייער פלאץ איז געלעגען ביי דער געריכטס־געביידע, און אין מיטען אויף דעם דאזיגען פלאץ איז געשטאנען א גרויסע קירכע. בלייכע שאטענס האבען ארומגעשוועבט איבער דער ערד. אט האט זיך די זונן בעוויזען א בלאסע, א מיעדע אויפ'ן הימעל און אט איז זי גאר פערשוואונדען הינטער די וואלקענס. כמעט יעדע מינוט האט זיך דארט הינטען אויפ'ן פלאץ ארויבגעלאזען א גרויסער, דונקעלער שאטען, איז ארומגעקראכען אויף די שטיינער, זיך ארויפגעדראפעט אויף די בוימער, און האט אויסגעזעהן אזוי שווער, אז די צווייגען פון די בוימער האבען זיך עפעס אזוי ווי איינגעבויגען פון דער משא. דאן האט ער איינגעהילט די קירכע

פון אונטען ביז'ן שפּיץ ארויף, האט זיך ארומגעווארפען אויף איהר און זיך געלאזט געהן ווייטער אויף דער געריכטס־געביידע און אויף די מענשען, וואס זיינען געשטאנען ביי דער טהיר...

אט די מענשען האבען אלע אויסגעזעהן אזוי מערקווירדיג גרוי און האבען געהאט אזעלכע הונגעריגע פּנים'ער. זיי האבען אנגעקוקט איינע די אנדערע מיט מיעדע אויגען און גערעדט לאנגזאם. איינער פון זיי, א לאנגהאריגער, מיט א לייכטען, ביז'ן האלז פערקנעפּעלטען פּאלטא און מיט א צוקנייטשטע היטעל, האט זיך געדרעהט די פוקס־רויטע בארד זיינע מיט זיינע אייז־קאלטע, שטייפע פינגער און ארומגעשארט אונגעדולדיג מיט די פיס. אן אנדערער מיט א פערלאטעטען יאקעל אהן ארבעל און מיט א היטעלע וואס איז איהם געווען אראבגערוקט איבער'ן גאנצען שטערן, איז געשטאנען מיט אן איינגעבויגענעם קאפּ, איין האנד אין בוזים פון העמד און די אנדערע אין קעשענע. ס'האט אויסגעוויזען אזוי ווי ער וואלט געשלאפען. א גאנץ שווארצער קליינער חברה־מאן איז א זשאקעט און הויכע שטיוועל, איז עפּעס געווען שטארק אונרוהיג: ער האט אויפגעהויבען זיין שפּיציג, בלאס פּנים'ל, האט ארויפגעקוקט צום הימעל, צוגעפייפט, גענפינטעלט מיט די ברעמען, געזוכט מיט דער צונג אנצוכאפּען די וואנציעם און האט גערעדט העכער ווי אלע אנדערע.

„וואס זשע, זיי עפענען נאך אלץ ניט?" האט ער זיך אבגערופען, אנגעבויגען דעם קאפּ אן א זייט און זיך גענומען צוהערען.

„ניין... הם!... האט ער ווייטער געזאגט. „און ס'איז דאך שוין אזוי שפּעט... איהר זייט גארנישט געגאנגען אין ביבליאטהעק, מיין טהייערער?" האט ער א פרעג געטהאן דעם לאנגיאהריגען.

„ניין, ס'איז צו פריה..." האט יענער געענטפערט מיט א מורמלענדען טאן.

„ס'איז פערדאמט קיהל היינט, ניט אמת?"

„נישקשה, מיר וואלטען רעכט געצאפּעלט, ווען מיר האבען ניט דאס געריכט און די ביבליאטהעק!" האט דער לאנגהאריגער געזאגט.

דער שווארצער האט לאנגזאם א ציה געטהאן מיט די אקסלען. איליא האט בעטראכט די דאזיגע לייט און האט זיך צוגעהערט צו זייערע רייד. ער האט פערשטאנען, אז דאס זיינען דונקעלע פערזאנען

פון א געוויסען סארט, וואס לעבען פון אלערליי פינסטערע געשעפט־לעך, בעשווינדלען די מוזשיקעס, שרייבען זיי פראשעניעס און אנדע־רע אזעלכע פאפירען אדער קלאפען אליין אב די טהירען פון די היי־זער מיט שנאר־בריף. פריהער פלעגט ער אויסמיידען זיך ניט צו בע־געגענען מיט אזעלכע סארטען מענשען, אצונד אבער האבען זיי איהם אינטערעסירט.

„נאך וואס לעבען זיי, אט די מענשען? און זיי לעבען דאך פארט...“ איז איהם דורך א געדאנק אין מוח.

א פאר טויבען, א זכר מיט א נקבה, האבען זיך אראבגעלאזט אויף דער ערד, ניט ווייט פון די געריכטס־טרעפ. ארום דער טויב האט זיך ארומגעוואקעלט מיט אן אויפגעשטעלטען קאפ דער מאן איהרער, ניט אויפהערענדיג בשעת מעשה צו גורען אויפ׳ן קול.

„פפיוה!“ האט דער קליינער שווארצער חברה־מאן א פייף גע־טהאן. דער מענש מיט׳ן פערלאטעטען יאקעל איז פערציטערט געווא־רען און האט אויפגעהויבען דעם קאפ. דאס געזיכט זיינס איז געוועזן אויפגעלאפען, בלוי, מיט גלעזערנע אויגען.

„כ׳האב ניט ליעב קיין טויבען,“ האט דער שווארצער בעמערקט, נאכקוקענדיג בעת מעשה די אוועקגעפליגענע פויגעל. „זיי זיינען אזעל־כע גע׳שמד׳טע העלזער... אזוי ווי רייכע קרעמער... און דאן דאס איי־ביגע גורען... דערווידער איז עס מיר שוין! — וואס זשע, איהר זייט אנגעקלאגט?“ האט ער גאר אומגעריכטערהייט א פרעג געטהאן אי־ליא׳ן.

„ניין...“

„ווירקליך ניט?“

„ניין...“

דער שווארצער האט איליא׳ן אבגעמאסטען פון אויבען ביז אראב און האט צוגעברומט פאר זיך.

„דאס איז מערקווירדיג...“

„וואס איז מערקווירדיג?“ האט איליא געפרעגט מיט א געלעכ־טער.

„איהר האט דעם פנים פון אן אנגעקלאגטען...“ האט דער שוואר־צער א זאג געטהאן... „אהא, איצט עפענט מען!“

ער האט זיך דער ערשטער ארייגעגליטשט אין דער אפענער טהיר פון דער געריכטס-געביידע. צוטומעלט פון זיין בעמערקונג, איז איהם איליא נאכגעגאנגען און האט זיך אריינגעשפארט אין טהיר צוזאמען מיט'ן לאנגהאריגען.

„ניט געשפארט, חברה-מאן," האט דער לאנגהאריגער געזאגט אין דער שטיל, האט דערלאנגט איליא'ן א שטויס און איז אריין פאר איהם.

און דער דאזיגער שטויס האט איליא'ן ניט בעליידיגט, נאר אין ערשטוינונג האט עס איהם אריינגעבראכט.

„מערקווירדיג!" האט ער זיך געטראכט. „שטויסט זיך, עפּעס אזוי ווי ער וואלט געווען א גאנצער מאכער, א וואזשנער מענש, וואס איז איבעראל דער ערשטער — און איז דאך אזא שלעפער, אז עס רייסט דאס הארץ א קוק צו טהאן אויף איהם..."

אין געריכטס-זאל איז געווען אומעטיג און שטיל. דער לאנגער טיש, בעצויגען מיט גרינעם טוך, די פּאטעלען מיט די הויכע פּארענטשעס, די גרויסע פּארטרעטען און די שווערע גאלדראהמען, די רויטע שטוהלען פאר די געשווארענע, די לאנגע הילצערנע באנק הינטער די שטאנגען — אט דאס אלץ האט געדריקט דאס געמיטה און ארויסגערופען רעספּעקט ביי אלע פערזאמעלטע. די פענסטער זיינען געווען אזוי ווי אריינגעקראכען אין די גראָבע ווענד, די לייוועטענע פאר־היינגלאך זיינען אראבגעהאנגען אין דיקע פּאלטען איבער די פענסטער און דורך דעם האבען די שויבען אויסגעזעהן מאט און אזוי ווי פערשמירט. די שווערע טהירען האבען זיך געעפענט שטיל, און אהן גערויש, זיינען אויך ארומגעגאנגען די אלע מענער, אנגעטהאן אין די אוניפארמעס, אהין און אהער איבער'ן זאאל. יעדע זאך אין דעם דאזיגען גרויסען חדר האט עפּעס אזוי ווי געווארענט, אזוי ווי מתרה געווען יעדען איינעם, אז ער זאל ניט פערגעסען און זיך האלטען רוהיג. מיט א שמערצליכען געפיהל אין הארצען האט זיך לונעוו אומגעקוקט: און אז דער בעאמטער האט אנגעזאגט, אז די „פערהאנדלונג הויבט זיך אן," האט ער א ציטער געטהאן און איז אויפגעשפרונגען פון ארט פאר אלע אנדערע, ניט וויסענדיג, אז דאס איז דער איינפיהר אזוי צו טהאן.

איינער פון די מענשען, וואָס זיינען נור וואָס אריינגעקומען, איז געווען יענער גראַמאַוו, וועלכער האָט געוואוינט אין דעם הויז אנט־קעגען איליאַ'ס קלייט. ער האָט זיך אנידערגעזעצט אויפ'ן מיטעלס־טען פּאַטעל, האָט זיך מיט ביידע הענד ארויפגעשאַרט די האָר און זיך צורעכט געמאַכט דעם קאַלנער פון זיין אוניפאָרמע, וואָס איז געווען אויסגענייט מיט גאָלד. זיין געזיכט האָט איליאַ'ן אביסעל בערוהיגט; ס'איז געווען אַזוי גוטמוטהיג און רויט ווי תמיד, נאָר די שפּיצען פון זיינע וואָנציעס האָט גראַמאַוו אַנגעדרעהט נאָך אוי־בען. צו זיין רעכטער האַנד איז געזעסען אַ געמיטליכער אַלטער, מיט אַ פלאַטשיג נעזעל, מיט אַ פּאָר ברילען אויף די אויגען און מיט אַ קליין גראָה בערדעל, און צו זיין לינקער האַנד אַ פליכעוואַטער קאָפּ מיט אַ צוויי־שפּיצענדיגער רויטער באָרד און מיט אַ געלען, אונבע־וועגליכען פּנים. אַ חוץ זיי איז נאָך געשטאַנען ביים שרייב־טיש אַ יונגער ריכטער מיט אַ קיילעכדיגען, גלאַט־געשוירענעם קאָפּ און מיט אַ פּאָר שאַרפע שוואַרצע אויגען. זיי האָבען אַלע אַ צייט לאַנג געשווי־גען און געבלעטערט אין די פּאַפּירען אויפ'ן טיש; לונעוו האָט מיט רעספּעקט געקוקט אויף זיי און האָט ערוואַרטעט, אַז באַלד וועט זיך איינער פון זיי אויפהויבען און עפּעס זאָגען...

אָבער פּלוצלינג, אַז איליאַ האָט אויסגעדרעהט דעם קאָפּ נאָך לינקס, האָט ער דערזעהן פּעטרוכאַ פלימאַנאָוו'ס גוט־בעקאַנטע, גלאַנ־ציג, פריש־לאַקירט געזיכט. פּעטרוכאַ איז געזעסען אויף איינעם פון די רויטע שטוהלען, אין דער ערשטער שורה, האָט זיך אַנגעשפּאַרט מיט'ן רוקען אָן דער פאַרענטשטע פון שטוהל און רוהיג בעטראַכט דעם עולם. צוויי מאָל איז זיין אויג אריבער איבער איליאַ'ס גע־זיכט, און יעדעס מאָל האָט לונעוו דערשפּירט אין זיך אַ וואונש, אויפצושטעהן און אויסצושרייען עפּעס צו פּעטרוכאַ'ן אָדער צו גראַ־מאָוו'ן אָדער צו די אַלע, וואָס זיינען געווען אין זאַאַל.

„גנב!... האָסט ערמאָרדעט דיין זוהן!"... איז איהם פּלוצלונג דורכגעלאָפען אַ געדאַנק אין מוח און איהם האָט זיך אויסגעדוכט, אַזוי ווי עפּעס צינדעט זיך אָן ביי איהם אין האַלז...

„איהר זייט אַנגעקלאָגט..." האָט גראַמאָוו מיט אַ פריינדליכער שטימע אַנגעהויבען ריידען צו אימיצען; אָבער איליאַ האָט ניט גע־

זעהן צו וועמען גראמאוו האט גערעדט: ער האט נור געקוקט פעט־רוכא'ן אין געזיכט אריין, דערשלאגען פון שווערען צווייפעל און זיך בשום אופן ניט גלויבענדיג, אז דארט זיצט ווירקליך א פילימאנאוו — אלס ריכטער!...

„זאגט אקארשט, אנגעקלאגטער—“ האט זיך דער פארזיצענדער מיט אן אומעטיגען קול אבגערופען, זיך רייבענדיג בעת מעשה דעם שטערן — „איהר האט דעם קרעמער אנסימאוו געזאגט: „ווארט כ'וועל זיך מיט דיר אברעכענען דערפאר?“

ערגעץ־וואו האט זיך א לופט־פענסטער געדרעהט און אנגע־מאכט א רעש:

„י—ו... י—ו... י—ו...“

צווישען די געשווארענע האט איליא געזעהן נאך צוויי בעקאנ־טע פנים'ער. הינטער פעטרוכא'ן איז געזעסען דער פאדראטשיק סילאטשעוו, א הויכער מענש מיט לאנגע הענד און מיט א קליין, פער־קרימט פנים'ל, פילימאנאוו'ס א גוטער־ברודער, וואס האט מיט איהם תמיד געשפיעלט אין קארטען. אויף סילאטשעוו'ן האט מען דער־צעהלט, אז ער האט זיך אמאל, בויענדיג א הויז, צוקריגט מיט זיינעם אן ארבייטער, האט ער איהם אראבגעווארפען פון א הויכען פלאץ, וואו יענער איז געשטאנען און געארבייט. דער ארבייטער איז דערפון גע־שטארבען. און אין דער ערשטער שורה, צוויי שטוהלען ווייט פון פעטרוכא'ן, איז געזעסען ראדאנאוו א גרויסער סוחר פון שניט־וואא־רע, איינער פון איליא'ס ליפעראנטען, וועלכער האט שוין צוויי מאל אנגעזעצט און גע'סילוק'ט זיינע בעלי חובות מיט צעהן פראצענט דערפון וואס זיי האט געקומט.

„עדות! ווען האט איהר געזעהן, אז אנסימאוו'ס הויז האט גע־ברענט?...“

„יו—ו... יו... יו... יו,“ האט געסקריפעט דאס לופט־פענסטער, און אויך ביי איליא'ן אין הארצען האט אבגעקלונגען עפעס א פער־שטיקטע סקריפעריי.

„דער דומקאפ!“ האט אימיצער א שעפטשע געטהאן לעבען אי־ליא'ן. לונעוו האט זיך אומגעקוקט און דערזעהן לעבען זיך דעם

קליינעם שווארצען בחור, וועלכער האָט פריהער גערעדט צו איהם אין דרויסען.

„א דומקאָפּ איז עס!“ האָט ער ווידערהאָלט, צוגעשאָקעלט איליא'ן מיט'ן קאָפּ און געמאכט א קרומע מיענע מיט'ן מויל.

„ווער איז א דומקאָפּ?“ האָט איליא א פרעג געטהאָן.

„דער אָנגעקלאָגטער... געהאט אזא שעהנע געלעגענהייט דעם עדות אָבצולייקענען — און האָט זי פערזעהן! איך וואָלט איהם... עה!...“

איליא האָט געוואָרפען א בליק אויף דעם ארעסטאַנט. ס'איז געווען א הויך־געוואקסענער מוזשיק, ביינערדיג מיט א שפּיציגען קאָפּ. דאָס געזיכט זיינס איז געווען פינסטער, דערשראָקען, און ער האָט געקריצט מיט די ציינער אזוי ווי א מיעדער, אָנגעיאָג'עטער הונד, וועלכער איז ארומגערינגעלט פון בייזע שונאים און ער פערדרוקט זיך אין א ווינקעל, ניט האָבענדיג מעהר קיין כח, זיך צו פערטהיידיגען. דומע, טהירישע מורא איז געווען אויסגעדריקט אין דיזען פּנים. אבער פּעטרוכא, סילאטשעוו, דראָגאָוו און די אנדערע האָבען רוהיג, מיט זאטע אויגען געקוקט אויף איהם. לונעוו'ן האָט זיך אויסגעדוכט, אז זיי האָבען אלע איין און דעם זעלבען געדאנק:

„האָסט זיך געלאָזט פאַקען — אלזא ביסט דו שולדיג...“

„ס'איז לאַנגווייליג,“ האָט דער שכן ווייטער א שעפּטשע געטהאָן צו איליא'ן. „גאָר ניט קיין אינטערעסאנטע זאך... דער אָנגעקלאָגטער איז א בהמה, דער פּראָקוראָר — א שלאָפמיץ און די עדות — ליימענע גולם'ס, ווי דער שטייגער איז. אז איך וואָלט געווען פּראָקוראָר, וואָלט איך אין צעהן מינוט מיט איהם פאַרטיג געוואָרען...“

„ער איז דען שולדיג, וואָס?“ האָט לונעוו געפרעגט, און א פּראָסטיגער שוידער איז איהם בעת מעשה אריבער איבער'ן לייב.

„כ'מיין... אז ניט — אבער פער'משפּט'ן קען מען איהם פונדעסטוועגען... ער פערשטעהט פשוט ניט, ווי זיך צו פערטהיידיגען. די מוזשיקעס פערשטעהען עס איבערהויפּט ניט. א צו דומעס פאָלק! הוילע ביינער און פלייש — אָבער שכל, געשיקטקייט: קיין שפּור!“

„דאָס איז ריכטיג... יאַ—אַ!“

„האָט איהר א צוואנציג־קאָפּיקענעם?“

„יא...“

„גיט איהם מיר..."

איליא האָט ארויסגענומען זיין טייסטער און האָט איהם דער־לאנגט די מטבע, נאָך איידער ער האָט זיך בערעכענט, צו זאָל ער איהם געבען, צי ניט. און אז ער האָט עס איהם שוין געהאָט אוועק־געגעבען, האָט ער זיך געטראַכט, קוקענדיג בעת מעשה אויף זיין שכן פון דער זייט מיט א מין רעספּעקט:

„אָט דער דאָ פערשטעהט אַן עסק!... אזוי מוז מען עס מאַכען: איינפאַך ארויספּאַלען אויף יענעם און גיב!.."

„אַ עזעל־קאָפּ און ווייטער גאַרנישט!" האָט דער שוואַרצער פון דאָס נייַ שטילערהייט געזאָגט, א פינטעל טהאַנדיג מיט'ן אויג צום אָנ־געקלאָגטען.

„סס—סס—סססט!" האָט זיך געלאָזט הערען דער געריכטס־דיע־נער.

„מיינע העררען געשוואָרענע!" האָט דער פּראָקוראָר אָנגעהויבען מיט א זאַנפטער, אָבער דאָך דורכנעהמענדער שטימע. „בעטראַכט אקאָרשט דאָס געזיכט פון דעם דאָזיגען מענשען — ס'רעדט מעהר ווי די ערקלעהרונגען פון די עדות, דורך וועלכע די שולד פון'ם אָנגע־קלאָגטען האָט זיך ארויסגעצייגט אזוי קלאָהר און אזוי פעסט, אז מען קען עס אויף קיין אופן ניט בעשטרייטען.. עה, עה... דאָס דאָזיגע געזיכט מוז אונז גויטוועגדיגערווייזע איבערצייגען, אז פאַר אונז שטעהט א טיפּישער פערברעכער, א פיינד פון דער געזעצליכער אָרד־נונג, א פיינד פון דער געזעלשאַפט..."

דער פיינד פון דער געזעלשאַפט איז גראָד געזעסען בשעת דער פּראָקוראָר האָט גערעדט, נאָר איהם האָט עס אפּנים געמוזט קלינגען קאָמיש צו בלייבען זיצען, אין דער צייט וואָס מען זאָגט אויף איהם, אז ער שטעהט — און אזוי האָט ער זיך אויפגעהויבען לאַנגזאַם, מיט אַן אראָבגעלאָזטען קאָפּ. זיינע אָרעמס זיינען אראָבגעהאַנגען איבער'ן קערפּער, און די גאַנצע לאַנגע, גראָע געשטאַלט איז געווען אויסגעבוי־גען נאָך פאָרענט, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט זיך צוגעגרייט זיך אריינצו־וואַרפען אין דעם זומפּ פון דער גערעכטיגקייט...

אויך לונעוו האָט אראָבגעלאָזט דעם קאָפּ. ס'איז איהם געוואָ־רען אזוי ביטער, אזוי פערדריקט אויפ'ן הארצען, און אין זיין מוח האָבען זיך געקאַטשעט מאָדנע מחשבות, פאַר וועלכע ער האָט קיין שום

אויסדרוק ניט געפונען, און וועלכע האָבען געשטריטען איינע מיט די אנדערע און איהם געמוטשעט. פעטרוכאַ'ס רויט, רוהיג געזיכט האָט געבלישטשעט דורך די דאַזיגע געדאנקען, אזוי ווי די לבנה דורך די וואָלקענס.

אז גראַמאָוו האָט געלאָזט וויסען, אז די זיצונג וועט אויף א ווײַלע אָבגעלייגט, איז איליא צוזאמען מיט דעם שווארצען בחור'ל ארויס אין קאָרידאָר. דער שווארצער האָט ארויסגענומען פון קעשענע א צודריקטען סיגארעטעל, האָט איהם אויסגעגלייכט מיט די פינגער און געזאָגט:

„ער האָלט אלץ כסדר אין איין שווערען, דער נארישער בחור, אז ער האָט דאָס הויז ניט אונטערגעצונדען. אָבער דאָ העלפט קיין שווערען ניט, דאָ הייסט עס איינפאך: די הויזען ארונטער — און גע־קאָטעוועט, אז פייער זאָל שפריצען.. האָ האָ! מיר זיינען דאָ סטראָגע לייט! צי דו האָסט דעם קרעמער דאָס הויז אויסגערויכערט, צי אן אנ־דערער — דאָס איז ניט וואזשנע. וואזשנע איז נאָר, אז מען מוז אי־מיצען דערפאר בעשטראָפען!... האָבען זיי דיך געפאַקט — ווערסט דו טאַקי פערארורטהיילט!...“

„ער איז אלזאָ שולדיג צי ניט? ווי מיינט איהר?“ האָט איליא געפרעגט פערטראכטערהייט.

„פערשטעהט זיך אז ער איז שולדיג, מחמת ער איז — נאריש, קלוגע לייט זיינען קיינמאָל ניט שולדיג,“ האָט דער קליינער געפלאָ־פעלט אויף גיך, ווי זיין שטייגער איז געווען, ציהענדיג בעת מעשה דעם רויך פון זיין סיגארעטעל. די אויגעלאך זיינע זיינען געווען קליין און שווארץ, אזוי ווי ביי א מויז, און אויך די קליינע, שפיציגע ציינער זיי־נע האָבען דערמאָנט אָן א מייזעל.

„צווישען די געשוואָרענע זיצען דאָ מענשען...“ האָט איליא אָנ־געהויבען מיט א האַלבען מויל.

„סוחרים מייסטענטהיילס,“ איז איהם דער שווארצער אריינגע־פאַלען אין די רייד.

„גאנץ ריכטיג, סוחרים,“ האָט איליא געזאָגט און האָט א קוק גע־טהאָן אויף איהם. „עטליכע פון זיי קען איך...“

„אהאָ!...“

„בייזע ברידער... אז מען וויל זאָגען דעם אמת..."

„פּונקט אזעלכע גנבים ווי יענע," האָט זיין פּאַרטנער געזאָגט. ער האָט געריעדט גאַנץ הויך, אָהן א שום אָבהאַלט. אז ער האָט אויסגע־רויכערט זיין סיגאַרעטעל, האָט ער גענומען פּייפען און אָנגעקוקט יעדען איינעם מיט זיינע פּרעכע קליינע אויגען, אין דער צייט וואָס אַלעס, יעדעס מינדסטע ביינדעלע אין איהם האָט געציטערט און זיך געריהרט פון אונרוהיגקייט.

„דאָס קען גאַנץ גוט געמאָלט זיין," האָט ער פּאַרטגעזעצט זיין שמועס מיט איליא'ן. „איבערהויפּט איז די גאַנצע זאַגענאַנטע יוסטיץ דאָס רוב ניט מעהר ווי א מין קאָמעדיע... פון גאַנץ איינפאַכען סאָרט. די זאַטע לייט פערטרייבען זיך די צייט דערמיט, אויסצוהיילען די הונגעריגע פון זייערע שלעכטע נייגונגען... כ'בין שוין זעהר אָפט געוועזען ביי פּראָצעסען — אבער איך האָב עס נאָך קיינמאָל ניט דער־לעבט, אז הונגעריגע זאָלען זיצען און משפּט'ן א זאַטען... און אז די זאַטע פעראורטהיילען אמאָל א זאַטען, דאַן פּאַסירט עס העכסטענס וועגען א צו גרויסער זשעדנעקייט... זאָלסט ווייטער ניט צונעהמען אַלצדינג פאר דיר, זאָלסט אונז אויך וואָס איבערלאָזען..."

„אַט דאָס זאָגט מען דאָך טאַקי: דער זאַטער קען ניט פערשטעהן דעם הונגעריגען," האָט איליא בעמערקט.

„אונזינן!" האָט דער שווארצער זיך אָבגערופען. „אוי פער־שטעהט ער איהם!... דעריבער איז ער טאַקי אזוי שטרענג צו איהם!"

„כ'האָב גאָרנישט געגען דעם, אז איינער איז זאַט און עהרליך," האָט איליא שטילערהייט געזאָגט, „אָבער אז ער איז זאַט און א לומפּ דערצו — ווי אזוי קען ער דאַן משפּט'ן א מענשען?"

„די שורקען זיינען די שטרענגסטע ריכטער," האָט זיך דאָס שווארצע בחור'ל רוהיג אָבגערופען. „נאַ, קומט אריין — מיר וועלען זיך אקאָרשט צוהערען צו דער געשיכטע מכח דער גנבה..."

„די אָנגעקלאָגטע קען איך," האָט לונעוו אין דער שטיל געזאָגט.

„אה!" האָט דאָס בחור'ל א זאָג געטהאָן און האָט געטראַכט איליא'ן מיט א שנעלען בליק. „לאָמיר אקאָרשט א קוק טהאָן, ווי זי זעהט אויס, די בעקאַנטע אייערע..."

ביי איליא'ן אין קאָפּ איז געוועזען א תוהו ובהו. ער האָט געוואָלט

נאָך עפּעס פרעגען ביי דעם פלינקען קליינעם חברה־מאַן, ביי וועמען די ווערטער האָבען זיך אַזוי גלאַט געקאַטשעט איבער די ליפּען אַזוי ווי ארבעס פון א זאַק, אבער עטוואָס אומאנגענעהמעס איז געלעגען אין דעם גאַנצען מענשען. וואָס האָט איליא'ן אָבגעשראָקען. אין דער־זעלבער צייט האָט אויך דער געדאַנק, אַז אַ פּעטרוכא קען דאָ זיצען אַלס ריכטער, פערטריבען אַלע אַנדערע מחשבות פון איהם. אַט די פאָרשטעלונג האָט זיך אויסגעלייגט אַזוי ווי אַן אייזערנער רייף אַרום זיין הארץ און האָט פערשפּאַרט דעם פּלאַץ, קיין אַנדער זאַך זאָל דאָרט ניט קענען אריינקומען...

אַז ער איז צוגעקומען צו דער טהיר פון זאַאַל, האָט ער צווישען עולם בעמערקט פּאַוועל גראַטשעוו'ס קרעפּטיגען האַלז און נאַקען און די קליינע אויערן זיינע. ער האָט זיך דערפרעהט איהם צו זעהן, האָט איהם אַ ציה געטהאַן ביים ארבעל פון זיין פּאַלטאָ און פערצויגען דעם מויל צו אַ ברייטען שמייכעל. אויך פּאַוועל האָט אַ שמייכעל געטהאַן. אבער מען האָט לייכט געקענט זעהן, אַז ער צווינגט זיך דערצו.

„גוט מאָרגען!“

„גוט מאָרגען!“

אַ פּאָר אויגענבליקען זיינען זיי געשטאַנען שטיל איינער אַנט־קעגען אַנדערן.

„ביסט געקומען אַהער, צוקוקען ווי ס'געהט פּאָר?“ האָט פּאַ־וועל געזאָגט.

„און יענע... זי איז דאָ?“ האָט איליא אַ צוטומעלטער געפרעגט.

„ווער?“

„נאָ — דיין סאָפיאַ ניק...“

„זי איז ניט „מיינע“... האָט איהם פּאַוועל מיט אַ פּראָסטיגען טאָן איבערגעשלאָגען די רייד.

שווייגענדיג זיינען זיי ביידע אריין אין זאַאַל.

„קום, זעץ זיך לעבען מיר!“ האָט לונעוו פאָרגעשלאָגען.

„יאָ... זעהסט דו... איך בין דאָ מיט געזעלשאַפט...“ האָט פּאַוועל שטאַמלענדיג געענטפערט.

„אַך אַזוי... נאָ, אויך רעכט...“

„הער קאָרשט, דו—“ האָט זיך פּאַוועל אָבגערופען, „גיב נור גוט

אכטונג אויף דעם, וואָס דער אדוואָקאט וועט זאָגען!"

„זעהר שעהן — כ'וועל זיך צוהערען," האָט איליא שטילערהייט געזאָגט, און נאָך שטילער האָט ער צוגעלייגט: „נא, זיי געזונד, ברודער..."

„זיי געזונד! מיר זעהען זיך נאָך!"

גראטשעוו האָט זיך אומגעקעהרט און איז גלייך אוועק אויף דער אנדער זייט. איליא האָט איהם נאָכגעקוקט, מיט א געפיהל, עפּעס אזוי ווי פּאוועל וואָלט איהם מיט דער האנד א זעץ געטהאָן אין א פערוואונדעטען אָרט אויף זיין קערפּער. ס'האָט איהם גענומען מוראדיג שטעכען אין הארצען. ער האָט זיך געערגערט דערפון וואָס גראטשעוו טראָגט א גוטען נייעם פּאלטאָ און וואָס זיין געזיכט האָט אין די לעצטע מאָנאַטען געקראָגען א געזינדערע, רייגערע פּארב.

אויף דער באנק, וואו פּאוועל האָט זיך אנידערגעזעצט, איז אויך געזעסען גאווריק'ס שוועסטער. פּאוועל האָט איהר עפּעס געזאָגט, און זי האָט אויף גיך א דרעה געגעבען דעם קאָפּ אין לונעוו'ס זייט. אז איליא האָט דערזעהן ווי זי קוקט אויף איהם, האָט ער זיך אָבגעקעהרט אָן א זייט, און די נשמה זיינע האָט זיך נאָך פעסטער און געדיכטער איינגעהילט אין די געפיהלען פון צאָרן, פון פערדרוס און עמפּערונג... די געדאנקען האָבען זיך צושפּיעלט אין איהם, זיינען דורכגעלאָפען שטורמענדיג אין זיין מוח, זיך געשפּאַרט איינע די אנדערע, זיך פערשטעלט דעם וועג און דערנאָך זיינען זיי מיט אמאָל פערשוואונדען. ער האָט דערפיהלט א פוסטקייט ביי זיך אינעווייניג, אָבער פון דרויסען האָבען זיך די איינדריקע געוואָרפען אויף איהם מיט אן אונגעהייערער קראַפט, און ער איז ניט אימשטאַנדע געוועזען דייטליך צו בעגרייפען דאָס, וואָס האָט זיך פאר איהם אָבגעשפּיעלט...

מען האָט אריינגעפיהרט וועראַ'ן אין זאַאל: זי איז געשטאַנען הינטער די גראטעס אין א גראָען, לאַנגען ראָק און מיט א ווייסער פאטשיילע איבער'ן קאָפּ. א קליין בינטעלע פון איהרע גאָלדבלאָנדע האָר האָט זיך ארויסגעשפּארט פון אונטער'ן טיכעל איבער איהר לינקען שלייף, די באקען איהרע זיינען געוועזען בלאַס, די ליפּען פעסט צוגעמאכט, און איהרע גרויסע, אָפענע אויגען האָבען געקוקט אונבעוועגליך און ערענסט אויף גראָמאָוו'ן.

„יאָ... יאָ... ניין... יאָ...“ האָט איהר שטימע שטיל געקלונגען אי־ליאַ'ן אין די אויערן.

גראַמאַוו האָט איהר אָנגעקוקט פריינדליך און גערעדט צו איהר מיט א האלב־פערדריקטען, ווייכען טאָן, פונקט אזוי ווי א קאַטער וואָלט געשנאַרכעט.

„און זייט איהר זיך מודה, קאַפּיטאַנאַווא, אז איהר האָט אין יענער נאַכט...“ איז זיין ווייכע, זאַפטיגע שטימע איהר אריין אין די ביינער.

לונעוו האָט געקוקט אויף פּאַוועל'ן, וועלכער איז געזעסען מיט'ן קאָפּ אנגעבויגען נאָך פאָרענט און מיט די אויגען צו דער ערד און האָט גערדרעהט און געקנייטשט זיין היטעל, וואָס ער האָט געהאַלטען אין די הענד. זיין שכן'טע אָבער איז געזעסען גלייך אזוי ווי א חלב'נע ליכט און געקוקט אזוי ערנסט, פונקט ווי זי וואָלט דאָ געדאַרפט משפּט'ן אַלעמען — אי וויערא'ן, אי די ריכטער און אי דעם עולם. דעם קאָפּ איהרען האָט זי אלע ווייַלע א קעהר געטהאָן אויף אן אנ־דער זייט, אויף איהרע ליפּען איז געלעגען אן אויסדרוק פון פעראַכ־טונג און אונטער די צוזאַמענגעצויגענע ברעמען האָבען געבליצט די שטאָלצע אויגען קאַלט און שטרייננג...

„כ'בין זיך מודה, אז איך בין שולדיג,“ האָט וויערא געזאָגט. איהר שטימע האָט געקלונגען, פונקט אזוי ווי דער קלאַנג וואָס הערט זיך בשעת מען גיט א קלאַפּ אין א צושפּאָלטענער פיינער שאָל.

צוויי פון די געשוואָרענע, דאַראַנאַוו און זיין שכן, א רויט־האָ־ריגער, גלאַט־געגאָלטער מענש, האָבען צוזאַמענגעלייגט די קעפּ, גע־מאַכט עפּעס שטיל מיט די ליפּען און בעטראַכט דאָס מיידעל מיט שמייכעלדיגע בליקען. פּעטרוכא פילימאָנאַוו האָט זיך אָנגעבויגען מיט'ן גאַנצען קערפּער נאָך פאָרענט און זיך עפּעס אָנגעהאַלטען מיט די הענד אָן שטוהל: דער פּנים זיינער איז נאָך געוועזען רויטער ווי תמיד און די וואָנציעס האָבען איהם אזוי ווי געציטערט. און נאָך אַנדערע פון די געשוואָרענע האָבען געקוקט אויף וויערא'ן, אי דאָס מיט א גאַנץ בעזונדערן אויסדרוק, וואָס לונעוו האָט פערשטאַנען, און וועלכער האָט אין איהם דערוועקט אן עקעל.

„זיי דאַרפען איהרע טענות אויסהערען און זי משפּט'ן — און

צום סוף קוקען זיי אזוי אונפערשעהמט אויף איהר, די הולטאַיעם!"
האָט ער זיך געטראַכט און צונויפגעביסען די צייהן פעסט איינע אויף די אנדערע. און ער האָט שטאַרק חשק געהאַט, א געשריי טהאָן צו פּעטרוכאַ'ן:

„הע, דו—גנב! וואָס האָסט דו זיך אזוי פערטראַכט? וואו זיצסט דו פאַרט? וואָס איז דיין פּפליכט?..."

ס'האָט זיך איהם עפּעס געשטעלט אין האַלז, אזוי ווי א שווערע קויל, און געוואָרגען האָט עס איהם אזוי, אז ער האָט דעם אָטהעם ניט געקענט אָבכאַפּען.

„זאָגט מיר אקאָרשט, עה — קאַפּיטאַנאָווא —" האָט גראַמאָוו ווידער אָנגעהויבען. און בשעת מעשה האָט זיך איהם די צונג געטריי־סעלט און די אויגען האָבען עפּעס אזוי ווי געוואָלט ארויסשפּרינגען, פּונקט ווי ביי א ווילדען, וואָס פאַלט אריין אין א היץ — „איהר בעשעפטיגט זיך... עה—שוין לאַנג מיט דער פּראָסטיטוציאָן?"

וויערא האָט א מאַך געטהאָן מיט דער האַנד איבער'ן פּנים, עפּעס ווי זיין פראַגע וואָלט זיך פעסט אָנגעקלעפּט אָן איהר פער־שעהמט געזיכט.

„שוין לאַנג," האָט זי געענטפערט מיט א פעסטען טאָן. איין זאַאַל איז געוואָרען א שושקעריי, עפּעס אזוי ווי שלאַנגען וואָלטען ארומגעקראָכען אויף דער ערד. גראַטשעוו האָט זיך נאָך טיעפער איינגעבויגען, אזוי ווי ער וואָלט זיך געוואָלט ערגעץ בעהאַלטען און האָט נאָר אַלץ געדרעהט זיין היטעל אין די הענד.

„ווי לאַנג שוין?..."

וויערא האָט געשוויגען און האָט געקוקט ערנסט און שטרענג, מיט גרויסע, אָפענע אויגען גראַמאָוו'ן אין געזיכט אריין.

„א יאָהר? צוויי יאָהר? פינף יאָהר?" האָט דער פאָרזיצענדער ניט געוואָלט אָבטרעטען.

וויערא האָט נאָך אַלץ געשוויגען. גרוי, אזוי ווי אויסגעהאַקט פון שטיין, איז זי געשטאַנען זיך ניט ריהרענדיג פון אָרט, נור די עקען פון דער פּאַטשיילע, וואָס זי האָט געטראָגען אויפ'ן קאָפּ, האָבען זיך בעוועגט אויף איהר ברוסט.

„איהר האָט רעכט ניט צו ענטפערן, אז איהר ווילט ניט," האָט

זיך גראַמאָוו אָבגערופּען און איז אריבער מיט דער האַנד איבער זיינע וואַנציעס.

מיט אַמאָל האָט זיך דער אדוואָקאַט אויפגעכאַפּט פון זיין פּלאַץ. דאָס איז געווען אַ מאָגערער מענש מיט אַ שפּיציג בערדעל און לענג־ליעבע אויגען. די נאָז זיינע איז געווען דין און לאַנג, און זיין האַלז און נאַקען ברייט, וואָס האָט געגעבען זיין געזיכט דעם אויסזעהן פון אַ בייל.

„זאָגט, קאַפּיטאַנאָווא, וואָס האָט אייך געבראַכט דערצו, זיך... אָבגעבען מיט דער דאָזיגער בעשעפטיגונג?" האָט ער אַ פרעג געטהאָן מיט אַ גוט־קלינגענדער שטימע.

„גאָרנישט האָט מיך דערצו געבראַכט," האָט וויערא געענט־פערט און אַ קוק געטהאָן אויף איהרע ריכטער.

„הם... דאָס איז דאָך עפּעס ניט ריכטיג... זעהט... מיר איז בע־קאַנט... איהר האָט מיר דערצעהלט..."

„אייך איז גאָרנישט בעקאַנט," האָט וויערא געזאָגט. זי האָט אַ קעהר געטהאָן דעם קאָפּ צו איהם, איהם אָבגעמאָסטען מיט איהר בליק און טימ צאָרן ווייטער געזאָגט:

„כ'האָב אייך גאָרנישט דערצעהלט... איהר האָט זיך דאָס אַלצ־דינג פון זיך אַליין אויסגעטראַכט..."

זי האָט געוואָרפען אַ בליק אויפ'ן עולם, דערנאָך האָט זי זיך אומגעדרעהט צום טיש, וואו די ריכטער זיינען געזעסען, און אָנווייז־ענדיג מיט'ן קאָפּ אויפ'ן אדוואָקאַט, האָט זי געפרעגט:

„מעג איך זיך אָבזאָגען פון ענטפערן איהם?"

ווידער אַמאָל האָט זיך אויסגעדרוכט, עפּעס אַזוי ווי שלאַנגען וואָלטען ארומגעלאָפען איבער'ן זאַאַל, אָבער דאָס מאָל האָבען זיי שוין אַ סך העכער און שטאַרקער געצישט. איליא האָט געציטערט פאַר אויפרעגונג און געקוקט אויף גראַטשעוו'ן.

ער האָט עפּעס ערוואַרטעט פון איהם, ער האָט עס גאַנץ בעשטימט ערוואַרטעט. אָבער פּאַוועל, וועלכער איז געזעסען איינגעבויגען הינטער איינעם פון פּובליקום, האָט געשוויגען און זיך פון אָרט ניט גע־ריהרט. גראַמאָוו האָט אַ שמייכעל געטהאָן און עפּעס געזאָגט מיט

גלאטע, זיסינקע ווערטער. דערנאָך האָט וויערא מיט אַ שטילער אָבער פעסטער שטימע זיך אָבגערופען:

„כ'האָב געוואָלט זיין רייך, גאַנץ איינפאַך... דעריבער האָב איך זיך דערצו גענומען, און ווייטער איז דאָ ניטאָ וואָס צו ריידען... כ'בין פון תמיד אַן אַזוי געווען...“

די געשווארענע האָבען זיך גענומען שושקען איינע מיט די אַנ־דערע. די געזיכטער זייערע האָבען זיך פערצויגען מיט אַ וואָלקען, און אויך אויף די פּנים'ער פון די ריכטער האָט זיך געוויזען אַן אויס־דרוק פון אונצופרידענהייט. אין זאַאַל איז שטיל געוואָרען; פון גאַס האָט זיך געלאָזט הערען אַ גלייכמעסיגער, פערדריקטער גערויש פון טריט — סאָלדאַטען זיינען דורכגעגאַנגען פערביי דאָס געריכטס־הויז.

„אַזוי ווי די אַנגעקלאַגטע האָט זיך אַליין מודה געווען, אַז זי איז שולדיג, בכן האָט מען מיר פאַרגעשלאָפען...“ מיט די ווערטער האָט דער פּראָקוראָר אַנגעהויבען זיין רעדע. איליא האָט זיך שוין מעהר ניט געקענט האַלטען אויף זיין פּלאַץ. ער האָט זיך אויפגעהויבען און גענומען אַרומגעהען הין און צוריק איבער'ן זאַאַל.

„רוהיג זאָל זיין!“ האָט דער געריכטס־דיענער אַ געשריי געטהאַן אויפ'ן קול.

איליא האָט זיך אַלזאָ ווידער אַנידערגעזעצט און אַזוי ווי פּאַוועל האָט ער אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ איבער דער ברוסט. ער האָט ניט געקענט זעהן פּעטרוכאַ'ס רויט געזיכט, וואָס האָט איצט אַנגענומען אַן אויפגעבלאָזענעם, ערנסטען אויסדרוק, פּונקט ווי ער וואָלט זיך דורך וואָס עס איז געפיהלט בעליידיגט. און אין דעם פריינדליכען גראַ־מאָוו האָט ער הינטער דעם ריכטער, וואָס האָט כלומר'שט איינזעהע־ניש מיט די אַנגעקלאַגטע, געזעהן דעם מענשען מיט'ן אייז־קאַלטען הארצען, און ער האָט בעגריפען, אַז דער דאָזיגער מונטערער העלד איז צוגעוואוינט מענשען צו משפּט'ן פּונקט ווי אַ סטאָליער איז געוואוינט צו הובליען ברעטער. און ביי איליא'ן אין דער נשמה האָט זיך געצאַ־פּעלט דער ביטערער געדאַנק:

„אַז איך וואָלט זיך אַצונד מודה געווען — וואָלטען זיי מיך אויך גע'משפּט פּונקט ווי איהר: פּעטרוכאַ וואָלט מיך פעראורטהיילט!..

אויף קאַטאָרגע וואָלט ער מיך פערשיקט, ער אַליין אָבער וועט בלייַ־בען דאָ..."

איליא האָט זיך פערטיעפט אין דעם דאָזיגען געדאַנק און איז זיך אַזוי געזעסען פערטראַכטערהייט, ניט קוקענדיג אויף קיינעם און זיך ניט צוהערענדיג אפילו צו דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין זאַאַל.

„כ'וויל ניט, איהר זאָלט וועגען דעם ריידען!" האָט וויערא אַ געשריי געטהאָן מיט אַ ציטערנדיגער, טיעף געקרענקטער שטימע. און זי האָט גענומען שרייען און קוויטשען, האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט דער האַנד פאַר דער ברוסט און אַרונטערגעריסען די פּאַטשיילע פון קאָפּ.

„כ'וויל ניט!.. כ'וויל ניט!..."

אַ מורא'דיגער ליאַרם האָט אָנגעפילט דעם זאַאַל. פון דעם מייַ־דעל'ס געשריי זיינען אַלע שטאַרק אויפגערעגט געוואָרען, וויערא אָבער האָט זיך אַרומגעוואָרפען הינטער דער גראַטע אַהין און אַהער, פּונקט ווי זי וואָלט געברענט. דערנאָך האָט זי פּלוצלונג אויסגעבראָכען אין הערצרייסענדען געוויין.

„מוטשעט מיך ניט... לאָזט מיך צורוה... אום גאָטעס ווילען!"

איליא איז אויפגעשטאַנען און האָט זיך געוואָלט אַ וואַרף טהאָן פאָראויס, אָבער דאָס פּובליקום האָט איהם מיטגעריסען מיט זיך, און מיט אַמאָל האָט ער דערזעהן, אַז ער איז אויף אַזאַ אופן אַרויסגע־שטופּט געוואָרען אין קאָרידאָר.

„די זעעלע איהרע האָבען זיי אויפגעדעקט!" האָט ער דערהערט דעם קליינעם שוואַרצען'ס שטימע.

בלייך און צורודערט איז פּאַוועל גראַטשעוו געשטאַנען ביי דער וואַנד און געציטערט פון אויפרעגונג. איליא איז צוגעגאַנגען צו איהם און מיט פינסטערע, בייזע אויגען האָט ער דעם אַלטען פריינד זייַ־נעם אַריינגעקוקט גלייך אין געזיכט אַריין. אַרום און אַרום זיי איז געשטאַנען דער עולם אין קופּקעס אָדער מען איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק איבעראַל האָט מען געקענט הערען לעבעדיגע געשפּרע־כען און דער ריח פון טאַבאַק האָט אָנגעפילט די לופט.

„טורמע קריגט מען דערפאַר! זי מעג שרייען וויפיעל זי וויל, ס'וועט איהר גאָרנישט העלפען..."

„זי האָט זיך אַליין מודה געווען, די אומגליקליכע!"

„א ברירה האט זי געהאט! מען האט דאך געפונען ביי איהר דאס געלד..."

„ס'מאכט נישט... זי האט געדארפט זאגען, אז ער האט עס איהר אוועקגעשענקט..."

אזוי ווי הערבסט־פליגען האבען די ווערטער ארומגעזשומזשעט אהין און אהער איבער'ן קארידאר און האבען זיך געזעצט איליא'ן אין די אויערן.

„אלזא וואס?" האט ער מיט א ביטערן טאן זיך אבגערופען צו פאוועל'ן, צוגעהענדיג נאהענט צו איהם.

פאוועל האט איהם אנגעקוקט, האט געעפענט דעם מויל און ניט געפונען קיין ווערטער וואס צו ריידען.

„האסט א מענשען אויפ'ן געוויסען," האט לונעוו צו איהם געזאגט.

א פערציטערטער איז פאוועל געווארען, עפעס אזוי ווי מען וואלט איהם געגעבען מיט א נאגאיקע איבער'ן רוקען. ער האט אויפגעהויבען די הענד, זיי אראבגעלאזען אויף לונעוו'ס שולטערן און מיט א קלעגליכער שטימע האט ער געפרעגט:

„צי בין איך דען ווירקליך שולדיג?"

איליא האט בעפרייט זיינע שולטערן פון פאוועל'ס הענד און האט געוואלט א געשריי טהאן צו איהם:

„יא, דו ביסט שולדיג! האסט געדארפט פריי אויסשרייען, אז זי האט דאס געלד פאר דיר גע'גנב'עט!"

אבער אנשטאט דעם האט ער געזאגט:

„און פעטרוכא פילימאנאוו איז איהר ריכטער!... אט דאס איז גערעכטיגקייט, ווי?" און דערביי האט ער א שמייכעל געטהאן.

און אזוי, מיט'ן שמייכעל אויף די ליפען, איז ער ארויס אויף דער גאס און איז זיך אוועק ווייטער. ס'האט זיך איהם אויסגעדוכט, עפעס אזוי ווי ער וואלט געווען געבונדען מיט שטריק, וועלכע ער זעהט ניט, און וועלכע ער קען ניט צורייסען. א טיעפער פערדרוס האט זיך איהם געלייגט אזוי ווי א שטיין אויף דער ברוסט — ס'איז איהם קאלט געווארען דערפון, און זיין מוח האט איינפאך אויפגעהערט צו ארבייטען. און ביז אבענד־צייט האט ער אזוי ארומגעוואנ־

דערט ווי א בלאָנדזשענדער הונד, פון גאַס צו גאַס, און איז געוואָ־רען מיעד און הונגעריג. קיין וואונש קיין שום בעגעהר האָט זיך אין איהם ניט דערוועקט און ער האָט קיין אהנונג ניט געהאַט דערפון, וואָס ארום איהם איז נור וואָס געשעהן — ביז דער שטאַרקער הונגער האָט איהם ענדליך אויסגעניכטערט.

12.

עס איז שוין געווען פינסטער. אין די פענסטער פון די הייזער האָבען אויפגעפלאַמט די ליכט. און געלע,ברייטע פאַסען פון ליכט, אין וועלכע ס'האָט זיך געזעהן דער שאָטען פון די פענסטער־בלומען, זיינען געפאַלען אויף דער גאַס. לונעוו איז געבליבען שטעהן, האָט געקוקט אויף דיזע שאָטען־בילדער און זיך דערמאָנט אָן די בלומען אין גראַמאַוו'ס גאָרטען, אָן גראַמאַוו'ס פרוי, וועלכע האָט אויסגעזעהן ווי א קעניגין פון „טויזענד און איין נאכט", און אָן די אומעטיגע ליעדער, וואָס מען האָט ביי זיי אין הויז געזונגען און וועלכע האָבען פונדעסטוועגען ניט געשטערט די געסט אין זייער געלעכטער... א קאַץ איז זיך געגאַנגען איבער דער גאַס, מיט שטילע, פאַרזיכטיגע טריט, קוים וואָס מען האָט זי געהערט.

איליא איז געגאַנגען ווייטער, איז צוגעקומען צו א נייער גאַס, וואָס מען האָט געדאַרפט אריבערגעהן, און איז ווידער געבליבען שטעהן. איינס פון די ווינקעל־הייזער איז געווען העל בעלייכטעט און לוסטיגע מוזיק האָט אָבגעקלונגען איליא'ן אין די אויערן.

„א רעסטאָראַנט... איך וועל אריינגעהן..." האָט זיך איליא גע־טראַכט און איז אראָב אויפ'ן מיטען גאַס.

„הערא, אכטונג געבען!" האָט אימיצער א געשריי געטהאָן צו איהם. גאַנץ נאָהענט לעבען זיין געזיכט האָט ער דערזעהן דאָס שוואַרצע מויל פון א פערד, וועמעס וואַרעמען אָטהעם ער האָט דער־פיהלט. ער איז אָבגעשפרונגען אָן א זייט, האָט אויסגעהערט ווי דער

קוטשער זידעלט און שילט און איז אוועק ווייטער, ניט אומקוקענ־דיג זיך מעהר אויפ'ן רעסטאראנט.

„פון א לאדי קוטשער וועל איך זיך ניט לאזען איבערפאהרען אויף טויט," האט ער זיך רוהיג געטראכט. „כ'וועל אלזא עסען וואס עס איז... די ארעמע וויערא איז שוין אצונד מן הסתם סיי ווי סיי פערלארען..."

זיינע געדאנקען האבען זיך קאנצענטרירט ארום דיזער פארשטע־לונג, און וויערא'ס געשטאלט איז איהם געשטאנען פאר די אויגען. בלויז איין איין ווינקעלע פון זיין נשמה האט ער געפיהלט, אז ער וואלט אצונד גיכער געדארפט טראכטען פון זיך איידער פון וויערא'ן. אבער וויערא'ס געשטאלט ווי ער האט זי געזעהן אין געריכטס־זאאל, איז אלץ פון דאס נייי ארויסגעטראטען פאר איהם און האט איהם צו קיין אנדער געדאנק ניט צוגעלאזען...

„שטאלץ איז איהר האלטונג געווען... מכח פאשקא'ן האט זי גארנישט געוואלט זאגען... האט איינגעזעהן, אז ס'לוינט זיך ניט פאר די דאזיגע חברה וועגען איהם צו ריידען... א בראוו מיידעל — בעסער ווי אלע אנדערע! אלימפיאדא וואלט... ניין, אויך אלימפיאדא איז א מענש מיט כאראקטער... אבער טאניא, די וואלט שוין געוואוסט ווי אזוי זיך ארויסצודרעהען..."

ס'איז איהם איינגעפאלען, אז טאטיאנא וולאסיעוונא פייערט גראד היינט איהר געבורטס־טאג און אז זי האט איהם פערבעטען צו זיך. תחילת האט איהם דער געדאנק אריבערצוגעהן אהין אבגעעקעלט. אבער כמעט אין דערזעלבער רגע האט ער געפיהלט א בייזען פער־לאנג, צו האנדלען געגען זיין נייגונג. און נאך אן אנדער געפיהל, א שארפס, א שטעכעדיגס, האט דורכגענומען זיין הארץ...

ער האט גענומען א דראשקע און אין א פאר מינוטען ארום איז ער געשטאנען ביי דער טהיר פון אוטאנאמאוו'ס עסס־צימער, וואס איז געווען העל בעלייכטעט. מיט א תמ'עוואטען שמייכעל האט ער געקוקט אויף די מענשען, וועלכע זיינען געזעסען גאנץ נאהענט איינע לעבען די אנדערע ארום טיש פון גרויסען צימער.

„א—אך! אט איז ער דאך!" האט קיריק א געשריי געטהאן.

„ווי בלאס ער איז!“ האט זיך טאטיאנא וולאסיעוונא אבגעררפען און האט בעטראכט איליא'ן.

„האסט כאטש מיטגעבראכט טארט מיט זיך? אדער עפעס אןאנדער מתנה פאר דאס געבורטסטאגס־קינד? הא? וואס זאגסט דו, ברודערקע?“

„פון וואנען קומט איהר פארט?“ האט איהם די בעל הבית'טע געפרעגט.

אבער קיריק האט איהם אנגענומען ביים ארבעל, איהם ארומגעפיהרט ארום טיש און איהם פארגעשטעלט פאר די געסט. לונעוו האט געדריקט פערשיעדענע ווארעמע הענד, די פנים'ער אבער פון די געסט האבען זיך פאר זיינע אויגען צונויפגעגאסען אין איין איינציגלאנג, קאלט און העפליך שמייכעלדיג געזיכט מיט גרויסע, אויסגעשטשירעטע צייהן. דער ריח פון געבראטען פלייש האט איהם געקיצעלט אין נאז, די פלאפלעריי פון די ווייבער האט איהם געקלונגען אין די אויערן אזוי ווי דער גערויש פון א רעגען, און אין די אויגען האט איהם עפעס אזוי ווי געברענט. פון וורייטאג האט ער זיי ניט געקענט בעוועגען און דערצו זיינען זיי געווען פערצויגען אזוי ווי מיט א טומאן. אז ער האט זיך אנידערגעזעצט, האט ער דערפיהלט, אז די פיס זיינען איהם אזוי ווי אבגענומען פון מיעדקייט, און אז דער הונגער גיט אן מעשים ביי איהם אינעווייניג. ער האט שטילערהייט גענומען א שטיקעל ברויט און אנגעהויבען עסען. איינער פון די געסט האט זיך געשנייצט די נאז אין דער הויך, אויפ'ן קול, און אין דער רגע האט זיך טאטיאנא וולאסיעוונא אנגערופען צו לונעוו'ן:

„איהר ווילט מיר גארניט גראטולירען? איהר זייט מיר א פיינער מענש! קומט, זאגט קיין ווארט ניט, זעצט זיך אנידער און עסט!...“

אונטער'ן טיש האט זי איהם שטארק געבריקעט מיט די פיס, און בשעת איהר געזיכט האט זיך אנגעבויגען איבער'ן טשייניקעל, וועלכען זי האט אנגעגאסען מיט הייסע וואסער, האט איליא, צוזאמען מיט'ן שטילען גערויש פון גיסענדען וואסער, דערהערט איהר שטילע, שעפטשענדע שטימע:

„טו פיהר זיך פארט אויף אביסעל אנשטענדיגער!...“

דא האט ער אוועקגעלייגט דאס שטיק ברויט אויפ'ן טיש, זיך נעריבען א ווײלע די הענד און א זאג געטהאן אין דער הויך:

„כ'האב היינט דעם גאנצען טאג פערבראכט אין געריכטס־זאאל..."

זיין שטימע האט אריבערגעשטיגען דעם געשפרעך פון די געסט. זיי זיינען אנשוויגען געווארען. איליא, וועלכער האט דערפיהלט זייערע בליקען אויף זיין געזיכט, איז צוטומעלט געווארען און האט גענומען קוקען אויף זיי פון דער זייט. מען האט איהם אנגעקוקט מיט פערדעכטיגע אויגען, עפעס אזוי ווי יעדער איינצעלנער פון זיי וואלט אין ספק געווען, צי קען אט דער אינגעל מיט די ברייטע פלייצעס און מיט דעם קאפ האר איבערהויפט וואס אינטערעסאנטעס זאגען. א שווערע שטילקייט האט געהערשט איבער'ן צימער. ביי איליא'ן אין קאפ האבען זיך ארומגעבלאנקעט אבגעריסענע בלויע שטיקלעך געדאנקען, וועלכע זיינען פלוצלונג פערזונקען ערגעץ־וואו און פערשוואונדען אין דעם חושך פון זיין זעלע.

„אין געריכטס־זאאל איז אפטמאל זעהר אינטערעסאנט," האט זיך אבגערופען פעליצאטא יעגאראוונא גריסלאווא, און בעת מעשה איז זי מיט א קליין צווײנגעל ארומגעפאהרען אין א קעסטעל מארמעלאדע.

ביי טאטיאנא וולאסיעווונא'ן אויף די באקען האבען זיך בעוויזען רויטע פלעקען, אין דער צייט וואס קיריק האט זיך הויך אויפ'ן קול געשנייצט די נאז און דערנאך האט ער זיך געווענדעט צו איליא'ן:

„וואס איז פארט מיט דיר, ברודער? זיצסט ווי א נעכטיגער און נעהמסט גארניט אין מויל אריין! נא, דו ביסט אלזא געווען אין געריכטס־זאאל..."

„איך ברייננ זיי אריין אין א פערלעגענהייט," האט זיך איליא געטראכט ביי זיך, און אויף זיינע ליפען האט זיך לאנגזאם אויסגעצויגען א שמייכעל. די געסט האבען ווידער אויפגענומען זייער געשפרעך.

„כ'בין אמאל געווען אויף א פראצעס וועגען א מארד־זאך," האט דערצעהלט א יונגער טעלעגראפיסט, א בלאסער מענש מיט שווארצע אויגען און קליינע וואנציעס.

„איך לייען און הער זעהר גערן מאָרד־געשיכטען," האָט זיך די טראַווקינא אָבגערופען. איהר מאַן אבער האָט אַ וואָרף געטהאָן אַ בליק אויף דער געזעלשאַפט און געזאָגט:

„די עפענטליכע פערהאַנדלונג ביי די פּראָצעסען אין געריכט איז זעהר אַ גוטע איינריכטונג..."

„ס'האָט זיך געהאַנדעלט וועגען מיין חבר יעווגעניעוו," האָט דער טעלעגראַפיסט ווייטער געזאָגט. „ער איז גראַד געווען דעזשורנע, האָט ער זיך געשפּיעלט מיט אַ אינגעל און האָט איהם פּלוצלונג דער־שאָסען."

„אַך, ווי שרעקליך!" האָט זיך טאַטיאַנאַ וולאַסיעוונא אָבגע־רופען.

„טויט איז דאָס אינגעל געבליבען אויפ'ן אָרט," האָט דער טע־לעגראַפיסט צוגעלייגט מיט אַ געוויסער בעפריעדיגונג.

„און איך בין אַמאָל געווען אַן עדות אין אַ פּראָצעס," האָט טראַווקין אָנגעהויבען מיט זיין רוישענדער שטימע, „און דאָרט איז גראַד פאָרגעקומען נאָך אַ פערהאַנדלונג געגען אַ בחור, וואָס האָט דריי און צוואַנציג גנבות בעגאַנגען. ניט שלעכט, וואָס?"

קיריק האָט זיך צולאַכט אויפ'ן קול. דאָס פּובליקום האָט זיך צוטהיילט אין צוויי קופּקעס: די איינע האָבען זיך צוגעהערט צו דעם טעלעגראַפיסט'ס געשיכטע וועגען דעם אינגעל וואָס איז אומגערן דער'הרג'עט געוואָרען, די אַנדערע צו דער לאַנגווייליגער מעשה פון'ם מאַן, וואָס האָט בעגאַנגען דריי און צוואַנציג גנבות. איליא האָט אַ קוק געטהאָן אויף דער בעל הבית'טע און האָט דערביי געפיהלט, אַז ביי איהם אינעווייניג האָט זיך אַ פּלעמעל אָנגעצונדען — ס'האָט נאָך אפילו ניט געלויכטען, דאָך האָט עס איהם שוין היבשלעך גע־ברענט אין הארצען. זינט לונעוו האָט בעגריפען, אַז די אוטאָנאָמאָוו'ס ציטערן, ער זאָל זיי חלילה ניט פערשעהמען פאַר זייערע געסט, איז געוואָרען אַ שטיקעל טאָלק אין זיינע געדאַנקען, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט געפונען דעם פאָדים, מיט וואָס זיי צו האַלטען אין אַ גלייכער שורה.

טאַטיאַנאַ וולאַסיעוונא האָט זיך געפּאָרעט אין צווייטען צימער ביים טיש, וואו זי האָט אויסגעשטעלט די פלעשער. מיט איהר רויט־

זיידענער בלוזע אנטקעגנגען די העלע טאפּעטען פון די ווענד האָט זי זיך שטאַרק געוואָרפען אין די אויגען. דאס פערפּוצטע, איז אַן ענגען קאָר־סעט איינגעצוויגענע ווייבעלע האָט ארומגעשוועבט ווי אַ זומער־פּויגעלע איבער'ן צימער, און אויף איהר קליין פּנים'ל האָט געשטראַהלט דער שטאָלץ פון דער בעל הבית'טע, די אשת חיל, וואָס ווייסט ווי אזוי איינצוואָרדנען אלצדינג אויפ'ן שעהנסטען אופן. צוויי מאָל האָט איליא בעמערקט, ווי זי האָט איהם מיט אַ שנעלען קוים בעמערקבאַרען וואונק צוגערופען צו זיך, אבער ער איז ניט צוגעגאנגען און ס'האָט איהם שטאַרק הנאה געטהאָן צו וויסען, אז דאס בעאונרוהיגט זי.

„וואָס איז פּאַרט מיט דיר, ברודער? עפּעס זיצסט דו מיר ווי אַ פלעדער־מויז דאָ!" האָט זיך קיריק פּלוצלונג געווענדעט צו איהם. „טו רעד דאָך ארוים וואָס דו האָסט צו ריידען... האָסט זיך גאָר ניט וואָס צו זשענירען... דאָ זיינען געבילדעטע לייט, נישקשה, זיי וועלען אויף דיר קיין פאַראיבעל ניט האָבען, אז דו וועסט אויך עפּעס אריינוואַרפען אַ וואָרט..."

„היינט איז אַ מיידעל געשטאַנען צום געריכט," האָט איליא פּלוצלונג אָנגעפאַנגען מיט אַ הויכער שטימע, „אַ בעקאַנטע מיינע... זי איז אַ פּראָסטיטוטקע, ווייסט איהר, אבער אַן אויסגעצייכענטע מיידעל..."

ווידער אמאָל האָט ער צוגעצויגען צו זיך די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט, ווידער אמאָל האָבען אלע געסט גענומען קוקען אויף איהם. אַ ברייטער, איראָנישער שמייכעל האָט אויפגעדעקט פּעליצאַטאַ יעגאָראָוונאַ'ס גרויסע צייהן, דער טעלעגראַפיסט האָט זיך גענומען דרעהען די וואָנציעס און בעת מעשה האָט ער געזוכט זיך צו פערדעקען דאָס מויל, און אלע כמעט האָבען זיך געסטאַרעט צו מאַכען דעם איינדרוק, אז זיי הערען זיך צו ערענסט און אויפמערקזאם. מיט אמאָל האָט טאַטיאַנאַ וולאַסיעוונאַ אראָבגעלאָזט פון די הענד אַ קעסטעל מיט מעסערס און גאָפּלען, און דער גערויש, וואָס זיי האָבען אנגעמאַכט, האָט אבגעקלונגען ווי אַ שלאַכט־מוזיק ביי איליא'ן אין הארצען. רוהיג האָט ער געקוקט מיט זיינע אָפענע, גרויסע אויגען די געסט אין די פּנים'ער און האָט ווייטער געזאָגט:

„וואס שמייכעלט איהר אזוי? ס'איז ווירקליך דא גאנץ וואילע מיידלעך צווישען זיי..."

„דאס קען זיך גאנץ גוט געמאלט זיין," האט איהם קיריק איבערגעשלאגען די רייד, „אבער דו דארפסט דא עס ניט אזוי דירעקט... ניט צו אפען..."

„זיי זיינען דאך געבילדעטע ליים," האט זיך איליא אבגערופען. „ניש'קשה, זיי וועלען קיין פאראיבעל ניט האבען, אז איך ווארף אויף עפעס אריין א ווארט..."

א גאנץ בינטעל מיט גליהענדע פונקען האט זיך מיט אמאל צושפרייט אין איהם. א שניידענדיגער שמייכעל האט זיך אויסגעצויגען איבער זיין געזיכט און דאס הארץ איז איהם געווען פערדריקט פון דעם מורא'דיגען ים פון ווערטער, וואס האבען זיך פלוצלונג גענומען שפארען איבער זיינע ליפען.

„דאס מיידעל האט ארויסגע'גנב'עט געלד ביי א רייכען סוחר..."

„טאקי א וואויל מיידעל, בנאמנות," האט זיך קיריק אבגערופען און האט דערביי געמאכט א קאמישע העויה.

„איהר קענט זיך נאטירליך פארשטעלען ביי וואס פאר א געלעגענהייט זי האט ביי איהם דאס געלד גע'גנב'עט... אבער אפשר האט זי עס גאר ניט גע'גנב'עט — פיליכט האט ער עס איהר געשענקט..."

„טאנישקא!" האט קיריק א געשריי געטהאן — „קום אקארשט אהער! איליא דערצעהלט דא אזעלכע מערקווירדיגע זאכען..."

אבער טאטיאנא וולאסיעוונא איז שוין געשטאנען לעבען איליא'ן און ציהענדיג מיט די אקסלען, מיט א געצוואונגענעם שמייכעל, האט זי געזאגט:

„וואס איז דא אזוינס פאר מערקווירדיגקייט אין דעם? א גאנץ אלטעגליכע געשיכטע... דו, קיריק, קענסט אזעלכע מעשיות הונדערטער־ווייז... דא זיינען דאך קיין יונגע מיידלעך ניטא. אבער לאמיר דאס איבערלאזען אויף שפעטער, מיינע הערען — אצונד וועלען מיר עפעס נעהמען אין מויל אריין..."

„אדרבה, פאר וואס טאקי ניט?" האט זיך קיריק אבגערופען. „אויך איך וויל נאך וואס צו בייסען, הע הע! דער וויץ איז אפילו נאך ניט פערגאנגען, אבער נא..."

„שאדט ניט, ער מאכט אפעטיט,“ האט טראווקין געזאגט און האט זיך געגלעט איבער'ן האלז.

אלע האבען זיך אבגעקעהרט פון איליא'ן. ער האט פערשטאנען אז די געסט האבען קיין חשק ניט איהם אויסצוהערען, מחמת די בעלי בתים ווילען עס ניט, און דאס האט איהם נאך מעהר אונטערגע־טריבען צו ריידען. ער האט זיך אויפגעהויבען פון שטוהל און זיך ווענדענדיג צו אלעמען, האט ער געזאגט:

„און איבער דאס דאזיגע מיידעל זיינען געזעסען אזעלכע מע־שען צום געריכט, וועלכע האבען זיך פיליכט מיט איהר מעהר ווי איינמאל צופרידענגעשטעלט... עטליכע פון זיי קען איך — און אז איך וועל זאגען, אז זיי זיינען גנבים, וועט עס נאך זיין צו מילד גע־זאגט...“

„ערלויבט!“ האט גריזלאוו געזאגט שטרענג, אויפהויבענדיג בשעת מעשה זיין פינגער — „אזוי טהארט איהר ניט ריידען! דאס זיינען — געשווארענע... און איך אליין...“

„גאנץ ריכטיג, געשווארענע!“ האט איליא אויסגעשריען. „אבער צו קענען אט די לייט עהרליך אורטהיילען, ווען...“

„ערלוי—בט אקארשט! דאס געריכט מיט געשווארענע איז איי־נע פון די גרויסע רעפארמען, וואס דער קייזער אלעקסאנדער דער צווייטער האט איינגעפיהרט. ווי קענט איהר ווארפען אזעלכע זלזולים אויף א שטאאטליכע איינריכטונג?“

זיינע ווערטער האט ער אריינגעקרעכצט איליא'ן אין פנים אריין, און זיינע גלאט־געגאלטע, פעטע באקען האבען בעת מעשה געציטערט און די אויגען זיינע האבען זיך געקאטשעט אהין און אהער. אלע הא־בען זיך ארומגעשטעלט ארום זיי, ווארטענדיג מיט אן אנגענעהמען געפיהל אויף א סקאנדאל, וואס קען אלע ווייזע אויסברעכען. פעלי־צאטא יעגאראוונא האט געקוקט מיט א בליק פון פארוואורף אויף דער בעל הבית'טע, וועלכע איז געוועזן בלייך און אויפגערעגט און האט גע־צופט די געסט ביי די ארבעל, זאגענדיג האסטיג:

„אך, מיינע הערען, לאמיר דאס פארט לאזען צו רוה! ס'איז דאך אזוי אונאינטערעסאנט! — קיריק, וואס שטעהסט דו? בעט דאך די דאמען און הערען...“

קיריק האָט געקוקט ווי א נעכטיגער אין אלע זייטען און האָט ענדליך געזאָגט:

„אדרבה, פאר וואָס טאקי ניט?... גאָט מיט זיי — מיט די דאָזיגע רעפאָרמען און פּראַפאָרמען, און מיט דער גאנצער פילאָזאָפיע...“

„דאָס איז ניט קיין פילאָזאָפיע, נאָר פּאָליטיק!“ האָט טראַוורקין געקרעכצט, און לייט, וואָס האָבען אַזעלכע מיינונגען ווי אָט דער הערר דאָ, רופט מען פּאָליטיש — — אונזיכער!“

איליא האָט זיך געפיהלט אַזוי ווי געטריבען פון א הייסען קאָכיגען שטראָם. ס'האָט איהם הנאה געטהאָן צו שטעהן אנטקעגען דעם דאָזיגען דיקען, גלאַט־געגאָלטען מענשען מיט די נאַסע ליפּען און זעהן, ווי ער עסט זיך אָב דאָס הארץ. דער געדאַנק, אַז די אוטאָנאָמאָוו'ס געפינען זיך אין א פערלעגענהייט דורך דעם, האָט איהם פערשאַפט א טייפלישען פערגניגען. וואָס ווייטער איז ער אלץ רוהיגער געוואָרען ביי זיך, און דער אינערליכער שטאַרקער וואונש, זיך מיט די דאָזיגע לייט אָבצורעכענען, ווי איינפאַך משוגע צו מאַכען פאר ערגערניש, האָט זיך א הויב געטהאָן אין איהם אַזוי ווי א שטאָלענע שפּראַנזשינע און האָט איהם אויפגעהויבען אַזוי הויך, אַז עס איז איהם געוואָרען אי וואויל, אי פּאַסקודנע אויפ'ן הארצען אין דערזעלבער צייט. אָבער וואָס ווייטער איז אלץ שטילער געוואָרען ביי איהם אינעווייניג, און אלץ זיכערער האָט זיין קול געקלונגען.

„רופט מיך ווי איהר ווילט,“ האָט ער געזאָגט צו טראַוורקינען — „איהר זייט דאָך עפּעס א געבילדעטער מאַן! איך אָבער בלייב מיר ביי מיין מיינונג, און איך פרעג: צי קען דער זאַטער פערשטעהן דעם הונגעריגען?... דער הונגעריגער מעג זיך אפשר זיין א גנב — אָבער דער זאַטער איז ערשט אויף צו'ן אמת'ן א גנב!...“

„קיריק ניקאָדימאָוויטש!“ האָט טראַוורקין מלא רציחה א געשריי געטהאָן — „וואָס איז דאָס? איך... דאָס טהאָר איך ניט...“

אין דער רגע אָבער האָט טאַטיאַנא וולאַסיעוונא איהם א נעהם געטהאָן אונטער'ן אָרם, אָוועקגעצויגען דעם צוקאַכטען מיט זיך און הויך אויפ'ן קול איהם געזאָגט:

„קומט, אייערע געליעבטע ברוטעלאַך זיינען דאָ — מיט קליינע

הערינגלאך, און הארטע אייער, און גרינע ציבעלקעס, צוריבען אין סמעטענע..."

„הא! דאס טהאר איך.. ניט פערשווייגען!" האט טראווקין נאך אלץ געשריען מיט כעס און א קנאק געטהאן מיט די ליפען. זיין ווייב האט צוגעווארפען איליא'ן א פערניכטענדען בליק, גענומען איהר מאן'ס אנדערן, ליידיגען ארם און געזאגט צו איהם:

„רעג זיך ניט אויף אזוי, אנטאן, וועגען אזעלכע נארישקייטען..."

און טאטיאנא וולאסיעוונא האט ניט אויפגעהערט בערוהיגען דעם טייערן גאסט:

„מארינירטער הערינג מיט גן־עדן־עפעל..."

„דאס איז ניט שעהן געוועזן פון אייך, יונגער מאן," האט טראווקין פלוצלונג א זאג געטהאן מיט א טאן פון פארוואורף און גרויס־מוטהיגקייט צוגלייך, און בעת מעשה האט ער זיך א שטעל געגעבען פעסט אויף די פיס און א קעהר געטהאן דעם קאפ צו איליא'ן — „דאס איז גארניט שעהן געוועזן! מען מוז וויסען ריכטיג ווי די זאכען אבצושאצען... מען מוז זיי בעגרייפען, יא!"

„איך בעגרייף זיי אבער ניט," האט איליא געענטפערט, „דערי־בער רייד איך טאקי... ווי קומט עס, וואס פעטרושקא פילימאנאוו איז דער הערר, דער מאכער פון'ם לעבען?"

די געסט זיינען דורכגעגאנגען פערביי איליא'ן, ניט א קוק גע־בענדיג אויף איהם; זיי האבען זיך אויסגעהיט, זיי זאלען זיך חלילה ניט אנריהרען אן זיין פאלטא. קיריק אבער איז צוגעגאנגען נאהענט צו איהם און מיט א גראבען, בעליידיגענדען טאן האט ער געזאגט:

„דער טייוועל זאל דיך נעהמען, דו גולם איינער — אט דאס ביסט דו, ווייטער גארנישט!"

איליא האט זיך א טרייסעל געטהאן — ס'איז איהם פינסטער געווארען אין די אויגען, עפעס אזוי ווי ער וואלט נעקראגען א זעץ אין מוח, און צונויפדריקענדיג די פויסטען, האט ער זיך א לאז גע־טהאן צו אווטאנאמאוו'ן. אבער קיריק האט זיך אויף גיך אבגעקעהרט פון איהם, ניט בעמערקענדיג וואס לונעוו טהוט, און איז גלייך צוגע־גאנגען צום טיש מיט די עסענווארג. פון איליא'ס הארץ האט זיך ארויסגעריסען א טיעפער זיפץ...

ער איז געשטאַנען ביי דער טהיר, האָט געזעהן די רוקענס פון די לייט, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום טיש, און ער האָט געהערט ווי זיי פּאַסמאַקעווען זיך ביים עסען. די ליפּען זייערע האָבען געאַר־בייט און אַנגעגעבען מעשים. די שרייענדיגע בלוזע פון דער בעל הבית'טע האָט בעגאָסען אַלצדינג אַרום איליאַ'ן מיט אַ רויטער, קאַ־לעמוטנער פאַרב, וועלכע האָט זיך געלעגט ווי אַ טומאַן פאַר זיינע אויגען.

„ממ!" האָט טראַווקין געמאַכט צופריעדען. „אַלצדינג ערשטע קלאַסע!... גרויסאַרטיג איינפאַך!"

„איהר ווילט אפשר אַביסעל פעפער דערצו?" האָט די בעל הבית'טע אַ פרעג געטהאָן מיט אַ זיס שמייכעלע.

„וואַרט—כ'וועל דיר באַלד געבען פעפער!" האָט זיך איליאַ גע־טראַכט מיט קאַלטען שפּאָט. די שפּרונגדזשינגע אין איהם האָט זיך אין גאַנצען אויפגעקייקעלט. ער האָט אַ הויב געטהאָן דעם קאָפּ אין דער הויך און מיט צוויי טריט איז ער געשטאַנען ביים טיש. ער האָט אַ כאַפּ געטהאָן דאָס ערשטע בעסטע גלעזעל, אָנגעפילט מיט'ן רויטען וויין, האָט עס דערלאַנגט טאַטיאַנא וולאַסיעוונאַ'ן און אַרויסריידענ־דיג שאַרף זיינע ווערטער, פּונקט ווי ער וואָלט זי געוואָלט מיט זיי טויטען, האָט ער געזאָגט:

„לאָמיר טרינקען צוזאַמען, טאַניקאַ!..."

זיינע ווערטער האָבען אַזוי געווירקט אויף די געסט, פּונקט ווי עפּעס וואָלט אַראָבגעפאַלען מיט אַ שרעקליכען קראַך, וואָלט פער־לאָשען אַלע לאָמפּען און יעדער איינציגער וואָלט געבליבען שטעהן פערגליווערט אויף זיין אָרט אין דער פינסטער. די אָפענע מיילער, מיט די האַלב־צוקייטע ביסענס דערין, האָבען אויסגעזעהן ווי העס־ליכע וואונדען אויף די געלעהמטע געזיכטער פון די צושראָקענע געסט.

„נאַ, וואָס שטעהסט דו? לאָמיר טרינקען! קיריק ניקאָדימאָ־וויטש, זאָג אָקאָרשט מיין ליובאָווניצע, זי זאָל מיט מיר טרינקען!... האָסט זיך, כ'לעבען, ניט וואָס צו שעהמען... וואָס געהען אונז די אַנ־דערע אָן? נאָך וואָס שטענדיג זינדיגען בעהאַלטענערהייט? לאָמיר בעסער האַנדלען אָפען! כ'האָב עס מיר אַזוי פאַרגענומען, זעהסט דו—פון אַצונד אָן זאָל אַלצדינג אָפען געשעהן..."

„שורקע!" האָט טאַטיאַנאַ װאָלאָסיעװנאַ אַ געשרײַ געטהאָן מיט אַ הילכיגער שטימע.

איליא האָט געזעהן װי זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנד און ער האָט מיט דער פויסט אָבגעשטויסען אין אַ זײַט דעם טעלער, װאָס זי האָט אויף איהם געװאָרפען. דער גערויש פון'ם צוקלאַפּטען טעלער האָט די געסט מעהר דערשראָקען. לאַנגזאַם, אויף די שפּיץ פינגער, האָבען זיי אָבגעטראָטען אין אַ זײַט און געלאָזט איליא'ן אַליין, אויג אויף אויג מיט די אװטאָנאָמאָװ'ס. קיריק האָט עפּעס געהאַלטען אַ פּי־שעלע ביים עק, האָט געפינטעלט מיט די אויגען און אויסגעקוקט אַזוי בלאַס, אַזוי קלעגליך, אַזוי תם'עװאַטע. טאַטיאַנאַ װאָלאָסיעװנאַ האָט זיך געטרייסעלט פון אויפרעגונג און געסטראַשעט איליא'ן מיט איהרע פויסטען; דאָס געזיכט איהרס האָט געהאַט דעם זעלבען קאָליער װי די בלוזע, און איהר צונג האָט קוים מיט צרות אַרויסגעבראַכט די װערטער איבער די ליפּען.

„דו... לײַ—ייגסט... לײַ—ייגסט!" האָט זי געקװיטשעט, אויס־שטרעקענדיג דעם האַלז צו איליא'ן.

„װילסט אפשר, איך זאָל דיר זאָגען װי דו זעהסט אויס נאָ־קעט?" האָט איליא רוהיג געזאָגט. „האָסט דאָך מיך אַליין געװיזען דעם צייכען, דעם געבאָרענעם פלעק, װאָס דו האָסט אויפ'ן לײַב... דער מאַן דײַנער װעט דאָך קענען זאָגען, צי איך זאָג ליגען, צי ניט..."

מען האָט געהערט שטילע אויסגעשרײַען און אַן אײַנגעהאַלטע־נעם געלעכטער. די אװטאָנאָמאָװאַ האָט אויסגעשטרעקט די אָרעמס אין דער לופטען, האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן פאַר'ן האַלז און שטיל זיך אַראָבגעלאָזט אויף אַ שטוהל.

„פּאָליציי!" האָט דער טעלעגראַפיסט אַ געשרײַ געטהאָן. קיריק האָט זיך אויסגעדרעהט צו איהם און דערנאָך האָט ער זיך פּלוצלונג אַ לאָז געטהאָן, מיט'ן קאָפּ פאָראויס, אויף איליא'ן.

איליא האָט אויסגעשטרעקט די אָרעמס, האָט איהם דערלאַנגט אַ זעץ אין קאָפּ און מיט אַ װאָרנענדען טאָן געזאָגט:

„װאוהין קריכסט דו פאַרט? דו ביסט פולבלוטיג... אַז איך װעל דיר דערלאַנגען איבער'ן מוח, װעסט דו בלײַבען אַ בר־מינן... הער

מיך ליעבערשט אוים... און איהר אלע... הערט זיך אויך צו!... אניט וועט איהר קיינמאָל ניט הערען דעם אמת..."

אָבער קיריק האָט זיך ניט געלאָזט איבערשרעקען, נאָר ער האָט ווידער אָנגעבויגען דעם קאָפּ און געמאַכט א נייעם אַנגריף. די געסט האָבען געקוקט און געשוויגען. קיינער האָט זיך פון אָרט ניט גערירט, נור טראַווקין איז שטיל, אויף די שפּיץ פינגער, אַוועק אין א ווינ־קעל, האָט זיך דאָרט אַוועקגעזעצט אויף א פּאָטעל, צונויפגעלייגט די הענד און זיי אריינגערוקט צווישען די קניע.

„גיב אַכטונג — איך דערלאַנג אין מוח!" האָט אליא געוואָ־רענט דעם צוישעטען קיריק. „כ'האָב קיין אורזאַכע ניט דיר וועה צו טהאָן! ביסט דום און אונשעדליך... האָסט מיר קיין שלעכטס ניט גע־טהאָן... געה אַוועק!"

ער האָט קיריק'ן ווידער אָבגעשטופּט, דאָס מאָל שטאַרקער ווי פריהער, און האָט זיך אליין צוגערוקט צו דער וואַנד. דאָרט האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט מיט'ן רוקען און האָט ווייטער גענומען ריידען, וואָר־פענדיג בעת מעשה זיינע בליקען איבער די אַנוועזענדע.

„די פרוי דיינע האָט זיך מיר איינפאַך אָנגעהאַנגען אויפ'ן האַלז. א ביטרע ווייבעל... אָבער אַזוי געמיין! קיין געמיינערע איז אין דער גאַנצער וועלט ניטאָ... נאָר אויך איהר — איהר אַלע זייט געמיין. כ'בין היינט אין געריכט געוועזן... האָב איך זיך אויסגעלערנט משפּט'ן!..."

ער האָט געהאַט אַזוי פיעל צו זאָגען, אז ער איז ניט אים שטאַנד געוועזען, צו האַלטען זיינע געדאַנקען אין אָרדנונג, ער האָט זיי אַרויס־געשליידערט אַזוי ווי אָבגעבראָכענע שטיקלעך פון א פעלז־שטיין.

„כ'וויל אויך טאַניאַ'ן גאָר ניט בעשולדיגען... די זאַך האָט זיך געמאַכט אַזוי... פון זיך אליין, קען מען זאָגען... ביי מיר איז, זינט איך לעב, אַלצדינג שטענדיג געקומען פון זיך אליין... עפּעס אומגעריכ־טערהייט... זאָגאָר א מענשען האָב איך אַזוי זיך, אומגעריכטערהייט דערוואָרגען... כ'האָב עס גאָרנישט געוואָלט — און האָב איהם פאָרט דערוואָרגען... און שטעל זיך פאָר, טאַניקאַ: מיט דעם זעלבען געלד, וואָס איך האָב ביי איהם גערויבט, פיהרען מיר ביידע אונזער מאַ־גאַזין!..."

„ער איז פערריקט!" האט קיריק פלוצלונג א געשריי געטהאן מיט שמחה, און ארומשפרינגענדיג איבער'ן צימער, פון איין גאסט צום צווייטען, האט ער מיט א טאן פול מיט שרעק און מיט פרייד צוזאמען געזאגט:

„איהר הערט? איהר זעהט? ער איז פון זינען אראב!... אך, איליא!... אך, דו! א—אך, ווי טהוט מיר וועה דאס הארץ פאר דיר, ברודער!"

איליא האט זיך צולאכט אויפ'ן קול. ס'איז איהם נאך בעסער און גרינגער געווארען אויפ'ן הארצען, אז ער האט ענדליך אוועקגע־זאגט דאס וואס ער האט געטראגען אין זיך וועגען דעם מארד. ער איז געשטאנען און האט ניט געפיהלט די ערד אונטער זיינע פיס, און איהם האט זיך אויסגעדוכט עפעס אזוי ווי ער האט געשוועבט אלץ העכער און העכער אין דער לופטען. הויך, מיט זיינע ברייטע פליי־צעס, איז ער געשטאנען פאר אט די אלע לייט, אנגעבויגען דעם קאפ איבער דער ברוסט און באלד איהם אויפגעהויבען אין דער הויך. די שווארצע געגרייזעלטע האר זיינע האבען ארומגענומען זיין הויכען, בלאסען שטערן און זיינע שלייפען, און די אויגען זיינע האבען גע־קוקט פול מיט שפאט און בייזקייט.

טאטיאנא האט זיך אויפגעהויבען, זיך צוגעשלעפט צו פעלי־צאטא יעגאראוונא און מיט א ציטערנדער שטימע האט זי איהר גע־זאגט:

„כ'האב עס שוין פון א צייט אן ארויסגעזעהן... ער האט שוין פון לאנג אן געמאכט... אזעלכע ווילדע, שרעקליכע עוות..."

„אויב ער איז משוגע געווארען — דאן מוז מען רופען די פאַ־ליציי," האט זיך פעליצאטא אנגערופען מיט אן איבערצייגטען טאן, קוקענדיג בעת מעשה איליא'ן אין געזיכט אריין.

„משוגע! פערשטעהט זיך, אז ער איז משוגע!" האט קיריק געשריען.

„ער וועט אונז אלעמען פלעטען די קעפ," האט גריזלאוו א שעפטשע געטהאן און האט זיך אונרוהיג אומגעקוקט איבער'ן צימער. זיי האבען מורא געהאט ארויסצוגעהן פון שטוב.

לונעוו איז געשטאנען ביים טהיר, און ווער עס האט געוואלט

ארויסגעהן, האָט געמוזט דורכגעהן פערביי איהם. ער האָט געהאַלטען אין איין לאַכען. ס'האָט איהם שטאַרק הנאה געטהאָן צו זעהן, ווי אַזוי אַט די לייט האָבען מורא פאַר איהם, און אַז ער האָט זיך איינגעקוקט אין זייערע פנים'ער, האָט ער בעמערקט, אַז זיי האָבען קיין שום מיט־לייד ניט מיט די אווטאָנאָמאַוו'ס און אַז זיי וואָלטען מיט פערגניגען אָבגעזעסען די גאַנצע נאַכט און זיך צוגעהערט ווי ער מאַכט זיך לוסטיג מיט זיין ליובאָווניצע, ווען זיי וואָלטען נאָר קיין מורא ניט געהאַט פאַר איהם.

„איך בין ניט פערדריקט,“ האָט ער זיך אָבגערופען און האָט שטרענג צוזאַמענגעצויגען די ברעמען. „איך וואָלט נור וועלען, איהר זאָלט דאָ בלייבען און אויסהערען וואָס איך האָב צו זאָגען. כ'לאָז אייך ניט אוועק — און אַז איהר וועט צוגעהן צו מיר, וועל איך הרג'ענען, שלאָגען... און עס זאָל אפילו קאָסטען דאָס לעבען... כ'בין שטאַרק...“

ער האָט אויפגעהויבען זיין לאַנגען אָרם מיט דער שטאַרקער פויסט, האָט מיט איהם אַ ווילע געפּאַכעט אין דער לופטען און איהם גלייך ווידער אַראָבגעלאָזען.

„זאָגט, כ'בעט אייך,“ האָט ער ווייטער געזאָגט — „וואָס זייט איהר פאַרט פאַר מענשען? צו וואָס לעבט איהר איינענטליך? אַזעלכע קריכער... אַזאַ באַנדע!...“

„דו, הער אַקאַרשט — האַלט דיין מויל!“ האָט קיריק אויף איהם אַ געשריי געטהאָן.

„האַלט אַליין ס'מויל! איך וו י ל אַצונדריידען... כ'קוק אייך אָן — ווי איהר פרעסט און זויפט, ווי איהר בעשווינדעלט זיך איינע די אַנדערע... און האָט קיין שום מענשען ניט ליעב... וואָס זוכט איהר פאַרט דאָ אויף דער ערד? איך האָב געשטרעבט צו אַ זוי־בערן, אַנשטענדיגען לעבען... — ניטאָ אַזאַ זאַך! אין ערגעץ איז ניטאָ אַזוינס! כ'בין נור אַליין דערביי בעשמוצט און פערדאָרבען געוואָ־רען... אַ גוטער מענש קען צווישען אייך ניט לעבען — ער מוז פער־פוילט ווערן. גוטע מענשען מוטשעט איהר צום טויט... און איך... איך בין שלעכט, צווישען אייך אָבער בין איך אַזוי ווי אַ שוואַכע קאַץ אין פינסטערן קעלער, צווישען טויזענד שטשורעס... איהר — זייט אומע־טום דאָ! איהר משפט, איהר רעגירט, איהר מאַכט די געזעצען...

מיאוס'ע שרצים וואס איהר זייט!... מיך האט איהר אויפגעפרעסען... און געלאזט פערפוילט ווערן..."

מיט אמאל איז אויף איהם אנגעקומען א טיעפער צארן.

„און איצט — וואס וועל איך איצט טהאן?" האט ער געפרעגט.

און ער האט אראבגעלאזט דעם קאפ און זיך פערטיעפט אין זיינע טרויעריגע מחשבות.

אין דער רגע האט דער טעלעגראפיסט א שפרונג געטהאן פערביי איליא'ן און האט זיך ארויסגעמאכט פון צימער.

„אך — איינעם האב איך געלאזט אנטלויפען!" האט איליא געזאגט און האט אויפגעהויבען דעם קאפ אין דער הויך.

„כ'ברייננ די פאליציי!" האט דער טעלעגראפיסט ארייננעשריגען פון אנדערן צימער.

„פון מיינעטוועגען מעגסט דו זיי ברייננען! מיר איז אלץ איינס!..." האט איליא געזאגט.

אויף טאטיאנא וולאסיעוונא איז פאר איהם פערביייגעגאנגען— זיך וואקלענדיג, אזוי ווי א שלאפעדיגע, ניט א קוק געבענדיג אויף איהם.

„אט די האט געקראגען איהר חלק!" האט לונעוו ווייטער געזאגט און האט אנגעוויזען מיט א שפאטישען שאקעל מיט'ן קאפ אויף איהר. „אבער נישקשה, זי האט עס כשר פערדיענט.. די שלאנג.."

„האלט ס'מויל!" האט אווטאנאמאוו א געשריי געטהאן פון זיין ווינקעל. דארט איז ער געשטאנען אויף די קניע און עפעס געזוכט אין א קאסטען.

„שריי ניט, דו גוטער נארישער יונג וואס דו ביסט!" האט איהם איליא געענטפערט, זיך אנידערזעצענדיג בעת מעשה אויף א שטוהל און צונויפלייגענדיג די הענד איינע איבער דער אנדערער אויף דער ברוסט. „וואס שרייסט דו אזוי? כ'האב דאך געלעבט מיט איהר, קען איך דאך זי מן הסתם... אויך א מענשען האב איך דער'הרג'עט... דעם סוחר פאליועקטאוו... כ'האב אפטמאל גערעדט מיט דיר וועגען פאליועקטאוו'ן, דערמאנסט זיך? טאקי דעריבער האב איך עס געטהאן, מחמת איך האב איהם דערווארגען... און זיין געלד שטעקט ביי אונז אין קלייט... ביי גאט!"

איליאַ האָט זיך אומגעקוקט אין צימער. ביי די ווענד זיינען שווייגענדיג געשטאַנען צושראָקענע מענשען מיט פינסטערע געזיכ־טער. ער האָט געפיהלט, אז ער האָט שוין מעהר ניט וואָס צו ריידען, אז אין דער ברוסט ביי איהם ווערט וואָס וויטער אַלץ פוסטער און פוסטער, און פון דיזער פוסטקייט קלינגט ארויס די קאַלטע פראַגע:

„וואָס וועט איצט זיין?..“

און עפּעס אזוי צוהערענדיג זיך צו זיינע אייגענע ווערטער, האָט ער געזאָגט: „איהר מיינט אפשר, אז איך האָב חרטה. אז איך וויל דאָ פאַר אייך תשובה טהאָן? האַ האַ! דאָ קענט איהר לאַנג וואַרטען! כ'מאַך זיך לוסטיג איבער אייך — איהר פערשטעהט?“

פון זיין ווינקעל האָט איצט דערלאַנגט אַ שפּרונג קירילק, מיט צושויבערטע האָר און מיט אַ רויטען, אָנגעפּלאָמטען פּנים. ער האָט געפּאַכעט מיט אַ רעוואָלווער אין דער לופטען, געמאַכט ווילד מיט די אויגען און געשריען:

„איצט וועסט דו זיך שוין ניט אויסדרעהען פון מיינע הענד! אַהאַ—אַ! דו האָסט אַלזאָ געה'רג'עט אימיצען! ?“

די דאַמען האָבען אָנגעהויבען שרייען. טראַווקין, וועלכער איז נאָך אַלץ געזעסען אויף דער קאַנאַפּע, איז אויפגעשפּרונגען ווי אַן אָבגעבריהטער, און זיך וואַרפענדיג מיט שרעק אַהין און אַהער, האָט ער ארויסגעקרעכצט: „מיינע הערען! כ'האַלט עס לענגער ניט אויס! לאָזט מיך געהן... ס'איז אַ פאַמיליען־זאַך דאָ..“

אָבער אווטאָנאָמאָוו האָט זיך ווייניג וואָס צוגעהערט צו זיינע רייד... ער איז ארומגעשפּרונגען ארום איליאַ'ן, האָט זיך געצילעוועט מיט'ן רעוואָלווער אויף איהם און געשריען:

„קאַטאָרגע! וואַרט, מיר וועלען דיר ווייזען ווער עלטער איז!...“

„הער אַקאָרשט — דאָס פּיסטוילכעל דיינס איז דאָך ניט אָנגע־לאָדען, וואָס?“ האָט איהם איליאַ גלייכגילטיג אַ פראַגע געטהאָן, איהם אָנקוקענדיג מיט זיינע מידע אויגען. „וואָס גיסט דו דאָ פאַר מעשים אָן? איך אַנטלויף דאָך ניט פון דאַנען!... כ'וויים אסור ניט, וואו־הין איך זאָל געהן.. מיט קאַטאָרגע סטראַשעט דו מיך? נאַ, מיינעט־וועגען — כ'קען אויך אויף קאַטאָרגע בעשטעהן..“

„אַנטאָן! אַנטאָן!“ האָט זיך געלאָזט הערען טראַווקינאַ'ס הויכע

שטימע — „טו קום שוין אמאָל!"

„כ'קען דאָך ניט, מאמעלע..."

זי האָט איהם אנגענומען פאר'ן אָרם, און זיי זיינען ביידע, צו־געטוליעט איינע צו די אנדערע, מיט אראָבגעלאָזטע קעפּ, דורכגע־גאנגען פערביי איליא'ן. אין צווייטען צימער איז געזעסען טאטיאאנא וולאסיעוונא, הט געגאסען מיט טרערען און געכליפּעט ווי א קליין קינד.

און ביי לונעוו'ן אין ברוסט האָט געוואקסען און געוואקסען די פינסטערע, קאלטע פּוסטקייט.

„דאָס גאנצע לעבען מיינס איז צוריסען!" האָט ער שטילערהייט געזאָגט. „און אויף מיטלייד איז קיין שום גרונד ניטאָ... ווער האָט עס צושמעטערט?"

אווטאָנאָמאָוו איז געשטאַנען אנטקעגען איהם און מיט א טריי־אומפירענדען טאָן האָט ער געשריען:

„אהא! איצט וואָלסט דו שוין וועלען אונז ווייך מאכען! ס'וועט דיר ניט געראָטען!..."

„אויף קיין פאל ניט... כאפּט אייך אָלעמען דער קאדיק! איך וויל ניט איהר זאָלט מיך בעדויערן! איהר בעדויערט דאָך נור דעם גראָ־שען, וואָס גליטשט זיך פערביי לעבען אייער קעשענע... און אויך איהר רופט אין מיר קיין שום רחמנות ניט ארוים — כ'וועל ליעבערשט בע־דויערן א הונד איידער אייך... ס'וואָלט שוין בעסער געווען צו לעבען מיט הינט צוזאמען איידער מיט מענשען... נא, פארוואָס קומט זי שוין ניט אמאָל, די פּאָליציי? ס'איז מיר סקוטשנע... גהה אוועק פון דאַנען, קיריק — כ'קען דיין צורה ניט אַנזעהן..."

ס'איז איהם ווירקליך געווען שמערצליך צו זיצען אזוי אנטקע־גען אווטאָנאָמאָוו'ן.

די געסט האָבען פערלאָזען דאָס צימער — שטיל האָבען זיי זיך ארויסגע'גנב'עט, קוקענדיג מיט צושראָקענע בליקען אויף איליא'ן. ער האָט נור בעמערקט, ווי פאר איהם האָבען פערבייגעשוועבט א פּאָר גראָע פלעקען, וועלכע האָבען אין איהם ניט דערוועקט קיין געדאנק, קיין שום געפיהל. די פּוסטקייט ביי איהם אין דער נשמה איז וואָס ווייטער אלץ מעהר געוואקסען און פערשלונגען אלצדינג. א ווייל

האָט ער געשוויגען, זיך צוגעהערט ווי אווטאָנאָמאָוו שרייט און פלוצלונג האָט ער איהם אויף קאַטאָוועס פארגעשלאָגען:

„קום קיריק — לאָמיר זיך ראַנגלען איינער מיט׳ן צווייטען!“

„א קויל שים איך דיר אריין אין מוח!“ האָט קיריק געברומט.

„האָסט דאָך קיין קויל ניט דאָרט!“ האָט לונעוו מיט שפּאָט געענטפערט און דערנאָך האָט ער צוגעלייגט: „כ׳וואָלט דיך אזוי געהעריג אנידערגעלייגט אין זאמד!“

מעהר האָט ער קיין וואָרט ניט גערעדט, נאָר ער איז געזעסען און האָט זיך פון אָרט ניט געריהרט, ניט ערוואַרטענדיג קיין שום זאַך...

ענדליך זיינען געקומען צוויי פּאָליציסטען מיט דעם נאַדזיראַטעל. לונעוו איז פערציטערט געוואָרען, בשעת ער האָט זיי דערזעהן, און איז אויפגעשטאַנען...

און גלייך הינטער זיי איז אונטערגעקומען טאַטיאַנא וולאַסיעוור־נא — זי האָט אָנגעוויזען מיט דער האַנד אויף איליא׳ן און מיט אימ־פּעט אין איין אָטהעם, האָט זי געזאָגט:

„ער האָט זיך מודה געווען פאַר אונז... אז ער האָט גע׳הרג׳עט דעם געלד־וועקסלער פּאָליועקטאָוו... דעמאָלט, איהר געדיינקט?“

„קענט איהר עס בעשטעטיגען?“ האָט דער נאַדזיראַטעל א פרעג געטהאָן.

„פון מיינעטוועגען! כ׳קען עס בעשטעטיגען...“ האָט לונעוו גע־ענטפערט מיט א רוהיגען, מיעדען טאָן. „זיי געזונד, טאַניקאַ... בערו־היג זיך נור... האָב קיין מורא ניט... און, ווייסט איהר גאָר וואָס?... כאַפּט אייך אָלעמען דער קאַדיק!“

דער נאַדזיראַטעל האָט זיך אנידערגעזעצט ביים טיש און האָט גענומען עפּעס שרייבען, דיביידע פּאָליציסטען האָבען זיך אוועקגע־שטעלט לינקס און רעכטס פון איליא׳ן. ער האָט זיי אָנגעקוקט, א זיפץ געטהאָן און אראָבגעלאָזט דעם קאָפּ איבער דער ברוסט.

אין צימער איז געווען שטיל, מען האָט געהערט דאָס סקריפּען פון דער פעדער אויפ׳ן פּאַפּיר. אין דרויסען, אויף דער גאַס, האָבען זיך אויפגעהויבען די שוואַרצע מויערן, איינגעהילט פון דעם חשך פון דער נאַכט. ביי איין פענסטער איז געשטאַנען קיריק און ארויסגע־

קוקט אויף דרויסען. מיט אמאל האט ער א ווארף געטהאן דעם רע־
וואלווער אין א ווינקעל און זיך אבגערופען צום נאדזיראטעל:

„סאוועליעוו, גיב איהם אין קארק אריין און לאז איהם לויפען
— ער איז משוגע...“

דער נאטשאלניק האט א קוק געטהאן אויף קיריק'ן, האט גע־
טראכט א ווײלע און געענטפערט:

„ס'איז שוין ניט צו מאכען... מען האט אונז אנגעציינט... מיין
פאמאטשניק ווייסט דערפון...“

„עה—עה!“ האט אווטאנאמאוו זיך אבגערופען מיט א זיפץ.

„ביסט א גוטער בחור, קיריק ניקאדימיטש!“ האט איליא געזאגט
און דערביי צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ. „פאראן אזעלכע הינט — מען
שלאגט זיי, און זיי דרעהען מיט די עקען... אדער אפשר איז עס גאר
ניט סיין רחמנות מיט מיר... פיליכט האסט דו מורא, אז איך קען
נאך אין געריכט ריידען וועגען דיין פרוי? האב קיין מורא ניט...
ס'וועט ניט געשעהן! כ'שעהם זיך שוין וועגען איהר צו דיינקען, בפרט
נאך פון איהר צו ריידען...“

אווטאנאמאוו איז אויף גיך ארויס אין אנדערן צימער און האט
זיך דארט שטילערהייט אנידערגעזעצט אויף א שטוהל.

„נא, ווי מיינט איהר—“ האט זיך דער נאדזיראטעל געווענדעט
צו איליא'ן — „קענט איהר אונטערשרייבען דאס דאזיגע פאפיר?“

„כ'קען דאס...“

ער האט גענומען די פעדער, און ניט איבערלייענענדיג וואס אין
פאפיר שטעהט, האט ער מיט גרויסע אותיות אויפגעשריבען: איליא
לונעוו.

אז ער האט אויפגעהויבען דעם קאפ, האט ער בעמערקט, ווי דער
נאטשאלניק קוקט אויף איהם מיט פערוואונדערונג. א פאר אויגענ־
בליקען האבען זיי זיך אנגעקוקט איינער דעם צווייטען — דער איינער
נייגיריג און מיט וואס עס איז צופרידען, דער אנדערער — גלייכ־
גילטיג און רוהיג.

„אט אפנים דאס געוויסען האט ניט געוואלט שוויגען, וואס?“
האט דער נאדזיראטעל מיט א האלבען מויל א פרעג געטהאן.

„ניטאָ קיין געווּיסען,“ האָט איליאַ געענטפערט מיט אַ פעסטען טאָן.

זיי זיינען ביידע אַנשווּיגען געוואָרען. דערנאָך האָט זיך פון צווייטען צימער געלאָזט הערען קיריק׳ס שטימע:

„ער איז משוגע געוואָרען...“

„מיר וועלען געהן,“ האָט זיך דער נאַטשאַלניק אָבגערופען, ציהענדיג מיט די אַקסלען. „די הענד וועל איך אייך ניט שליסען אין קייטען... אָבער פּרוּבירט נור ניט אַנטלויפען! דער אוּטשאַסטאָק איז ניט ווייט פון דאַנען... גלייך דאָ אוּנטער׳ן באַרג.“

„וואוּהין זאָל איך דען אַנטלויפען?“ האָט זיך איליאַ אָבגערופען.

„נו, וואָס ווייס איך?... שווערט, אַז איהר וועט ניט אַנטלויפען... זאָגט: ביי גאָט...“

לונעוו האָט אַ קוק געגעבען דעם נאַדזיראַטעל אין פערקנייטשטען, רחמנות׳דיגען פּנים אַריין און האָט מיט אַ ביטערן טאָן געזאָגט:

„כ׳גלויב ניט אין גאָט...“

דער נאַטשאַלניק האָט אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד.

„פאָרווערטס, קינדער!“ האָט ער צו די פּאָליציסטען געזאָגט.

אַז דער חשך און די פייכטקייט פון דער נאַכט האָט דורכגענומען איליאַ׳ס גליעדער, האָט ער אַ שווערען זיפץ געגעבען, איז געבליבען שטעהן און אַרויפגעקוקט צום הימעל, וועלכער איז געווען גאַנץ שוואַרץ און האָט זיך עפּעס אַזוי ווי אַראָבגעבויגען צו דער ערד, אויסזעהענדיג פּונקט ווי אַ פעררויכערטע סטעליע אין אַ פערשטיקטען, ענגען צימער.

„טו געהט שוין אַמאָל ווייטער!“ האָט זיך איינער פון די פּאָליציילייט צו איהם אָנגערופען.

און ער איז געגאַנגען... די הייזער האָבען זיך עפּעס אַזוי ווי צונויפגעגאָסען אין מוראָ׳דיג גרויסע שטיינער פאַר זיינע אויגען, די נאַסע בלאָטע האָט געפּליושקעט אונטער די פיס, און דער וועג האָט זיך געצויגען ערגעץ־וואו באַרג־אַראָב, וואו די פינסטערנים איז נאָך געדיכטער... איליאַ האָט זיך אָנגעשלאָגען אָן אַ שטיין און איז שיער ניט

געפאלען. אין דער שרעקליכער פוסטקייט פון זיין נשמה האט זיך פון דאס נייע אַנגעטשעפעט אַן איהם דער געדאנק:

„און וואס וועט איצט זיין?...“

און טאקי באלד האט פאר זיינע אויגען אַרויסגעשוועבט דאס בילד פון דעם פּראָצעס אין געריכטס־הויז: דער זיסער, פריינדליכער גראַמאַוו און פּעטרוכא פּילימאַנאָוו'ס רויטע צורה...

אַז דעם שטייז האבען זיך אָבגעקלאַפּט די פינגער פון די פיס און ס'האט איהם שטארק וועה געטהאַן. ער האט גענומען געהן לאַנגזאַמער. און ביי איהם אין די אויערן האבען אָבגעקלונגען די ווערטער פון'ם קליינעם, שווארצען בחור'ל:

„אויסגעצייכענט פערשטעהט דער זאַטער דעם הונגעריגען — דעריבער טאקי איז ער אזוי שטרענג צו איהם!...“

דערנאָך האט ער דערהערט גראַמאַוו'ס לייטזעליגע שטימע:

„און זייט איהר זיך מודה, אז איהר זייט שולדיג?“

און דער פּראָקוראָר, אויסציהענדיג די ווערטער זיינע, מאכט:

„זאגט אונז, אַנגעקלאַגטער...“

פּעטרוכא פּילימאַנאָוו'ס רויט געזיכט פערציהט זיך מיט א כמאַרע און די גראָבע ליפּען זיינע ציטערן....

לונעוו האט אָנגעהויבען הינקען און איז ווייטער געבליבען הינטערשטעליג...

„געגאַנגען, נור געגאַנגען זאָל ווערן!“ האט איהם דער פּאָליציסט אונטערגעטריבען.

א מורא'דיגער, אונבעשרייבליכער פּערדרוס, אזוי היים ווי א גליהענדער אייזען און אזוי שפּיציג ווי א שפּיעז, האט איליא'ן א פּאַק געטהאָן ביים הארצען.

ער האט א שפּרונג געטהאָן פאראויס און גענומען לויפען מיט אַלע כחות דעם בארג אראָב. די לופט האט איהם געטוישט אין די אויערן, דער אָטהעם איז איהם פערנומען געוואָרען — ער אבער האט זיך געוואָרפען אַלץ ווייטער און ווייטער אין חשך אריין, מיט די אָרעמס אויסגעשטרעקט פאָראויס. הינטער איהם מיט שווערע טריט, האבען זיך נאָכגעיאָגט די פּאָליציסטען, א מוראדיגער פייף האט דורכגעשניטען די לופט און א טיעפע באַס־שטימע האט געשריגען:

„האַלט אי—איהם!"

אַלצדינג ארום איליאַ'ן — די הייזער, די ערד, דער הימעל — האָט אזוי ווי געטאַנצט און געשפּרונגען און זיך געוואָרפען אויף איהם אזוי ווי איין שטיק שווארצע, שווערע מאַסע. ער האָט זיך געוואָרפען פאָראויס, האָט קיין שום מיעדקייט ניט געשפּירט, איין איינציגער וואונש האָט זיך איבער איהם בעמעכטיגט: ניט אָנזעהן פּעטרוכאַ'ן אין די אויגען. עפּעס גראָעס, גלייכמעסיגעס האָט זיך מיט אמאָל אויפגעהויבען פאַר זיינע אויגען פון צווישען דעם חשך און האָט איהם ארייננגעבראַכט אין א פערצווייפלונג. ער האָט זיך מיט אמאָל אָן עפּעס דערמאָנט: ער האָט געוואוסט, אז די דאָזיגע גאַס פאַלט אריין אין דער הויפּט־גאַס פון דער שטאָדט... דאָרט זיינען פאַראַן מענשען, דאָרט וועט מען איהם פאַקען!..."

„אַך, פליה נור פליה, זעעלע!" האָט ער א געשריי געטהאָן פון טיעפען הארצען, און אָנבויגענדיג דעם קאָפּ האָט ער נאָך געגומען שנעלער לויפען... די קאַלטע, גראָע, שטיינערנע מויער איז איהם גע־שטאַנען אנטקעגען. א קלאַפּ, אזוי ווי דאָס פּאַטשען פון די כוואַליעס אין שטראָם, האָט אָבגעקלונגען אין דעם חשך פון דער נאַכט און איז פערגאַנגען אין דער לופט...

דערנאָך זיינען נאָך צוויי דונקעלע געשטאַלטען צוגעלאָפען צו דער מויער. זיי האָבען זיך א וואָרף געטהאָן אויף דער ערשטער, וועל־כע איז געלעגען ביי דער וואַנד, און דערנאָך האָבען זיי זיך גלייך אויפגעהויבען... נאָך אנדערע לייט האָבען זיך א לאָז געטהאָן פון באַרג, מען האָט געהערט די טריט זייערע, און א געשריי און א מורא'דיגע פייפעריי...

„ער האָט זיך, הייסט עס, דעם מוח צוזעצט?" האָט איינער פון די פּאָליציסטען מיט אימפּעט א פרעג געטהאָן.

דער אנדערער האָט אָנגעריבען א שוועבעלע און זיך אראָבגעבוי־גען. איהם פאַר די פיס איז געלעגען א צוקענדיגע האַנד, און די פינ־גער איהרע, וואָס זיינען געוועזען צונויפגעדריקט אין א פויסט, האָבען זיך לאַנגזאַם אויסגעצויגען.

„דער שאַרבען איז אין גאַנצען צושמעטערט...."

„אַט, זעה—דער מוח!..."

שווארצע מענשליכע געשטאלטען זיינען אזוי ארויסגעקראכען פון דער פינסטערנים....

„אך, דער רשע!“ האט זיך אבגערופען דער פאליציסט, וואס איז געבליבען שטעהן. זיין חבר איז אויפגעשטאנען פון דער ערד, האט זיך איבערגעצלמ׳ט און מיט א שוואכער שטימע, נאך אהן און אטהעם, האט ער געזאגט:

„זאל ער פונדעסטוועגען... רוהען אין פריעדען... אה גאט!...“

— ע נ ד ע —